STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01033

IN KANADE

Sholem Shtern

*Permanent preservation of this book was made possible
by Victor & Maxine Shaines
in memory of
Hyman Shaines*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שלום שטערן

אין קאַנאַדע

באַנד איינס

אַרויסגעגעבן דורך דעם שלום שטערן בוך־קאָמיטעט
מאָנטרעאַל, קוויבעק, קאַנאַדע
מערץ, 1960.

SHOLEM SHTERN

I
N
CANADA

VOLUME ONE

PUBLISHED BY THE SHOLEM SHTERN BOOK COMMITTEE
MONTREAL, QUEBEC, CANADA
MARCH, 1960

PRINTED BY EVEREADY PRINTERS
72 TECUMSETH STREET
TORONTO, ONTARIO, CANADA

סאָניעז
אין
ליבשאַפט.

וואָגל

יאָסל אַ יונג פון צוואַנציק יאָר
הויך און דאַר.
מיט אויגן ברוין און קלאָר,
וואָס ברענען אין פייער פון צער.

יאָסל אַ יונג פון צוואַנציק יאָר.
שטאָלץ און שיין שווארצט זיך
זיין קאָפּ מיט געדיכטע האָר.

זיין הארץ לויטערט אין זיך די בענקענדיקע טרערן
נאָך אַ מיידל מיט אַ קליינעם, געשניצטן שטערן.
זיין פּנים טונקלט זיך אין טרויער.
און דער טרוים דער בלויער
טראָגט די בענקשאַפט נאָך אַ מיידל מיט אַ בליק ווי אַ פייער־קויל,
וואָס איר ערשטער קוש זיסט אויף זיין מויל.

ער וואָגלט אין מרחקים,
ווייט פון טאַטנס שוועל.
די בענקשאַפט וויינט
אין זיין צעוויי טיקטער זעל.

אַ סידורל, אַ פּאָר תּפילין,
עטלעכע היימישע העמדער מיט דינע בלויע שטרייפן
טרייסלען זיך אין האַלצערנעם קופערטל
מיט די ברייטע, בלעכענע רייפן.
ווינטער. יאָסל וואַכט.
אין די וואַגאָנען מיט עמיגראַנטן אָנגעפּראָפּט
שלאָפט די קאַלטע נאַכט.
די פראָסטיקע פענצטער־גלאָזן
זילבערן און ברענען
מיט ביימער און גראָזן.

אויף די רעלסן גליטשן זיך די רעדער.
יאָסל פארקנעפּלט אין שווערן פאַלטן,
געדענקט כּסדר די געהיימע קעשענע פארבונדן מיט דינע רימענדלעך
פון ווייכן, ברוינעם לעדער, וואו עס ליגן באַהאַלטן:
אַ בילד פון אַ מיידל אָנגעטאָן אין אַ היטעלע מיט אַ גרינער פעדער.
טאַטע־מאַמעס בריוו מיט טרערן פארטריפט.

דער פוילישער פאס אין אַ קײלעכדיקער שריפט
דין, גרין און בלאַס, וואו מיט ווערט געקליבן און קלאָר
איז פאַרשריבן געבוירנאָרט, טאָג און יאָר.

די באַן שלינגט דעם ווײסן וועג.
די באַן פירט די בענקשאַפט פון זײנע, יונגע טעג.

עס קלאָרט דער שנײאיקער שטויב.
פראָסט זילבערט די פאַ־שלאָפענע שויב.

די באַן שלינגט דעם ווײסן וועג.
בלינדע, נאַכטיקע שאָטנס וואַרפן זיך
אונטער די רעדער פון גרויס שרעק.

פלוצעם — פרימאָרגן בלאַסט און בלויט.
אַ שטעכיקער, דראָטענער פלויט פאַרצאַמט
דעם לויף פון דער פאַרסאַפעטער באַן.

די טריט דערשראָקן, געהיט.
די פוילישע גרעניץ־וואַך חוזקט און לאַכט
פון דעם יונגן, צעשראָקענעם זשיד.

אין מאָרגנליכט דעם בלאַסן,
צעשראָקענע רייען ציען זיך און גייען
צו דעם מויער מיט די גרינע פאַסן.

פוילישער אָדלער פון דעם ווײסן מויער,
קוקט מיט גיר און האַס
אויפן דייטשישן סאָלדאַט, וואָס פאַרשפאַרט דעם טויער
צו דער שמאָלער גרענעץ־גאַס.

קײלעכדיק און גלאַט
בלויט דער שטעמפּל אויפן פּאַספּאָרטן־בלאַט.

פּאָליציײאישער בליק שאַבט און פליקט
אַ יידישן עמיגראַנט, וואָס
וואָגלט אַרויס פון זײן געבוירנלאַנד.

גרענעץ־בוים פאַרשווינדט
אין ווײסן געשריי פון ווינט.

ווייסע ציך
אויפן פעלד פארצויגן.

זילבערנע ווייסקייט בלענדט
די פריידיקע אויגן.

שאטנס טונקלען אויפן שניי.
די פרייד רוישט
אין ווינטיקן געשריי.

א דעכל פון שטרוי
זילבערט אין מארגנבלוי.

א שייבל בלאסט.
ווייסער ווינט קושט
דעם בלויען שטעמפל
אויפן פוילישן פאס.

דער ים רוישט און ווימלט.
רויכיקע שיף קויטיקט דעם הימל.

די זון קייקלט זיך, ווי א פארשרפהטע נוס.
יאסל שיקט צו טאטע-מאמע דעם לעצטן גרוס.

אויפן שיף

אין קאפ מישט.
בייז און היים איז די שפיל ביים קארטנטיש . . .
די שיף וויגט. דאס וואסער ברילט.
די שיף קלעטערט אויף בערג, נידערט אין טאלן,
און קרעכצט מיט אלע אירע אייזערנע גלידער
און מעכטיקע שטאלן.

די בענקשאפט נאגט.
פון די פארעדיקע קעסלען אין קעלער-בויך
שלאגט מיט היץ און רויך.

אין קאפ מישט.
עס טשאדעט דער ריח פון געפרעגלטע פיש.

דער קוכער מיט די פיס די לאנגע און דארע פאדעט
אין דער גרויער, הייסער פארע.
דער קוכער שוויצט אין ווייסן, שפּיציקן מיץ.

עס פארען פולע קעסלען געקעכטס.
עס איבלט, עס טשאדעט
דער ריח פון צוגעסמאליעטן פעטס.

דער ים ברילט. בייז און הייס גייט אָן די קאָרטנשפּיל.
אין די אונגערוויכערטע, טונקעלע קאיוטן,
פוילישע פויערים אין גרינע, געפּאסטע, גרויסשטאָטישע הוטן
זיצן פארשטייפט אין לייוונטענע, קאָלירטע העמדער,
רעדן פון דאָרף, פון כאטע, און פון דער נייער וועלט,
דער פרעמדער, וואו די מענטשן גייען אַרום זיכערע און זאטע.
אַ פויער מיט אַ דורכגעשאָסענעם אויער
ווישט די טרערן און דערציילט אין טרויער:
די „ניעמציעס" האָבן פריער דאָס דאָרף צעשאָסן,
דערנאָך מיט צעעפנטע שליוזן די פעלדער פארגאָסן.

אַ צווייטער ברייטפּלייציקער פויער
מיט שארפע באַקביינער, פּראַלט אויף אַ מויל
מיט געזונטע, בלאַנקע ציינער און רעדט
פון דער גרויל, פון אַמאָל,
פון זיין דאָרף, וואָס דרימלט
אין טיפן, גרינעם טאָל.
ער דערציילט, אַז ער געדענקט, ווי איצט
יענעם זומערדיקן שניט מיט דער היץ,
וואָס ברענט אויפן פעלד די בארוועסע טריט,
פויערים-ברידער זינגען פון דער „פּאווסטאַניע"
די שיינע פרייהייטס-לידער.
פלוצלינג — די גלעקער אין קלויסטער קלינגען.
קאזאקן אויף פערד גאַלאָפּירן און שפּרינגען.
עס קוילעט די שווערד. פויעריש בלוט
טרינקט די פוילישע ערד.
אַצינד, ווען פּוילן איז פריי,
האָווקען הינט ביים פּריצישן טויער,
און ביים פויער דעם שלינגער פון מאַכאָרקע-רויך
ברענט אויפסניי דער הונגער אין בויך.

דאָס וואסער ברילט. הייס גייט די קאָרטנשפּיל.
איינער טוט אַ טאָרק. דער צווייטער אַ וואונק.
פון בראַנפנפלאַש שפּרינגט דער קאָרק מיט אַ קלונג.

אַ פויערניונג שטייט אויף אַ באַנק,
און כליפּעט אוים אויף אַ האַרמאָשקע אַ טרויער-געזאַנג.

ער שטייט אויף דער באַנק, ווי אויף אַ בינע,
און טרייסלט די בלאָנדע טשופּרינע.
האַרמאָשקע מעלאָדיעט און שפּילט.
האַרמאָשקע גיסט טרויער
אין אויסגעבענקטן, פּויערישן געמיט.

אַ פּוילישער פּאַן נידעריק, נעבעכדיק און שפּל
שלייכט זיך אַרום אין אַ פּאָר אָפּגעקראָכענע פּאַנטאָפל.
דאָס פּנים — מאָגער, קליין.
ער וואָרטשעט און גאָלדיקט
מיט אַ פול מויל פאַלשע ציין:
„ברידער פּאָליאַקן האַלט זיך באַנאַנד,
און פאַרגעסט נישט דאָס פאָטערלאַנד!
יאָ, פּויערימלעך אין דער פרעמד
וועלן פאַרוואָרפן דאָס לייוונטענע העמד.
איז פאַרגעסט נישט, אַז דער רויטער רום מיט זיינע מעכטיקע קוילן
וויל צעשיסן דאָס שיינע, פרייע פּוילן".

די פּויערים ווי געפאַנגענע, פאַרזעצטע אין שטייגן,
קוקן פאַרדעכטיק אויפן פּאַן, רוקן די שטולן און שווייגן . . .

דער פּאַן קליין און געל
שמייכלט באַ דער שוועל.
ער ציט די פאַרע פון פעטן געקעכץ
און קרעכצט: „אוי פּאַנאָוויע, עס איבלט!
וואויל דעם פאָלק פון דער ביבל!
גאָט דער האַר געדענקט אין זיינע יידן
אויף דער גאַנצער, גרויסער וועלט.
וואָרים אַפילו בלעם האָט געבענטשט
יעקבס פרידלעך געצעלט.
גאָט דער האַר שמייכלט
און צום האַנדל שענקט ער די יידן גרויס שכל" . . .

דער פּאַן ציט די פאַרע פון פעטן געקעכץ
און קרעכצט.
זיין ביטרער בליק
שאַבט און פליקט.

יאָסל זייטיקט זיך פון אים אוועק.
זיין אויג זעגט דאָס גלאַט-געגאָלטע פּנים
פון דעם געוועזענעם, קליינשטעטלדיקן דאָזער, עוזר קאַרפּ,
וואָס טענהט: אַז יידן איז אומעטום שווער און הארב.
עוזר דאָזער ציט די לופט
מיט דער נאָז דער שפּיציקער און ראָזער.
פון רויך פון מאַכאָרקע-פּאַפּיראָסן,
זיינען אים די אויגן רויט און פאַרגאָסן.
זיינע אויערן אויפגעשטעלט און לאַנג
רויטלען זיך און האָרכן
פון יידישן וואָרט דעם קרעכצנדיקן קלאַנג:
„אין נייעם פּוילן האָבן יידן געדאַרפט זיין גלייך.
יידן האָבן דאָך געקעמפט פאַר דער ווייסל,
פאַר פּוילנס גרויסן שיינעם טייך".

עוזר קאַרפּס נאַסע צונג קיצלט דאָס ביינערנע ציגאַרנשפּיצל.
נאָר דער פּאַן ברומט: „זשיד, ווי וואַגסטו באַליידיקן פּוילנס רום?"
זיינע אויגן — שאַרפע שערן.
דער קרומער מעסער-שראַם אויף זיין אָנגעצויגענעם שטערן
רויטלט זיך און פלאַמט.
לייבקע באַרנבוים אַ הויכער, ברוזיקער יונג,
וואָס שאַרפט אויף איטלעך איינעם זיין גיכע צונג,
בלאַסט און כעסט:
„דער פּאַן איז אַ חונף!
דער פּאַן איז אַ כאַם!
בילט פון טרויער
ווי אַ הונט ביים טויער".

עוזר קאַרפּ מיטן פּנים גלאַט און ראָז,
ווישט די הייסע שווייס-טראָפּנס, וואָס
גליטשן זיך פון זיין פאַרשפּיצטער נאָז.

אַן עלטערער ייד מיט אַ באָרד אַ גרויער,
וואָס מורמלט אַריין אין תהילים,
פאַרהויבט דעם קאָפּ און בעט:
„יונגערמאַן, גענוג גערעדט:
עס קאָן אויסברעכן אַ געשלעג,
און מען וועט אַלעמען קריקקערן
מיטן זעלביקן וועג.
בעסער דעם בורא דאַנקט און לויבט,

וואָס האָט זיך פון איין גישט פאַרהוילן
און איר זענט פטור געוואָרן פון גלות-פוילן".

לייבקע דער ברוזיקער יונג,
צאַמט זיין גיכע צונג.
זיין שטול וואַקלט אויפן דיל.
לייבקעס בליק בליצט
דורכן געשליפענעם גלאָז
פון דער ברייטער בריל.
דורך דער באָרד דער גרויער
ווייגט פון תהילים דער טרויער.
דער אַלטער פרומט מיט די אויגן
צו דער נעפּלדיקער הויך.
דער אַלטער הוסט און עסט
דעם ביטערן מאַכאָרקע-רויך.

דער פאָן טרייסלט זיך
אין ברענענדיקן האַס.
זיינע אויגן — שאַרפע שערן.
מעסער-פאַס פלאַמט
אויף זיין אָנגעצויגענעם שטערן.

אַ פרוי אָנגעטאָן אין גרוי,
ווייגט אין קאָרידאָר און וויגט
אויף די הענט אַ קינד מיט אויגן צעבליצט,
וואָס ברענען פון היץ.

אין פיבער

די שיף וואַיעט אויפן ים.
אויף בלעכן און דראָטן,
טאָפּיען זיך און בראָטן
פעטע פלייש-שטיקער
פון אַ צעשניטענעם לאַם.

אַ שיף מיט קראַנקע טעג
קייקלט זיך צו אַ ווייטן ברעג.

שוין אכט מעת-לעתן.
יאָסל אויסגעבלאַסט און מאַט
ליגט איינגעקאַרטשעט אין כאַלאַט
און פאַרטראַגט נישט דאָס עסן:
עס איבלט אים אין מויל
דער טשאַד פון אָנגעהייצטע אויוונס
אָנגעשטאָפּט מיט שוואַרצן קויל.

אַ שיף מיט קראַנקע טעג
קייקלט זיך צום ווייטן ברעג.
די בעטן וויגן. אַ האַרמאָשקע נאָגט
אַ טרויעריקן ניגון און ברענגט
די בענקשאַפט נאָך די שנייען
וואָס זשומען אויף די שויבן,
ווי הונגעריקע, זילבערנע פליגן.

לייבקע טראָגט אַ לימענע צו יאָסלס בעט
און ער חוזקט און שפּעט:
„לשון-קודשדיקער פּאָעט, איז שוואַך,
ווייל עס מוטשעט אים אויס
די שווערע, העברייאישע שפּראַך . . .

אונדזער יידיש היימיש, געשמאַק
טראָגט אונדזער בענקשאַפט אין אַ פּראָסטן זאַק.
דערפאַר אָבער, ווען דורך זיין פּען
וועט אָנהויבן שפּילן דאָס יידישע וואָרט,
וועט ער עסן פאַר צוויי
און אַפילו נישט פילן, אַז ער פאַרט" . . .

דאָס בעט וויגט.
יאָסל ליגט אָן אויסגעבלאָסטער, אַ מידער
פון דעם פיבער, וואָס ברעכט
אַלע זיינע גלידער.

גראָ, פאַרגליווערט די פּראָסטיקע הויט
פון שנייענדיקן הימל.
דער נאַסער ווינט פון ים
האָט אַ טעם פון אַלט-געוויקטן ברויט
אָנגעזויגן מיט שימל.

לייבקע רעדט געדיכט און לאַכט.
יאָסל ליגט וואַך און וואַרט
אויפֿן ליכט פֿון דער לבנהדיקער נאַכט.
די וואַסערן שוימען.
די אויסגעשטערנטע הימל־הויך
שלינגט די הייסע פֿאַסן־רויך
פֿון רעוועגדיקן קוימען.

עס טרייסלען די ווענטלעך פֿון בעט.
יאָסל אַ צעפּיבערטער זעט:
לבנה — אַ שטיק אייז
גרויס און ווייס,
זילבערט מיט איר פּראַסטיקן פּלאַם
דאָס געזיכט פֿון צעיאָמערטן ים.

די כוואַליעס שפּרינגען אויפֿן דעק,
קייקלען די שיף צום ווייטן ברעג.

די קיילעכדיקע שויבען שיינען און בלאַען.
עס בענקען די שפּעטע, לבנהדיקע שעהן.

יאָסל ליגט אין טרוימען פֿאַרטראַגן,
ער דערמאַנט זיך אין פֿויער, וואָס
כמורעט אויפֿן וואָגן.

דער הימל רעגנט
אויפֿן האַרבסטיקן לאַנד.
עס ציטערט און געזעגנט
דעם טאַטנס גלעטנדיקע האַנט.

דער מאַכאָרקע פּאַפּיראָס
אין פֿויערס מויל גליט,
ווי אַ פֿייער־קויל.
די פֿערד רייסן זיך
פֿון אויסגעריבענעם יאָך,
זוכן גרין־גראָז
צווישן שטיין און מאָך.

עס פֿרייכן די צעפּאַרעטע פֿערד,
און צעשפּריצן מיט די פּידקאָוועס
די בלאָטיקע ערד.

הארבסט. קאלט.
די מאמע פאלט
אויף זיין האלדז.
דער רעגן רוישט
אין ליידיקן וואלד.
דאס נאסע שטרוי
ווייקט זיך אין אנגערעגנטן וואגן.

די בייטש קנאלט.
דעם פויער שרעקט
דער ליימיקער וועג
אין פארגאסענעם וואלד.

דעם טאטנס דורכגערעגנטע באָרד
גרוי און געדיכט, טרערט
אויף יאָסלס טרויעריק געזיכט.

רעגנטראָפּנס טריפן פון טאטנס ברעמען:
„זון מיינער אין עבר לים,
זאָלסט נישט פארשעמען דעם יחוס
פון אונדזער גלויביקן, אָרעמען שטאָם.
בעט צו גאָט, האָף אויף זיין גנאָד.
די תפילה ממעמקים,
פון מיין צעפייניקטער זעל
זאָל דיר באשטיין
ביי יעדער פרעמדער שוועל".

דער הימל רעגנט.
דער טאטע קרעכצט און געזעגנט:
„לך לך מארצך" —
וואגלסט זון מיינער
צו אַ גרוים לאנד
ווייט און אומבאקאנט.

זאָל דיין יונגע זעל
מיטנעמען די בענקשאפט
צו טאטע-מאמעס שוועל".

דאס בענקענדיקע הארץ לעכצט.
דער טאטע געזעגנט און קרעכצט:

„געדענק טאַטע־מאַמע און די היים,
און וועסט קיינמאָל נישט זיין
עלנט און אַליין.
בענק נאָך דיין געבוירנאָרט,
און טראָג די בענקשאַפט,
וואָס וועט דיך דערמאָנען:
אַז יעדן טאָג איך וואַרט
אויף דיין געשריבן וואָרט".

רעגנטראָפּנס טריפן פון טאַטנס ברעמען.
דער טאַטע קרעכצט:
„זון מיינער אין עבר לים
זאָלסט נישט פאַרשעמען
אונזער אָרעמען, פרומען יחוס־שטאַם.
דעריבער פאַר אַלע בני העיר,
עפן פון דיין האַרץ די טיר . . ."

יאָסל אַ דורכגעברענטער פון צער,
אויפן וועגטל פון בעט ליגט אָנגעשפּאַרט.
ער פיבערט און זעט:

דער שבת אין שטעטל פרירט
אויף שויב און טיר.
די שול־מויער פון רויטן ציגל
גליווערט אין טרויער.
אונטערן דאַך
די קיילעכדיקע שויב שפּיגלט זיך
אין דעם ווייסן שניי, וואָס ליכטיקט
אויפן שטילן שליאַך.

די מאַמע ביים שבתדיקן טיש
מישט מיט אַ ציטערדיקער האַנט
דאָס פאַרטרערטע טייטש־חומש
מיטן לעדערנעם, געליישטן באַנד.

וואָלקנס גייען.
וואָלקנס גראָען.
שוואַרצע רייען הונגעריקע קראָען
שטייען אויף די זילבערנע שנייען,
און וועקן די שטילע, שבת'דיקע שעהן.

די מאַמע לייענט דאָס טייטש-חומש.
די מאַמע מישט די בלעטער.
אויפן שבתדיקן טיש
וויינען אירע טרויעריקע ווערטער.

די פענצטער מיט פראָסט פאַרצויגן.
דער טרויער טריפט פון דער מאַמעס אויגן.
וואָלקנס גייען.
וואָלקנס גראָען.
הונגעריקע קראָען,
אין רייען — שוואַרץ, געדיכט,
שטייען און שלינגען
דאָס זילבערנע ליכט
פון די פראָסטיקע שנייען.

יאָסל אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון בעט
פיבערט אין דער נאַכטיקער שפּעט.

קוימענס רעווען, קוימענס רויכערן.
ווילדע וואסער-ווענט האַמערן די שטאָלענע ווענט
און הויבן די שיף צו די שטערנדיקע הויכן.

עס וויגט דאָס בעט.
יאָסל אין פיבער-פלאַם
זעט דאָס שטערנליכט
ברענט אויפן געזיכט פון ים.

האַרמאָשקע אין מויל.
די בענקשאַפט אין האַרץ פון פויער
גליט, ווי אַ פייער-קויל.
עס פינקלט מאַכאָרקע-פאַפּיראָס.
פון דער האַרמאָשקע וויינט די בענקשאַפט
נאָך דאָרף און גראָז.
און דער טרויער פון טרוימען
טראָגט פויערישע בענקשאַפט
צו די הויכע, היימישע רוימען.

נאָר אין לייבקע רוט
נישט אויף זיינע פּיס.
אַ היימיש, האַרציק וואָרט
דעם עלנט פאַרזיסט.

קילן פּאָמעראַנצן־זאַפט
ער גיסט יאַסלען אין מויל.
ליב און גוט
ער לצעוועט און לאַכט:

„היי פּאָעט, די טרוימען
וועלן האָבן אַ האַפּט,
ווען וועסט זיך קוויקן
מיט אָט דעם זים־וויניקן
פּאָמעראַנצן־זאַפט!
שטאַרק זיך! וואָרים
אין פיבער, אין פּיין
דו מורמלסט, וועגן אַ פויער,
וועגן היימישע, האַלצערנע שטיבער״.
און לייבקען איז גוט און וואויל.
פּאָמעראַנצן־זאַפט ער גיסט אין זיין מויל.

לייבקע רוט נישט אויף די פּיס.
זיין וואָרט היימישט און זיסט:
„פּאָעט, וועסט נאָך עסן פּאַר צען,
ווען וועסט פּאַר אונדזער יידיש
הייליקן דיין פּען.

שטאַרק זיך! טרינק און עס!
וואָרים נאָך איין מעת־לעת,
און דער שניי אין האַליפאַקס
וועט שמעקן, ווי ווייסער בעז״.

לייבקע לצעוועט, לייבקע לאַכט:
„פּאָעט, טרעסע אָפּ דעם שטויב
פון היימישן שליאַך.
און אויך דאָס מיידל פון יענער זייט,
וועסט גיך פאַרגעסן פון דער ווייט״.

דאָס וואַסער ווימלט,
און וואַשט די אויגן
פון די זילבערנע שטערן,
וואָס גליען אין הימל.

אין האַפּן

די שיף רייט אויף די כוואַליעס פון שטורעם,
און זוכט דאָס ליכט פון ברענענדיקן טורעם.

צעכוואַליעטע ברעגן לויפן אַקעגן,
און ברענגען אין ווינטיקן געשריי
דעם ריח פון פרישן שניי.

פאַמעלעך רוקט זיך די לעצטע שעה.
אויגן זוכן די שטערן, וואָס גליען
אין דער נאַכטיקער בלאָ.

לאָמפּן פינטלען. לאָמפּן גאַפן.
אַ וואַסער־ראָד קייקלט אריין
די שיף אין פאַרפרוירענעם האַפן.

אַרום העלדזער פון אייזערנע שטאַנגען
וויקלען זיך די קייטן, ווי ריזיקע שלאַנגען.

עס רוישן די בלוטן.
פויערים וואַרפן די בלויע, ברייטע הוטן.
פריילעכע מעלאָדיעס שפּאַרן
פון אָנגעסטראָיעטע גיטאַרן.

פרייד־געשאַל. געוויכער.
פויערטעס אין אַ ראָד
פלאַטערן אין געבלימלטע טיכער.
ריטמיש טאַנצט דער רינג.
ריי־נאָך־ריי שפּרינגט אין שניי
און זינגט.

אויגן גרינען.
פינגער ציטערן אויף אָנגעצויגענע מאַנדאָלינען.
אַ פּוילישע מאַזורקע, אַ ווינער וואַלץ.
דער שניי אונטער די פיס
טרעשטשעט, ווי ווייסער זאַלץ.

אין פייער פון פראָסט
דאָס פנים ברענט.

פויעריש, פראסט
פויקן פויערישע הענט.

ליכטיק, הימלעך
מיניען די ביימלעך.

די פרייד ליכטיקט און לאכט
אין דער ווייסער נאכט.

לאקאמאטיוון רעווען און רויכן.
הונגעריקע מעווען שווימען אין די נאכטיקע הויכן.

סיגנאל. און אין דער נאכט פראסטיק, ווייס,
א שטיוול האפעט אויפן אייז.

מיידלעך אין ווייסע כאלאטן
טראגן א טיש א זאטן.
הייסע קאווע, הייסע טיי.
דער ווינט לעקט דעם ווייסן שניי.
וואַרעם ברויט, ווייסע קעז.
דער שניי שמעקט, ווי ווייסער בעז.

עס וואיען וואַרטנדיקע באנען.
עמיגראנטן זינגען און שפאנען.

די נאכט פראסטיקט און גליט.
טויזנט טריט פויקן און ברעכן
די זילבערנע, אייזיקע בלעכן.

קופערטלעך אויף פלייצעס,
קעסטלעך אין הענט.

די שטאט בלישטשעט און בלענדט
אין שנייאיקן העמד.

אויפן באן

דער דרויסן ווייס און ליידיק.
דאָס האַרץ ליכטיק, פריידיק.

אָנגעטאָן אין ווייסן וואָל,
שטייען שטיבלעך אין טאָל.

די באַן שלאָגט שוואַרצן רויך
און שווארצט די אויסגעשטערנטע הויך.

אין וואַגאָן אָנגערויכערט און ענג.
מען זיצט אויף קופערטן און בענק.

די באַן וואַיעט און וועקט דאָס קליינוואַרג,
וואָס שלאָפט אויפן צעוואַלגערטן געפעק.

קינדער אין צעשריגענעם געוויין
טוליען זיך צו מאַמעס מידן געביין.

אַ פּאַפּיראָסל אין אַ ווינקל
רויכערט און פינקלט.

יידן טרויעריק, שטיל
רעדן וועגן תכלית און ציל.

יידן קוקן אויף דער שויב דער גרויער,
און הערן ר׳ בעריש סאַמעטס קול וואָס
ציט אין טיפן טרויער:
„יידן וואוינען אין פיל לענדער.
אָבער אין פוילן איז דער ייד היינט אַ פרעמדער.
יידן טאַנצן אַ קאַזאַטשקע, יידן טאַנצן אַ ווינער וואַלץ.
און פוילן גיט אונז צו לעקן ביטער זאַלץ.
איך פלעג מסחרן און האַווען,
און אויף יעדן שבועות איך פלעג פאָרן
צום רבין זיך פראַווען.
דאָס לעצטע מאָל האָט דער רבי שטאַרק געקרעכצט:
אַז אין פוילן האַלט מיט יידן שלעכט.

וואָרים אין גלות-פּוילן איז נישטאָ קיין זיכער שטיקל ערד,
און איבער דעם יידנס לעבן הענגט אַן אָנגעשאַרפטע שווערד.

יאָ, אין שטעטל האָב איך מיר געהאַט אַ היים —
אַ שיין מויערל פון רויטן שטיין.
און לאַנג נאָך פאַרן פאָגראָם,
האָט דער שונא-ישראל פאַן קראַשינסקי,
געוואָרפן זיינע גזלנישע אויגן אויף מיין קראָם.
עס האָט אים געשטאָכן, אַז יידן זשיפּען,
פלעגט ער פאַרבייגיין און שיפּען:
זשיד פאַרכאַטע, קיין פאַלעסטינע, ווען פאַרט
דיין יידישע באָרד?
זשיד, גיב מיט גוטן דיין פאַרמעג,
און לאָז זיך אין וועג!
עס האָט געזידלט און געסטראַשעט דער פאַן:
אַלע זשידעס וועט מען וואַרפן אונטער די רעדער פון דער באַן!
האָט אויסגעבראָכן דער פאָגראָם.
אַ פייער האָט אויפגעגעסן מיין קראָם.
און כאָטש איך בין געבליבן בערם וחוסר כל,
וואָלט דאָס אויך געווען וואויל;
האָב איך אָבער מיין אייגנם אַ זון שמעון-ריוול,
איז זיין דאגה, וואָס די פּויערים
לעקן נעבעך די פאַנסקע שטיוול.
שרייבט ער אין פאַרבאָטענע בלעטער:
אַז סאָציאַליזם איז זייער רעטער!
פינצטערט ער אין אַ תפיסה-צעל,
און עס וואַרט אויף אים
דעם טאַטנס פאַרברענטע שוועל . . .
און מיין יידענע איז נעבעך פאַרנאַרט:
דאָס גאַנצע ברוכווארג האָט זי צונויפגעשאַרט.
און אין דער ווייטער העק זי שלעפּט זעק
אָנגעשטאָפּטע מיט צעטראַסקעטע טעפּ.
היות, דאָס ליכטל פון לעבן טאָר אַ ייד
מיט דער אייגענער האַנט נישט טאָן אַ פאַרלעש,
וועט פון אַ פרעמדער וואַנט אַראָפּפינקלען
דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע ירושה-מעש".

יידן דורכגעציטערטע שטייען און הערן
ר' משה דוד סאַמעטס קול אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

נאָר דער לאַנגער באַוואָקסענער ר׳ מלך
מאַכט זיך לאַכנדיק און פֿריילעך.
ער שאָקלט אָפּ פֿון פּאַפּיראָס דאָס אַש
און ציט אַרויס אַ פֿולע בראָנפֿן־פֿלאַש.
גלעזלעך גייען פֿון האַנט צו האַנט,
און מען ווינטשעוועט זיך געזונט און פּרנסה
אין נייעם, פֿרעמדן לאַנד.
יידן ווינקען, קרעכצן און טרינקען.
ר׳ מלך, דער היימישער בלעכער
שרייט פֿריילעכער און העכער:
יידן, זאָל דער נעכטן אַוועק מיטן ווינט!
גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן אינגיכן
קענען אַהערברענגען ווייב און קינד!

די באָרד שוואַרצט זיך אויף זיין צעגלאַנצט געזיכט.
אויפֿן פֿענצטער צעגילדערט זיך ערשטער שטראַל פֿון מאָרגנליכט.
ר׳ מלך רעדט פֿריילעך און גיך:
„יידן, הייבט די שטיוול! האָפּקעט מיט די שיך!
איך רייס זיך נישט צו הויך.
איך וועל גאָט דאַנקען פֿאַר אַלץ:
פֿאַרן לאָקשן מיט יויך,
פֿאַרן ווייסן ברויט מיט שמאַלץ!״

נאָר לייבקע פֿאַרשאַרצט די פֿליישיקע ליפּ:
„ר׳ מלך, נאָך אַ קאָפּ בראָנפֿן
איז דאָס לעבן ליב און פֿריילעך.
פֿרייט זיך, לאַכט!
אַחינו בני־ישראל זיינען אין קאַנאַדע דאָ אַ סך!
זיי גייען און פֿרעסן. זיי עסן ווייס ברויט און העכט,
און זיי קעמפֿן פֿאַר זייערע אַרבעטער־רעכט!״

די באַן יאָגט זיך און וואָיעט מיט שוואַרצן רויך
צו דער אויפֿגעטאָגטער, הימלדיקער הויך.

אַ וועלדל אין ווייסן פֿיין
גילדערט אין פֿרימאָרגנשיין.

אין ר׳ בעריש סאַמעטס קורצער, ברייטלעכער באָרד
פֿריע ווייסקייט זילבערט און קלאָרט.
אויף זיין הויכן האַלדז פֿאַרקנעפּלט מיט אַ שפּינקע־קנאָפּ,
שרויפֿט זיך זיין קיילעכדיקער שאַרבן־קאָפּ.

אַ זונשטראַל גילדערט און גלעט.
ר׳ משה דוד סאַמעט מורמלט און בעט:
רבונו של עולם, ווי יעקב אָבינו
אַנטלויף איך פון עשיום שווערד.
זאָט און פרידלעך זאָל אונדז זיין
די נייע, פרעמדע ערד.

אַ וועלדל אין פראַסטיקן פיין
גילדערט אין פרימאָרגנשיין.
אין ווייסן שווייגן
גליען די קרישטאָלענע צווייגן.

דער בריוו

אין רויך פון פאַפּיראָסן־טשאַד,
זיצט יאָסל מיד און מאַט, נאָר
זיינע אויגן ווערן מיט שלאָף נישט פאַרצויגן.

די האַנט שרייבט און די בענקשאַפט
דערמאַנט פון אַלע טעג וואָס
ער איז מיט צירלען געוועזן באַנאַנד:

טייערע צירל: —
איך קוק אויף דיין פּאָרטרעט,
און מיין האַנט גלעט אויף דיין האַלדז
דאָס גראָזן־שנירל.

עס יאָגט די באַן, און די זון
אין פרימאָרגן לויפט איבערן
פאַרשנייטן וואַלד, און פינקלט,
ווי אַ קופערנע פייער־פאַן.
יאָ, די ליבשאַפט ברענענדיק און טיף.
אין וואַגאָן, אין נייעם לאַנד,
מיין בענקענדיקע האַנט שרייבט צו דיר
דעם ערשטן בריוו.

און יאָ, דאָס האַרץ בענקט,
און די בענקשאַפט געדענקט
דעם הויכן וואָגן פול

מיט לאַסט, וואָס ברענגט
אַ שוועסטערקינד צוגאַסט.

דיין גרין היטעלע אויפן קאָפּ געפּאַסט.
פאַר דיר אַ גראָבער שטריק
ציט אַרויף דעם האָלצערנעם מאַסט
פון דער לאַנגער בריק.

נאַכט. לבנה׳דיק דער שליאַך.
אין געמיט זיסט דער וויי.
און דיינע ערשטע, קליינע טריט
צייכנען זיך אויף דער ווייסער ציך
פון פרישן, שמעקעדיקן שניי.

שטיבלעך מיט פאַרהאַקטע טירן
זילבערן און פרירן.
און איך שפּרייז צו דיר
אויפן שטאָלענעם אייז.

דער פראָסט ברענט.
און דיין גוף צאַפּלט
אין מיינע הענט.

לבנהדיק די נאַכט.
דאָס שטעטל קוקט דורך די שויבן און לאַכט.
דערנאָך און דאָס גאַנצע שטעטל זעט און רעדט:
— שוין אַ וואָך,
און ביידע באַגעגענען זיך
יעדע נאַכט, ווען די זילבערנע שטערן
רעגענען אויפן שנייאיקן שליאַך.

חברה רעדט:
— שפּעט באַנאַכט זיי שפּאַצירן
באַ דער לאַנגער בריק.
ווייזט אויס, אַז אַפילו אַזאַ
פירנדיקע חברטע, ווי צירל
קאָן נישט ביישטיין דעם פּאָעטס
פאַרחלומטן בליק.

נאַכט. שטיל.
עס גליווערט די פאַרפרוירענע
וואַסער־מיל.

מיר שפּרייזן. דו רעדסט
פון קאַמפן, פון געהיימע אַרבעטער־קרייזן.

דער הימל בלויט
אויף שטוב און פּלויט.

שפּעטער. זאַמאַשטש און אַ זומער
אין וואַלד, און די ליבשאַפט
לויטער ריין קוואַלט אין גאַרנדיקן געביין.

אַ טייכל בלויט און גייט. צוקאַפּנס
שאַטנט אַ בוים אין גרינעם
בלעטער־קלייד.

אין די זומערדיקע וואָכן,
אויף דער ווייכקייט פון פליושענע מאַכן,
קושן און רייד זיינען קוואַלן פון פרייד.

וואָר, די זון גאָלדיקט
דעם זומערדיקן שניט.
נאָר דער פאַרנאַכט
שוועבט שוין מיט אומעט
פון האַרבסטיקע טריט.

די פרייד לעשט זיך
אין דיינע רייד, וואָס האַלטן
אין איין געדענקען: אַז איך
וועל אינגיכן אין ווייטן
קאַנאַדע זיך לאָזן, און דו וועסט בענקען.

און יעדן זומער, אין צייט
פון זאַנגען־שניט, וועסטו
קומען צום פויערישן שטיבל
מיט די בלויע גלאָזן, און וועסט זוכן
אין דער דרימלענדיקער רו
פון די הויכע, פייכטע גראָזן.

כ׳דערמאָן זיך דאָס וואָיען
פון אַ ווייטער באַן.
דאָס דערפל אומעטיקט. אַ היי־וואָגן שטויבט.

אַ בעטלער ביי אַ פלויט קניט,
בענטשט און לויבט.

אונדזערע בליקן
פאַרליבט און פאַרטרערט,
בלאַנדזשען נאָכן פויגל,
וואָס פלאַטערט איבער
דער בלויער, פאַרנאַכטיקער ערד.

און איך בעט: „פאָר מיט מיר,
כל זמן עס איז אָפּן קיין
קאַנאַדע די טיר".

די טרער ברענט.
און דו ענטפערסט:
— איך קאָן אין אַ ווייטער פרעמד
זיך נישט אַוועקיאָגן,
און איבערלאָזן טאַטע־מאַמע. זאָלן ציילן מעת־לעתן און קלאָגן,
אַז אין מרחקים האָבן די קינדער איך זיי פאַרגעסן.

און כאָטש עס וויינט
אין דיר טרויער און וויי,
זאָגסטו מיר, ליבער פאַרשטיי,
אַז פריער קומט שליחות פון פאַרטיי.

אַט־אַזוי צאַנקט דער זומער אויס
און טרויעריקע, אָסיענדיקע נעכט
ווערן טיף און גרויס.

רעגנדיקער אָקטיאַבער דרייט,
און שרייט דורך רעגנדיקן ווינט.

אין שטעטל אַ פויער אויף אַ פור,
כמורעט אין טרויער צום
הימל פאַרגאָסן מיט וואָלקנס־טינט.

איך וואַרט און דער פיין נאָגט טיף, ביז
עס לויפט אָן פון ברודער
אַ פריילעכער בריוו:

„טייערער ברודער מיין,
איך זאָג: אוים מיט
פלאָג און פיין.

קויף זיך ברילן מיט ברייטע ראמען,
וועסט קאָנען בעסער זען די ברויזנדיקע יאמען.

נו, יאָ ברודער מיין,
אינגיכן וועסטו דאָהי שוין זיין.
נישט שייך קאַנאַדע פאַר דיר
צו רימען. פּאַק איין דעם דלות
און קום וואָס גיכער אַהער צושווימען.

מען שרייבט פון דערהיים,
אַז דרייסט זיך אַרום
פאַרליבט און אַליין.

ווער נישט צעחושט, גיב
דיין מיידל אויך פאַר מיר
אַ שטאַרקן קוש.

דער עיקר געדענק און ווייס
צו איבערגעבן טאַטע-מאַמע
אַט-די טרייסט: אַז, אויך
זיי, כ׳וועל אינגיכן אַרויסציען
פון דער שטעטלישער בלאָטע, וואו
מען לאָזט מער נישט אַ ייד
פאַרדינען אַ זלאָטע.

נו, גרים פאַר מיר די פּאַשע
מיט דעם אַלטן מאָכיקן ברונען.
פון מיר דיין ברודער
יצחק וואָס וואַרט אויף
דיין קומען".

אין האַרבסטיקע וואָכן
נאָענט זיינען דעם ברודערס בריוו.
נאָר די נאַכט שרעקט. וואָרים
אויפן הימל-וועג מיט שטערן

פאַרשטאָכן, זעסטו שווימען
מיין שיף.

ביז פאַרטיק ווערט
דער פּאַספּאָרט,
אָפּן וואַרט דאָס
וויטע, פרעמדע אָרט.

נאַכט.
אין טרויער פון בלאַסן
לאָמפּן־שיין ווייגט דער
פּיין. די באַן שאַלט.
די טויערן
פון שטיינערנעם וואָקזאַל
שטייען אויפגעפּראַלט.
דיינע אָרעמס
שטרעקן זיך און צאַפּלען.
אין פינקלענדיקע טרערן
שווימען דיינע שוואַרצאַפּלען.

געדראַנג. דו פאַלסט אויף מיר,
ווי אַן אונטערגעשניטענע זאַנג.

דער רוישיקער וואָקזאַל
שאָטנט און שאַלט.
כ׳גיי. און אין געשריי,
אין געטומל כ׳הער דיין
וויינענדיק געמורמל:

— געדענק, די וויַיט
און דער ים וועלן קיינמאָל
אין מיר נישט פאַרלעשן
דעם בענקענדיקן פלאַם.

די באַן סאַפּעט און שטיקט
זיך אין די אייגענע,
סאַזשעדיקע רויכן.
אומהיימלעך און גרוי גליווערן
די האַרבסטיקע הויכן.

דיין פּנים אין נאַכטיקן טאָל
פאַרשווינדט, און כ'הער
דיין וויינענדיק קול
אין געשריי פון ווינט.

איצטער, זוכן דיך מיינע
בענקענדיקע הענט. נאָר
עס לויפן מיר אַקעגן די ווייסע,
בערגיקע ווענט.

די בענקשאַפט — אַ פלאַמיקע קויל.
און די שכורדיקע זיסקייט פון דיין קוש
ברענט אויף מיין מויל.

טייערע, אין מיין האַרץ וויינט אַ פידל.
און אַ זונשטראַל גראָבט דעם שניי מיט אַ גאָלדענעם רידל.

טייערע, דאָס האַרץ גאַרט.
זיי גרייט, און פייניק מערנישט די פרייד,
וואָס איז יונג און צאַרט. וואָרים אויף
איר מיין יעדער בענקענדיקער טאָג וואַרט.

דעריבער זאָל מיין בריוו נישט פאַרזאַמען.
דיין יאָסל,
וואָס זיין ליבשאַפט צעוואָרפט
די ווייטסטע צאַמען.

פּרימאָרגן

נישטאָ אין באַן
קיין ליידיקער שפּאַן.
אַנגעוווייטיקטע ביינער
אויף האַרטן געפּעק.
און איטלעך איינער טרייסלט זיך
אויף קופערטן און זעק.

אויף יאָסלען נידערט דאָס שלאָפן,
כאָטש ער פייניקט זיך צו האַלטן די אויגן אָפן.

די פען גליטשט זיך ארום פון דער האנט,
און ער קען מערנישט זען דאס שארפע ליכט,
וואס שלאגט פון דער ווייסער, בארגיקער וואנט.

חלום. און ער זעט ווייטיקדיק און קלאר:
זיין האנט פארפלאנטערט אין צירלס
לאנגע, כוואליעדיקע האר.
זומער. א זוניק טייכל פלוידערט.
א באן שאלט אין וואלד
און צירל קלאמערט אים ארום און שוידערט.

דער קאפ שווערט, און אין שלאף ער דערהערט
לייבקעס קול וואס וועקט
און לאכט:
„חבר פאעט, דערוואך!
און טינטל נישט אויף אזוי פיל פאפירלעך
לשון-קודשדיקע לידלעך, וואס
זיינען פאר די ארבעטער-מאסן
פארשלאסענע טירלעך.

ווייסט, שוין העכער א מעת-לעת,
ווי מיר פארן צווישן ביימער וואס
בלישטשען מיט שנייאיקן בעז.
הא, מיד? נו, די באן קיין
מאנטרעאל שוין ציט.

איז חברל געדענק,
אויב עס וועט דיר זיין שווער און ענג,
אט האסטו מיין אדרעס, און אין דיין
בעסטן שיפס-ברודער נישט פארגעס.
ר' מלך בלעכער האלט דעם קאפ אויפגעהויבן
און גאפט צו די פארויטלטע שויבן.
יאסל קוקט:
אין ווינטיקן, שנייאיקן רויך
יאגט זיך דער צוג און וואיעט
צו דער אויפגעהעלטער פרימארגנדיקער הויך.

די באן אויפן שנייאיקן פעלד,
שלינגט שטיקער ווייסע קעלט.

און אַט אַ שטאָט!
שטיין און שטיבער גליען אין ווינטיקן,
פראָסטיקן פיבער.

רויכנדיקע קוימענס
אויף די דעכער רייטן.

יאָסל טראָגט אין זיך
דאָס ליכט פון זילבערנע ווייטן.

אין שטאָט

יאָסל טרעט און היט
זיינע גליטשיקע טריט.

דער ברודער שמייכלט און זאָגט:
— האָסט זיך גענוג שוין אָנגעפּלאָגט.
אָבער דאָהי, אונטערן הימל
מיט פראָסטיקע שטערן, וועט
דיין האַרץ גרינג און גיך
דערגרייכן אַלע זיינע באַגערן.

יאָסל לאַכט: גוט איז שוין דאָס
נייע אָרט, אַז קיינער פרעגט
מערנישט אויף קיין פּאַספּאָרט.

ביידע שפּאַנען אין שנייאיקע טאַלן.
עס פלאַמען צלמים און קלויסטער־קופּאָלן.
די שטאָט דרייט זיך, ווי אַ פייערדיק ראָד
און ברילט. און פאַר די אויגן בלענדט
אַ בויגן פון אַן עלעקטרישער שילד
מיט שמייכלדיקע זקנים
אין גלאַנציקע, געלע קאַמאַשן,
וואָס גיסן ברוינעם, שוימענדיקן ביר
פון לאַנגע, גרינע פלאַשן.

און הונגעריקע אין רייען
קויטיקן די ווייסע שנייען.

אויף אַ פענצטער אַ יעזוסל זילבערט אַראָפּ
פון אַ געפאַרבט העלצל, און אַ מיסיאָנער
אין אַ ווייך, וואַרעם פעלצל,
ציט דעם לאַנגן האַלדז און האַלט אין איין ברייען:
אַז אינגיכן וועט קומען
דאָס מלכות השמים . . .

אַרבעטלאָזע אין די גאַסן
זויגן איין די אויגן
אין דעם מיסיאָנער דעם בלאַסן,
וואָס שטייט ביים שליאַך
און רעדט אין אַ פרומער שפּראַך.

די גאַסן שרייען.
די הונגעריקע שפּייען,
און הערן נישט די פאַרכטיקע ווערטער
פון דעם מיסיאָנער דעם בלאַסן,
וואָס רעדט מיט אַ שיינער שפּראַך,
און פרום און געלאַסן
ער מישט די באַצירטע בלעטער
אין גאָלד-געליישטן תנ"ך.

די הונגעריקע קלאַפּן
מיט די דורכגעפראָסטיקטע שיך,
און עס רייצט זיי דער ריח,
וואָס שלאָגט פון דער מיסיאָנערן-קיך.

דער פראָסט שניידט.
די שטאָט
יאָגט און שרייט.

שאַרפע שטראַלן שטעכן
דעכערדיקע בלעכן.

גאַסן שרייען.
טראָטוארן גליטשן זיך און טייען.

פאַרגלאָזטע, געדרייטע טרעפּ
טראָגן באַלקאָנען אויף די קעפּ,
און קוקן צו די קוימענס,

וואָס שטאַרצן צו די הויכן
און שוואַרצן די הימלען
מיט זייערע געדיכטע רויכן.

גאַסן שרייען.
אַרבעטלאָזע שטייען אַרום ווענט און פלויטן
און שמעקן דעם ריח פון פריש־געבאַקענע ברויטן

יאָסל שפּרייזט.
אַ זונשטראַל לעקט דאָס שטאָלענע אייז.
דער מאַרק שמעקט מיט צעגראָבענער ערד
פון קאַרטאָפל, טאָמאַטן און קרויטן.
און פאַרעט מיט שוויים און מיסט
פון כראָמטשענדיקע פערד.

יאָסל שפּרייזט אויפן שטאָלענעם אייז:
היגטער פראָסטיקע שויבן
רייפן זיך פּאָמעראַנצן,
און עס רייצן אַנגעקוואָלענע טרויבן.

ער שפּרייזט אויף אַ רווישיקער בריק
און ער זעט אַ באַרג געבונדן
אין אייזיקע שטריק.
עס בלויט די זילבערנע ווייט.
און די שטאָט אַנגעטאָן אין שטאָל,
גליטשט זיך אין טאָל און שרייט.

דער ברודער קירעוועט
אין געפּלאָנטער פון גאַסן,
וואָס ברויזן און כעסן.
עלעקטרישע שטראָמען
צינדן שילדן אויף די קראָמען.

יאָסל טראַכט: כאַטש די שפּע
רייצט דורך שויב און שאַנק
זעטיקט עס נישט דעם הונגעריקן,
וואָס שפּרייזט, און זוכט שפּייז
ביז דער פראָסטיקער טאָג פאַרצאַנקט.

יאָ, אַ שפּע! און וואָס קאָן נאָך זיין בעסער?
איז אָט אויך אין דעם לאַנד, וואָס

אלע בענטשן און לויבן,
קלויבן מענטשן פון שמוציקע פעסער
פּרוכטן און דרויבן.

אונטער די מידע טריט
דאָס אייז בלויט און בריט.

לאַנג ציט זיך די גאַס
פון קעלט און קויט,
און פון די געפרוירענע מויערנוועגט
שיילט דער ווינט די גרויע
פאַרבן־הויט.

אויטאָ־ראָד ברילט. יאָסל מורמלט:
— וואו ביסטו נביא? שטיי אויף
און ווידער שעלט די רייכע רויבער
פון דער זאַטער שטאָט.

דעם ברודערס פאַרהויכטע גלעזער טייען
און ער זאָגט: „נישט דעם נביאס
צאָרן שלאָגט. א גלח האַלט
אין איין ברייען:
מענטש,
גרינס און גרעזער
זאָלסטו קייען, וואָרים
אינגיכן וועט קומען
דאָס מלכות השמים!

דער ברודער שטעלט אָפּ
דעם טראָט
און זאָגט:
— אָט איז אונדזער
באַלקאָן פון אייז
און דראָט.

הערסט, א בייטש קנאַלט?
אָט דאָס ליקל פירט צו
א פערדישער שטאַל.

אַצינד, ברודערל, כאַפּ זיך אָן אין די אייזיקע צעפּ,
און קלעטער אַרויף אויף די גליטשיקע טרעפּ.

יאָסל טרעט אַריבער די שוועל.
לאָמפּן־ליכט שיינט היימיש און העל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום טיש

די פּאַרשנייעטע שטאָקן שטאַרן און שיינען.
דאָס געלעכטער אין הויז לעשט אַלע פּיינען.

די הויכע, שבת׳דיקע קאַראַפינקע מיט דער געפאַרבטער רויז,
גליט און צינדט מיט גלאַנץ מיט רויטן
דעם טיש געגרייט און גרויס, וואָס רייצט
מיט פרישע חלות און געביטלטע ברויטן.

אינדרויסן שטורעמט דער שניי און שרעקט.
און אויפן טיש דאָס היימישע געבעקס
זיסט און שמעקט.

די לאָמפּן שיינען.
די געבלימלטע גלעזער פינקלען
מיט די רויטע וויינען.
משפחה׳דיק דערקענט,
מען ווינטשעוועט, און עס שטרעקן זיך
פריידיק די הענט.

רויט און פול יעדער גלעזל.
די מומע פאָרעט זיך און שמאָרעט
מיטן קליינעם, געטאָקטן נעזל.

עס שכורט דער וויין.
און די בענקענדיקע אויגן
ווערן מיט אַ העלן שיין פאַרצויגן.

די שפּיגל־שאָפע בלענדט.
די שויבן טייען און גלאַנצן.
און אויף די בלויענדיקע ווענט
פריילעכע שאָטנס בויגן זיך
און טאַנצן.

די מומע אין גיכן גאַנג
טראָגט וויין און סאָק
פון דער צעעפנטער, גלעזערנער שאַנק.

די מומע קנייטשט דעם שטערן,
און ווישט מיטן פאַרטעך די לויפנדיקע טרערן.
איר שמאָל און שיין געזיכט
מיט די דינע קאַרבן, מיניעט זיך
אין פלאַמיקע פאַרבן.

עס שוואַרצן אירע געדיכטע, קרויזיקע האָר.
און זי הערט נישט אויף צו ווינטשעווען און ווייגען,
אַז איבעראַיאָר זאָל די גאַנצע משפחה שוין זיין אינאייגעם.

אויף פענצטער, אויף פלויטן
שלייפן זיך די אייז-צויטן.

די זיסע סאָקן, די שאַרפע ווייגען
צינדן אָן די בענקענדיקע פייגען.

דער הויכער, קרעפטיקער פעטער אהרן-לייב
פאַרהייבט די פולע, פייכטע אויגן
און שמייכלט צום לאַנגן, אויסגעהאַפטענעם טישטעך
מיט די געלע, פעדימדיקע פעלד-בלומען פאַרצויגן.

דאָס לאַנגע, ליכטיקע פנים
שמייכלט אין זיסן, שכורלעכן ווײ.
און עס שמייכלען צו אים די שויבן,
וואָס בלענדן אין אייזיקן שניי.

עס ליכטיקט אין אים
דער טרויער פון טרוים,
עס בענקט דער געוועזענער פויער
צום פלאַקערדיקן הימל-זוים.

זיין פנים שמייכלט —
עס זיסט דער ווײ.
די פרי-פאַרזילבערטע האָר
לויכטן קלאָר און ווייס,
ווי אויף די שויבן
דאָס שניי און דאָס אייז.

דער פּעטער זיצט און זעט
אין רויטן שפּיגל פון ווײַן: —
דאָס היימישע דאָרף מיטן פּריצס מויער
פון רויט־געטעסעטע ציגל, וואָס
גאָלדיקן אין רויטן מאָרגנשײַן.

אינדרויסן וואָיעט פון אַן אַמבולאַנס דער האָרן.
דעם פּעטער דאַכט זיך, אַז דאָס רוישן ווינטן
צווישן פעלדער פון הויכן, גאָלדענעם קאָרן.

דער פּעטער זיצט און זעט:
רײַטנדיקע קאָזאַקן מיט שווערדן,
שפּיזן און קלינגענדיקע שפּאָרן.
און דאָס הונגעריקע דאָרף
אין שרעק, אין צאָרן
קניט פאַרן קלויסטער מיט די קײַלעכדיקע קופּאָלן,
און פאַרן פּריצישן הויף, וואָס דרימלט
אין די גרינע, וואַלדיקע טאָלן.

פון בלויען הימל־גלאָז,
די זון מיט איר גאָלדענעם גאַנג,
צינדט דאָס טויאיקע גראָז
און דעם הויכן פולן זאַנג.
און דער פּעטער מיט אַ צעהעלט
געזיכט שפּרײַזט
אין לויטערן פרימאָרגן־ליכט.

דער פּעטער ביים טיש פאַרגעסט
די נאַכטיקע שפּעט. ער זיצט
אַ באַרוישטער און רעדט:

„היימיש דאָס הינטישע געביל,
דער ווינט רוישט און דרייט
די פליגלען פון דער אַלטער, הילצערנער מיל.

אָפן דאָס טירל פון פלויט.
עס שמעקט מיט לאָנקע,
מיט סאָד און ברויט.

און קלויסטער־גלאָקן באַמבלען זיך און זעצן.
פיש זילבערן זיך

און צאפּלען אין די שווערע,
פאַרצויגענע נעצן.

דאָס זאַמד בריט.
דער טאַטע פאַרמעליקט,
אָנגעמידט — ברומקעט
אַ ניגון פול געפיל, ווען
ער קערט זיך אום פאַרנאַכט
פון דער אַלטער ווינט־מיל.

דער טאַטע האָט פולע קעשענעס
מיט קאָרן־זאַמען.
ער טראָגט דער מאַמען
שווארצע יאַגדעס און פרישע,
שמעקעדיקע שוואָמען.

דער טאַטע דאַונט פאַמעלעך און שטיל,
און קוקט, ווי עס ווארפן לאַנגע
שאָטנס די פליגלען
פון דער צעווינטיקטער מיל.

אויפן טיש פאַרעט
דאָס באַטעמטע געקעכץ.
דער טאַטע וואַשט זיך
און טוט צופרידן אַ קרעכץ.

דאָס היימישע קימל־ברויט
קייט זיך מיט אַפּעטיט.
מיטן זאַק פאַרקרעמפּעוועט
אין שטריק, שטויבט אויף
דער לאַנגער בריק, סאַפּענדיק און מיד, משה־שמואל,
דער דאָרפס־ייד.

און די מאַמע וואָס מישט
אין אַן ערדענער, טיפער שיסל
דעם מילכיקן באָרשטש
פון ציבעלע און קרויט, פאַרבעט אים צום טיש
און שטעלט אַוועק
אַ קרוג קאַלטע זויערמילך,
געגליווערט אין אַ דיקער הויט.

די מאַמע פאַרפאַרעט.
די ברענענדיקע זון
אויף די שויבן צאַנקט.
און דער רויטער, פאַרוואַקסענער
משה-שמואל פאַרמאַרעט,
די אָדערן אויף די הענט
בלוי און אָנגעצויגן,
זשאַרעט מיט די הונגעריקע אויגן,
קוויקט זיך און דאַנקט.

משה-שמואל שטאָלפּערט
מיט די שווערע טריט,
און אַ מידער, ער פאַלט אַוועק
אויפן אויסגעבעטן שטרוי,
און שלאָפט אַזוי ביזן
מאָרגן-בלוי.

דער פעטער זיצט באַרוישט און גלייך,
און רעדט מיט שטאָלץ וועגן זיין שווימען
אויף אַ שטיק האָלץ
אינמיטן שטראָם פון טייך.

און אָט זיינען די טעג פון שניט.
דאָס הייסע זאָמד אויפן דאָרפישן וועג
בריט די טריט.

ער שפּאַנט מיט זיין שאַרפער קאָסע
אין האַנט, וואָס קלינגט
און בליצט צווישן זון און זאַנגען,
און זיינע הענט קרעפטיק, פלינק, קאָנען
בויגן אייזערנע שטאַנגען".

דער פעטער האַרציק, היימיש
שטרעקט פלוצלונג אויס
צו יאָסלען די האַנט, און ער ווינטשעוועט
און וואָרנט פריילעך, באַרוישט:
— „גרינער, געדענק, אין היגן לאַנד
דאָס אייגענע לשון נישט פאַרטויש!"

דער פעטער לאַכט:
אם ירצה השם זונטיק באַנאַכט,

װעלן מיר ערשט כאַפּן אַ שמועס און שפּילן אַ שאָך.
יאָ, אַז װעסט אַ יאָר דרײַסיק אַרבעטן דאָהי,
פלינק און פלײַסיק, װעסטו װערן
אַן אַלטע, אָפּגעניצטע האַנט,
און װעסט װאױנען אין דער זעלביקער שטוב
מיט דער גרױער, קרישלדיקער װאַנט.
דערװײַל אָבער װײס, אַז אין קאַנאַדע
זײַנען אױך דאָ ײדישע מענטשן. דעריבער
װעלן מיר דיך מכבד־זײַן מיטן „בענטשן".
גישקשה, װעסט נעמען אין מױל אַ ײדיש װאָרט,
און די מומע װעט דערלאַנגען װאַסער
אין דער באָבע בראַניעס קופּערנע ירושה־קװאָרט.

די מומע קערט זיך צו יאָסלען אום.
און זאָגט פרײלעך און פרום:
„דער פעטער האָט רעכט —
אין קאַנאַדע שלאָפט מען איבער
רואיק די װינטער־נעכט.

דעריבער דאַרף מען דעם אױבערשטן דאַנקען און לױבן,
אַז מען האָט מערנישט מורא, אַז עמיצער אַ היצל
זאָל קומען און אױסהאַקן די שױבן.
מיר ײדן דאַרפן דעם בורא אָפּגעבן אַ שבח, װאָס
ער איז אַ שומר ישראל, און זײַן אױג איבער אונדז
איז שטענדיק װאַך.
איז זאָלסטו יאָסל, טאַקע װיסן, אַז אױך דאָהי
זײַנען דאָ פרומע, ײדישע מענטשן, װאָס
לערנען, דאַװנען און בענטשן".

די מומע שאָקלט מיטן קאָפּ,
און לײדיקט אױס די איבערגעבליבענע פלײשן
פון גרױסן, בײכיקן טאָפּ.

דער פעטער שמײכלט און שפּאַסט:
„נו, אורח מברך — בענטשן װעט דער גאַסט
פאַרן אײגן־געמאַכטן װײַן אין דער פולער פאַס,
און פאַר די כלערלײ ביטערע קרײטעכער און זיסע גרעזער,
װאָס מע עסט דאָהי אַפילו אין די גרעסטע פרעסט.

און אודאי דאַנקען און לױבן אַזױ,
װאָס אַ גאַנצן װינטער ברענען די שױבן

אין פראסטיקן בלוי.
און אודאי אויך פארן ווארעמען הויך פון אויוון, וואס
זעצט מיט טשאד און רויך, ווען מען שטייט אויף
פריער פון פרי צו דער לאנגער, מידער מי".

די מומע שוויגט. דער טיש שטילט.
לאמפן-שיין ציטערט און צינדט
אין די גלעזער דעם רויטן, קאלטן וויין.
מ'בענטשט. ווערטער שעפטשען און פארוויגן.
עס מורמלט און פארשלעפערט דער אומעטיקער ניגון.

אויף פענצטער, אויף פלויטן
שלייפן זיך אייז-צווייטן.
עס קלינגען טראמווייען.
און עס ווייגען און עס וואיען
ווייסע, ווינטיקע שנייען.

דערמאַנט

די שעהן קייטלען זיך
און לויפן שטיל און גיך.

אין די לייכטער קאפטשען
די ליכטער, און ארום טיש
שאטענען אומעטיקע געזיכטער.

איטלעך איינער בענקט
נאכן שטעטל, וואס טראגט
אויף זיין בלאטיקן קארק,
דעם ברייטן, באקראמטן מארק
מיט דער איינציקער ווייסער מויער,
מיטן סאד און הויכן, האלצערנעם,
גרינעם טויער.

איטלעך איינער געדענקט
די שווימענדיקע טויבן
איבער דעם בליאסקעדיקן
שול-דאך, און די קליינע,
קאלירטע שויבן,

וואָס שימערן ביים שטילן
וואַסער־שליאַך.

מען דערמאָנט די פּאַשע
מיט די שרעקנדיקע ווינט־מילן,
און מען שפּאַנט אין די פייכטע,
געדיכטע גראָזן וואָס קושן
די באָרוויסע טריט און קילן.

און יאָסל דערציילט: אַז דאָס
שטעטל איז צעקריגט און צעטיילט,
אַז די יוגנט פון בלאָטע־טאָל
הונגערט און ברויזט קעגן
מלכות און די ראָשי־הקהל.

שווער זיינען די גאַנגען.
דאָך דאָס שטעטל חלומט,
און די יוגנט זינגט
אין פיינען — גלויביקע געזאַנגען.

עס אומעטיקט דער טיש.
די בענקשאַפט בלעטערט
די זכרונות און מישט.

די מומע ראַנגלט זיך מיטן דרימל
און מורמלט: גאָטעניו,
דערבאַרעם זיך און קוק אַראָפּ
פון זיבעטן הימל!

דער ווייַן שמעקט שאַרף און ווייניק.
אַן איינציק פאַרחלבט ליכטל
די טונקלעניש פייניקט.

און דער ברודער מיט אַ פּנים פאַרטראַכט
און פלאַמיק, קוקט מיך און טרויעריק
אויף יאָסלס אָרעמען, פאַרבונדענעם קלומיק.

אויפן וואַנט ציטערט אַ פעלד
אין שאָטן־זאַנגען.
היימיש און נאָענט ציטערן און נאָגן
זיינע בענקענדיקע געזאַנגען.

די מומע תחינהטע
אַ שטיל און טיף געבעט:
גאָט, פון אַלע וועלטן דער האַר,
אויף מענטשן און שטעט,
חתמע מערנישט קיין גזר!

עס זשומעט דער קאַכעדיקער טשייניק.
דאָס פאַרחלבטע ליכטל
די טונקלעניש פייניקט.

דער הויף טוליעט זיך אין שניי־שאַלן.
די דורשטיקע פערד קאָפּען אין די שטאַלן.

לבנה לויפט איבער דער נאַכטיקער מויער.
די קאַץ מיאַוקעט און לויערט
ביים סקריפּענדיקן טויער.

עס אומעטיקט דער טיש.
די זכרונות וויטיקדיק און פריש.
און אונטערן פענצטער קלינגען טראַמווייען.
און עס ווייגען און עס וואַיען
ווייסע, וויכערדיקע שנייען.

אַליין

וויך און הויך דאָס אייזערנע בעט,
און יאָסל זעט: אויף שטוב און שויב דער הימל
זיפּט זילבערנעם שטויב. און די שאַרפע
טריט פון די פּראָסטיקע שטערן ברענען
אויפן בלוילעכן צוויט.

לבנה לויערט בא זיין צוקאָפּנס.
זיין מידער גוף שווימט
אין שוויים־טראָפּנס.
און די בענקשאַפט, וואָס פייניקט
און שטראָפט, פאַרוואָגלט פון אים
די זיסקייט פון שלאָף.

יאָסל טראַכט:
נאָענט, דערקענט, שטרעקן זיך
די היימיש־משפחהדיקע הענט.
דעם פעטער פון דאָרפישן טאָל,
זיינען ענג און שמאָל
די גרויע, שטוביקע פיר ווענט.

דער פעטער לעכצט נאָכן טאַטנס
פעלד, זוניק צעהעלט. ער קרעכצט,
ווען ער קוקט אויף די צוויי שוואַרצע,
בייכיקע אויוונס, וואָס זשומען
און גליען און קאָנען די שטייפע קעלט
פון שטוב נישט אָפּציען.

דאָס בעט ווייך, הויך און געראָם.
יאָסל זעט אין ליקל דעם
אייזיקן צאָם, און דעם אויסגעשטערנטן
הימל, וואָס שוועבט אויף ווייסן,
נאַכטיקן תהום.

אין קיך פאַרען די צעהאַנגענע, נאַסע גרעטן.
די מידע שטילקייט
שעפּטשעט און שלאָפט אויף אַלע בעטן.
עס שאָטענען די פאַרצויגענע שטריק.
אין לעצטן אַלקערל שאָקלט זיך
אַ קינדערישע וויג.

יאָסלס אויסגעמאַרעט געביין
שרעקט זיך פאַרן אייגענעם געוויין.
אים דאַכט: דער טאַטע
ביים וואַלדיקן שליאַך געזעגנט
זיך און שטרעקט די האַנט:
ווי צום טאַטן וואָס זיין קינד
ווערט פאַרוואָגלט אין אַ פרעמד לאַנד.

דער טאַטע טרערט, און יאָסלען
דאַכט זיך, אַז ווידער ער הערט:

אָבער, מיין זון, וויים — די ליבשאַפט
הייליק, גרוים, לייטערט

אין דער פרעמד די בענקשאַפט
צום טאַטנס הויז.

יאָסל זינקט אין ווייסן, ווייכן בעט.
שטערן גרינען. די שויבן טייען. פראָסטיקע טרערן רינען.
שטיבער אין ווייסע שאָטנס פאַרשפּונען.
און די לבנה מיט דער שאַרף פון איר דורשטיק־זילבערנער ליפּ,
אין געפרוירענעם הימל קאָן נישט געפינען
דאָס מויל פון בלויען ברונען . . .

עס שעפּטשעט די שטיל.
אַ שאָטן קניט און קנוילט זיך
אויפן דיל.

לבנה ווישט די פינצטערניש אין הויז.
יאָסל זעט די רויטע, גלעזערנע רויז
וואָס דרימלט אויפן נאַכטיקן טיש.

טריט טרייסלען די טרעפּ.
דאָס אייז פּלאַצט און שערבלט זיך,
ווי צעבראָכענע טעפּ.
אין האַרצן ברענען די בענקשאַפטן און ווייען.
און עס וויינען און עס וואַיען
ווייסע, וויכערדיקע שנייען.

וואַך:

אינהערפרי

שויבן מיט פראָסט פאַרלאָפן,
שאָטענען און שלאָפן.
נאָר דער הויף, שנייאיק צעבלענדט,
וועקט מיט זיין פריען געשריי
די שפּעטע נאַכט, וואָס שלאָפט
אין שטוב צווישן קאַלטע ווענט.

די שטאָט, אין אייז פאַרקלעמט,
זילבערט און ברענט.

א ווינט באַרשט, און פאַרקערט די טריט
פון די מילך־און־ברויט־פירער
מיט פולע וואַסער־קאַנען,
וואָס פּאַיען די פערד
איינגעשטייפט אין שווערע געשפאַנען.

בייטשן סווישטשען. פעדלער שרייען.
די פערד קייען און קאַפּען
די פאַרפרוירענע טרעפּן,
און ציען דאָס וואַסער
פון די בלעכענע שעפּן.

די גאַס — ווייס און וויסט.
בייטשן קנאַלן.
עס טשאַדעט דאָס פערדנמיסט
פון צעעפנטע שטאַלן.

הונגעריקע הינט ראַיען
אין דער פאַרע פון פעטע גנאַיען.
און אין ווינטיקן שניי־רויך,
אין גרוי, פון פאַרטאָגן,
טראָגן זיך אויף אייזיקן בויך
טראַק און וואָגן.

רייען נאָך רייען,
זינקען די רעדער
אין די טיפע שנייען.
און די פעדלער, וואָס קאַרטשען זיך
אין די לאַנגע קאַפּאָטן פון ברוינעם, גלאַנציקן לעדער,
קירעווען די פאַרזונקענע רעדער,
און וואָרטשען און שפּייען אין די ווינטן, וואָס טראָגן
די שנייען און שרייען.

אין הויז רייסט די מומע די ערשטע פון שלאָף זיך אַרויס.
זי בינטלט צונויף דאָס אויסגעטריקנטע גרעט,
און וועקט איטלעך איינעם, וואָס חלומט און קרעכצט
אויפן אייזערנעם, אויפגעשטעלטן בעט.

עס גרויט. און כאַטש דער אויוון פלאַקערט בלוי און רויט,
גליט אויף די פענצטער־גלאָזן

א געדיכט פעלד פון ווייסע גראָז, וואָס
טרייבט אין אַלע צימערן די קעלט,
און שטייפט און שטעכט דאָס אָפּגעדעקטע לייב.

די שויב פאַרטאָגיק און בלוי.
אַש און רויך הייס און גרוי,
זעצט פון אויוון-בויך.
בעני קאָמעדיאַנט, פריש און פריילעך
פון קאַלטן וואַסער-געוואַש, שאָקלט אַ מילך-פלאַש
געפרוירן און ווייס, אין וועלכער עס שווימען
שטיקלעך אייז געדיכט און אויפגעפּוישט, ווי
פריש-געקאָכטע רייז.

דער טיש שמעקט מיט מילכיקס און געבעקס
פריש און געשמאַק. אַ דינע צופרידענע רויטקייט
שמייכלט אַראָפּ פון בענים גלאַט-געגאָלטער באַק.

די מומע, פאַרדרימלט און בלאַס,
מורמלט „מודה אני", און שטעלט אַן טעלער
מיט טאָמאַטן און גרינסן
דורכגעשווענקט און נאַס.

דער פעטער, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין,
שלייכט אויפן קאַלטן, רויט-געפאַרבטן דיל
און דאַוונט מיט גרויס געפיל.

דער ברייטער, בלעכענער טשייניק זידט,
זיין לאַנגער, דינער רויך
ציט זיך צו דער אויסגעקאַלכטער הויך.
דער טשייניק וואָס זשומט צעזאָטן, וועבט
פון פאַרע אַ גרויסן הייסן באַנד,
און וואַרעמט דעם פעטערס שאָטן,
וואָס וויגט זיך אויף דער קאַלטער וואַנט.

דער פעטער מישט אין סידורל די בלעטער
און עס בעטן זיינע ווערטער:
אוי, גאָט, דערבאַרעמדיקער,
דו מיט דיין שטאַרקער האַנט,
צי באַצייטנס אַרויס דאָס ביסל יידן פון פוילן —
אונדזער ניי פיינען-לאַנד.

דער פעטער קרעכצט:
„סוס ורכבו רמה בים"
אל נקמות, אוי ווי, היטלער׳ס רוצחים צייל.
פארטומל און פארטיליק, און ווי פרעה׳ס חילות,
פארזינק זיי אין תהום.
אוי, רבונו של עולם, שוין צייט
אז אלע אומות זאלן וויסן:
„כי מעולם ועד עולם אתה אל".
איז למען שמך, זאלסטו טאקע
דיינע אויגן פון דיין פאלק נישט פארשליסן.

בעני קאמעדיאנט טינקט שטיקלעך
פריש-ווייס ברויט אין דער פושקע פון שפראטן,
און זיינע גלאנציקע ליפן חוזק׳ן און שפאטן.
„פעטערל, בנאמנות, איר דאַוונט פרום און שיין,
און פאר כל ישראל איר זענט מתפלל צו גאט,
און איר פארלאזט זיך אויף זיין גנאד.
אבער פעטערל, נישט מיט אייער דאַוונען,
נאר מיט עראפלאן און הארמאט
וועט מען הרגענען דעם היטלעריסטישן סאלדאט.
איין זאך, פעטערל, פארוואס אויקעט איר ביי
„לעת נעשה בחפצו כל?".

ווארים אויב עס איז אמת אזוי,
דארף דאך אייך זיין גוט און וואויל!
נאר פעטערל, עס זעט אויס, אייך זיינען ווינציק
די תפילות של שחרית, זענט איר נאך
מתפלל אויף פראסט מאמע-לשון, און איר רעדט
צו גאט מכח א יידישן תכלית?
איז, פעטערל, טוט מיט דער צונג א קנאק,
און דאַוונט אין סידורל, דארטן איז א גלייכער טראקט!

נאר דער פעטער איינגעטוליעט אין טלית,
שלייכט אויפן קאלטן, געפארבטן דיל,
און דאַוונט מיט גרויס געפיל.
און בעני קאמעדיאנט, בייניק און פעסט,
ווינצלט זיך און עסט.
אויף זיין הויכן שטערן,
די אדערן, ווי שטריק אנגעצויגן.
עס רעדט, און עס חוזקן

זיינע גראָע אויגן:
מומע קרוין, דער פעטער קרעכצט.
און איך האָב ליב אייער היימיש געקעכץ.
און פרייטיק פרי, ווען אין פעטערס סטאָר
קרייעט דער האָן, קנאַקט באַטעמט און געשמאַק
אייער אויסגעבאַקן פלעצל מיט מאָן.
„שור" מומעשי-קרוין, איך „גלייך"
אייער היימיש געבעקס, איז פאַרוואָסזשע
פאַשעט איר מיך מיט שיסלען „קאָרנפלעקס"?

פון עופות-מאַרק רייסט זיך דאָס האָנען-געקריי.
בעניס שאַרבן-קאָפּ — קיילעכדיק און נאַקעט —
איז ווייס און גלאַטיק, ווי
דאָס דינע, ווייסע שאָלעכץ
פון אַן איי.

בעניס טונקל, קנאַכיק געזיכט
צינדט זיך אין בלווילעכן מאָרגנליכט.
פון זיין מויל רינט דער שמאַנט,
ער ווינקט צום פעטער און קלינגט
מיטן געגילדערטן לעפל אין האַנט.

דער נידעריקער, דאַרער בעני, מיט דער פלינקער
שניידערישער האַנט, איז פון שטעטל
נאָך באַקאַנט פאַר אַ פריילעך-מאַכער,
פאַר אַן אמתן קאָמעדיאַנט.

און אַצינד, אַפילו אין איילנדיקן אינדערפרי,
ער האַלט אין איין רעדן און חוזקן:
אַז יעדער גרינער איז אַן אַנטיק,
און אַז איטלעך איינעם, נאָר דאָס הערצל דריקט . . .

נאָכן פרישטיק פאַרבייסט ער נאָך מיט אַ פּאָמעראַנץ.
אין זיינע אויגן פינקלט אַ פריילעכער גלאַנץ.
ער רייסט די האַרטע, געלע הויטן
און ער שרעקט זיך פאַרן פּראַסטיקן דרויסן
מיט די הויכע, פאַרשנייעטע פלויטן.

בעני איז פריילעך, בעני איז זאַט,
זיין צונג דרייט זיך גיך און גלאַט:

וועלט, וואָס ביסט אַזוי נאַריש און נישטיק,
און האָסט אויסגעפליקט פון קאָפּ אַלע מיינע האָר,
דערלאַנג מיר כאָטש אַזאַ פרישטיק נאָך אַ הונדערט יאָר!
בעני, ביז איבער די אויערן באַהאַלטן אין לאַנגן, שווערן פאַלטן,
שטייט בײַ דער טיר, און שרעקט זיך פאַרן דרויסיקן געפּריר.
ער רירט זיך נישט פון אָרט, ביז זיין חבר שלמה —
דער היימישער געזעל—מיט אַ שטעכיק וואָרט, שטופּט אים אַריבער
די הויכע, פאַרפרוירענע שוועל.

אינדרויסן דער ווינט ברענט און באַרשט
די פאַרפרוירענע מויערנוועגט.
ביידע גייען און רעדן פון נאָדלען און נייען.
ביידע סאָפּען און זייערע שפּיציקע שיך
קאָפּען די זילבערדיקע, שנייאיקע ציך.
שלמה זאָגט: מיין באָס איז דער אמתער העכט.
ער שכורט און שפּילט אין קאָרטן גאַנצע נעכט.
אין שאָפּ, אין אַ צעכראַסטעט העמד,
בייז און באַזאָפּן,
מיט אויגן, וואָס פיבערן פון נישט־שלאָפן,
שפּרייזט דער דאָזיקער גראָבער יונג און פאַרשעמט
איטלעך איינעם מיט זיין מאוסער צונג.
פול מיט שאַרפע, שכורנדיקע געטראַנקען
איז זיין אָפּים מיט די צוגעפאַרבטע, פאַרריגלטע שאַנקען.
בראָנפן זופט ער פון אַ טיי־גלאָז
און ער בייזערט זיך און פאָנפעט
מיט דער רויטער, גלאַנציקער נאָז:
„אַז די היינטיקע גרינע נישט זיי נייען, נישט זיי פּרעסן,
בלויז שבתדיקע פיש זיי קאָנען עסן.
פרישע קאַרב, לעבעדיקע העכט.
דער גרינער זיך אַליין פאַרדאַרבט,
דער גרינער זיך אַליין צעבראָכט".
איבער שלמהס אויגן קלוג און קלאָר,
ווינטלט אַ בינטל פון שוואַרץ־געקרוויזטע האָר.
און כאָטש דער פראַסטיקער ווינט
צינדט דאָס פּנים, און שאָבט פון הענט די הויט
גייט ער מיטן בלויזן קאָפּ
און ברויזט: אַז צולאַנג דויערט דער קאַפּיטאַליסטישער לעבנס־גאַנג,
וואָס האַלט דעם אַרבעטער אין נויט, אין צוואַנג!
שלמה האָט אַ צונאָמען נאָך פון שטעטל:
„משיח מיטן אַרבעטער צעטל", וואָס רופט

איטלעך איינעם מוטיק שטרייטן,
און די אַלטע, צעפוילטע „אָרדענונג"
מיט אַ נייער צו פֿאַרבייטן.

צו אַלע צרות האָט ער איין מיטל:
אַרבעטער שטרייט און שטימט
פֿאַרן רויטן קוויטל!

שלמה מיט זיין גלייכער הויך,
טראָגט זיך גיך אין פּראַקטיקן, פּרימאָרגן רויך.
בעני, וואָס גרייכט קוים זיין אַקסל,
טענצלט נאָך שלמהס גיכע שפּרייז
און גליטשט זיך, און שערבלט
דאָס גלאַנציקע אייז.
בעני לאַכט:
„שלמה, אַפילו איי קאַנאַדע,
וואַרטסטו נאָך אַלץ
אויף „דער לעצטער שלאַכט"?
נו, שוין צייט זאָלסט די רעוואָלוציע לאָזן געמאַך
און אָנהויבן רעדן תכליתדיק, צו דער זאַך!
גלייכער זאָלסט קוקן מער אויף גיטעלען
מיט דער קליינער, קיילעכדיקער נאָז,
רייצנדיק און שיין, וואָרים דאָס איז אַ סימן,
אַז אויסגעטעטעט און צו דער מאָס
איז איר יעדעם גליד און ביין".
אין בענים אויגן שטייען לאַכנדיקע טרערן:
שלמה, צו דער חתונה מעגסטו זיך שוין באַצייטנס
די גזשיבע אָפּשערן!
וואָרים, די גוטע, זינגענדיקע גיטל
וועט דיך מערגישט לאָזן אַרומגיין
אין אַזאַ פּראָסט אָן אַ היטל.

קלויסטער־גלאָק קלינגט.
בעני רייבט זיך די געפרוירענע הענט און זינגט:
שלמה, אוי שלמה, זאָלן רעגנס גיסן,
אַבי אירע ליפּן קושן און זיסן.
וואָרים, אירע בריסטלעך קליין און שטייף,
און ווי עפּל רויט און רייף.

שלמה, אין כעס, שרייט
אין דער ווינטיקער, ליידיקער גאַס:

„בענעלע, דיר איז גוט און וואויל.
מיט אַ הלצהלע ברענסטו יעדן איינעם,
ווי מיט אַ הייסער קויל.
איז ווער פאַרשטומט, קאָמעדיאַנט,
אַנישט וועל איך דיר אין שאַפ
פאַרקלאַפן דאָס מויל
מיט אַ שטיק געוואַנט".

אוןביידע פאַרשטומען, ווען זיי דערזעען
דעם פעטער פון טונקעלן ליקל אַרויסקומען.

דער פעטער שפּאַנט אין שנייאיקן טאָל,
און פאָכעט מיט דער האַנט צום הונט,
וואָס וואָיעט אין הונגעריקן פּיין,
און שלינגט דעם ווייסן, קאַלטן מאָרגנשיין.

אין די לאַנגע, שמאָלע גאַסן
די שויבן שלאָפן און בלאַסן.

דער שניי בלענדט. דער ווינט זילבערט
די מויערנוועגט, און קערט
די גלאַזיקע, גליטשיקע ערד.

רויט-צעצונדן דעם פעטערס באַקן.
אונטער זיינע פלינקע פיס
קנאַקן צעפּלאַצטע אייז-שטיקלעך
און קייקלען זיך, ווי וועלשענע ניס.

דער הונט וואָיעט אין וויי,
און לעקט דעם גלאַנץ
פון פאַרפרוירענעם שניי.

דער פעטער שפּאַנט.
און דאָס קרייען פון די הענער אים דערמאַנט:
דאָס היימישע דאָרף מיט די טייכיקע, אייזיקע שפּיגלען,
און די רויטע קוימענדלעך פון ליימענע ציגלען, וואָס
רייטן אויף די שטרויענע דעכלעך, און רויכן
צו די הויכע הימל-ווייטן.

פרימאָרגן שטייט שוין אויפן שפּיץ פון קלויסטער-דאַך.
גאַסן פול און וואַך.

קלויסטער־גלאָקן קלאַנגן.
דער ערשטער פּאַרמער
בלייבט שטיין אין מאַרק
מיט גרינס און פּרוכט —
אַ פולן וואָגן.
פון פערדנבויך
זעצט אַ גרויער, שווייסיקער רויך.
דער פרימאָרגנדיקער הימל —
אַ טיפער, בלויער תהום.
דער פעטער מיט זיין קרעפּטיקן, הויכן געשטעל
שפּרייזט אַריבער די שוועל פון זיין עופות־קראָם.

פרימאָרגן. די שויבן בלויען.
אויפן צערויטלטן הימל־זוים
די ערשטע דינע שטראַלן ברענען, ווי גאָלדענע שטרויען.

וואָך
איינגעשטילט

אין די צימערן ליידיק, שטיל
ליכטיקט זיך דער געפאַרבטער דיל.

גיטלס קאָפּ שווימט אין פאַרע־רויך.
זי שעפּט פון בלויען טאָפּ די יויך.

די מומע טוט אויס
די ווייכע, לעדערנע פאַנטאָפל,
און בעט גיטלען, אַז זי זאָל
אין צייט צושטעלן די קאַרטאָפל.

די מומע איילט זיך און זאָגט איר אָן:
גיטעלע, פריש אָפּ די פלעצלעך מיט מאָן.
צען טעלער זאָלסטו אָפּציילן,
וועסטו זיכער קיינעם נישט פאַרטיילן.

פון דער איבערגעלאָפענער שוים
רויכערט אין שטוב דער טשאַד.
די מומע פאַרצערעוועט אין געאייל
דעם זוים פון פעטערס צעטעפּעטן, בלויען כאַלאַט.

די מומע פאַדעט.
די מומע רעדט:
„אוי דער אויוון טשאַדעט!
זע, גיטעניו, עס זאָל נישט פאַררייסן
דאָס אויסגעטרוקנטע גרעט.
גיך שלעפּט זי אַרויף אויף זיך
דעם אַלט־היימישן אויסגעריבענעם סאַק
מיט די שוואַרצע, ביינערנע קנעפּ,
און איילט אַוועק צום פעטער
מיט עסנוואַרג אַ פולן פּאַק.

יאָסל בלייבט אין הויז,
ווייל דער אינדערפרי האָט נישט קיין אַרבעט פאַר אים
אין דער שטאָט, וואָס רוישט מיט מי.
אויסגעבענקט און אַליינִיק,
געדענקט ער די אַמאָליקע, היימישע טעג.
פרעמד און שטייניק איז פאַר אים
דער נייער, היגער וועג.
בענקשאַפט נאָגט. דער טרויער שרעקט און זאָגט:
צירל, וואָס ליבט און גאַרט,
איז אַוודאַי שוין אין אַ תפיסה פאַרשפּאַרט.
וואָרעם פון געהיימסטן אָרט,
וואָלט איר ליבשאַפט אויסגעפיבערט
צו אים אַ בענקענדיק וואָרט.
אַצינדער, אַלע בריקן צו איר זיינען צעבראָכן.
אין טרויער, אין בענקשאַפט ברענען זיינע, וואַרטנדיקע וואָכן.
פון שראַנק שמעקן דער מומעס איינגעשטעלטע סאַקן.
און אויף דער גאַס, איינגעפרוירן אין אייזיק־זילבערנעם פּאַס,
שוידערןביימער אָנגעטאָן אין שנייאיקע זאַקן.
דער ווייטיק צוויקט.
יאָסלס בליק מיט טרערן פאַרמישט,
בלאָנדזשעט אויפן טיש, וואו
געל און גאַנץ פּייבטיקט נאָך
די צוגעגרייטע מאַראַנץ.
אינדרויסן ווירבלט דער ווינט און שיילט

דאָס דינע איז פון די צווייגנפינגער.
די קלויסטער-גלעקער וואַרפן זיך,
און הילכן מיט די קופּערנע צינגער.

פלוצלינג — אין טרויעריקן שטומען
דערמאָנט זיך יאָסל, אַז צום פעטער אין קראָם
דאַרף היינט קומען אַ לאַנדסמאַן, וואָס
פאַרמאָגט אַ גרויסן שאָפּ, און ער זאָגט צו
דער מומען אים געבן אַ דזשאָב.

גיטעלע ציט אַ היימיש, האַרציק יידיש געזאַנג,
און די בענקשאַפט וויינט אין איר יעדן
ציטערדיקן קלאַנג.

יאָסל פעדערט. ער פאַרשפּיליעט אויף זיך
דאָס רעקל פון ברוין-צעפּלאַצטן לעדער.

יאָסל לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ.
דיביימער בויגן זיך צו אים
מיט די פאַרשנייעטע קעפּ.

באַרג-שפּיץ אין דער זילבערנער קרוין געשמידט,
גליט און בליצט.

טיף בלויט דער הימל-רוים.
יאָסל גייט אויף טרוימט פון אַ שאָפּ,
וואָס נאָדלט און נייט.

וואַד

אין מאַרק

יאָסל איילט אַרויס פֿון שטילן הויז,
און פּלאָנטערט זיך אַריין אין גאַסיקן געברויז.
קופּערדיק ברומען די גלאָקן.
אויף שטיבער, אויף שטאָקן
ווינטן רייטן און פֿאַררויכערן
די הימלדיקע ווייטן.

די שטאָט שרייט און באַרשט זיך
מיט שנייאיקן קרייד.
מענטשן ציען זיך אין שטראָמען.
די לאָמפּן בלענדן דורך
די פֿענצטערדיקע קראָמען.

יאָסל איילט דורכן פּאַרק מיט די פּאַרזונקענע, אייזערנע צאָמען.
זיינע טריט, מיט פֿראָסט פֿאַרגליט, ציען זיך צום מאַרק,
וואָס שרייט און רופֿט נישט קיינעמס נאָמען.

אויף ברעטער, אויף שטעלן
שטויסן טאַבאַק-בלעטער,
גאָלדיקן און העלן.

מענטשן זינקען אין שניי דעם געדיכטן
און פֿלוכטן דעם אָנגעפּראָפּטן מאַרק, וואָס
ציט און רייצט מיטן שטאַרק-זיסן ריח
פֿון צייטיקע פֿרוכטן.

עס פֿראָסטיקט די לופֿט.
עס שכורט דער זיס-ווייניקער דופֿט
פֿון די סאָקן, וואָס שפּאַרן
פֿון די רויטפּנימדיקע עפּל,
פֿון די געל-הויטיקע באַרן.

דער שניי טרעשטשעט ווי ווייסער זאַלץ.
אַ ראַדיאָ פֿון אַ מוזיק-קראָם ריטעמט אויס אַ נייעם וואַלץ.
און כאַטש די מאַרק-גאַס שרייט מיט כעס,
קומט דאָס אַלץ אים פֿאַר אַזוי באַקאַנט:

עס דערמאַנט אים גאָר אַ היימישן יאַריד אין שטעטל,
אַרום דעם פּאַסטוכס לאַנד מיט פּאַשעס,
וואָס זילבערן מיט טויאיקע טרערן, ווען די פּריאיקע קאַיאָרן
פאַרמעקן פון הימל די מיניעדיקע שטערן,
און די וועגן מיט גראָזן פאַרשטאָכן,
שמעקן מיט רעגן און מאָכן.

דער שניי
טיף און געדיכט.
דער ווינט שלייפט אויף די פענצטער
דאָס אייזיקע ליכט.

הענער קרייען. קעץ וויינען.
הינט ראַיען אין די פאַרמיסטיקטע שנייען
און וואַיען.

ביים אָנגערויכערטן שענק־הויז
פול מיט בייזן געבֿרויז,
אַ לאָמער בעטלער אויף אַ רעדערדיקער שטול,
מעלאָדיעט אויף אַ האַרמאָניק,
און ציט דעם זיסן ריח
פון לויטערן האָניק.
דער מאַרק פול מיט פאַרמער הויך און שטאַרק,
שמעקט מיט שוויים פון פערד, און מיט פרישע גרינסן
און רייפע פרוכט, אָנגעטרונקען מיט זון
פון אַ שטענדיק־זומערדיקער ערד.

מענטשן דינגען זיך.
עס קלינגען שפּראַכן
פון ווייטע, היימישע שליאַכן.
פאַרמער מיט פנימער פון ווינטן פאַרבראָטן,
היטן די שטעלן און קלאַפּן די אָנגעדראָלענע הענט
אין די שווערע, האָריקע קאַפּאָטן.
עס ברענען די בלוטן.
פרויען אין שייטלען, פרויען אין הוטן,
דינגען זיך און זייטלען די אויגן
צו די פאַרמערקעס, וואָס קלינגען
דאָס קופּער און זילבער־געלט
אין גרויסע, פאַרפעצטע, לעדערנע בייטלען.
די פאַרמערקעס שמייכלען, פאַרקויפן אויפן וואונק.

און די פאַרמערס קרישלען טאַבאַק-בלעטער,
און אומבאַקאַנטע, פרעמדע ווערטער
קייקלען זיך אַראָפּ פון דער צונג.

עס זילבערן די מאַרק-ווענט.
מענער און פרויען דינגען זיך,
עס ציילן די צען פינגער פון די הענט . . .

דער באַרג בלישטשעט און בלענדט
מיטן באַלויכטענעם צלם אויף זיין צעזוניקטן קאַרק.

יאָסל איילט. עס ווינטיקן די שנייען,
און פאַרשלינגען די ליאַרעמדיקע געשרייען.

וואָד

אין עופות־קראָם

גרין-אייזערנער פלויט
הויקערט זיך און פרירט.
אַ שילדל בלויט אויף
אַ ברייטער טיר: —
„בשר כשר, בהשגחת וועד העיר".

אויף ווערטער האַלב-אָפּגעריבן,
וואַרפט דער ווינט שנייאיקן שטויב,
און ברילט אויף דער שויב
פאַרשריבן מיט גלאַנציק-גרינער טינט: —
— אונדזער שוחט פון אונדזער סטריט
אַ היימישער, פרומער ייד.

זיין נאָמען איז מיסטער פיין.
דעריבער פאַר אונדזערע כשרע, פעטע „טשיקנס"
שטייען פרומע ווייבער אין „ליין".
יאָ, מיר שעכטן און פליקן
יעדע „טשיקן".
מיר „דעליווערן", מיר פירן
צו די ווייטסטע טירן.

אונדזערע „טשיקנס“ באַטעמטער פון אַ מילגרוים.
איז ווייבער קומט און קריגט „באַרגענס“
אין סטאָר פון מיסטער בוים.

ווינטיקער שטראָם שטויסט אים אַריין
אין דער גרויסער, פולער עופות-קראָם.
אַ יונג מיט אַ רויט-פאַרשוויצט פּנים
און צוויי לאַנגע הענט שרייט: —
מיסטער בוים, אייער סטאָר איז
ווי אַ קאַלטער דרויסן מיט ווענט.
איר ווייסט, איך בין נישט קיין „קיקער“,
„באָט“ היינט איז דאַנערשטיק און וואו
איז אייער פראַנצויזישער „טשיקן“-פליקער?

דער פעטער אָנגעטאָן אין אַ פוטערנעם וועסטל
שמייעט און חוזקט פון דער מומען, וואָס
זיצט אויף אַ האָלצערנעם קעסטל.
פאַרפלעקט מיט בלוט איז דעם פעטערס
שוואַרצער, האַרטער הוט.
ער ווינקט צו יאָסלען
און רעדט צו אים אין גוטן מוט:
— יאָסל, פריער אַ הייסע גלאָז-טיי טרינק,
דערנאָך שווענק אָפּ די ידים
אין צעטראַסקעטן „סינק“, וועסטו כאַפּן אַ ביים
פון דער מומעס ראָסעלע מיטן געשמאַלצענעם רייז.
יאָסל פאָלג מיך, ווער אַ פעדלער,
כל זמן האָסט נאָך אין זיך דעם גרינעם זאַפּט.
וואָרים אַלע דיינע קענטשאַפטן האָבן דאָהי נישט קיין האַפט.
דער פעטער שמייכלט און שפּאַסט:
— נשים, זייט נישט אין כעס:
דינגט זיך און קויפט כשר עוף — עכט כשר,
ביי אַ יידן — אַן איש תם וישר.

מיט פאַרשטייפטע פינגער פון קעלט,
די מומע רעכנט און ציילט דאָס קליינגעלט.
זי בייזערט זיך און וואַרפט דעם פעטער
אַ שאַרפן בליק: אַ ייד זאָל פּראַוון אַזוינע שטיק!
דער מומעס אויגן בראָטן. די ווייבער לאָכן און באַטאַפּן
די פריש-געשאָכטענע עופות, וואָס צאַפּלען זיך
אויף לאַנגע, פאַרצויגענע דראָטן.

און דער פעטער קוקט אויפן פענצטער מיטן אויסגעמאָלענעם געלן האָן,
און שפּאַסט: — אָביסל „פּאָן"
דאַרפן אויך די ווייבער
פון אונדזער גאַס.
קומט אַ „קאַסטימער" אַריין אין סטאָר, זאָל ער וויסן,
אַז מיסטער בוים ווינטשט אים לאַנגע, לאַבנדיקע יאָר.
נאָר ביים שוחטל מיטן פאַרבלוטיקטן חלפל אין ווינקל-טויל,
שרייען די עופות פון ווייטיק און גרויל.
אַ שטראָל, ווי אַ געשאַרפט שווערדל
גאָלדיקט זיין געל, קיילעכדיק בערדל.
זיינע אויגן שוואַרצן זיך און זשאַרען.
זיינע פּייכטע ליפּן וואָרטשען און פּאַרען: —
„—די היגע ווייבער קריגן דאָ אַלץ פון גרייטן,
דעריבער טוט זיך דאָהי דאָס הפקרות פאַרשפּרייטן.

די ווייבער פאַרשייט און גרין בענטשן נישט קיין ליכט,
אָבי פאַר די מאָגנען פון מאַשין און פרעס
גרייטן זיי אויף שבת דעם פרעס".
דער פעטער פאַרשאַרט דעם האַרטן, הויכן הוט.
זיין אָנגעוויטיקט פּנים לויפט אָן מיט בלוט.
דער פעטער ברויזט און ווייזט אויף אַ ברייט-שטיינערן הויז:
— ר' שוחט זעט דעם עלנט און דעם פּיין
פון הונגעריקע וואָס שטייען אין דער „ליין",
און שטופּן זיך נאָך די וואַסערדיקע זופּן.
יאָ די לייט וואָס זיינען גרין
האָרעווען שווער בײַ דער מאַשין,
און פון דער נאָדל און פרעסאייזן
ווייב און קינדער זיי קאָנען קוים שפּייזן.
און איר פרומער לייבצודאַק, וואָס זעט אויף איטלעך איינעם אַ פלעק,
איר ווייסט פאָרט נישט פון קיין לאַנגן, הונגעריקן „סלעק".
איז פאַרוואָסזשע פאַרגינט איר נישט אָן אויסגעמוטשעטן שניידער
דאָס וואַרעמע בעט, און דאָס שבת'דיקע עסן צו דער זעט?
איר טייטלט אויף אַ יידענע אָן אַ שייטל.
אָבער אייך אַרט נישט די גראָבקייט פון אַ לאַנדסמאַן
מיט אַ פולן, פעטן בייטל!

יידישע פרויען אָן שייטלען! וואָסזשע איז דאָס אַזוי געפערלעך?
אָבער עס איז שוין גאַרנישט שיין און ערלעך
צו גיין אויף קידוש צו וואָווע צאַפּ וואָס
פּייניקט די גרינע אין זיין שאַפּ!"

דאָס שוחטל וואָס פרומט און פייכטיקט מיט די אויגן,
רעדט אומעטיק-צעצויגן:
„—אלע גרינע זיינען גיך מיט די הענט
און פאַרדינען אויף עסן און רענט.
איך ווייסט איר גאַנץ וואויל:
אַז ווער עס איז נישט פויל,
מעג ער זיין אַלט און גרין,
לערנט אים וואָווע נייען אויף דער מאַשין.
טאָקע ווען וואָוען שרייבט זיך אין יידישן בלאַט,
אַז פאַר אונדזער שול האָט ער געקויפט אַ נייעם „לאַט" . . .
דאָס שוחטל, קויטיק און קליין,
וויגט דאָס קעפל
אויפן דאַרן געביין.
ער פאַרשקעט מיט דער פלאַטשיקער נאָז,
און זעט דורכן שויבנגלאָז אין שנייאיקן רויך,
ווי נאָך שמחהלע פלאָץ מיטן פעסלדיקן בויך,
לויפט נאָך אַ מיאַקעדיקע קאַץ.
עס סקריפּעט די טיר.
דער ווינט קייקלט אַריין
אַ נידעריקן, קיילעכדיקן ייד
באַצויגן מיט שנייאיקן געפּריר.
דער אויסגעפּאַשעטער ייד קלאַפּט אָפּ דעם שניי
און לאָזט אַרויס אַ קול, ווי אַ האָן-געקריי:
"—אוי עס קלעטערט די עלטער!
מיסטער בוים, „פּליז", ריין אַפּליקן
אַ גרויסע, פעטע „טשיקן"!
איך וועל געבן מער אַ פּאָר סענט,
אַבי מיין בערטע זאָל נישט דאַרפן
פאַרפאַטשקען זיך די הענט".
דאָס שוחטל נעבעכדיק און שטום,
זיפצט פאַמעלעך און פרום.
אין קעמערל מיט די פאַרבלוטיקטע ציגל,
ער פאַרדרייט די פליגל פון אַ האָן,
וואָס רייסט זיך מיט זיין לעצטן געשריי
צו דער הינערשטייג מיטן פאַרמאַכטן ריגל.
דער אויסגעפּאַשעטער ייד
טאָפּעט מיט די שווערע שיך
און רעדט פאַרסאָפּעט און גיך:
— מיסטער בוים, אייער גרינער איז הויך און יונג!
„באַט" גרין זיינען די ווערטער אויף זיין יידישער צונג.

„שור" בא וואָווען אין שאַפּ
וועט איר פֿאַר אייער גרינעם קריגן אַ דזשאַב.
איך האָב נישט קיין „פּלעים",
„ביקאָוז" די יוניע האַלט מיך „ביזי",
און רייסט יעדן מאָנטיק אַ נייעם „רעיז".
„באָס", אויב ער וויל ווערן אַ האַנט וואָס שיסט,
און וויל אַרבעטן אַ פּאָר מאָנאַטן אומזיסט,
וועל איך פֿאַר אייער „באַי", יונג און גרין,
„טרייען" געפינען אַ ניי־מאַשין.
מיסטער בוים, „דאָנט וואָרי"! איך וועל טאָן מיין „בעסט",
אַז דער גרינער זאָל נישט דאַרפֿן
זיצן לאַנג ביי אייך אויף קעסט".
ער סאָפּעט און ציט דעם סיגאַרנרויך
און שפּאַרט דעם אויסגעפּאַשעטן בויך.
ער כאַפּט דאָס געשאָכטענע עוף
אין צייטונגען פֿאַרוויקלט, און וואָרטשעט:
„מיסטער בוים, פֿאַרוואָס קומט פֿאַר פֿליקן
אַן עקסטרע ניקל?"
דער ייִד איילט אַרויס פֿון קראָם
און פֿאַרשווינדט אין מענטשן־שטראָם.

דער מומעס בליק ברענט ווי אַ פֿייער־קויל.
קללות קייקלען זיך פֿון איר מויל:
„אַזאַ שמחה'לע פֿעלן מיטן גראָבן קאָפּ,
טראָגט דעם פֿעטן בויך, ווי אַ שמאַלציקן טאָפּ!
גאָטעניו, מיט זיין פֿאַבריק זאָל ער מאָרגן
ווערן דערשטיקט און דערוואָרגן!"
די מומע וואָס טרייסלט זיך פֿון ווייטיק און פֿאַרדראָס,
טוט מיט צאָרנדיקע רייד אַ גאָס:
„—אָט דאָס הייסט אַ גראָבער פֿליגל!
אין שטעטל פֿון גרויס הונגער
פֿלעגט ער ברעכן שלאָס און ריגל.
ער האָט פֿאַרגעסן זיין משפּחה די הייזער־גייער
אָבי אין „פּעדערעישאָן" איז ער אַ גאַנצער דרייער!
נאָר ביי גאָט איז אַלץ געמאָסטן און געוואויגן
און ער וועט באַצאָלן אים, און דעם שטיק פֿלייש —
די גראָבע בערטע מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן,
וואָס לויפֿט אַריין אין דער ווייבערישער שול מיט אַ קוויטש:
— מיסעס בוים, איך קום פֿון „מיאַמי ביטש"!
יאָ. שמחהלע פֿעלן מיט פֿאַרך־הייטל מיינט,

אַז אין קאַנאַדע קען מען דעם גאַנצן כבוד
קויפן מיטן פולן, פעטן געלט-בייטל.
נישקשה, אויך אין דער גרויסער שטאָט
איז דאָ אַ גאָט און ער צאָלט כפל-כפלים
צו די לייט מיט די רויבערישע ידים!״
עס קרייעט אַ האָן.
די מומע דערמאָנט זיך,
אַז זי דאַרף נאָך קויפן מעל און מאָן.
זי ציט אויף זיך אַרויף דעם אָפּגעקראָכענעם סאַק
און זאָגט: „עס איז נישט פאַר דיר צו זיין אַ פּעדלער
און זיך אַרומשלעפּן מיט אַ פולן פּאַק.
נו, שוין גענוג היינט דאָס האָנעץ-געקריי!
גרויס איז די שטאָט, גרויס איז די ערד!
איך וועל דיך נישט לאָזן פּעדלען און טאָפּטשען אין שניי,
ווי אַ מיד, אויסגעהאַרעוועט פערד!
האָסט ברויט צו דער זעט?
האָסט אַ ריין ליילעך מיט אַ ווארעם בעט?
אַזאַ ווי דו האָט אַ היים,
אַזאַ ווי דו איז נישט עלנט און אַליין.
עס איז שפּעט. אויף די שטריק
הענגט נאָך דאָס אויסגעטרוקנטע גרעט.
און שלמהלע שאַרפט שוין מסתם דאָס גאָל-מעסער
אויפן לעדערנעם פּאַס, און ציט קאַלטע, זויערע אוגערקעס
פון דער הויכער, האָלצערנער פאַס״.
די מומע אין פאַרקנעפּלטן סאַק
טוט מיט דער טיר אַ קנאַק.
זי רעדט צו יאָסלען און באַדויערט דעם פעטער,
וואָס פאַדעט אַרום אין אַ ווייסן כאַלאַט
פאַרשמירט מיט בלוט-פלעקן,
און וואַרפט קערנער צו די עופות
וואָס פּויקן אין לאַנגן, בלעכענעם בעקן.

וואַד

אינדרויסן

טריט שווער און מיד.

שטיבער פאַרזונקען אין שנייען,
שטילן און שטייען.

די מומע קרעכצט:
„—גאָטעניו, מיין טעם זאָלן פילן
ווער עס ווינטשט אונדז יידן שלעכטס.
איטלעך איינער נאָך דעם קאַנאַדע באַגערט.
און דאָ ווערן מענטשן פון הונגער פאַרצערט.

וואָרים פאַר מענטשן פון דער נויט,
קנעט קיינער נישט קיין ברויט.
בענקען זיי נאָך זעט,
נאָך אַ ריין, וואַרעם בעט”.

די טראָטוארן שמאָלן.
טריט צעמאָלן די שנייאיקע קרישטאָלן.

גליטשיק און ענג.
מענטשן פלאָנטערן זיך אין געיעג.
טריט קנאַקן.
יינגלעך אין געלאַטעטע יאַקן,
לויפן נאָך די וואָיענדיקע באַנען.
זיי ראַנגלען זיך, און צעראַיען
די פרוכטן און גרינסן, וואָס
פרירן אין די פולע, בלעכענע קאַנען.

די מומע קנעט דעם שניי
און רעדט אין טיפן וויי:
„—אַ שטאָט ווי סדום!
פול מיט עסנוואַרג יעדע קראָם.
נאָר די קינדער פון אָרימאַן,
שפּייזט מען מיט דער פוילער פרוכט
פון דער מיסט־קאַן.

אין שטאָט — אַ געהילך, ווי מען זאָל דאָ שטענדיק שיסן
מיט האַרמאַטן.
מענטשן, עלנט און אַליין, וואַלגערן זיך אין אָפענעם דרויסן,
און האָבן נישט קיין איין טאָג קיין זאַטן.

די מומע קנעט דעם שניי,
און רעדט אין טיפן ווײ.

הימל־שליאַך פאַרבט זיך
אין די פייערן פון פאַרנאַכט.
די זון קייקלט זיך אין די ווייסע טאָלן,
און די קופּערנע שטראַלן לעשן זיך
אויף די מעשן פון קלויסטער־קופּאָלן.
אויטאָס גליטשן זיך און בלאָזן.
רויט־צעצונדן שויביקע גלאָזן.

צלם אויפן באַרג שפּיץ בלענדט
מיט די אויסגעשפּרייטע, ברענענדיקע הענט.
צלם שפּאַרט זיין ליכט
צום הימל־געזיכט.

יאָסל און די מומע גייען אַהיים.
זייערע טריט, שווער און מיד,
קנעטן דאָס שנייאיקע ליים.

פון דעכער, פון פּלויטן
ברעכן זיך די אייז־צויטן.

אייז־היגלען גלאָזן און שפּיגלען.
און אויפן ווייסן שליאַך
צעשטערנט זיך די בלויע נאַכט.

טעג פון פיין

צווישן פראסטיקע ווענט
מיט קאלטן טרויער אנגעזאפט,
לויפט יאסל זוכן א שאפ, וואס
זאל באוויליקן אנצונעמען די מי
פון זיינע בעטנדיקע הענט.

אויפן הויכן היגל
בליציק און ווייס,
גליטשט זיך דער הימל
אויף א שפיגל פון אייז.

ווינטן כוואשטשען און זעגן
פארגלאזטעביימער אויף די וועגן.
דער שניי בארשט און בראט
די צעבלויטע, פרימארגנדיקע שטאט.

יאסלס טריט וויגן זיך
אויף שמוציקע, שטיינערנע שטיגן.
ער עפנט טירן.
זיינע ווערטער קאנען א שטיין רירן.
נאר די באסעס, מיט שטעכיקע בליקן,
הייסן אים זוכן בעסערע גליקן.
עס טרעפט זיין בליק פאלט
אויף די בליצנדיקע נאדלען
פון מאשינען וואלד.
א פארמאן ברומט
און שמייכלט שפאטיק, קאלט:
— „א נאדל, שפיציק, שארף,
אן „עקספיריענסד הענד" באדארף.
איך וועל דיר געבן א „טשענס",
ווען וועסט ווערן א גוטער אפערייטאר
בא לאנגע, פארמערישע „פענס".

יאסל עפנט טירן.
די ווערטער אויף זיין מויל פארפרירן.
עס טרעפט אויך א פארמאן, דורך א פארהאנג פון רויך,
מעסט אפ זיין לאנגן, ענגן קאפאט און זאגט:
— א גרינער, נעבעך, פון שאפ צו שאפ „וואקט".

„שור", יעדער איינער דארף קייען,
„סא", וועל איך דיך איין וואך „אויסטרייען".
פון גיין וועלן דיר די פיס בריען,
„ביקאוז", דארפסט אויפן לאנגן
„קאטער"-טיש די ווארע אויסציען
מ'עט „אויסמארקן" א „דרעס",
ווערסטו שפעטער, אן קיין שאדן,
זיך קאנען באדן אין פארע פון דער צעגליטער פרעס.

יאסל, אין איילן, הערט געלעכטער
פון א מאשינען-געביל.
ער וויקלט געוואנטן, און שפאנט אוים מיילן
אויפן שטויביקן דיל.

סוף-וואך, ווען פון בויגן זיך
און גיין, ברעכט זיין גאנץ געביין,
בלייבט דער פארמאן בא זיין
לאנגן טיש שטיין, ברילט
און בליאסקעט מיט די ציין:

—„סארי", „באי", צו אזא ארבעט
דארף מען זיין געזונט, ווי א גוי.
„שור" קומסט פון אן איידל-אויסגעפאטשקעט הויז.
דו קאנסט אפילו נישט „ביטן"
דעם קליינעם, אויסגעדארטן
פופצן יאריקן פראנצויז".

דעם פארמאנס רייד שטעכן
ווי דארן זיין געביין,
יאסל האמעוועט דעם צארן
און פארשטיקט אין זיך דאס געוויין.
די שטאט סאפעט
מיט ווינט און ווי.
יאסל אין שווערן קאפאט
קאפעט דעם טיפן שניי.

עס שרייען די מארקן.
עס וואיען די באנען.
רעדלעך ארבעטלאזע שטייען
אין צעטאפטשעטע פארקן און טענהן.

איינמאָל — און די ראַדיאָ צעקלאַפּט,
אַז אַרבעט קריגט מען
אין „סי. פּי. אַר. ריפּעיר־שאַפּ".

אויפן שאַרפן אייז
אַ מאַסע אַרבעטלאָזע גליטשט זיך און שפּרייזט.

הויכער ציגלענער מויער
פאַרריגלט מיט אַן אייזערנעם טויער.

וואַרשטאַט מיט רויך פאַרקאָפּטשעט.
יאָסל, מיד און מאַט, סאָפּעט און טאָפּטשעט.

ווינטן בראַטן. האָלצערנע שטיבלעך
פרירן אין גרויען, רויכיקן שאָטן.
די זון טאָפּיעט די אייז־רערן
אויפן פאַרסאַזשעטן דאַך.
זילבערנע טרערן טריפן
אויפן גליטשיקן שליאַך.

דער עולם שפּאַרט זיך און וואַרט.
מענטשן דורכגעפרוירן פון ווינטיקע קעלטן,
קאָפּען מיט די פיס, סאָפּען און שעלטן.
ערשט, ווען אויסגענאַגט איז דאָס געביין
פון לאַנגן, הונגעריקן שטיין, צעסקריפּעט
זיך אַ טירל
אין אייזערנעם פלויט,
און אַ מאַן מיט אַ פנים גלאַנציק רויט,
בויערט מיט בייזע אויגן און זוכט
אין מענטשן־ים.
אַרום ענג און געדיכט.
אין אַנגעצונדענעם לאָמפּ
צאַפּלט זיך דאָס ליכט.
דער עולם אין פּאַניק
שפּאַרט זיך צום אייזערנעם
באַפלויטעטן גאַניק.
דעם מאַנס אויגן — פלאַמיקע גלאָזן.
זיינע ברייטע, באַהאָריקטע ליפּן בלאָזן
האַרב־זיפלעכן ציגאַרן־רויך, וואָס

קרויזלט זיך און פאַרשמעקט
די פּראַסטיקע הויך.

דער עולם מיט אויגן
הונגעריק, אויסגעשאַרפט,
שטופּט זיך און שפּאַרט
צום מאַן וואָס זופּט,
און רייצט מיטן בלויען רויך
פון זיין גראָבן, שמעקעדיקן ציגאַר.

און דער מאַן, הילכיק און שאַרף,
צו די ווייטסטע ערטער
בייזע ווערטער וואַרפט:
„—העי, דאָנט עקספּעקט ביג פּעי.
איי ניד טו פּלאָמבערס,
טרי קאַרפּענטערס, דזשאָסט
פאָר וואָן דעי!"

פאַרגעסענע מענטשן,
פון עלנט געשטויסן,
ווערן געשמיסן
פון ווינטיקן דרויסן.
עס ליאַרעמען די מאַרקן.
די מענטשן־בריק שפּאַנט צוריק
דורך קויטיקע פּאַרקן
מיט צעוואָרפענע פּלויטן, און צאָרנדיקע זיי ציען
דעם ריח פון פרישע ברויטן.

דער ווינט אויפן פּנים בלאָזט.
אונטער יאָסלם איילנדיקע טריט
דאָס אייז פּלאַצט און גלאָזט.

אַ הונט הינקט, יאָמערט און טרינקט
דאָס טריפנדיקע בלוט
פון זיין אויפגעריסענער וואונד.

אַ שכור אָנגעכלאָפּטשעט
מיט בראָנפן און וויי,
טאָפּטשעט אין טיפן שניי.

עס רויכערט דער שנייאיקער שליאך.
שטיבער און דראָטן פאַרזינקען אין בלויען שאָטן
פון פרי־פראָסטיקן פאַרנאַכט.
יאָסל, פון ווינט געשמיסן,
טראָגט דעם צעצונדענעם פיין,
צווישן עלעקטרישע לאָמפּן,
וואָס גיסן קאַלטן, ווייסן שיין.

וויטיק ברענט אין די הענט
פון קעלט צעקאַרבט.
עס פיבערט דאָס געזיכט
פון פראָסט אָפּגעפאַרבט.

די טרעפּ פאַראַנקערט
אין פאַרשנייעטן טאָל, גלאַנצן
אין שאַרפן, פראָסטיקן שטאָל.

יאָסל קערט זיך אום אַהיים,
און ברענגט מיט
זיך נאַכט און פאַרשטיקט געוויין.

נאַכט

די מומע גייט אים אַקעגן
מיט ווערטער, וואָס באַדויערן און פרעגן:
— זוכסט נעבעך גאַנצע טעג,
ועסטו כאָטש אַמאָל קומען צו אַ ברעג?
פון קיך שפּאַנט די וואַרעמקייט
ביז דער טיר־וואַנט.
דער מומעס־געטריי־פאַרגרייטער טיש
זעטיקט מיט דער פולער האַנט.

די שטילע היימלעכקייט אין הויז,
לעשט אין יאָסלען פּיין און ברויז.
ער איז נישט איבעריק, נישט אַליין.
די וואַרעמע רו קייקלט
פאַמעלעך פון אים אַראָפּ
דעם טרויער־שטיין.

די מומע, מיט אַנגעטרערטע אויגן,
שאָקלט זיך און שאָטנט איבער
אַ לאַנגן, געווירטן פּאַפּיר-בויגן.

ווינטן אויף די שויבן וואָיען אויס
די פּראָסטיקע גרוילן, און צעבלאָזן
אין אויוון די בלויע פייערן
פון די ברענענדיקע קוילן.
דער טשייניק סיקעט. הייס און שוואַרץ
גלאַנצט די אַנגעגליטע שטאַרץ.

די מומע, טרויעריק פאַרטיפט
שרייבט צו משפּחה אַ בריוו:

„—צו מיינע טייערע ברידער און שוועסטער!
ראשית קום איך אייך מעלדן
פון אונדזער ליבן געזונט.
וואָרים נאָר גאָט אַליין ווייסט
מיין ווייטיק און מיין וואונד.

ווידער שרייבן די היגע בלעטער:
אַז מען פּייניקט און מען שלאָגט
יידן אין די היימישע ערטער.
איך האַלט דעריבער פון אייך אין איין קלערן,
און פון מיינע אויגן הערן נישט אויף
גיסן טייכן-טרערן. כ׳בעט
צו גאָט, אַז ער, מיט זיין גרויס רחמים
און גנאָד, זאָל מיך פירן אויפן ריכטיקן וועג,
אַז איר זאָלט קאָנען קומען אַהער, כאָטש אַרום די אלול-טעג.

עס איז שוין שפּעט, און דער פעטער
איז נאָך נישטאָ אין הויז. ער איז פאַריאָגט
און זעט שלעכט אויס. וואָרים מיאוס
איז שוין דער מסחר מיט די עופות
וואָס ציט אַרויס דאָס חיות.
אָבער דאַנקען גאָט, אַבי מיר זיינען
אַלע בקו הבריאות.
איז זאָל טאָקע גאָט אונז ממלא-זיין
און מערן. דאָס נעמלעכע פון אייך
און פון אייער ליבן געזונט צו הערן.

יאָ, איין גאָט ווייסט, אַז מיר איז שווער,
נאָר איך לייג דאָ אַריין אין איצטיקן
בריוו אַ פּאָר דאָלער מער, עס זאָל
זיין צושטייער אויף מצות און וויין.
איז האָט מיר אַ כשרן און פריילעכן
פּסח און זייט מיר אַלע געזונט.
און גאָט, דער שומר הבטחות, וואָס היט
זיין פאָלק ישראל און האַלט זיין בונד,
זאָל שיקן זיין הילף גיך און באַלד,
ווייל איר זענט דאָרט אין גלות-פּוילן,
ווי צווישן חיות אין אַ ווילדן וואַלד.

מער קיין נייעסן זיינען נישטאָ.
עס איז שוין נאָך פּורים און די שויבן
פון פראָסט זיינען נאָך אַלץ בלאָ.
דער שניי וויל נאָך אַלץ נישט צעגיין.
דער שאַרפער ווינטער מיט זיינע אייזערנע פרעסט
עסט זיך טיף איין אין קראַנקען געביין.

אָבער די וועלט איז דאָ סיי ווי וואויל.
עס פעלט חלילה נישט אין אויוון קיין קויל.

ווינטער, ווען עס זעט אויס אַז אַלע וועגן
זיינען פאַרצוימט, איז מען דאָ נישט זשעדנע
אין קיין שום פרוכט, אין קיין פאָמעראַנץ,
עפּל, באַר און פלוים.

עס איז אַ וואוילע וועלט, נאָר באַ
אַ סך איידלקייט און צניעות פעלט.
אַ סך פון די היימישע לייט אַרבעטן
זיך אַרויף, און ווערן פאַרריסן און פאַרשייט.

מיין מערכה איר קענט פאַרשטיין,
וואָרים אַליין, איך קום אָפּט
פון קראָם אַזוי מיד אַהיים,
אַז איך קאָן קוים אויף די פיס שטיין.
פון מיר אייער געטרייע שוועסטער
אסתר בוים".

די מומע ציט די פען פאָמעלעך און מיד,
און מורמלט אויס שטיל, און מיט געפיל

די ווערטער וואָס וויינען אַרויס
פון איר אַנגעווייטיקט געמיט.

אָפּן ליגט דער בריוו,
און די טרער טריפט
אויף דער מומעס קרומלעך
שפּיציקער שריפט.

יאָסל שיילט אַ פּאָמעראַנץ.
זיין בליק, ליב און ליכטיק,
גלאַנצט אַקעגן דער מומען,
וואָס טייטלט מיט אַ פינגער,
און ציילט אַצינד דעם דראָבנעם פּדיון
פון דעם טיפן, אָפּגעריבענעם,
לעדערנעם בייטל.

לאָמפּן־ליכט לויטערט און העלט.
די מומע שטעלט אויף
גלייכע, קיילעכדיקע זיילעכלעך
פון קופּערן און זילבערן געלט.

אָבער בעני קאָמעדיאַנט וויל דער מומען
אין חשבון פאַרמישן. פאַרנעפּלט ער
זיך אין אייגענעם ציגאַרן־רויך,
און הויבט אָן פון די אויגן
טרערן צו ווישן.
און מיט קול פון תחינהדיקן טרויער
דורכגעטריפט, ער לייענט וויינענדיק,
הויך דער מומעס פאַרטריפטן בריוו.

די מומע ווערט אין כעס:
„—בענעלע, ביי דיר איז יעדע זאַך
לאַך און שפּאַס!

אינדערהיים האַלט יעדער די נשמה
אין דער האַנט. מען שרעקט זיך
דאָרטן אפילו פאַרן אייגענעם שאָטן
אויף דער וואַנט, און דיך, בענעלע,
האָט אָנגעכאַפּט דאָס געלעכטער,
ווי דער שומר ישראל זאָל חלילה

שוין מערגישט זיין אונדזער געטרייער
וועכטער.

בענעלע, ביסט אַ ליץ און אַ פּאַיאַץ,
און שכל האָסטו ווינציקער
פון אונדזער שלעפעריקער קאַץ".

אָבער בעני האַלט זיך שוין
פאַרן בויך, און לאַכט האַרציק און הויך.

אים אַרט נישט, דער מומעס שטראָפן.
זיין לאַכנדיק פּנים ווערט
מיט פריידיקע טרערן פאַרלאָפן.

די מומע פאַררייסט בייז דעם קאָפּ,
און זי נעמט אַרויס פון ווייס-געגלייזטן
טאָפּ אַ פלעצל מיט מאָן און זאָגט:

„—ביסט שוין ווי די היגע „באַיעס",
אַלצדינג איז באַ זיי „פאַן".
בעסער פאַרשטאָפּ זיך דאָס מויל
און הער אויף קרייען ווי
אַ קאַלעקוטסקער האָן".

נאָר פון בעניז דאָס געלעכטער פליצט.
ער ווינקט צו יאָסלען און רייצט:
„—אָ-וואָ! רינגלעך-רויך! פאַרליבטע
שלאָפן נישט, און פליען זייער הויך.

מומע, באַשטעלט באַצייטנס
אַ געבראָטנס מיט אַ גילדערנער יויך,
ווייל אין ווינקל, דאָרטן אין שאָטן
זיפצן שלמה און גיטעלע
ווי אַ פאַרליבט פאָרל באַנאַכט
אין אַ פינצטערן גאָרטן".

די מומע שמייכלט גוטמוטיק און זאָגט:
„—בענעלע, טשעפּעסט זיך היינט, ווי
אַ בייזע פלאָג".

אָבער די מומע קאָן שוין מער נישט
איינזיצן אויף איר אָרט. זי איז נייגעריק,
און וויל אויפכאַפּן פון ווינקל אַ וואָרט.
און אין קיך, איילִיק און גיך
שאַרכען אריין אירע שיך.

שווייגנדיק און פאַמעליך זי גיסט
פון פאַרענדיקן טשייניק די טיי, און אירע אויגן זוכן
אין ווינקל די שעפּטשענדיקע שאָטנס צוויי.

גיטלס געזיכט אומעטיקט אין שאָטנדיקן
שיין פון ווייסן, קליינעם לאָמפּן-ליכט.
שלמהלעס בליק, פאַרבענקט און פאַרבלויט,
פייכטיקט און שמייכלט, און ער רעדט צו
איר שטיל און פאַרטרויט — וועגן דעם,
אַז זיין לעבן איז אין איר אָנגעבונדן,
און די ליבע העל און הייליק
אין זיין האַרץ איז לויטער אָנגעצונדן.

גיטעלע שווייגט און אומעטיקט מיט די גוטע,
געטרייע אויגן, און ציט און שטייפט
די בלוזע-שנור אַרום איר
דינער, גלייכער פיגור.

גיטעלעס פּנים בלאַסט טרויעריק, פאַרמאַטערט.
זי האָרכט און פאַרכט און פלאַטערט.

פלוצלינג, אַ דין געכליפּ
פליסטערט אין דער שטוביקער שטיל:
„—שלמה, איך האָב דיך ליב,
איך וויים עס און איך פיל".
גיטל דעם קאָפּ פאַרהויבט.
און שלמה אַ צעליכטיקטער
לאַכט צו דער שויב,
פאַרבלויט מיט פראָסט און נאַכט.

זיין בליק פייכט. זיין פּנים
בלענדט. פאַרגלויבט,
ליב און לייכט ער הויבט זי אויף,
און ער טראָגט זי אויף זיינע הייסע הענט.

שעפּטשענדיקע ווערטער גליען.
אויף די פּראָסטיקע ווענט
שאָטנס צוויי פלאַטערן און פליען.

די מומע מורמלט נחתדיק,
פאַרטראַכט. בעני ווינטיקט
אַריין אין קיך דעם רויך
און לאַכט לוסטיק און הויך.

גיטלס שיינע, מילדע אויגן
מיט שנירלעך טרערן
ווערן פאַרצויגן.

אומגעריכט,
אַ פרייִדיקער פלאַם
צעגליט זיך אויף איר
שעמעוודיק, פאַרטרערט געזיכט.
צאַרט און געצאַמט
זי ציטערט, און ברייט
מיט הייסן ליכט.

בעני קוקט פון דער ווייט,
נאָגט דעם ציגאַר און זאָגט צעשטראַלט:
„—מומעשי, מ׳עט נאָך זאָגן אַז ביי אונדז
וואוינען פאַרשייטע לייט, איז בעסער
פאַררוקט דאָס פאַרהענגל, באַלד, מען זאָל
פון אַ קעגנאיבער אין די שטיבער
נישט זען גיטלס אויפגעהויבן געשטאַלט.

די מומע שפּרינגט-צו צו שלמהן
און מורמלט: „—אוי ער ווערט מיר אַזש קאַלט
וואַרים עס קאָן ווערן
אַ געטומל, און די גאַנצע גאַס
זאָל זיך צונויפלויפן באַלד.

שלמה, לאָז זי נאָר פּאַמעלעך אַראָפּ
קענסט איר נאָך חלילה
אַ קלאַפּ טאָן אין קאָפּ. מיר
דאַכט, איך הער דעם פעטערס
טריט אויף די טרעפּ. זע,

רייסט דאָך אָפּ פון איר
פריש־געפּרעסטער בלוזקע —
אַלע פּערלמוטערנע קנעפּ".

דער מומעס באַקן מיניען
אין ראָזן קאָליר.
זי איילט און ריגלט אויף
פאַרן פעטער די פראָנט טיר.

שלמהס בליק פריידיקט און פייכט.
ער וויגט זיך לוסטיק און לייכט.

גיטל אויף זיין אַקסל אָנגעשפּאַרט,
שעפּטשעט צו אים מיט גרוים געפיל.
ביז פּאַמעלעך און צאַרט
ער לאָזט זי אַראָפּ, אויפן ווייכן,
באַטעפּעכטן דיל.

שלמה שלעפּט אויף זיך דעם
שווערן, האָריקן קאַפּאָט,
און בעני קאָמעדיאַנט טראָגט אים
אַ גלאָז־טיי, היים
און פאַרעדיק פון זאָט.

נאָר שלמה יאָגט זיך
און זאָגט: — שוין שפּעט. בעני, לאָמיר
גיין און טאַקע צוזאַמען, אַניט
וועלן מיר נאָך דעם מיטינג פאַרזאַמען.

די מומע ברומט פאַרדראָסיק
און בייז: „—משוגענער, טרינק,
כּל זמן די טיי איז היים.

זע נאָר דעם גבור וואָס
לויפט יעדע נאַכט צום
רויטן צבור?
ווייזט אויס, אין דיין
קולטורנעם צענטער, פעלט
אוודאי צום מנין אַ צענטער?"

שלמה און בעני לויפן אראפ די טרעפ,
און דער שנײ יאָגט, ווי אין
אַן אָפּענעם סטעפּ.

די מומע זיצט קעגן פעטער און קלאָגט:
„—פון דעם שלמהן איך האָב בלויז יסורים און פּלאָג.

וואָר, איך האָב אים זייער גערן,
אָבער שוין צייט אים דאָהי
געזעצטער צו ווערן.
וואָרים, ער איז דיר נישט
עפּעס סתם קיין פּראָסטער יונג,
וואָס קלאַפּט סתם אַזוי
מיט דער פלינקער צונג.

אָבער איין זאַך:
ער איז צו גיך
מיט דער שפּראַך, און אַזוי ווי
אין דער אַלטער היים
ציט אים דאָהי, צום
רויטן פאַראיין. און אויך
אין קאַנאַדע ער פירט
די גאַנצע גראַנדע ביי
דער היגער, רויטער, היציקער קאָמאַנדע.

און יעדן טאָג אַקוראַט —
ער איז אויף אַ הונגער-פּאַראַד . . .

און די „פּאַלים" מיט אַזעלכע
וואַלגער-העלצער שלאָגן
צעבלוטיקטע מענטשן, און וואַרפן
זיי אַריין אין אַן אָפּענעם,
אײַזערנעם וואָגן.

גיטעלע, דער שלמה דײַנער
איז אַ וואוילער און אַ פיינער,
אָבער אויך אַ יונג, אַ ברען!
איז למען השם, רעד צו אים,
אַז דו ווילסט נישט מען זאָל
אים אָפּט אויף אַזעלכע פּאַראַדן זען".

גיטל, פארקלערט, ענטפערט
פריידיק, פארטרערט:
— מומעשי, איך קאן עס נישט
פארמיידן, ווייל ער קעמפט
אז מענטשן זאלן קיין
הונגער נישט ליידן.

די מומע רעדט נישט מער,
נאר טאפט ביים אויוון
די הייסע רער.

יאסל קוקט אויפן קינדערישן גרעט
וואס טריקנט זיך אויף דער
הויכער, האלצערנער שטאנג
און גיטלס רייד, אין דינעם,
ווייך־ווארעמען קלאנג,
לויטערן זיין צעפיבערטן געדאנק.

יאסל נאך ליבשאפט גארט,
אויך צו אים איז צירל
ליב אזוי און צארט.

גרוי גליווערט איבערן בארג
דער הימל. יאסל קרישלט
פון פענצטער דעם פראסטיקן שימל.

און אין דער נאכטיקער שטיל
ער ווייסט און פילט, אז
ער איז איבעריק און אליין,
און אז גוט וואלט געווען
אז אויך ער זאל אנהויבן גיין
אין קולטור־פאראיין — — —

גיטל און שלמה

ביי דער מומען אין הויז,
צווישן שלמהן און גיטלען
די ליבע שטארק און גרויס.

גיטל מיטלוואוקסיק. פון איר קיילעכדיקן פנים
מיט דער צארט־טונקעלער הויט,
פינטלט זיך אַ דינער ברי העל און רויט.
און פון דעם טרויער וואָס ברענט
אין איר האַרץ, זיינען אירע אויגן
גרויס, גאַפנדיק און שוואַרץ.

צוליבן קינד קאָן זיך גיטל נישט פאַרגינען
צו גיין אין שאָפּ פאַרדינען.
דעריבער, אין הויז, פון פריען באַגינען
אירע טעג אַנטרינען אין גיכן געשריי
פון צוויי אייגענע ניי־מאַשינען.

ביים נייען און שערן,
זיצט זי און קנייטשט דעם ווייסן, קליינעם שטערן.
אירע אַקסלען — רונד און שמאָל הויבן זיך,
בעת די נאָדל זשומט מיט איר שאַרפן שטאָל.
זי צייכנט און נייט די נייסטע מאָדעס
פאַר יונגע פרויען, וואָס טראָגן
געפלאָכטענע הוטן פון געפאַרבטע שטרויען.

און אין דער גאַס די ווייבער זאָגן:
אַזאַ גיטל איז ווערט מען זאָל
אויף די הענט זי טראָגן.
וואָרים גיטל איז גוט און שיין.
גיטל גיט דער וועלט גוטסקייט
צו פאַרשטיין . . .

נאָר גיטל שוויגט און האָרכט,
זי צאַפּלט אָפּט אויף און פאַרכט,
ווי אין יענעם טאָג נאָכן
פּאָגראָם, ווען זי ווערט
פון גרויל געיאָגט און געפּינט

איר מנחמען ארויפגעשטאָכן אויף די גלאָזיקע
שאַרפֿן פון אַ הויכן, גאַרטן־צאָם.

אין לויטערן פרימאָרגן־שיין,
זי בלייבט עלנט און אַליין
מיט איר געוויין און פיין.

אין הילצערנעם ירושה־הויז
ביים וואַלדיקן וועג,
ברענען אוים אירע
יונגע, בענקענדיקע טעג.

באַנאַכט, איר צימערל — טרויעריקער
פון אַ צעל. אין צעבליטן גאַרטן
שפּאַנט אַ שאָטן לבנהדיק און העל.

און זי, פאַרקוקט צום אויסגעשטערנטן
הימל־ראַנד, וויינט און וויגט
דאָס קינד מיט דער פיבערדיקער האַנט.

ווייסע נאַכט זילבערט דאָס
זאַמד אויפן פאַרלאָזענעם שליאַך.
און איר דאַכט זיך, אַז ביים
בלעטערדיקן וואַלד שפּרייזט
אַצינד מנחמס פאַרבלוטיקט געשטאַלט.

שטענדיק שוועבט פאַר איר מנחמס
פּנים מיט די העל ראָזעווע פאַרבן,
ווען פאַרטיפט אין קלערן ער שפּרייזט
אין שטיבל אום, און אויף זיין
הויכן, שיינעם שטערן שטריקן
זיך דיגע, שאַרפע קאַרבן.

פאַרבענקט זי געדענקט
די פאַרנאַכטן, פון זייער גיין
שפּאַצירן, און דאָס גאַנצע שטעטל
קנאָהדיק קוקט נאָך ביי
ברייטע, צעעפנטע טירן.

די וואסערן פון דער שליוזע ברויזן,
און זי אויף דער לאנקע גלעט זיין
שיינעם קאפ מיט די שווארצע קרויזן.

אונטיקע שעה שוועבט
אויף דער טייכיקער בלא.

צווישן בוים און שטיין
ביידע פארליבט און שיין.

יונג און לוסטיק,
ביידע ריין און גלוסטיק.

אויף זיין מויל ברענען
אירע שארפע ציין.
זי פיבערט, און ער שעפטשעט
און צערטלט איר דין-ציטערדיק געביין.

זומער. פרי אנטרינט די נאכט
פון פארשלאפענעם, דארפישן שליאך.

די וואסערן שווימען און קלארן
אין גאלדענעם ליכט פון קאיארן.

און זייערע טוליענדיקע שאטנס געפינען
די זוכנדיקע, זשומענדיקע בינען.

זיי שפאנען צוריק מיט
דער פארהוילענער פאשע-בריק.

ער רייסט אוים א זיסן ריב
און סודעט: — גיטעלע איך האב דיך ליב.

ער פארטרויט איר, אז צו לערנען
וויסנשאפטן איז זיין באגער און ציל,
נאר אזוי ווי ער האט נישט קיין
ברירה, מוז ער דערווייל זיין
א בוכהאלטער אין דער פאראווער מיל.
זיי שפאנען אויפן שליאך.

און פון ליכט און ליבשאַפט
רעדט צו איר זיין שפּראַך.

און דאָס שטעטל מורמלט: אַז
לויטן היינטיקן שטייגער, איז
איר פאַרטרעט אויסגעקריצט
אויף זיין קליינעם, גאָלדענעם האַנט-זייגער.
און אַז לויט די כּללים פון היינטיקן
ראָמאַן, גייען זיי ביידע יעדע
נאַכט באַגעגענען די באַן,
און דערנאָך טוט זי אים אָן
פון רויטע רויזן אַ קייט, און די
לבנה וואָס גייט און העלט
אויפן נאַכטיקן פעלד,
פאַרזייט לויטער ליכט אויף
גיטלס פאַרליבט געזיכט.

נאָר מנחמען גייט אָפּט נישט איין
גיטלס קוש אויף זיין גלוסטיקער ליפּ,
ווייל ער פילט דעם פּיין פון
זיין חבר שלמה, וואָס איז אויך אין גיטעלען פאַרליבט.
חדר. קינדערישער געווימל.
אויף שאָטנדיקע שויבן גרינט
דער שימל.

שלמה איז מנחמס בעסטער חבר.
ביידע שאָבן פון דער חדר-קליאַמקע
דעם רויטן זשאַווער.

אָבער שלמה פאַרלאָזט די בית-מדרש שוועלן.
צו פופצן יאָר, צווישן
שניידער-געזעלן ערלעך און פראָסט
ער פאַרזוכט די האַרבע וואָר.

גיך ווערט ער דער בעסטער
מייסטער אין פאַך.
ער ווערט אַ פייערדיקער קעמפער,
און יעדן שניידער-באַלעבאָס שטאָלץ
און שאַרף ער ענטפערט מיט
די פלאַמיקע ווערטער פון תנ״ך.

שלמה צו דער ארבעט פעדערט
אין פראסטן באלמעלאכישן טראכט.
ער שטאלצירט מיט דער געפאסטער
קורטקע פון שווארצן לעדער געמאכט.

מנחם און שלמה — ביידע
אין גיטלען פארליבט.
גיטלס הארץ אין מנחמס שוין
פארקניפט. און כאטש שלמה
פון דעם איז שטארק געפלאגט,
דאך ער אליין גרויסט זיך מיט מנחמען
און זאגט: —
— מנחם איז געגליכן צו א זאק
מיט אלע שבע חכמות אנגעפאקט.

און אין געטומל פון שוסטערישן ווארשטאט,
דער קרומער מוינע אין ברודיקן כאלאט,
מורמלט און קלינגט מיטן אייזערנעם
העמערל: „שלמה ליבט זיך מיט גיטעלען
אין רויטן קעמערל. גיטעלע לערנט דארטן
די ארבעטער יידיש שרייבן, און שלמה
דרשנט, אז מען דארף די גבירים
פון דער שטעטלשער אנפירונג
פארטרייבן. און שפעט באנאכט
דורך געסלעך פארהוילן און געהיים
ער פירט זי אהיים . . .

אבער גיטל וויל נישט קיין
פראסטן בעל מלאכה פאר א מאן.

זי לויפט נאך מנחמען
און פאיעט אים מיט דער פרישער מילך,
ווארעם פון דער בלעכענער קאן.

גיטל קויפט געטאקט מעבל
און שיין-געשיר. העי חברה דראטווע-ציער
ברענגט א קאלט פעסעלע ביר!״

אזוי ציט זיך מער ווי א יאר,
ביז אין איין טאג און דאס שטעטל
ווערט אט וואס געוואר:

אין פרימאָרגן, מיט פולע קאַנען
אברהמטשע וואַסער־טרעגער באַגעגנט
שלמהן מיט אַ רענצל שפּאַנען.

אברהמטשע פרעגט:
— וואוהין דער וועג?

שלמה זאָגט: קיין קאַנאַדע
אין פריען פאַרטאָג.

אברהמטשע: שלמה זיי געזונט
און דערגרייך דיין ציל.
שלמה: איך דאַנק אייך זייער פיל.

אברהמטשע: און וואָס נאָך?
שלמה: מיין שיף פון גדיניע גייט אָפּ
אין אַ וואָך.
אַ שאָד, נישטאָ קיין צייט אַצינד מער
צו ריידן. גריסט מיר הארציק גיטלען
און מנחמען, און זאָגט זיי, אַז איך
וועל געדענקען איןביידן.

אברהמטשע: איך שטיי
אויפן פאַרבלאָטיקטן ברעט און רעד,
און ער זאָגט: עס ווערט שפּעט.
ער קוקט אויף מיר
טרויעריק און שטיל און באַלד
שפּרייזט ער אַוועק צום
וואַלדיקן זוים, וואו די וואַסער־מיל
פּיניעט און שוימט.

אברהמטשע אין מאַרקישן געטומל,
שאָבט אַ ווייסע, זיסע ריב און מורמלט:
דאָס אַלץ קומט, ווייל ער האָט גיטעלען
ליב. —

שלמהס בריוו

אין שטעטל
איין שבת קודש שלעפט דעם צווייטן,
און די יאָכיקע וואָכן אין חודש, ווי שווערע קייטן.
דאָס גאַנצע שטעטל שטוינט און שומט:
הלמאַי שלמה אין קאַנאַדע שטומט?
ביז אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג
אַ בריוו פון שלמהן זיך דערטראָגט:

„צו מיינע טייערסטע מנחם און גיטל! —
איר וואָלט מיך נישט דערקענט,
וואָרים איך טראָג דאָ ברייטע
פלודערן, אַ הויך היטל און אַ בלוי
קאָלירט העמד.
אָבער אומעטום די זעלבע וועלט.
די פאַבריקאַנטן ציען די אָדערן
און ווילן פון אַרבעטערס בלוט
און שוויים מאַכן געלט.

דאָך אין היגן לאַנד, וואָס
מען קאָן נישט אויסמעסטן זיין
גרויס, ווערט דער אַרבעטער
שפאַנען פאָרויס.

און כאָטש משוגה'דיק איז דאָ דאָס וועטער.
האָט די שטאָט דאָ פיל שיינע ערטער.
אַ וואַלדיקער באַרג צווישן מויערן און רויכן,
בלעטערט און קלעטערט צו די בלויע הויכן.

יאָ, דאָס לאַנד איז ליב און וואויל,
אַזש עס סטאַיען מיר נישט קיין
לויב-ווערטער אין מויל.

נאָר דער ווינטער דאָהי באַפאַלט
און עס וויכערט, ווי אין אַ וואַלד.

שטאָט גליטשיק און גרוי,
און דער הימל אויך אַזוי.

איין זאַך: די שטאָט ברויזט און קראַכט,
כאָטש די אייז־בלעכן אויפן שליאַך,
ערשט אין שפּעטן פרילינג
שפּאַלטן זיך און ברעכן.

אָבער אַבי די קעלטן אַנטרינען.
ווי גוט איז דעמאָלט אויפן
וואַלדיקן באַרג דאָס גאָלד
פון דער זון צו געפינען.

יאָ, די מומע אין אייך געדענקט.
און איך אַודאי און אַודאי
נאָך אייך בענק.

מיר ריידן און ריידן:
אינגיכן צו ברענגען אייך ביידן.

שרייבט און דעם טרויער פאַרטרייבט.
אייער שלמה וואָס שטרעקט
צו אייך זיין חברישע האַנט
פון ווייטן, וואוילן לאַנד".

די שטאָט בלישטשעט
אין אייזיקן שניי.
שלמה און די מומע
וואַרטן אויף בריוו
פון זיי.

שלמה פאַרטרויערטער און שטומער
האָרכט דער מומעס געבעט,
וואָס קלאָגט מיט יעדן
טאָג פאַרכטיקער און פרומער:

אַז ער, דער אל רחם וחנון
וואָס זיין דערבאַרעמונג איז טיף
און גרויס, זאָל פאַרמיידן
טרערן און קומער פון איר הויז.

אַזוי אַנטרינט דער ווינטער, ווינטיק
און קאַלט, און אין וואַלד,

באַרגיק און שטיל גרינגראָז
געפינט דער סוף־אַפּריל.

אַ גאַנצן זומער גייט שלמה
אום אַ פאַרטראַכטער און שטומער,
און ערשט אין שפּעטן האַרבסט
פון גיטלען ער דערהאַלט
אַ כליפּענדיקן בריוו
מיט אַ פאָטאָגראַפיע אויף
וועלכער עס אומעטיקט איר
שיין געשטאַלט.

שלמה זיצט אַ באַצערטער און שטומער
און האָרכט, ווי די מומע
וויינט און לייענט דעם בריוו
פון פיין און קומער:

צו מיינע טייערע: —
מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ פאַרנאַכטיקן שאָטן,
וואָרים מיין מנחם איז טויט.
און אויפן פלויט פון גאָרטן
זיינען נאָך רויט
די שטעכיקע דראָטן.

איך האָב אַ פּיצל קינד
אויף דער האַנט, וואָסזשע
וועל איך קאָנען אויפטאָן
אין דעם פרעמדן, קאַלטן לאַנד?

דערצו אַז מנחם פוילט
אין דער ערד צו וואָס
טויג אַזאַ לעבן. און וואָס
האָט אַזאַ וועלט פאַר
מיר די ווערט?

אָבער דאָ איז מיר סיי ווי
שלעכט. דער עיקר שרעקן מיך
די ווייסע, ווינטערדיקע נעכט.
כ׳האָב שוין מער נישט קיין

טרערן צו פאַרגיסן,
און אויך קיין כוחות נישט מער צו גיין
מיטן טרויער אין געפּעקט.

דעריבער וואָס איר זאָלט
דאָרטן נישט באַשליסן, וועט
זיין פאַר מיר ליב און רעכט.
מיין לעבן אין אייערס
איז איצט פאַרקניפּט. אייער
גיטל וואָס בענקט נאָך
אייך און האָט אייך
ליב.

פאַרטרערט איז דער מומעס
בליק און באַלד זי שיקט
איר אַ בריוו צוריק:

מיין טייערע גיטעלע!
וואָס וועסטו זיצן דאָרטן
מיט דיין אומגליק אין
ירושה־שטיבל באַ דער
לאַנגער בריק?

צו וואָס וועט דאָס פירן?
האָסט דאָך אַפילו נישט
די פאַר גילדן צו פאַרריכטן
די אויסגעטריקנטע, קרומע טירן.

איך שיק דיר דאָ אַ שיפסקאַרטע
און פאַפּירן, וואָרים מען טאָר נישט
אַזוי לאַנג, אין שוואַרצן טרויער
זיך צירן!

האָסט אַ קינד אין וויגל.
שוין טאָקע צייט זאָלסט
אויפסניי אַ קוק טאָן אין שפּיגל . . .

פאַר וועמען היטסטו דאָרטן
די ירושה־וואַנט?

קום אַהער, וועלן מיר כאָטש
זיין אין צער באַנאַנד.

ביסט נאָך שיין און יונג
אין קרעפטן. גאָט וועט העלפן
וועסט זיך ווידער צו עמעצן
באַהעפטן.

אויך דאָ איז שבת, אויך
דאָ איז וואָך. אומעטום מען טראָגט
דעם יאָך. אָבער זאָרג נישט
און הער אויס מיט קאָפּ, עס וועט סטאַיען
פֿאַר נאָך איינעם אין טאָפּ.
טייערע מיינע,
איך בין אָן קרובים
אין דעם דאָזיקן
גרויסן לאַנד.
איך בענק נאָך דיר,
און נייטיק זיך אין דיין
געטרייער האַנט.

האָב נישט קיין שרעק
און זיי געטרייסט. און גאָט
וועט דיך באַשירעמען
אויפן נייעם וועג
וואו דו גייסט.

איז ברוך אַ ד׳ יום יום.
פון מיר דיין בענקענדיקע
מומע אסתר בוים.

אויפן האַרבסטיקן וועג
פֿאַרעגנט מיט טרויער,
ווערן אירע טעג
איינזאַמער און גרויער.

אַרום וואַלד אין רויטן פיבער
לויכטן די נידעריקע
גרין-געפֿאַרבטע שטיבער.

און מיט דער יאָמערדיקער באַן
גיטל פאַרלאָזט דאַן דאָס
שטעטל מיט די בית־עולם־גריבער,
און קומט קיין קאנאַדע אַריבער.

דאָהי גרינגערן אירע טריט,
אַ ליכט לויטערט איר געמיט,
וואָרים זי האָט שלמהן ליב,
כאָטש נאָך מנחמס קוש
גלוסט נאָך אַלץ איר הייסע ליפּ.

זי גלעט שלמהן מיט
וואַרעמע אויגן, כאָטש
זי האַלט אים נאָך
פון דער ווייט. די מומע זאָגט,
זי איז שעמעוודיק
און איידל דערצויגן, און נישט,
ווי די קאַנאַדער אַלמנות
ווילד און פאַרשייט.

נאָר די מומע אינדערשטיל, וואַרט,
אַז גיטל, ליב און צאַרט,
זאָל אינגיכן ווערן שלמהס פרוי
און זי זאָל זיך מיט אים עלטערן
ביזן טיפן גרוי.

פרייטיק צונאַכטס

אויף דער מומעס געזיכט,
אויף אירע בעטנדיקע הענט
דער שיין פון די ליכט
ציטערט און בלענדט.

זי תחינהט און בעט:
גאָט געגרויסט אין לויב,
געדענק דיין דינסט, וואָס
איז ערד און שטויב.

מעג זיין אָרעם, מעג זיין ענג,
אַבי דעם שבת־קודש אין שטוב אַריינגעבראַנגט.

אויף איר שטערן שאַרפן זיך
די מעסערדיקע קאַרבן.
אין אירע אויגן שפּיגלען זיך
פון טרויער די פאַרבן.

ביי די לויכטנדיקע ליכטער,
ביי זייער לויטערן פלאַם,
די מומע רעדט און בעט
פאַר דער גאַנצער משפחה
פון עבר לים.
און די טרערן, וואָס טריפן
דורך אירע פינגער, שטילן איין
דעם פּיין דעם טיפן,
און מאַכן דאָס האַרץ איר גרינגער . . .

דער שבת רוט אויפן טיש.
טרער נאָך טרער די מומע ווישט:
גאָט באַשירעם פון הונגער און ווירבל־ווינט.
באַהיט כל ישראל און אויך מיין אייגן הויזגעזינד.

אין דער קאַראַפינקע פלאַמיקט
דער רויטער וויין.
אויף די שאָטנדיקע שויבן
בלויעלעכט און בלאַסט דער ציטערדיקער שיין,
און קאָן נישט פאַרשבתן די ליאַרעמדיקע גאַס . . .

פראַסטיק און ווייס קלאָרן
די פענצטער פון אַקעגנדיקן גאָרן.
אַ יונג — ברייטפּלייציק און הויך
שוויצט אין רייצנדיקן רויך
פון אַ געפילטער, פאַרעדיקער מילץ,
און זיצט ביי דער ראַדיאָ, וואָס
ברומט און גרילצט.

פלוצים צעציטערן זיך די שויבן אויפן גאָרן,
און אַ ליד פון צוויי פאַרליבטע, פאַרלאָרן אין אַ פעלד פון קאָרן,

בריט אין הייסן „דזשאז“, אזש די אויגן
ביים יונג ווערן גלוסטיק, נאַס.

די מעלאָדיע אומעטיק און זיס
כליפּעט צום דינעם פּייקלען
פון די טאַנצנדיקע פיס.
און מעש און קופּער קנאַקט
און קלינגט צום טאַקט:
„דיר, דאַנט בלאָו דהי האָרן.
לעטס געט לאָסט אין דהי פילד אָף קאָרן.
דיר, מיי לאָוו אים טרו
דאָנט בי בלו . . . “

די גאַס וויכערט און ווימלט.
נאָר איבערן באַרג דרימלט
אַ שטומער, אַ שטערנדיקער הימל.

עס וואָיעט אַן אויטאָ-האָרן.
יאַסל קערט אַפ דעם קאָפּ
פון דעם אַקעגנדיקן גאָרן.

די שויבן ציטערן פון שנייאיקן געבריל.
אין שטוב ליב און היימיש
שעפּטשעט די שבתדיקע שטיל.

די הויכע, שבתדיקע קאַרפּינקע
מיט דער געפּאַרבטער רויז גליט
און צינדט מיט גלאַנץ מיט רויטן
דעם טיש געגרייט און גרויס,
וואָס רייצט מיט פרישן ריח
פון חלות און געבייטלטע ברויטן.

דער מומעס שטילע טריט
שאָרכן אין שבתדיקער פריד.
און כאַטש דער שבת שוועבט אומעטום,
זוכט די מומע דעם שטעטלדיקן שבת
וואָס איז שטיל און פרום.
וואָרים אין ווינקל-וואַנט
די וואָך שפּאַנט.
אַ שרייב-מאַשין דאָרט זשומעט און ברענגט צוריק

פון גרויער וואַכיקייט דעם אומעט.
דאָרט דער מומעס עלטער ייִנגל
מיט אויגן גרוים און גרין,
זיצט אויסגעבויגן אויפן באַטעפּעכטן דיל,
און זיין שרייב-מאַשין מיט ציפערן בלוי און דין
פּיקט און צעפּליקט די שבתדיקע שטיל.

די מומע זיפצט: אוי גאָטעניו געֶרעכטער!
און בעני קאָמעדיאַנטס אויגן פול געלעכטער,
חוזקן און גלאָצן אויפן ייִנגלס מאָגער
און לענגלעך געזיכט, פאַרסאַזשעט
פון די ערשטע, שוואַרצע האָר-שפּראָצן.

נאָר די מומע מיט זאָרג אָנגעזאַפּט.
קלערט פון איר ייִנגל הויך און דין, וואָס
חשבונט און קלאַפּט אויף דער אַלטער,
צעכריפּעטער שרייב-מאַשין.

ער גאַרט צו שטודירן. דעריבער יעדן זונטיק
אין דער גרעסטער זאַווערוכע, מאָנט ער דעם טאַטנס חובות
און קלאַפּט אין פראַסטיק-פאַרהאַקטע טירן.

און זי קרעכצט:
„וואָס קומט דערוים,
אַז לערנען ער לעכצט,
אַז אַ גאַנצע וואָך,
בא זיין טאַטן דעם אָרעמאַן
ער שלעפּט אַזוי יונג
פון יאָך דעם שפּאַן".

די שויבן פאַרזילבערט אין אייז
ברענען פראָסטיק און ווייס.
די מומע פאַרקלערט און באַטריבט
צוקערט פאַרן ייִנגל אַ הייס גלאָז-טיי
און זייטיקט זיך צו שלמהן, וואָס קוקט
אין שפּיגל, און שמייכלט גלוסטיק-פאַרליבט
צו גיטלען, וואָס זינגט און פאַרוויגט
דאָס וויינענדיקע קינד
אין הויכן וויגל.

די מומע האָרכט גיטלס האַרציק זינגען.
זי שאָקלט מיטן קאָפּ, און אין אירע אויערן
באָמבלען און קלינגען
די גרויסע, גילדערנע ירושה־רינגען.
די מומע אויפגעלויטערט, פאַרטרוימט און גוט
קוקט אין הויף צום בוים, וואָס בלענדט
אין שנייאיק־זילבערנעם הוט.

די מומע פאַרווישט די טרער און קוועלט.
און דער שבת רוט און העלט
אויף איר טיש מיט חלות געפלאָכטן און גרויס,
וואָס זיסן מיט זייער שמעקעדיקן ריח
איבערן גאַנצן הויז.

נאָר אינדרויסן הינט וואָיען
הונגעריק און הויך, און ראָיען
אין רויך פון די פעטע גנאָיען.

די ווינטן שטילן זיך נישט איין,
זיי לויפן שיכור פון פראָסט און וויי,
און זויפן דעם ווייסן ווייַן
פון שטויביקן שניי.

און די ביימער שרעקן זיך,
און שטרעקן זייערע זילבערנע קרוינען
צו די הימלען, וואָס שטערנען און שטוינען.

דער שבתדיקער טיש

דער בעכער ציטערט אין פעטערס האַנט,
און גאָלדיקט מיט דער דין־געשליפענער ראַנד.

דער רויטער ווייַן
שפּיגלט זיך
אין ליכטיקן שייַן.

דער פעטער מיט אַ קול פרום און ריין
ניגונט דעם קידוש געלאַסן און שיין.

אין דער מומעס אויגן
פינקלט לויטער געוויין.
שבתדיקע פרייד
רוט אין איטלעך ווינקל
פון דער אויפגערוימטער היים.

פון גרויסע, אויסגעבאַקענע חלות צוויי,
שניידט מען רייפטלעך פּוכיק און ווייס ווי שניי.
בעני אין הויכן, שוואַרצן הוט
קוקט פריילעך און גוט.
ער האַלט זיך אין איין וויגן
און לויפט נאָך דעם פעטערס זמירותדיקן ניגון:
„כל המקדש שביעי כראוי לו״ —
אַ גאַנדז עסט סענדוויטשעס פון שטרוי.
„כל שומר שבת כדת מחלל לו״
אוי, אין רעסטאָראַן איז דאָס פלייש האַלב רוי.
„שכרו הרבה מאוד על פי פעלו״
אָבער שבת איז מיר גוט אַזוי:
די פיש זיינען זיס.
און דער פעטער בראָנפן
אין אַ קליין גלעזעלע גיסט.
דער הוט אויף זיין קאָפּ
זיצט ווי אַ הויכער, שוואַרצער,
קיילעכדיקער טאָפּ.
בעני קרייעט ווי אַ האָן
און פאַרלירט אינמיטן דעם טאָן.
אין שיין פון די ליכט
לייטערט זיך דער מומעס געזיכט.
בעני מיט אַ פּנים פאַרשוויצט און רויט,
פריילעך, שכורלעך אַלעמען פאַרטרויט:
„אַז צביהלע זיין פרוי
כאַטש זי פודערט זיך שוין די באַק
שלאָפט נאָך אַלץ אויף אַ זאַק פון שטרוי.
און לעצטנס מיט אותיות בלאַס און בלוי
זי שרייבט צו אים אַזוי:
מיין ליבהאַרציקער מאַן,
איך האָב זיך געקויפט אַ נייע, קופּערנע פאַן.
זיכער פלאַמט דיר דאָרט אַ באַק.
מחמת, אויף חנוכה, איך האָב אָנגעשטאָפּט
מיט פרישע שטרוי דעם זאַק.

פאַרוואָר, איך בין שוין עלטער מיט אַ פּאָר יאָר.
נאָר אין מיין קאָפּ געפינסטו נישט אַפילו
קיין איין גרויע האָר.
איך הער, אַז דאָרטן אין דער פרעמד
אַרבעסטו אויפן העכסטן שטאָק,
דעריבער פאַרלאַטע איך דאָ יעדע העמד
און פאַרצירעווע יעדן זאָק.
מיין מאַן, איך גרייט פאַר מיר אַ קלייד
מיט פינטעלעך גרין און בלוי, ווי
עס פּאַסט פאַר אַ היינטציימיקער פרוי.
נאָר צוליב איין זאַך, איך בין אין קלעם:
צי זאָל איך צופּן און ברענען די ברעם?
וואָרים די ליפּן שוין איך פאַרב.
און מיינע האָר, לויט דער לעצטער, זאַמאָשטשער מאָדע
איך קרויז און קאָרב.
פאַרוואָר, אייערע מאָדעס זיינען דאָהי
אויסטערליש און פרעמד.
דאָך וועסט חלילה פון דיין ווייב
נישט ווערן פאַרשעמט.
אינגיכן וועל איך פאַרקויפן דעם ירושה-גאָרן
און איך מיט חיימלען וועלן צו דיר אַרויספאָרן.
אַביסל געלט איך שפּאָר פאַרן מאָרגן.
כאָטש דיין שיפסקאַנטאָר האַלט אין איין שרייבן און טענהן:
אַז זי וועט באַזאָרגן מיט שיפן און באַנען.
יאָ, איך ווייס, אַז אַפילו די זון האָט פלעקן.
דאָך פון הי איך וואָלט אַוועק צו די ווייטסטע וועלט-עקן.
וואָרים מיר איז שוין נמאס דער ליימיקער באַרג
און וואָלאַדעק — דער בלינדער באָק פון פערד-מאַרק
וואָס שרעקט דאָס שטעטל און ציט
אַ ליאַדע-וואָס דעם פייער-גלאָק.
און זאָלסט נישט שטוינען:
אויב איך וויל באַ דער מומען וואוינען.
פרעג זי צי זי וועט באַשטיין,
וועלן מיר דאָרט מאַכן אונדזער היים.
יאָ, פאַר דער מומען, פיר איך אַ נייעם, געגלייזטן, פסחדיקן עמער
געקויפט ביי בערישל הויקער — דעם פאַיאַנס-קרעמער".

רינגעלעך-רויך פעדימען זיך
פון דער שבתדיקער יויך.
בעני מאַכט לויז

דעם שטייפן פּאַסיק אויפן פולן בויך.
דער פעטער מיט אויגן מיט געלעכטער פול,
קוקט אויף בעניו, וואָס רעדט
און רוקט די סקריפּענדיקע שטול.
דער פעטער שלינגט די זמירות
און קלינגט מיטן מעסער:
„בענעלע, וואָס טויג דיר זיין אַ פּרעסער,
ווער אַ קאָמעדיאַנט וועט דיין שם
גיין איבערן גאַנצן, גרויסן לאַנד".
בעני ציט די צינגעלעך־רויך,
וואָס לעקן די ליכטיקע הויך.
און ער קרעכצט מיטן ניגון
פון דער תחינה:
„אוי נעבעך די גרינע!
איז בנאמנות פעטערל, אויף היינטיקן פורים
טו איך אָן אַ פּאַיאַצן־מיין,
בתנאי, אַז די מומע זאָל
מיר אָפּקאָכן אַ קאַרטאָפל־גרייץ.
און מיט מיין צביהלען,
מיט אירע אויגן וואָס ברענען און ברוינען,
וועל איך בא אייך וואוינען.
דערצו האָב איך אַ געדאַנק
צו קויפןביים פאַרמער אייער אויפן שאָק.
איך וועל טראָגן די „פּעי" אין באַנק,
און מיין צביהלע וועט באַזונדער „סייפן"
אין אַ פאַרצירעוועטן זאָק.
טאָקע צו וואָס „מופען" אין פרעמדע דירות?
ווער וועט מיטן פעטערל זינגען די זמירות?
דאָ ווייס איך וואויל.
דעם שבת־קודש בענטשט
די מומע מיט איר פרום מויל.
און גאָט וואָס זיצט אויף אַ שטול פון סאַפּירשטיין,
צוימט זיין כעס, און דער מומעס געוויין
ער זאַמלט איין אין זיין לויטערן טרערנפאַס".
די מומע שמייכלט און קרעכצט:
„קיין קאַנאַדע קומט נישט קיין רעכטס!
אַט האָסטו דיר אַ בענעלע, דאכט זיך גאַרנישט קיין שלעכטער,
איז לצעוועט, ער, און לאַכט, און אפילו פון זיין אייגן ווייב
ער מאַכט ס'גרויס געלעכטער".

אין די גלעזער פול מיט זיסן, רויטן וויין,
שפיגלט און ציטערט ווייסער לאָמפּן-שיין.
די מומע שמייכלט און קרעכצט:
„בענעלע, דיין צביהלע וועט דיר צוגרייטן
אַ שבתדיק געקעכץ פון פיש, פלייש און אַ לאָקשן-יויך
אָנצושטאָפּן דיין הונגעריקן בויך.
נישקשה, וועסט זיך אַרויפּאַרבעטן און זוכן שענערע דירות,
וועסט פאַרגעסן די מומע און דעם פעטער מיט די שבתדיקע זמירות.
דערוויל הער אויף שטורכען איטלעך איינעם מיט די שפּיצן
פון די גלאַנציקע, שוואַרצע שיך און דעם
„כל מקדש״ כאַפּ נישט אָפּ אויף גיך״.
אויף דער מומעס פאַרקלערטע געזיכט,
אויף אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט,
דער שיין פון די שבת-ליכט
ציטערט און בלענדט.
בעני זינגט די זמירות אויפן הויכן קול.
און ציט פון אַ פּאַמעראַנץ די גאָלדענע שאָל.
די קאַץ אין דער קיך קייקלט זיך פון גרויס היץ,
און בליצט מיט גרינע, לויערנדיקע אויגן
צום אויוון מיט פלאַמיקער רויטקייט פאַרצויגן.
די קוילן גליען און שוואַרצן, און זייערע פייערדיקע ציין
בריען, און גריזשען דאָס אייזערנע געביין
פון שווערע, קיילעכדיקע שטאַרצן.

טעלער רייצן און שמעקן
מיט דער גאָלדענער שאָל פון מאַראַנצן.
די קאַץ בליצט, און פון אויוון די היץ
צעטאַפּיעט אויף די שויבן די פראָסטיקע פלאַנצן.

נאָכן עסן

ווייסע ווינטן אויפן שליאַך
וויכערן און וויגן
די ווייסע נאַכט.

די הימל-הויכן שווימען און שלינגען
פון די קוימען-טעפּ די געדיכטע רויכן,
וואָס וויקלען זיך, ווי לאַנגע, שוואַרצע צעפּ.

דער לאָמפּ אין עק־גאַס
הוידעט זיך און בלאַסט.

אין הויף דער הונט
הונגעריק און ווילד
לויפט און בילט.

דער דרויסן יאָמערט און ברויזט.
טיפער ווערט די שבתדיקע רו
אין הויז.

און די מומע וואָס דימעט אין דער שטיל,
טאַפּט די אותיות
דורך דער פאַרהויכטער בריל.

זי לייענט אין פרייטיקדיקן בלאַט
דעם ראָמאַן: „מאַרד ערשטער גראַד".

זי לייענט און אַלע הערן:
„לאַרעס אויגן — צוויי
בלישטשענדיקע שטערן.
שלאַנק און שיין איז איר
יונג פרויאיש געביין.
מיט איר געליבטן
זי שפּאַצירט באַם בלויען טייך,
וואו דאָס וואַסער שווימט
שטיל און גלייך.

אַ פויגל זינגט אויף אַ בוים.
לאַרע שוועבט, ווי אין אַ טרוים.

שיין איז אין האַרבסט דאָס וועטער,
ווען עס גאָלדיקן די רויטע בלעטער.

און די ליבע ברענט
אין שטיבל, וואָס שטייט
באַם טייך, צווישן
די הויכע פעלדזן־ווענט.

אין זיינע הענט
זי ליגט איינגעקלעמט.

אונ אירע קליינע בריסט
ציטערן אונטער איר
דורכזיכטיק העמד.

דין געשניצט אירע
הויכע, הירשענע פיס.
אונ איר קוש,
ווי האָניק זיסט.

אונ גלוסטונג גיסט
איר מיידליש לייב
אונ איר געליבטער פליסטערט:
זיי מיין ווייב!

ער דריקט זי שטאַרקער
אונ שטייפער, אונ זיין
ליידנשאַפט ווערט
שאַרפער אונ רייפער.

דער הימל בלויט.
אונ זי אין איר געליבטן
סיד איז פאַרטרויט.
אָבער ער איז געווען
געזונקען אונ פאַרדאָרבן,
אונ זי פאַלט פון זיין
ליידנשאַפט אַ קרבן.

אונ סיד, וואָס האָט
פריער געבלאָזן אירע טריט,
ווערט גיך פון איר שיינעם
קערפער זאַט. אונ ער לאָזט
זי איבער אַ שוואַנגערדיקע
אין קאַלטן חודש שבט.

זי איז געווען פאַר אים בלויז
אַ זאַפטיקע פרוכט.
אצינדערט אַ צווייטע,
אַ שענערע ער זוכט.

אָבער עס איז אים נישט
אָפּגעגאַנגען אַזוי גלאַט.

„פליז", פאַרפעלט נישט
און לייענט וועגן דעם אין
אונזער מאָרגנדיקן בלאַט".

די מומע פאַרקרימט זיך
און שפּייט: אַ שרייבער
זאָל זיין אַזוי פאַרשייט!

זי לייענט און לאַכט:
דאָס האָט דער שרייבער
פון אייגענעם קאָפּ אויסגעטראַכט.
די מומע ווישט די פאַרהויכטע בריל
און מורמלט פאַרדרימלט און שטיל.

יאָסל קוקט אויף איר
און קלערט: נאָך אַ וואָך
פון שווערער מי זיצט זי
מיד־און־מאַט, און מיטן
אומעטיקן ניגון פון נחלת־צבי
זי וויגט זיך איבערן ראָמאַנען־בלאַט.

די שטילקייט שומעט.
דער שבת לויטערט
דעם ליבן אומעט.

די ראַדיאָ פון אַקעגנדיקן גאָרן
וואָרנט, אַז מען זאָל
היינט בײַנאַכט פאַמעלעך פאָרן.

און דאָס זעלביקע קול
רעדט און גלעט:
„אין דעם דעפּאַרטמענט־סטאָר פון מיסטער פאָל,
אַן אויספאַרקויף פון קאָלדרעס און סוועטערס
פון ריינסטן וואָל. צום לעצטן מאָל
הערט דעם רוף. וואָרעם
אָט דער ווייכער וואָל וואַרעמט
דעם קאַלטסטן גוף".

דאָס קול לאַשטשעט און בעט
אין דער נאַכטיקער שפּעט:

„טראגט אונדזערע ווארעמע
ווייכע שיך, וואַרים די שטאָט
ציטערט אונטער דער שניי־ווייסער ציך".

און באַלד די ראַדיאָ
די לעצטע נייעס לאָזט וויסן,
אַז היטלער סטראַשעט
אַלע יידן אויסצושיסן.

דאָס קול מיט ווערטער פליסט!
איידער איך שליס,
„פון פאַלמערס צירונג סטאָרס
זייט געגריסט.

האָט נישט מורא פאַר קיין דאַטעס.
אויף קליינע ראַטעס לייכט און גרינג,
קלויבט אויס פאַר אייער כלה
דעם שענצטן רינג.

און יאָ, נאָכאַמאָל הערט:
דער ווינט די גאַסן קערט.
דער שטורעם איז גרויס,
זיצט אין הויז.
עס גייט נישט קיין אויטאָ,
קיין טראַם. דאָס איז די ענד
פון אונדזער פּראָגראַם".

די ראַדיאָ צימבלט און זינגט:
„גאַד סעיוו דהי קינג . . . . "

אין אַקעגנדיקן גאָרן
גרויען די פּאַרצויגענע שטאָרן.
דאָס ליכט לעשט זיך דאָרטן אויס,
און די שבתדיקע פרייד שווימט
ווידער אַריין אין דער מומעס הויז.

עס נידערט די שטיל.
דער ברודער לייענט
ביאַליקס לידער
מיט גרויס געפיל.

ער לייענט און לויבט:
„ביאַליקס ליד לערנט און דערהויבט.
די היינטיקע, מאָדערנע דיכטער
וואַרפן ווערטער פּוסט און הויל.
אָבער ביאַליק צינדט ליכט
מיטן וואָרט פון זיין מויל.
ביאַליק האָט זיין אייגענע צורה.
און פּאַטעטיש איז זיין יעדע שורה.
ביאַליק רעדט צום פאָלק בקול רם,
און זיין יעדער שיר האָט צימצום און טאַם.

זיינע שירי הזעם,
פון צאָרן און פיין
דער נביאישער פלאַם.

און זיינע שירי הזוהר
עפענען פון זון
דעם גאָלדענעם טויער.

ביאַליק האָט וואָרצל
אין יידישן אַמאָל.
אָבער ער זינגט צו אונדז
פון גרינעם טאָל".

פלוצים בייז און ביטער
ווערט דעם ברודערס קול:
„אייך היינטיקע דאַרף מען
שמייסן מיט אייזערנע ריטער.
ווייל איר זענט אַלע פּורקי־עול.
יאָ, וואָס איז אייער ראָל?"
און זיינע אויגן שאַרפן זיך
אויף יאָסלען מיטן בליציקן
גלאַנץ פון שטאָל.

יאָסל פאַרטראַכט זאָגט:
„מיר האָבן זיך אַליין
פון נעכטן אַרויסגעיאָגט.
אַצינד, ווינציק קליין און שוואַך,
בלאָנדזשען מיר אויף
אַן אומבאַקאַנטן, פרעמדן שליאַך.

ביאַליק געדענקט דאָס בית המדרש
מיט די שאָטנס וואָס שוועבן
אויף ווענט און בענק.

ביאַליק איז שטורעמדיק און שטאָלץ,
און אין אים טריפן די טרערן
אַריינגעווײנט אין אָרון־קודש
פון אָפּגעברוינטן האָלץ.

ביאַליק בענקט דורך צאָרן און פּיין.
און דורך דער פלאַמיקער בענקשאַפט
ברענגט ער פון גרויסע דורות
דעם לויטערן שיין".

אין די לייכטער פון בלישטשענדיקע מעשן,
די ליכט טריפן און האַלטן זיך אין איין לעשן.

דער דרויסן ווימלט.
די מומע טרייסלט זיך אויף
פון מידן דרימל.
די טיר פאַרמאַכט אויפן ריגל.
און גיטל זינגט ביים וויגל:
„געליבטער פאַרגעס חורבן און צאָרן,
און קום און פיר מיך ווידער דורך
דעם גאָלדענעם פעלד פון קאָרן".

די מומע האָרכט דאָס יאָמערן
פון אויטאָ־האָרן.
זי שלייכט און שאָרכט
צו די קאַלטע צימערלעך
אויפן אויבערשטן גאָרן.

דער ברודער בלעטערט
און זוכט אין ביאַליקס לידער־בוך.
אַ ניגון אומעטיקט און נאָגט.
ער הויבט זיך האַסטיק אויף
און זאָגט: „יאָסל, זיי פאַרזיכטיק
און טראַכט. מחמת דיין דור
האָט נישט קיין פאָלק און קיין
גאָט וואָס זעט און וואַכט . . .

עס איז נאַכנישט שפּעט,
זאָלסט הערן אַן עלטערן ברודערס געבעט:
זיי באַזונדער צווישן אַ סך,
און זאָל דאָס געזאַנג פון דיינע לידער
מוטיקן די ברידער, וואָס
שפּאַנען אויפן דורותדיקן שליאַך".

עס שאָטענען דעם ברודערס טריט.
יאָסל בלייבט אַליין מיט דער
דרימלענדיקער, שבתדיקער פריד.

אויפן שויב שטויבט דער
שנייאיקער פּאָרך.
אונטער די ווייכע זוילן
ווערט פאַרלוירן פון ברודערס שאָטן
דער שטילער שאָרך.

שטיל. נאַכטיק שוויגן פּראָסטיקט
אויף די אויסגעזילבערטע צווייגן.

אין שטוב שמעקט נאָך דער פרישער ריח
פון צעשניטענע חלות און ברויטן.

אין די העלדזער פון די לייכטער
שווימען און צאַנקען די קנויטן.

אויף די לייטער-שטאַפּלען
שאָטנס שלאָפן און צאַפּלען.
לעצטע פלעמלעך ציטערן,
ווי גאָלדיק-צעריסענע דראָטן,
און זיי לעקן אויף די ווענט
יאָסלס פאַרטראַכטן, צעוויגטן שאָטן.
איינדרויסן ווימלט די נאַכט.
ווייס און רויִק זאַמדיקט זיך
דער שניי און פאַרקערט
שטעג און שליאַך.

קלויסטערדיקער טורעם
גליווערט אין שטורעם.

אין הויף שרעקט און שטעכט
דאָס הינטיש געביל.
יאָסל שאָטנט אין דער שטוביקער שטיל.
דער צעזשאַרעטער אויוון
וואַרפט גילדערנע פלעקן
אויפן נאַכטיקן דיל.

שפּעט. יאָסל בליפט און זעט:
דורך מיליאָניקע, פאַרהוילענע מײַלן,
זילבערנע שטערן צו זײַנע שויבן אײַלן.
און כאָטש ער האָט מורא
פאַר פּײַנען און בראָכן,
ער וויל נישט ליגן פאַרגראָבן,
ווי אַ שווערער שטיין
אין די אייגענע מאָכן.

וואָרים ציִרל איז גערעכט,
אַז אין טעג, וואָס פינצטערן
ווי נעכט, מוז מען זיך ראַנגלען
מיט יענע, וואָס ברענגען אין שטיבער
הונגער, שרעק און פּיבער.

און אַלע געפּײַניקטע פון דער נידער,
זײַנען מײַנע און אירע ברידער.
וואָרעם מיט פּײַן פון אונדזערע גופים,
מיר ווערן גערופן צו זײַן
די קנעטער פון דעם גרויסן,
שטראַליקן שפּעטער.

יאָסלען צויבערט אָט־דער
דערהויבענער ציל.
גילדערנע פלעקן ציטערן
אויפן נאַכטיקן דיל.

די שטערן ברענען,
ווי גאָלדענע קנעפּ.
שטיקער אײַז
פראָסטיק און ווײַס
גליטשן זיך
פון די צעטרייסלטע טרעפּ.

שטיין־מויערן גליווערן
און שטומען.
די שנייען — ווייסע פליגן
אין דער ווייסער נאכט,
זשומען אויפן שליאך.

אַ לערער אויף איין טאָג

זונטיק אינדערפרי, אין מאַרגנרוי
רעדט צו אים דער ברודער אזוי:
„נו וואויל, ווילסט לערנען אַ פאַך.
אָבער אויך היגע קינדער
דאַרפן קענען אַ קאַפּיטל תנ"ך.

געדענק, דאָהי איז שווער און פיינלעך
פון לערער די מי ביז ער וואַרפט אַ שטריק
צום שטעטל — אונדזער נעכטיקע בריק.
און דו — וואָס ווילסט נישט פאַרגעסן די היים,
גליטשסט זיך אַליין אַרום פון דעם נעכטן,
וואָס איז לויטער און ריין.
און לויט דיין פיר דו זוכסט בלויז
צום שאַפּ די טיר.

דערווייל וואַרפסטו אַראָפּ פון זיך יעדע צאַם.
אָן אַ שטאָך אַרבעט גייסט אַרום אַ גאַנצע וואָך
און ווילסט פאַרזוכן דעם זיסן טעם
פון מאַשינען־געפּאַך.
בעסער שפּאַן זיך ווידער איין אין לערערישן יאָך.
גיי אַריין אין אַ קלאַס, און לערן דעם תוך
פון יידישקייט מיט קינדער פון דער אַרעמער גאַס.
פאַרשווענדט נישט אומזיסט קיין טעג.
זאָל דאָס קנעלן נישט זיין אין דיינע אויגן ביליק.
שטייניק איז דער וועג. קום און העלף און לאָז נישט,
אַז אונדזער יידיש לשון זאָל דאָ ווערן פאַרטיליקט".

יאָסל ענטפערט: מיין היגער טאָג דער גרויער
פאַרפּלאָנטערט מיך אין צווייפל, אין טרויער.
וואָר, אינדערפרי, שיין זיינען די זוניקע טריט אויף די שויבן.

נאָר מיין געמיט זוכט מיט גרויס געגאַר פּאַר אַ נייעם גלויבן
אַ זיכערן, ליכטיקן אָנשפּאַר.
גוט איז אַ קאַפּיטל-תּנ"ך,
ווען עס פירט אויפן ברייטן,
געדעכטן שליאַך.

נאָר מיר דאַכט, אַז פון שפּראַך — די דינע שטריק,
זיינען שוואַך, פּאַר אַ נייער, שטאַרקער בריק.
פון אונדזער שטעטל, פון אונדזער נעכטיק לעבנס-אָרט,
מוזן מיר ברענגען מער, ווי דעם פייער-פונק פון יידישן וואָרט.
מיט דער בענקשאַפט נעכטיק און אַליין
מיר קאָנען דאָ נישט שטענדיק אַרומגיין.
אַ לערער טאָר זיך נישט אָפּשליסן אין אַ קלאַס.
זיין ציל דאַרף זיין צו וויסן, וואָס עס טראַכט און פילט
אַ יידיש אַרבעטער-קינד פון דער אָרעמער גאַס.

דער ברודער רעדט נישט מער.
ער שטייט אַ ווײַלע פאַרקלערט
און קוקט אויף דער שויב,
וואָס טייעט און טרערט.

פאַרשטומט דאָס טענהן.
ביידע פאַרלאָזן די שטוביקע ווענט
און שפּאַנען אויפן שטראַלנפּאַס,
וואָס בלישטשעט און בלענדט
אויף דער שנייאיקער גאַס.

שטיל איז דער טאָל,
וואָס טראָגט אויף זיך דאָס שטאָל
פון אייזיקן פורעם, און האָרכט אין מידן, זונטיקדיקן שלאָף
דאָס גלאָקן פון קלויסטער-טורעם.
שטילקייט פאַלט
ווייס און קאַלט.
זיי גייען אין צווייען.
זייערע פאַמעלעכע טריט
טאָפּטשען אין די מאָכיקע שנייען.
זיי קירעווען זיך און קומען אַריין אין אַ הויף
וואו די פרייד פון קינדעריש, לאַכנדיקן געשריי
לויפט אַרום אין צעשטראַלטן שניי.

דער ברודער זאָגט:
— איצטער גיי אַריין אין קלאַס
און באַקען זיך מיט די קינדער
פון דער אָרעמער, אַרבעטער־גאַס.
געדענק, גראַד אין אַזאַ טאָג פון לויטערן שניי,
פאַרהויל נישט פון זיי דעם יידישן וויי.
דערצייל זיי פון דער רשעות אין פוילנלאַנד,
וועלן זיי מיט אונדזערע צרות ווערן באַקאַנט.

אין קלאַס

יאָסל שטעלט זיך פאַר פאַרן טומלדיקן קלאַס,
און זאָגט הויך, אָן כעס:
— קינדער, גוט וואָס איר זענט פריילעך און אויסגעשלאָפן
איך בין אַ נייער לערער און וועל קיינעם נישט באַשטראָפן.
דער קלאַס פריילעך און פול,
שטילט אַרום יאָסלען, וואָס זיצט
אַ צעשמייכלטער אויף דער שטול.
יאָסל רעדט פאַמעלעך און מיט געפיל:
קינדער, איך בין נישט לאַנג אין לאַנד.
און וויל מיט אייך ווערן באַקאַנט.
איך בין אַ לערער און האָב ליב שטיפער,
אָבער אין קלאַס זייט גוטע צוהערער,
וועט איר הערן אַ מעשה
פון אַ פאַסטוך מיט אַ הונגעריקן גאַסנקע־ער.
קינדערישע אויגן שימערן אין שיין,
און נויגן זיך צו זיין האַרץ, וואָס
דערציילט פון נעכטיקער פיין.
מלחמה־פייער אויף דער וועלט,
לויפט און ברענט
איטלעך שטיל געצעלט.
אין סאַד דאַרבט די צווייג.
דער פויער ברענגט מערנישט
קיין הינער אין אַ שטייג.
אַלע שלאָגן זיך פאַרן זיג.
אַלע ברענען שטוב און בריק.
הימלען און הויכן
שווימען אין פייערדיקע רויכן.

עס קייקלט זיך די שאַרפע שווערד,
און קוילעט מענטשן, קי און פערד.
און באַ פראַנעקן דעם אָרעמען גאַסנקערער
ווערט דאָס שטיבל מיט יעדן טאָג
הונגעריקער און לערער.

אין דער האַנט פון דער נויט
שפּאַנט דער טויט.
הימל רויכיקט און גרויט
איבער פרישע, יונגע קברים,
וואָס מערן זיך ביים
האַלצערנעם פּלויט.

פראַנעק שרעקט זיך: זיין איינציק קינד
וועט ווערן פאַרלענדט אין זיין הונגעריקן שטיבל,
צווישן די קאַלטע, קרישלענדיקע ווענט.
ער פאַרלאָזט די אויסגעליידיקטע שטאָט,
און פאָטער און קינד יאָגן נאָך
די צייכנס פון ראָד און וואָגן.
פייערדיקער ווינט הייס און רויט,
שאָבט און שינדט די פיבערדיקע הויט.
וואו אַ קוק און וואו אַ קער,
די ערד פאַרברענט און לער.
זיי זוכן אַ פרוכט־בוים, און געפינען בלויז
אַן איינגעבראָכענעם צוים אַרום אַ חרוב הויז.

די מידע, הונגעריקע צוויי
שטויבן אין זאַמד, ווייס ווי שניי.
נאָר אין איינעם אַן אינדערפרי
זיי דערהערן אַ מרוקען פון קי.
פאַר זייערע טריט טוט די זון זיך אַ וואָרף.
ווייסע שטיבלעך לויכטן־אויף אין אַ טאַליקן דאָרף.
נאָר דער גאַסנקערער הונגעריק און מיד
שלעפּט קוים די שלאַבעריקע טריט.
ער שטרויכלט און פאַלט
אין גראָז, ביים וואַלד.
און אונטער הימלס בלויען גלאָז,
ער ליגט אַ פאַרחלשטער
אין טיפן, טויאיקן גראָז.

אויף שפיצן פון היי־סטויגן
ברעכן זיך די פרימאָרגנדיקע שטראַלן
און בליצן אין די וויינענדיקע אויגן
פונעם קינד, וואָס הערט דאָס מרוקען פון שאָף און רינד,
און ציטערט און שרעקט זיך פאַרן בילן
פון גרויסע, יאָגנדיקע הינט.

די זון לעקט דאָס גאָלד אויפן זאַמדיקן וועג.
אַ בייטש קנאַלט און וועקט דעם פאַרשלאָפענעם וואַלד.
אַ פּאַסטוך שאַלט. דורשטיקע טשערעדע
ציט זיך צום קילן קוואַל.

דאָס קינד שרייט.
דער פּאַסטוך בלייבט שטיין אין דער גרינער ווייט.
די זון גייט אויף גראָזנטוי.
די זון גאָלדיקט די דעכלעך פון שטרוי.
עס קייקלט זיך דאָס געוויין
און פירט דעם פּאַסטוך צום
טייך מיט ברעגן פון פעלדזשטיין.
די טשערעדע מרוקעט אין דער גרינער הויל.
דער פּאַסטעך גיסט וואַסער דעם פּאַטער אין מויל.
דער טייך שרייט. עס ציטערט די ווייט.
די וואַסערן וואַיען, און וואַרפן
גרינע וואַסער־כוואַליעס
אויף רויטע, פעלדזיקע שאַרפן.
פרימאָרגן גילדערט זיך
אין דער שטילער וועלט.
דער פּאַסטוך ברענגט
פּאַטער און קינד
אין זיין אָרעם לייוונט־געצעלט.

דער מאָרגן גייט אין דאָרפישן טאָל,
און די זון אויף גראָזנערד
בלענדט, ווי דאָס שטאָל
פון אַ געשליפענער שווערד.

פּלוצים — גלעקל געקלונג.
רוישט און רופט מיט
אַ ציטערדיקער, שטאָלענער צונג.
יאָסל שטייט אויף און זאָגט:

מאָרגן איז אויך אַ טאָג.
אַז איך וועל זיין אייער לערער,
וועל איך אייך דערציילן מערער
וועגן גוטן פּאַסטוך, וואָס האָט געראַטעוועט
דעם הונגעריקן גאַסנקערער.

די קינדער אין פריילעכן געברויז
יאָגן זיך פון קלאַס אַרויס.

דאָס צימער שטיל און ליידיק.
יאָסלס געמיט ליכטיק און פריידיק.

אין הויף די פרייד
לאַכט און לויפט.

קינדער מיט לויכטנדיקע אויגן
קייקלען זיך פון די שניי-סטויגן.

די זון לעקט דאָס אייזיקע געזיכט פון דער שויב,
און מעקט מיט וואַרעמען שטראַלנליכט דעם שנייאיקן שטויב.

יאָסל שרייבט אויפן טאָוול:
— קינדער, מאָרגן וועל איך אייך דערציילן
וועגן יידן אין גלות-בבל.
אותיות פון קרייד, ווייס ווי שניי,
לויכטן אין פאַרשטילטן ווייי.
אין יאָסלס געמיט לויטערט און לאַכט
בלויער שיין פון ווייסן שליאַך.
ווערטער אין ליכטיקן געמיט
טוליען זיך צונויף אין אַ ליד
צו דער קינדערישער פרייד,
וואָס לוסטיקט און ליאַרעמט
אין ווייסן, צעשטראַלטן הויף:
„גיי יינגעלע גיי,
ביז די קני אין טיפן שניי.

אַ פוס אַריין, אַ פוס אַרויס,
אָט אַזוי שפּאַן פאָרויס!".

די זון פון איר גאָלדענעם בויגן,
וואַרפט שטראַלן אויף די שנייאיקע סטויגן.

די ווייסע אותיות שיינען,
און פאַרשטילן פון בענקשאַפטן
די נעכטיקע פיינען.

דער וכוח

אין לערער-צימער שנייאיקער שיין
דורך די שויבן שימערט אַריין.

דער ברודער שמייכלט און רעדט ליבלעך:
— וואויל זיינען די קינדער
פון די אָרעמע, יידישע שטיבלעך.
אוּדאי, איז אַ גרויס געווין
צו האָבן אַ לערער וואָס דערציילט אַ מעשהלע
און צויבערט מיט ווערטער אַזוי מעלאָדיש-דיין.
באַ איטלעכער לעקציע אַ מעשהלע שפּין,
ווּעסטו נישט האָבן קיין סך צרות מיט דער דיסציפּלין.
געפּילפּול און בילדלעך איז דיין סטיל.
ביי געשיכטע, וועט אין דיין קלאַס
תמיד זיין אינטערעסאַנט און שטיל. —

יאָסל, אַ צופרידענער, דאַנקט פאַרן גוטן וואָרט און זאָגט:
— מען טראָגט קיינעם נישט אונטער קיין זיסן טאָרט.
אוּדאי, איז גרינגער צו זיין פון געשיכטע אַ לערער,
אָבער מיטן יידישן לשון זיין וועט שוין שווערער.

אוּדאי איז גוט און וואויל צו שטיין אויף דער וואַך,
און אויפהיטן אין מויל פון היגן קינד די יידישע שפּראַך.
און זיכער האַלט איך נישט פאַר קליין,
וואָס יעדער למוד אין פּראָגראַם לערנט וועגן יידישן שטאַם.
דאָך איז וויכטיק, איך מיין, אַז דער לערער זאָל אין קלאַס
זיך אָפּגעבן מער מיטן קאַמף און מיטן מיפּולן לעבן
פון דעם יידישן אַרבעטער אין דער אָרעמער גאַס.
וואָרים אייער פּראָגראַם איז צו איינזייטיק צו שמאָל,
און פאַרוואַרפט אַ הויכן צאַם אין אַ נייעם געטאָ-טאָל —

צאָרן היים און געדיכט אין האַרץ טוט אַ מיש,
און ווישט אָפּ דעם ליבן שמייכל פון ברודערס געזיכט.

אויפגערעגט פינגערט ער צו אים און פרעגט:
אפשר גאר אויפקלינגען דעם יעווסעקישן פראגראם,
אז יידן דארפן זיך לאזן פארשלינגען
אין דעם פילפעלקערדיקן ים? —

פון ברודערס רייד שטעכיק און בייז,
ווערט יאסלען אין אלע אברים היים.
ער שטייט פארשעמט,
און זיין האלדז שרויפט זיך אין געקראכמאליעטן קאלנער
פון אויסגעפרעסטן, ווייסן העמד.
יאסל דערשטוינט און געפלעפט בליקט אין ווינקל
צו דער איידעלער לערערין לאהלע, וואס בלאסט
איבער די בלויע צייכנס פון לערער־העפט.
דער ברודער טוט א בייזן ברום
און בלייבט זיצן פארקלעמט און שטום.

זון־שטויב שטראלט און בלענדט
אויף די צעשטראלטע ווענט.
לאהלע — די שטילע טויב זיצט שטיל,
און קוקט אויפן ברודער מיט גרוים געפיל.
איר קאפ האר גאלדיק, רויט
צינדט זיך אין שיין פון דער שויב,
וואס זילבערט און בלויט.

אירע גרינלעכע אויגן
מיט פארבענקטע אומעטן פארצויגן.
איידל און שיין זי וויגט
איר קליין, געטאקט געביין.

זי איז יאסלען נאך פון שטעטל באקאנט
מיטן גילדערנעם ירושה־רייפל
אויף דער קינדיש־מיידלישער האנט.
עס האט דאס שטעטל זי פארלויבט
פאר א צארטע, שטילע טויב: —

פארן שטילן, פאמעלעכדיקן גיין,
פארן איידעלן רעדן, און געבן איטלעך איינעם צו פארשטיין
אז, ווען דאס הארץ איז ערלעך און זויבער
איז די וועלט פול מיט צויבער.
אלע גרינע אין גאס זאגן:

לאַהלע קאָן קיין שפּאַס נישט פאַרטראָגן.
זי איז שטיל און איידל,
דאָך ווייסט זי אַקוראַט, ווען מיטן צינגל צו טאָן אַ שנייד,
ווי מיט אַ שאַרף חלפל, וואָס ליגט לאַנג פאַרמאַכט אין שוחטס שיידל...
אַלע ווייסן, אַז אין איר טרוים איז פאַרהוילן
די ליבע צום שוואַרצן שמואל מיט אויגן,
וואָס ברענען, ווי הייסע קוילן.

דער בחור אין עבר-לים
שרעקט זיך פאַר לאַהלעס ווידעגער, שטי זער צאַם.
ער שיקט איר פאַרליבטע בריוו
מיט אַ סך רויטע חתימות פאַרטריפט:
אַז ער האָט זי ליב און וויל איר דעריבער גאָרנישט פאַרוואַרפן
נאָר ער ווייסט, אַז זי לאַהלע די שיינע און שטילע
האָט ציין מיט קליינע, בלאַנקע שאַרפן, וואָס
קאָנען פאַרליבטערהייט אויפגריזשען דאָס געביין.

דעריבער, ווען לאַהלעס ליבע פאַרטרוימט און שטיל,
רעדן אַלע גרינע מיט גרויס געפיל.
אין די פרימאָרגנס, זי ליגט אָפט אויף דער סאָפע,
און טרינקט פאַרזיסטע מילך מיט קאָפע.
זי ליגט פאַרקוקט אין צעזוניקטן שניי,
און דאָס האַרץ וויגט פון בענקשאַפטן
דעם שאַרפסטן וויי.

אויף דער סאָפע, איר וויינענדיק געמיט
מורמלט אַ סטראָפע פון אַ בענקענדיק ליד.
דערנאָך שרייבט זי אַ בריוו אַ היים,
אַז זי בענקט נאָך יעדן היימישן שטיין.
דאָך אַפילו פון ליבע די שטאַרקע שטריק
וועלן זי צום שטעטל נישט ציען קריק.
דאָ, אויף קאַנאַדישער ערד
וועט קיינמאָל נישט חרובן פון מלחמה די שווערד.
— איך שיק אייך דאָ שיינע בילדער
פון וואַסערן וואָס לויפן מיט געפילדער.
און פון שאָף מיט ווייסע וואָלן,
וואָס פּאַשען זיך אין טיפע, טויאיקע טאָלן —
שבת און זונטיק איז זי זעלטן אין שטוב.
זי פירט אָן אין שול מיט אַ קינדער-קלוב.
און אַלץ וואָס איז יידיש און נעכטיק,

איז פאַר איר ממילא גוט און גערעכטיק.
יעדער ייד איז איר ליב און לויטער,
אַבי ער רעדט נישט, ווי קיין רויטער . . .

יאָסל ווייסט, אַז לאַהלע, שטיל און צאַרט,
וואַרט שוין לאַנג אויף דער מינוט
אויף אים אַ כוואַשטשע צו טאָן,
ווי מיט אַ דינער רוט.
דעריבער ער ווערט נישט געפּלעפּט,
ווען זי פאַרמאַכט האַסטיק דעם העפט,
און איר מויל שיין און שמאָל,
שניידט, ווי דין־געשאַרפטער שטאָל:

„—אַט גאַר אַ נייער עצה־געבער אין שטאָט,
וואָס קומט און ראָט,
אַז די קוואַלן דורות'דיק, ריין
זאָלן ווערן פאַרשטאָפּט פון זיך אַליין . . .
און צעוואָרפן זאָל מען יעדן צאָם,
וואָס פאַרהיט אונדזער פאָלק
פון פאַלן אין קאַכעדיקן תהום . . .
איר מעגט שוין וויסן בעסער נישט צו גיין
אין דער ברייטער, ברוויזיקער גויים־גאַס, וואָס
שאַרפט איר מעסער אויפן שאַרפשטיין
פון יידנהאַס.

יאָ, פאַר ווען מען טוט אייער צירל פעכטן?
פאַר גויים וואָס האַלטן אונדז יידן
אין איין פייניקן און שעכטן.

פוילישער פויער, הונגעריק נאָך ערד,
קומט אין שטאָט און פליקט יידישע בערד.
אין פוילן רייסט מען פון דעם יידן לעבעדיקע פאַסן,
און זי פלוידערט וועגן די ליידנדיקע, פוילישע מאַסן.
זי זעט נישט, ווי אויפן יאַריד
שווידערט עס מיט יעדן ייד.
און פראָלעטאַרישע, יידישע פּאָעטן
שפּרינגען פון דער הויט.
זיי פילדערן אין לידער
און שילדערן די נויט
פון די פוילישע אַרבעטער־ברידער.

עס איז זיי פרעמד און דערווידער
אונדזער דורותדיקע ריינקייט,
וואָרים פון אייגענע שוועסטער און ברידער
זיי זעען נישט די יידישע שיינקייט.
טאָקע, וואָס ווייסן זיי פון דעם
ליכטיקן, יידישן קידוש-השם?

רויטער תמון באַטרונקען מיט צאָרן,
דאַרף אַ שטענדיק-שאַלנדיקן האָרן.
יאַ, יאַ, שרייבט פלאַקאַטן!
און קעמפט מיט די רויטע
פאַר אַ טאָג אַ זאַמן—".

גאַסן גראָען.
לאָהלעס אויגן גרינען און דראָען.
איר לעצטער, שאַרפער קלאַנג
זשומט אין יאָסלס צעפּיבערטן געדאַנק.

די שטילקייט איידל און פרום,
צו איר געמיט קערט זיך אום.
אין איר מויל שיין און שמאָל
פאַרשליסט זיך דאָס צינגל, וואָס
שניידט, ווי מעסערדיקער שטאָל.

יאָסל וואַרט, אַז פון ברודערס אָרט
זאָל אים גרייכן אַ צאַרט וואָרט.
נאָר דער ברודער בייז און ביטער
שלאָגט מיט ווערטער,
ווי מיט דינע, פייכטע ריטער:
„—איך זאָג נישט, אַז דערבאַרעמדיק איז דאָס קול
פון האַרבן, יידישן דין.
וואָר, נישט תמיד איז שיין און גרין
דער טאָל פון אונדזער ווייטן אַמאָל . . .
אָבער דו ווילסט זיך דוקא חברן
מיט יענעם מענטשן-שיכט, וואָס שטראַלט נישט אַרויס פון זיך
דעם מינדסטן אָפּשיין פון דעם יידיש-גייסטיקן ליכט.

צאָם פון דראָטן ווילסט נישט היטן.
רייסט פון גאָרטן אַלע בליטן.
וואָרים גראַד צוליב דער צאָם

איז גאַנץ געבליבן דער יידישער שטאַם.
איז קער קריק, איידער שפּאַנסט
אַריבער די לעצטע בריק.
יענע לייט פון קליינעם גייסטיקן געוויכט
דאַרפן נישט פון דיין ליד דאָס ליכט.
איך וויל אַ לערער, וואָס דורך אונדזער פּראָגראַם
זאָל די קינדער ווערן קלערער די גרויסקייט פון יידישן שטאַם.

בלוי, ווי בעז בליט
אין חומש דער נס פון משהן,
דעם אַנטלאָפענעם פון פרעהס צאָרן,
וואָס נידערט אין טאָל און הערט
גאָטס רופנדיק קול
פון ברענענדיקן דאָרן.

— דאָס איז דער תנאי.
טראַכט איבער אויפסניי.—"

זונליכט קאַלט און ראָז וואָרעמט זיך
אויפן פאַרשנייעטן געזיכט פון שויבנגלאָז.

יאָסל ענטפערט רואיק, שטיל:
„—דאָס אַליין איז נישט מיין
איינציקער ציל.
פון אייערע רייד נעם איך אַרויס,
אַז נאָך קידוש-השם
אייער האַרץ גייט דאָ אויס.

מיר יידן האָבן צופיל געליטן,
אַז מיר זאָלן אויפסניי
פון דער וועלט ווערן אָפּגעשניטן.
אַ יידיש קינד דאַרף וויסן,
אַז אין אַ קינסטלער-גייסטיקער געטאָ
מיר טאָרן זיך מערנישט לאָזן פאַרשליסן.
אַוודאי, דער היגער טיש מאַכט זאַט,
אָבער נישט יעדן גייט דאָ גרינג און גלאַט.
איך וועל פון קיינעמס געדאַנקען נישט זיין
קיין נאָכטאַנצער, און איך וועל נישט אַנטאָן
אויף זיך פון צביעות דעם פאַנצער.
וואָרים איידער אויף אַזאַ אופן עסן

פּאָמעראַנצן און זיסע קאַרשן,
איז בעסער מיטן הונגער אויף די אַרבעטסלאָזע־מאַרשן.

אויף עסנוואַרג איז אַ זול
וויינט דער הונגער אויף אַ קול.
געווים ניצלעך און נייטיק איז דער יידישער לערער אין קלאַס,
נאָר מיין געמיט קירעוועט זיך צו דער ברייטער,
שטרייטנדיקער אַרבעטער־גאַס.
איך ווייס נאָכנישט דעם קאָליר פון מיינע פאָנען,
נאָר איך וויל אַז מיין ליד זאָל מאָנען
פאַר די אין הונגער־געשפּין, פאַר די וואָס
זיצן און זשומען מיט דער מאַשין.
וואָרים שוין אויף דער בית־מדרש־באַנק
איז עס געווען מיין ציל: קיינמאָל
נישט צו פאַרשטיקן אין זיך געדאַנק און געפיל.

זיכער און קלאָר, אַז צווישן קעמפער ווירדיק און ווערטפול
וועלן זיין מיינע געלייטערטע יאָר.
איך בין נישט קיין „אחר",
קיין פאַרלייקענער, קיין אויסלאַכער!—".

אין יאָסלס אויגן ציטערט פון ליכט
דער גאָלדענער שיין.
אין זיין האַרץ נאָגט
פון בענקשאַפט דער פּיין.
ווערטער האַקן זיך אַליין איבער.
שטיבער שטום און פאַרטראַכט
גרויען ביים פאַרשנייעטן שליאַך.

שטיל געשאָרך.
פון דער שטילקייט מורמלט דער וויי.
דער דרויסן שימערט
אין זילבערנעם פאָרך
פון צעווינטלטן שניי.

חוהלע

דער גאַסנלאָמפּ אין שנייאיקן שטויב צאַנקט און ציטערט
אויפן האַלצערנעם סלופּ, און וואַרפט זיין גרינגלעכן שיין
אויף דער שויב פון שוחטס שטוב.

די ווייסע ווינטער־גאַס טוליעט זיך און שלאָפט.
יאָסל זעט אָפּט דאָס שוחטל פאַרטראַכט און בלאַס,
וואָס אומעטיקט בײַ דער גמרא ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די גאַס וואָס לערט און שלאָפט,
הערט אָפּט דעם שוחטלס קול
וואָס טרערט און שטראָפט:
גאָט האָט אַן איינציקע טאָכטער מיר באַשערט,
וועט זי מיך גרינג און גיך טרייבן
אין דער ערד.

דאָס שוחטל טרערט און בעט:
„דער פראַנצויז איז דיין באַגער.
באַדענק זיך, איידער עס ווערט צושפּעט.
יאָ, פאַרוואָס פּאַסט דיר נישט שיעלע שעק
וואָס פּעדלט מיט ברייטע הויזן
און פאַרמערישע רעק?
ער איז געזונט און גרויס.
ער האָט שוין אין שטאָט
זיין אייגן הויז.
ער איז שטיין־רייך.
ער האָט אין „קאָונטרי” אַ זומער־וואוינונג
מיט אַ שטיק טייך.
ער האָט דיך האָלט.
צוליב דיר באָרד און פּאות
ער שערט און גאָלט.—”

חוהלע ענטפערט ניט.
בלויז אַ צעשראָקענע זי היט
זיינע שאָרכענדיקע טריט.
דעם שוחטלס אויג טונקלט און טרערט.
עס רייצט אים־אויף איר ערשט געשריי,
וואָס פאַלט אויף די שויבן געקאָוועט אין אייזיקן שניי.
דאָס שוחטל קאָפּעט.

דאָס שוחטל שרייט און סאָפּעט:
אַנטלויף אין אַ ווייט, פרעמד לאַנד,
איידער דו ברענגסט אויף מיין הויז
אַט די וויסטע שאַנד.
פון פאָטערס צאָרנדיקע הענט,
אַ שאַרפער שראָם טיף און רויט,
בלוטיקט און ברענט
אויף איר דינער, ווייסער הויט.
דאָס שוחטל שטייט דערשראָקן און בלאַס.
דעם מיידלס העשענדיק געוויין
טרייסלט־אויף די שלאָפנדיקע גאַס.
אויפן מיידל שפּאַנט ווייטיק און שאַנד.
זי טענהט און העשעט אין דער ווינקל־וואַנט:
„וואָס גייט מיך אָן, אַז שיעלע איז אַ גביר!
ער איז מיר דערווידער מיט זיין גאַנצן גאָלד און ציר.
פּיער שפּרייט נישט קיין טעפּיכער אונטער מיינע טריט.
אָבער ער איז גרייט צוליב מיר ווערן אַ ייד.
טאַקע, וויפל איז צו פייניקן דער שיעור?
איך וועל אַוועק פון הויז און קיינמאָל מערנישט
צוריקקערן צו אייער היימישער טיר!"
דאָס מיידל כליפּעט טיף און שטיל.
דאָס מיידל רעדט מיט ווייטיק און געפיל.
די שוחטקע וויינט און וויקלט נאַסע טיכער
אויף איר בלוטיקן שראָם.
אין אירע אויגן ברענט
פון ווייטיק דער פלאַם.
דין־שלוכצנדיק געוויין
שניידט דורך די וואַנט
פון צעקרישלטן שטיין.
באַ דער מומען אין שטוב הערן אַלע זיך צו,
ווי שלמהלע מיט רייד אויפגערעגט און בייז
זעגט די ווייסע, נאַכטיקע רו:
„פון זינט חוהלע האָט מיט פּיערן זיך באַקענט,
דאָס בייזע, ביטערע שוחטל אין צאָרן ברענט.
טאַקע וואָס קאָכט ער אַזוי און זידט,
ווען פּיער איז גרייט צו ווערן אַ ייד?
יאָ, איך פאַרשטיי דיין ברודערס ווייי,
וואָס קריגט זיך מיט דיר וועגן אונדזער נעכטן,
אין וועלכן מיר אַלע האָבן אונדזער לעבן אויסגעוויגט.
דו ווילסט נישט קיין פענצטער פאַרשאָטנט מיט אַ לאָדן.

און ער אין טראַדיציע זעט אונדזער שורש,
און זוכט אויפן היגן באָדן פאַרן יידישן וואָרט
דעם יונגן, ליכטיקן יורש.
ער צאָרנט און וואָרנט: אַז מען דאַרף זיין געהיטן,
אַז פון בוים זאָלן נישט אָפּגעשניטן ווערן די בליטן.
ער זיסט זיך אין אייגענעם טרויער און וואויל איז אים,
ווען ער קאָן זיך אַרומצוימען מיט אַ שטיינערנער מויער.

און כאָטש איך קאָן מיט אים נישט רייטן,
זוכן דאָס ליכט פון פאַרצייטן,
ווייס איך אָבער, אַז ער ראַנגלט זיך אין פיין
פאַר דער לויטערער שיין פון אייביקן זיין.
אָבער דאָס שוחטל אין פינצטערניש פאַרפראָרן,
גיסט מיט צאָרן און פייניקט אומזיסט.
מעג דער פעדלער נישט קאָנען אפילו עברי קיין שייטל,
אַבי ער האָט געלט אַ בייטל.
פאַרוואָס זאָל דעם מיידל ווערן פאַרוועהרט דער פראַנצויז?
ער באַגערט דאָך מיטן גאַנצן האַרצן צו פירן אַ יידיש הויז.
נו, וועט זיין נאָך אַ יידישער גוי,
וואָס ווייסט נישט, אַז צוויי יידעלעך
איז אַדוני.

חוהלע — ערלעך, געטריי און וואויל.
דאָך די גאַס מיט איר בייזן מויל
באַרעדט איר יעדן טראָט,
וואָס זי מאַכט אַליין אין שטאָט".
שלמהלע אין בייזן געבריל
רודערט די נאַכטיקע שטיל.
יאָסל זיצט און טראַכט פון דעם שוחטל,
וואָס בענקט נאָכן שטעטל
מיטן שפּיציקן בית־מדרש־דאָך.
אַלע יאָרן אין אים פרומען,
איז ווי זשע זאָל ער איצטער שטומען,
ווען עס קומט אַ יונגער פראַנצויז,
און וויל זיין שיינע טאָכטער
צונעמען פון זיין אייגן הויז?

דאָס לעבן גייט מיט אים אין געפּעכט
און מאַכט אים צאָרנדיק און שלעכט.
וואָרים אָפט, ווען די נאַכט

שלאָפט און פרירט אויפן ווייסן שליאַך,
זעט יאָסל דורך דער שויבנטיר:
דאָס שוחטל זיצט איבער דער גמרא,
און זיין ניגון זשומעט שטילן, זיסן אומעט.

לאַטקעס ברוינען זיך אין אַ גרויסער, פעטער בלעך.
הוהלע נאָדלט אויף קישעלעך דינע, גרינע שטעך.
די שוחטקע שאַרבעט אין די לעדערנע פּאַנטאָפל
און שיילט גרויסע, בייכיקע קאַרטאָפל.
חוהלע ציט די זיידענע פעדימער און דערציילט
איר וועגן אַ מיידל, וואָס אפילו נאָך יאָרן זיבן
איז זי איר געליבטן אַלץ געטריי געבליבן.
זי וואָגלט אַוועק פון דער היים,
און זוכט אים אין די בערג
צווישן וועלדער און פעלדזנגעשטיין.
ווינט פאַרמעקט דעם זאַמדיקן וועג.
זי וואָגלט דורך אַ וואַלד.
אַ חיה לויערט פון אַ פעלדזנשפּאַלט.
די נאַכט נידערט און זינקט.
פינצטערניש פאַלט און פאַרטרינקט
אַלע ביימער אין געדיכטן וואַלד.
זי ליגט אין שרעק,
ווייט פאַרוואָרפן פון אַ וועג.
אומגעריכט, זי הערט אַ קול:
מיידל נידער אין גראָזנטאָל!
דער הימל קייקלט פון זיך אַראָפּ
דעם פינצטערן טוך,
און שטערן אין בלוי פון טייך
צינדן זיך, ווי פייערדיקע אותיות
אין אַ ליכטיקן וואַסער-בוך.
דאָס קול רעדט.
זי ליגט און זעט:
אין דער גרינער טיף פון בלעטערדיקע צווייגן,
טריפט לבנה דעם טרויער פון ווייסן שווייגן.
דאָס קול רעדט און רופט
פון טויאיקן טאָל:
מיידל, וואָס האָסט זיך אַליין
פאַרטריבן פון דער היים,
גיי זיבן מאָל העכער וואו די שטילקייט זשומט,
וועסטו קומען צום טרערן-בעכער פון דער רויטער בלום.

טונק־זשע איין אַ גראָז, און שרייב אויפן בלוי פון וואסער־גלאָז.
די שטערן וועלן פון דער טייכיקער טיף אַרויסשעפן דיינע טרערן.
דיין געליבטער דיין געוויין וועט דערהערן,
און ער וועט צו דיר זיך אומקערן.
גייט זי זיבן מייל העכער,
און קומט צום טרערן־בעכער
פון דער רויטער בלום.
טונקט זי איין אַ גראָז
און שרייבט אויפן בלוי
פון וואַסער גלאָז.
בלענדט לבנה־שיין
אויף די אותיות פון פיין.
טייכן קוואַלן און קלאָרן.
וואַסערן צווישן פעלדזנשטיינער
קייקלען זיך און קלינגען
ווי זילבערנע שפּאָרן.
שווימען אין טייך די ברענענדיקע שטערן
און שעפן מיט פייערדיקע קרוגן
די בענקעדיקע טרערן.
זעט איר געליבטער דעם פלאַם פון שריפט
וואָס לויכט אין דער טייכיקער ־טיף.
פירט איר געוויין און ברענגט
אים אַ היים צום שטיבל
ביים פעלדזנשטיין.
אוי ווי אין דער מעשה טרעפט
ווערן זיי אויף אייביק באַהעפט״.
חוהלע וויגט זיך אויף דער באַנק,
די בענקשאַפט ציטערט
אין איר יעדן, שטילן קלאַנג.
די שוחטקע זאָגט:
דאָס מיידל האָט זיך נעבעך
פאַר דער ליבע געווג אָנגעפלאָגט!
יאָ, חוהלע, קוק אין טייטש־חומש אַריין,
וועסטו וויסן פון אונדזערע אמהות
דעם גרויסן פיין.
און פון יעקב אָבינו דעם איש־תם
וואָס קערט זיך קריק
פון ווייטן פדן־אַרם.
ער ציט אַ היים געבענטשט מיט ווייבער און קינדער
מיט פיל קנעכט, טשערעדעס שאָף און סטאַדעס רינדער

אַבער ביים פּאַסטעך יעקב
פון געבענטשטן שטאַם, שטאַרבט רחל
אויפן וועג פון פדן־אַרם.
יאָ, חוהלע דעם טייטש־חומש לייען,
אַלץ איז דאָרטן וואָר און שיין.
די שוחטקע אין אַ היימיש־געהאַפּטן טיכל
טראָגט פאַר חוהלען סאָק מיט קיכל.
די שוחטקע מיט אויגן — הייסער זשאַר,
קוקט אויף איר אין טיפן צער.
אויף די שויבן טוליעט זיך דער שניי.
די שוחטקע דערלאַנגט צום טיש
לאַטקעס מיט געזיסטער טיי.

דעם שוחטלס פנים רואיק און לויטער,
שפּיגלט זיך אין דער טיי דער רויטער.
דאָס שוחטל טראַכט: דער רבונו של עולם וואַכט
און ער היט זיין חוהלעס יונגע טריט,
אַז צוליב דעם שיינעם פראַנצויז
זאָל זי נישט פאַרלאָזן זיין יידיש־הויז . . .
נאָר די שוחטקע, קליין און דערשראָקן,
זעט ווי חוהלע טרייסלט
אירע שוואַרצע, לאַנגע לאָקן,
און זי זיפצט אין ווייַ
צו די פעדימלעך־רויך
וואָס ציען זיך פון די רויטע גלעזער טיי . . .

נאַכטיק. וואַרעם, שטיל.
שלמהלע רודערט מערנישט מיט זיין בייזן געבריל.
שנייאיקער געפריר שיילט זיך
פון דער שויבנטיר.
יאָסל זיצט און טראַכט
פון אַ שטילער נאַכט,
ווען די רו וואַוינט אונטערן
שוחטלס היימישן דאַך.

יאָסל באַקענט זיך מיט חוהלען

די מומע זאָגט:
מיידליש פאַרליבט האַרץ בלאַנקעט,
און וויל נישט וויסן פאַרוואָס גרינט
אויף דער לאַנקע הויך דאָס גראָז.
נאָר קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי
גרין און גאַנץ
גייט אויף אַ פלאַנץ.
גאָטס וואונדער איז גרויס:
ביים שוחטל אין הויז
בליט אַ חוהלע אַ ליכטיקע רויז.
די מומע לויבט איר שיינקייט,
די מומע רימט איר ריינקייט.

יאָסל הערט דער מומעס רייד
און קלערט פון חוהלען
אין קלייד געבלימט אין גרין,
וואָס זיצט און זינגט ביי דער ניי־מאַשין.

קליין און דין
דער פאַדימדיקער געשפּין.
זי זיצט און נייט.
און דאָס פאַרליבטע האַרץ
זינגט פון פרייד.

יאָסלען ציט איר גיכער, מיידלישער גאַנג,
און די פאַרבענקטע האַרציקייט
פון איר ציטערדיק געזאַנג.

יאָסל וויל ווערן מיט איר באַקאַנט,
נאָר ער שעמט זיך דער ערשטער
איר אויסצושטרעקן די האַנט.
שלאַנק און דין,
אָנגעטאָן אין גרין,
ער זעט זי אָפט שטיין בא דער שויבנטיר.
נאָר ער האָט נישט קיין מוט זי צו בעטן
גיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר.

יאָסל הערט איר לויב.
יאָסל זעט איר שאָטן
אויף דער שויב.
נאָר מיט איר איז ער נישט באַקאַנט,
כאָטש ליב איז אים איר זינגענדיק קול,
וואָס ציטערט דורך דער דינער וואַנט.
און אָט אין איין דאָנערשטיק אינדערפרי,
אין שטיוועלעך פאַרבויגן ביז די קני,
איילט זי אין שטוב אַריין.
מיט טרויעריקע אויגן,
און מיט אַ האַרץ פול פּיין זי דערציילט,
אַז אַ גאַנצן פרימאָרגן קאַרטאָפל זי שיילט.
די מאַמע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט
פון די אייזערנע שטיגן, און אויף אַ ברעט
זי וועט אַ גאַנצע וואָך דאַרפן ליגן אין בעט.
דעריבער זאָל יאָסל איר נישט אָפּזאָגן
און דעם טאַטן אין „טשיקן-סטאָר"
אַ ביסל וואָרעם געקעכץ אַוועקטראָגן.
רויטלעכע שעמעוודיקייט מיניעט זיך אויף איר געזיכט.
אירע אויגן שטראַלן מיט אַ לויטער ליכט.
די מומע איז זי מכבד מיט מאַן-קיכלעך און טיי.
חוהלע זאָגט: מומע איר ווייסט, אין די אָרעמע גאַסן
בלויז די פרילינג-זון רייניקט אָפּ דעם שניי!

דאָס מיידל רעדט אַ ייִדיש, אַ היימיש געשמאַקן.
דין און איידל צייכנען זיך די ליכטיקע ליניען
פון אירע פאַררויטלטע קינבאַקן.
איר פּנים קינדיש-שעמעוודיק, פאַרקלערט.
יאָסל קוקט און הערט. אים איז גוט, אים איז וואויל
פון דעם היימישן ייִדיש אין איר מויל,
וואָס דערמאָנט אים אין צירלען, אין דער היים,
און אין דאָרפישן ברונעמל צווישן בערגלעך פון רויטן שטיין.
יאָסל פרעגט: געדענקט איר נאָך צום שטעטל דעם וועג?
חוהלע לאַכט: איך פאַרגעס קיינמאָל נישט דעם היימישן שליאַך,
און כאָטש, ווען דער טאַטע האָט אונדז אַהער געבראַכט
בין איך אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר אַכט,
געדענק איך נאָך אונדזער שטיבל מיט פאַרסאַזשעטן קוימען
און הינטער שטעטל די גערטנער מיט די הילצערנע צוימען.
איך האָב קוים באַוויזן צו ענדיקן די „פּאַבליק סקול",

וואָרים איך האָב פּרי געמוזט פאַרכאַפּן
אין שאַפּ אַ שטול . . .

זע נאָר, אַ חידוש, אַ יידיש קינד.
אַז מיין פּיער וועט ווערן אַ גר
וועל איך אים לערנען רעדן יידיש.
און פרייטיק־צונאַכטס וועט ער מאַכן קידוש אין הויז.
מיין טאַטע וועט מיט אים נישט ווערן פאַרשעמט
אַפילו אין זיין חסידישער קלויז.

די מומע זאָגט: חוהלע בעסער פאַרגעס דעם פראַנצויז,
וועט די רו זיך קריק קערן צו אייך אין הויז.
חוהלע דערשראָקן, בלאַס
ענטפערט מיט כעס: מומע קרוין,
איך הער און שטוין.
באַ יעדער רכילותדיקער צונג אין גאַס,
איז גוט און וואויל דער פעדלער־יונג,
וואָס קאָן אַפילו קיין שייטל עברי
נישט נעמען אין מויל.
אַט דער עם־הארץ, אַט דער כאַם
וועט נישט זיין מיין מאַן!
איטלעך איינער בריט מיינע טריט,
כאַטש יעדער ווייסט, אַז פּיער
איז גרייט צוליב מיר ווערן אַ ייד.
מומע, איך זאָג זיכער און פעסט:
מיך עקלט דעם פעדלערס רייכע קעסט!

חוהלע רעדט שטאָלץ און היציק.
אירע אויגן בלענדן
בייז און בליציק.

די מומע גלעט אירע האָר
און זאָגט: חוהלע, וואָר
ביסט שיין און וואויל,
דעריבער געדענק, אַז די ליבע
איז אַ ברענענדיקע קויל . . .
דאָס איבריקע, איז אין גאָט געווענדט.
גוטס און שלעכטס ליגט אין זיינע הענט.

חוהלע מיט אויגן פול געוויין,
לאָזט זיך צו דער טיר גיין.
די מומע קרעכצט:
חוהלע, דאַרפסט זיך נישט יאָגן.
איך וועל אַליין דיין טאַטן
אַ ביסל געקעכץ אַוועקטראָגן.
און יאָ, פאַרליר נאָר נישט דעם וועג,
וועלן געבענטשט זיין דיינע טעג . . .

טרויעריק און שטיל פאַרמאַכט חוהלע די טיר.
זוניקער דרויסן שפּיגלט זיך אין אייזיקן געפריר.

צו דער אַרבעט

אַפּריל. דער פרימאָרגן פייכט און קיל.
שנייאיקע שטויבן שימערן און פינטלען
אויף די פאַרשלאָפענע שויבן.

שלעפעריק און מאַט
שאַרט זיך דער ווייזער
אויפן שאָטנדיקן פּנים
פון ציפערבלאַט.

הימלעך און ראָז
לויכט דאָס לאַמפּנגלאָז.

די פאַרהויקערטע הייזער
כאַפּן זיך אויף,
און טירן מיט הייזעריקן געבייזער
קלאַפּן אין הויף.

אין דרויסן וויינען און וואָיען קעץ,
וואָס ראַיען אין דער פאַרמיסטיקטער נעץ.

עס רעווען די באַנען.
אין די גאַסן הילכן טראַמווייען,
אויטאָמאָבילן, טראָקס און פערד־געשפּאַנען.
מענטשן שפּאַרן זיך

אויף די שמאָלע, צעגריזשעטע טראָטואַרן.
אַ ליימיק, געלער וואַסער־שטראָם
וואַשט די שוועל פון אַ פאַרפלייצטער קראָם.
דער עולם איילט און רעשט.
פיס גליטשן זיך אויפן צעטראָטענעם אַש.
אַ פאַבריק־קוימען, לאַנג און הויך,
יאָמערט און וואָלקנט מיט שוואַרצן רויך.

דער פרימאָרגן העלט.
יאָסל בלאָנדזשעט און ציטערט
פון דער פרילינגדיקער קעלט.

אין די ליקלדיקע האָלץ־שטיבלעך
צינדן זיך דינע שטראַלן און שטעכן
די פאַרשוואַרצטע אייז־בלעכן.
וואַסערן שוימען און שווענקען.
דער דרויסן אָנגעזאַפּט מיט דער נאַגעניש
פון זיסן, פרילינגדיקן בענקען.

מענטשן־שטראָם אויף בלאָטיקן געפּריר.
יאָסל פאַרהאַמעוועט זיינע טריט
ביי אַ פרוכט־קראָם מיט
אַ גרין געפאַרבטער טיר.

אַ ברייטער, רויטער ייד
מיט אויגן שאַרף און גרוי,
שטייט פאַרשפּונען אין נעפּל
פון מאָרגנבלוי.
יאָסל פאַרשטייפט פון קעלט
שפּרייזט צו צו דער פאַרטאָפּטשעטער שוועל.
דער ייד שפּייט אוים אַ פול מויל
מיט געלן טאַבאַק־סאָק און זאָגט:
— וואוהין לויפט איר אַזוי גיך
מיט די צעפלאָטשעטע „אָלדקאָונטרישע" שיך? —
יאָסלען ווערט אין אָלע אברים היים
און ער ענטפערט שרייענדיק, בייז:
— אויב איר זענט נישט פון סדום,
וועט איר מיך צונעמען אַרבעטן
אין אייער פרוכט קראָם.
איך בין צו אייך רעקאָמענדירט

פון מיסטער בוים, און איך וועל אומזיסט
נישט פאַרזוכן בײַ אײַך קיין בער און קיין פלוים. —

דער ייד ציט דעם ציגאַרן-רויך:
— אַ, דו ביסט פון מיסטער בוים!
איז וואָס זשע בייזערסטו זיך אַזוי,
אַז איך פאַרשטיי דיך קוים?
אייערנעכטן דערציילט מיר דיין אָנקל,
אַז בײַ אים איז גאָרנישט פריידיק,
ווייל שוין וואָכן ווי זיין גרינער איז צעוויייטיקט און צעבראָכן
פון אַרומגיין ליידיק.
האָב איך אים געהייסן דיך צו מיר שיקן
זאָלסט נישט דאַרפן דיינע לייזיקע „טשיקנס" פליקן.
איז קאָך זיך נישט אַזוי און זיי נישט צעפּלאַצט,
ווי אַלע גרינע, וואָס קומען היינט פון עבר-לים.
אַנו, דריי זיך אוים!
ביסט טאַקע הויך און גרוים,
אָבער דיין פּנים מאָגער און בלייך,
און דיינע הענט איידל און ווייך.
און איך דאַרף אַ האַנט וואָס קנאַקט
מיט האַמער און האַק.

דער ייד לאַכט האַרציק, הויך:
— אַ, מיסטער בוים רעקאָמענדס,
„איז פליז שאָו מי יור הענדס" . . .
אַ, גאַר פאַרגעסן, אַז ביסט אַ גרינער נעבעך
און פאַרשטייסט דאָס ענגליש אַקוראַט
ווי אונדזער חסיד ר' הענעך.
איך זע, ביסט אַ גרינער גלאַט און גלייך,
וואָס זשע צאַפּלסטו, ווי אַן אַרויסגעצויגענער פיש פון טייך?
דעם יידס פּנים פלאַמט אין מאָרגנקעלט.
דער ייד פאַרצוימט פאַר יאָסלען די שוועל.
אַ נעגער-יינגל — דאַר און דראַטיק
שאַרט דעם שניי — שוואַרץ און בלאַטיק,
און קוקט אויף יאָסלען וואָס רעדט
הייס און בייז: — מיסטער, איך שטיי און האַר
און איר חוזקט און מאַכט מיך צום נאַר —
מיט אַ לאַכנדיקן בליק טוט דער ייד אים אַ גלעט,
און זיין ברייט און רויט פּנים שמייכלט און רעדט:

איז ווי זשע וועסטו קאָנען אַרויפוואַרפן
אויף דער פּלייצע אַ פולן פּאַטייטאָ-זאַק?
וואָס מיינט דיין פעטער, אַז עס איז דאָ זיין דאַרף
מיט קאָסע און סערפּ?
וואָרים באַ מיר, אַז וועסט נעמען קערב און זעק
פון קעלער דזשווינגען, וועסטו אין אַ פּאָר טעג
מיט די טרעטערס דריגען. —
יאָסל נעענטערט זיך צו אים און רעדט
מיט טרערנדיק געבעט:
— מיסטער, איר ווייסט מיין פעטער איז אַן אָרימאַן,
און איך זיין און עס ביי אים קעסט
פון זינט איך בין געקומען אויף דער זייט ים.
איך וואָלט אַפילו געטראָגן זעק מיט ליים,
אַבי עס זאָל מיר סטייען אַ פּאָר דאָלער
צו שיקן אויף יום-טוב אַ היים.
דער ייד דורכגענומען פון יאָסלס צער,
טוט מיט רואיקע ווערטער אַ שפּאָר:
— נו, גוט!
גרינער, וואַרף אַראָפּ דעם הוט!
געווג פאַרזוכט דעם עלנט פון דער היגער פרעמד,
וועסט פאַרדינען אויף אַ שוך, אַ „סוט” און אַ העמד.
יאָ, באַ מיר אין קראָם נישטאָ קיין צוים,
קוויק זיך מיט אַ פרוכט ערשט
אָפּגעריסן פון אַ קאַליפאָרניער בוים . . .

קלויסטער גלאָק קלינגט.
דאָס נעגער-יינגל וואָס קייט גאָם,
קוקט אויף יאָסלען מיט אויגן שוימיק, פאַרשייט
און זינגט: הלולויה טאָם!
זיי אַ גוטער קאַסטימער, און קום
צו מיסטער בלאַק און קראָם!

דער ייד לאַכט:
— איך וועל דיך „אויסטרייען” ביז פאַרנאַכט.
איז כאַפּ זשע אַרויף אַט דעם ווייסן, צעקנאָדערטן כאַלאַט,
און גיין זאָלסטו גיין ביז אויסגענאָגט און מאַט
וועט ווערן דיין גאַנץ געביין.

אונטער די טריט קריצט
דאָס צוגעפרוירענע ליים.

דער ייד שפּריצט געלן טאַבאַק-סאָק
אויפן טראָטואַר-שטיין און זאָגט:
— נעם אָט די בלעכענע קאַן
און גיי אַריין אין שפּאַן!

בלוי, דין שווימט דער נעפּל.
יאָסל זופּט די לופט אָנגעזאַפּט
מיטן ריח פון ווייניקע עפּל.

עס פרילינגט. היימלעך און קיל
דער פרימאָרגנדיקער אַפּריל.

אין פּרוכט קראָם

מאַראַנצן אויסגעלייגט אין גלייכע פּאַכן,
גאָלדיקן אין דער פרילינג-זון און לאַכן.

די הויכע, האָלצערנע קעלער-שטיגן
טרייסלען זיך און וויגן.

עס שמעקן גרינסן און פלאַנצן.
יאָסל הויקערט זיך אונטערן קעסטל
וואָס רייצט מיטן זיסן ריח פון רייפע מאַראַנצן.
ער קיִרעוועט מיטן קאָפּ.
און טאַפּעט אין טיפן קעלער אַראָפּ.
די אָדערן אויפגעלאָפן, אָנגעצויגן.
די זאַלציקע שווייסן נעצן און בריען
די שטאַרצנדיקע אויגן.

עס טרוקנט אין גומען.
דאָס גאַנצע געביין, מיד פון גיין,
מיט אַ שווערער מידקייט איז דורכגענומען.

דער ייד יאָגט יאָסלס טריט,
און זיין קול מיט טרויער קלאָגט:
— אין קענעדע איז נישטאָ קיין גרינג און גלאַט.
דאָ אַרבעט מען ביז מ'קאָן קוים אויף די פיס שטיין,
ביז דער טאָג אַליין, מיד און מאַט, דורכגעשטאָכן פון פיין,
שלאָפט איין אונטער אַ הימל אָנגעטאָן אין אַ רויכיקן כאַלאַט.

דער ייד, ברייט און רויט,
רייסט די גאָלדיק־פּייכטע הויט
פון אַ קיילעכדיקער מאַראַנץ,
און באַקלאָגט דעם גרינעם, וואָס
איז געגליכן צו אַ יונגער פלאַנץ.
זיין קול אומעטיקט און רעדט:
— גרינער, עס ווערט שוין שפּעט.
און דו אַרבעטסט ווי אַ יונג,
ווי יעקב אָבינו פאַרן פעטערל לבן.
זעסט, אַט דער שחור
איז גאָר אַ וואוילער בחור!

אין זיין היים, אין דעם קעלער פון פייכטן שטיין,
שלאָפט מען אויף קישנס אָן ציכער.
אָבער ער לערנט און לייענט ביכער.
אַז איך קוק אויף אים דערמאָן איך זיך אין חדר
און מיר דאַכט, אַז איך שפּאַן
צווישן די ווייסע געצעלטן פון קידר.

יאָסל טראָגט אַ קאַרטאָפל־זאַק,
און פילט, ווי זיין גאַנץ געביין
וואַקלט זיך און קנאַקט.

דער ייד רויט און ברייט,
וואַרפט אים צו מונטערנדיקע רייד:
— גרינער, פאַמעלעך, פאַרקלעם זיך נישט די פינגער.
מאָרגן וועט די אַרבעט ווערן גרינגער.
יאָ, וואָס דאַרף מען דאָ פיל בריִען.
דאַרפסט, גרינער, מערער קייען.
הער וואָס איך רעד, און ווער
כאָטש אַ קליין ביסעלע פעט . . .
נו, הער זיך אויף צו יאָגן!
וועסט נאָך באַ מיר „פלענטי” זעק טראָגן.
נעם אַ „בעג” פול מיט גרינסן, זיסע קרייטעכער און מאַראַנצן,
וועט דיר נאָכגיין ביז אַ היים
דער זים־וויניקער גערוך פון פרוכט און פלאַנצן.
ווייסט דאָך, מיר יידן זיינען ברוך השם געבענטשט
מיט עצה־געבער, וואָס שעפּן כבוד מיט אַ פולן צעבער.
דערפאַר אין יידישן פּייפּער שרייבן זיי אַרטיקלען און בריוו,
אַז יידן דאַרפן ווערן מער פּראָדוקטיוו.

טינט פון פענען פּליסן,
און איין כיתה לאָזט וויסן:
אַז זי האַלט גראָדע פון דער מאָדע,
אַז יידן זאָלן מיט שווייסיקע טרערן גיסן,
און אייביק דיגען באַ שערן און מאַשינען.

און די צווייטע כיתה לאָזט וויסן,
אַז גענוג אין גלות געוואָרן אויסגעריסן.
דעריבער האַלטן זיי פון דער מאָדע:
אַז יידן זאָלן אין ארץ ישראל קלאַפּן שטיינער,
און דעם ריח השדה איינזאַפּן אין די דאַרע ביינער . . .

יאָסל לאַכט: — ר׳ ייד, איר ווייסט אַ סך.
איצטער שפּעט צו טאָן וועגן דעם אַ רעד.
און כאַטש עס ברענען מיך די קני,
וועל איך זיין דאָ מאָרגן גאַנצפרי —

יאָסל לאַכט. שאָטן פון פאַרנאַכט
פאַלט אויפן שטייניקן שליאַך.
יאָסל קייקלט פון זיך אַראָפּ דעם טרויער־שטיין
פון לאַנגן, ווינטערדיקן יידיקגיין.

יאָסל גייט פון דער אַרבעט

פאַרנאַכט. די שטאָט קאָפּעט זיך אַרויס פון די בלאָטיקע דעקן.
דאָס געלע, ליימיקע וואַסער וואָס שווענקט זיך דורך
די פאַרסאַזשעטע שניי־העלדזער,
כאָרכלט אין אויסגעגריזשעטן אייז־בעקן.
אויפן פאַרגאָסענעם שטיין
בראָדזשעט דאָס מידע געביין.
אויטאָמאָבילן רוישן און ראַיען.
האָרנס וואָרענען און וואַיען.
עס ליאַרמען די אָנגעפּאַקטע טראַמווייען,
און שפּריצן מיט בלאָטיקע שנייען.
פערד סאָפּען אין די שווערע, לעדערנע געשפּאַנען.
דער ווינט לויפט אויפן טראָטואַר
און קייקלט די ליידיקע מיסט־קאַנען.
שוואַרצע וואַסערן וואַשן

צעטראָטענע מיסטן, צעבראָכענע פלאַשן.
די פיס שטאָלפּערן און שטייגן.
יאָסל פאַררייסט דעם קאָפּ,
און זוכט דעם ערשטן, גרינעם קנאָפּ
אויף די לאַנגע, נאַסע צווייגן
פון אַ בוים, וואָס פּאַכעט אויף
אַ פאַרזשאַווערטן דראָטנצוים.
האַק און לאָמען ברעכן דאָס אייז
ביי די שוועלן פון אָנגעפּראָפּטע קראָמען.
אין די ליקלעך, די געדיכטע, נאַסע ליימען
זויפן די געלע שטראָמען, וואָס
לויפן דורך קעלערדיקע היימען,
דורך ברעטלדיקע הויפן.
אַ הונט טרינקט די טריט אין וואַסער און היפּעט.
אַ טראָק רודערט באַרג-אַרויף, שווענקט די רעדער און כריפּעט.

צעשטראַלטער באַרג אין נעפּל-רויך,
קלעטערט צו דער הימלדיקער הויך.
שויבן אין די מויער-ציגלען
בלענדן, ווי פלאַמיקע שפּיגלען.
יאָסל קירעוועט זיך אַריין אין וואַלד, צווישן באַרגשטיין,
וואו וואַסערלעך מורמלען און געוויין.
די זון גילדערט און היט זיינע
פּאַמעלעכדיקע, שטילע טריט.
אומעטיק, ליבלעך דרימלען
גאַניקלעך און שטיבלעך.
וואַלדיקער שליאַך באַהאַלט זיך
אין שאָטן פון העלן פאַרנאַכט.
אין אָט די פּאַלאַצדיקע הייזער
ציילט מען נישט די מינוטן אויפן ווייזער . . .
די זון לויכט אויף דער שויב
פון די רייכע באַוואוינער וואָס
זיינען טויב צו דער נויט,
צום געבעט פון דער אָרעם-גאַס
איינגעקנאָטן אין קויט.
זיי האַלטן פאַרשפּאַרט דאָס געבענטשטע לאַנד,
וואָס פון זיינע טיפן שפּאַרט מיט זאַפט און זעט.
די גאַנצע וועלט איז זייער גאָרטן.
און צו די מוטנע, קאַלטע פּאָרטן
פון וואַסערן דורכגעשליפן,

זיי רוקן די אָרעמע שטיבלעך, וואָס
עסן רויך פון באַנען און שיפן.

אין יאָסלען צינדט זיך די שטראָפנדיקע שפּראַך
פון צאָרנדיקן תנ״ך,
וואָס האָט אין זיין האַרץ איינגעפּאַסט
דעם טיפן האַס צום רייכן רויבער
אויפן ווייטסטן שליאַך . . .

יאָסל קלערט: אָט־דאָ אויף דער באַרגיקער ערד,
יאָגט זיך דער רייכער רייטער אויף זיין פערד.
אָט־דאָ פּאַשעט זיך דאָס גליק.
לאַנג ציט זיך פון לעבן דער שטריק.
אָט־דאָ האָבן זאַטע יאָרן
פיינט פון הונגער דעם צאָרן.

אָט־דאָ מיט דער זון דער ריינער
קייקלט זיך אַ וואַסערל וואָס
קלאַפּט צווישן אייזיקע ציינער:
— פרעמדער, דו,
שטער נישט פון רייכע
די זיסע, זאַטע רו!
הינטער פאַרצויגענע שטאָרן
שטילט זיך
דאָס געבייזער פון ווייטן אויטאָ־האָרן.
יאָסל שלייכט אַ מידער
צו דער אָפענער, פעלדיקער נידער.

אַ סטעזשקע אויסגעבעט מיט גרין־מאָכיקן וואָל
פירט צום אויפגעטורעמטן דענקמאָל.
שטילקייט מיט איר שטילן טראָט
פאַרשטיקט דאָס קול פון דער פאַרנאַכטיקער שטאָט.
די צייכנס פון זיינע טריט אין ליים
ציען זיך צום קאַלטן, געטעסעטן שטיין.
געשמידטע פערד,
געהאַמערטע לייבנקעפּ,
שפּרינגען אים אַנטקעגן
אויף די שטיינערנע טרעפּ.
בערג־ווענט איינגעקלעמט אין אייזיקע ריגלען,
לעשן די בלענדנדיקע שטראַלן

אין זייערע געפרוירענע שפּיגלען.
ביים אָפּנקייט פון וואַלד,
אַ בראָנדזענע פרויען־געשטאַלט רעדערט
אויף אַ שטאָלענעם ראָד,
און פליגלט איבער דער שטאָט.

טורעמדיקער דענקמאָל
פלאַקערט אין בלויען טאָל.
זון־פייערן שלינגען
קופּערנע פיגורן
געקלאַמערט אין בראָנדזענע רינגען,
געפלאָכטן אין מעשענע שנורן.
דער בויגן אין האַנט
געשפּאַנט און אָנגעצויגן.
עס בליאַסקען שווערדן און העק.
זיגער שלעפן רויב פולע זעק.

בלוט פון פריש געפאַנג
טריפט פון שפּיז און שטאַנג.
קופּער און שטאָל
פלאַקערט אין בלויען טאָל.

יאָסל שלייכט, און נייע היים
ער רופט
די שטאָט פון שטיין.

אַ גוטער מענטש

פּיין פון שווערער מי
ברענט אין די מידע קני.

אין דער זיסער יויך פון מילכיקן קרויט
בראָקט יאָסל פּעניצלעך ברויט.

גיטל נאָגט אַ ניגון.
הויכע, היימישע לאָנקעס אין מאַרגנבלוי,
וויגן זיך אין ווייסן רויך פון טוי.

די באַציבלטע קאַרטאָפל — פּוטערדיק, פּעט.
יאָסל שמייכלט און רעדט:
— אַבי ס׳איז דאָ ברויט צו דער זעט,
און אויף שבת פריש גרעט.
אַ גאַנץ, קײַלעכדיק יאָר,
איז דאָס וואַסער קאַלט און קלאָר.
פרוכטן זאַפטיקן און זיסן,
נאָר ביים מידן די אויגן
שלעפעריק זיך שליסן.
דער איינציקער לעבנס-פלאַם,
איז די שטאַרקע בענקשאַפט
צו די קרובים פון עבר-לים.
יאָ, וואָס קומט אַרויס, אַז מ׳איז זאַט
אַז מ׳אַרבעט ביז דער טאָג אַליין
ווערט מיד און מאַט.

מיינע פּיס טאַמלען און ברעכן,
ווי איך זאָל טראָגן הייסע בלעכן.
מאַראַנץ און פלוים
רייצט פון בוים.
צו וואָס איז מען דאָ געגליכן?
צו אַ מיד פערד.
וואָרים אַפילו די פלאַמיקע פרוכט
פון דער קאַליפאָרניער ערד
מיטן שווייס פון פּנים
איז באַטרערט . . .

דער פעטער וואָס קוקט אויף אים זייטיק און שטום
טרייסלט זיך אויף מיט אַ בייזן געברום:
— וואָס פלאַפּלסטו דאָרט?
אַרבעטסט, עסט און שטייסט פאָרט
נישט אין קיין שאָפ און פרעסט!
וואָס איז דיר אַזוי שלעכט?
פון דער ליבע, פון איר האַרצווייטיק
שרייבסטו דאָך גאַנצע נעכט!
דו קרעכצסט נישט אַזוי פון עבודת-פרך,
ווי דיר איז שווער אַריינצופּאַסן זיך
אין היגן, נישט-היימישן דרך.
אַ גרויס רחמנות איז נעבעך
אויפן למדן — דעם איידעלן ר׳ הענעך.

ער דאַוונט אין בלוי פון באַגינען,
איידער עס צעהילכן זיך די מאַשינען.
זעסטו, ר׳ העניעכן איז טאַקע נישט גוט.
דער פאַרמאַן צאַפּט פון אים דאָס בלוט
דאָך גייט ער נישט אַרום געהויקערט און קרום.
און כאָטש ער איז אין שאַפּ פאַרקלעמט,
זאָגט ער: קאַנאַדע איז נישט קיין אינדעפּרעמד.
און גאָט, דער באַשעפער פון אַלע וועלטן
פרייט זיך מיט די אָרעמע
אין זייערע ערלעכע געצעלטן.
גאָט ברוך הוא
האָט געגעבן פון שבת די הייליקע רו.
און ער אַליין מיט זיין גרויס גנאָד
בענטשט יעדע, יידישע היים
אין דער ליאַרעמדיקער שטאָט.
לערן זיך פון ר׳ העניעכן נישט צו באַקלאָגן
וועט די פרייד דיינע פּיס טראָגן.
מעגסט געדענקען אַז דו אַרבעטסט בא מיסטער בלאַק,
וואָס האָט טאַקע „אַ קאַר״ און „אַ טראָק״
אָבער ווען נאָר די נויט קלעמט,
וועט ער אָוועקשענקען דאָס לעצטע העמד.
לכן — איז פון גאָט אַ ברכה,
וואָס מיסטער בלאַק וועט קענען
איבער דיר האָבן השגחה.
ער וואוינט טאַקע אין זיבן באַהייצטע „רומס״
אויפן צווייטן „פלאָר״, אָבער ער האָט נישט פאַרגעסן
דאָס שטעטל און די יונגע יאָר.
כאָטש האַרב און פאַרגרעבט
זעט אויס זיין געזיכט,
לויכט אין זיין האַרץ
פון תורה דאָס ליכט.
אין זיין שטוב זיינען אַלע שאַפעס מיט ספרים פול,
און ער לערנט אָנגעשפּאַרט אויף דער לעדערנער שטול.
ער געדענקט אַלץ, אַז יאָרן לאַנג
האָט ער געגעסן ברויט מיט זאַלץ,
און געקוועטשט די בית־המדרש־באַנק.
ער שטייט אויף פאַרטאָג און זאָגט:
אַ ייד וואָס קוקט נישט אַריין אין קיין ספר
איז ביים לעבן עפר ואפר.
דעריבער האָט ער פיינט די אַרויפגעאַרבעטע לאַנדסלייט,

וואָס ווילן תמיד פון אויבנאָן שיינען
און עס אַרט זיי נישט דעם גרינגעמס
מאַטערנישן און פּיינען.
ער חוזקט פון אָט אַזוינע שטעטלדיקע,
וואָס זומער אין דער היץ, פלעגן זיי
פון אַ גרויסן פאַרסאַזשעטן טאָפּ
כליאָפּטשען די וואַסערדיקע קאַרטאָפל־גריץ.
און דאָ גייען זיי אַרום מיט קאָפּ פאַרריסן
און פאַרגעסן אייך אין גאַס צו גריסן.
וואָרים זיי האָבן מורא, טאָמער דערמאַנט
איר זיי, חלילה, טאַטע־מאַמע, אינעם שטיבל
מיט דער קרומער, קויטיקער וואַנט.
אָפּגעזונדערט און ווייט,
ער האַלט זיך פון אָט־די
אַרויפגעאַרבעטע לייט.
באַ אַן אָרימאַן איז נישט פאַראַן ביי אים
קיין אונטערשיד פון גוי און ייד.
דעריבער מיט אַ האַרץ אַ ריינעם,
טיילט ער צדקה יעדן איינעם.
ער זאָגט: אין גאָטס אויגן האָט רייכקייט נישט קיין גרויס ווערט,—
דעריבער זאָל דער רייכער שטענדיק געדענקען,
אַז קיינער קריגט נישט מער, ווי פיר איילן־ערד.
און טאַקע וויל מען האָט דאָ ברויט זאַט צו עסן
טאָר מען נישט די נעכטיקע נויט פאַרגעסן.
וואָרים „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים"
מיינט: גאָט גיב דערפאַר כח צו קאָנען האָרעווען
מיט די אייגענע, צוויי ידים.
אין אונזער שולעכל יאָרנלאַנג
וואַלגערן זיך בלויז שמות אין דער ספרים־שאַנק.
האָט ער אויף קיינעם נישט אַרויפגעלייגט קיין מס,
נאָר אַליין געקויפט חומשים, משניותן און גאַנץ ווילנער ש"ס.

די קאַרטאָפל באַצימבלט און פעט.
דער פעטער רעדט, און מיט די אויגן
ער ציילט לאַנגע ציפערן
אויף אַ געווירעטן בויגן.
יאָסל ווייסט דער פעטער
וויל אים ברענגען שטילע טרייסט.
כאָטש אַלע זיינע רייד געטריי און ריכטיק,
נאָר אים ווערט פון דעם,

דאָס האַרץ נישט ליכטיק.
מיד איז זיין געביין.
מיד זיינען די ציטערדיקע טריט פון דער זון,
וואָס צאַנקען אויפן צעלעכערטן טראָטואַרן־שטיין.

מיסטער בלאָק

צווישן שטיבער מיט אייזערנע צוימען
רעוועט הייזעריק א פאַבריק־קוימען.

רויך און טשאַד שוואַרצט
דעם ברייטן, בלויען הימל־בלאַט.

די שויבן גאָלדיקן אין זוניקן גלי.
אין קראָם שטילט נאָך
דער הייסער, זומערדיקער אינדערפרי.
דאָס נעגער־יינגל זינגט מיט געפיל,
און קלויבט אויף די פרוכטן, וואָס
וואַלגערן זיך אין שטויב אויפן דיל.

דער פרוכט־קרעמער אין צעקנאָדערטן,
גרויען כאַלאַט, זיצט אויף אַן איבערגעקערטן,
האַלצערנעם עמער, און זיינע אויגן
לויפן אויף דער פעטער שריפט
פון יידישן בלאַט.
ער קרעכצט: „פון אַלע זייטן,
יאָגט אויף אונדז דאָס שלעכטס.
אַלע פליענדיקע קוילן טרעפן די יידן פון פוילן.
זיין בליק אין טרויער בליצט
דורכן נעפל פון אייגענעם,
געדיכטן סיגאַרן־רויך.
ער זיפצט, און זיין ווינקל־מויל
שפריצט שפייעכץ פון געלן יויך:
— האָרך־זשע, גרינער, אין די היגע
ערטער וואַרף אַוועק די העפלעכע,
היימישע ווערטער פון „ליידער״
„וואָרים״ און „ווייל״. מעגסט שוין
וויסן, אַז איטלעך איינער איז דאָ,

ווי אויפן מיטן וועג אין געאייל,
איז אויב אַ „קאַסטומער" נישטערט און שאַרט,
איז שטיי שטיל און וואַרט.
דערנאָך זאָג אין אַ טאָן
איידל און צאַרט: „סאָרי לעידי",
„באָט" זעט אַליין, ווי
פון דעם דאָזיקן אויפגעשניטענעם
וואַדימאַלאַן דער רויטער, זיסער
זאַפט שפּאַרט. —

מיסטער בלאַק שמייעט שוין איצט
אין אַלע ערטער. ער לאַכט און לערנט
יאָסלען צו רעדן יידיש מיט נייע,
„פּלעינע", ענגלישע ווערטער.
יאָסל נישט מיד, נישט אָפּגעשוואַכט
פון דעם הייסן, זוניקן ליכט.
גוטמוטיק און ליב לאַכט צו אים
דאָס געזיכט פון דעם
היימיש־געוואָרענעם ייד.
און עס לוסטיקט די פרייד
אין זיין געמיט.

און דאָס נעגער־יינגל וואָס בויגט דאָס דראָטענע געביין,
זינגט און קלינגט מיט די ווייסע ציין:
„אין הימל אונדזער לאָרד"
אויף אַ פייערדיקן וואָגן פּאָרט.
אָ, גאָט פון הימל־הויך קוק דורך
דיינע שויבן פון בלויען רויך,
און דערהייב דעם נעגער, וואָס ווערט
אויף דער ערד געטראָטן ווי שטויב.

אָ, גאָט, שענק אונדז דיין בליק
פון רחמים און גנאָד, און שיק
אונדז, אָ, גאָט, דעם דערלייזער, וואָס
זאָל אונדזערע פייניקער שלאָגן מיט
דער קראַפט פון דיין נקמהדיקן וואָרט.

יאָסלען שניידט פון ליד דער טרויער,
און זיין אויסגעשטרעקטע הויך בויערט
דעם נעפּל פון סיגאַרן־רויך.

דאָס נעגער־יינגל זינגט און זיין ליד
נקמהדיק קלינגט:
— הללויה, אין אַ פייער־וואָגן
וועט דער לאָרד די שונאים שלאָגן! —

מיסטער בלאַק זייטיקט זיך צו יאָסלען
און זאָגט: — אַ נעגער־יינגל, הויט און ביין
און פון זיינע הללויהס גיסן זיך
קוואַלן געוויין.
און דו, „גרינער", ביסט מיר דאָ נייטיק,
וואָרים אויך דו ווייסט, וואָס הייסט,
בענקשאַפט און וויטיק.

און יאָ, דיין פעטערל, וואָס איז בטבע
אַ שטיקל איבערטרייבער, רימט דיך,
אַז ביסט אַ לערער און אַ שרייבער.

און האַ, יאָסל איז דיין נאָמען?
וועסט שטאַרבן אַ וויסטער אָרעמאַן,
אָן הייזער, אָן קראָמען, בלויז
דאָס שטיקל קבר־ערד
פון פיר שפאַן איז גרייט, און איז
ערגעץ וואו שוין פאַר דיר פאַראַן.

יאָ, מיך רופט מען מיסטער בלאַק,
אינדערהיים האָב איך געקוקט מיט קנאָה
אויף משה חיימס דעם גבירס מויער
פון דריי רויטע שטאָק.
ווייסט דאָך, פון יעדן גרינעם
ציט מען אַראָפּ די היימישע בגדים,
און מען שלייערט אים אוים מיט
אַ קאַנאַדישן „סוט" און מיט אַ האַרטן,
ברייטן הוט, פון וועלכן
עס טעפּעט זיך נאָך דער גרויער פאַדעם.
און מעגסט נאָך אַרומגיין פון בענקשאַפט
און טרויער אַ פאַרוויסטער, רופן דיך שוין
די לאַנדסלייט „מיסטער" . . .
מען ענדערט די שיינע, היימישע נעמען,
אַז ווייב און קינדער זאָלן זיך נישט שעמען.
און אַ וואָוילן, היימישן ייד בערל באַק,

גיט מען אַ נאָמען בעני בלאַק.
און מיינע בנים רימען: „דעדי״ מען
דערקענט שוין מער נישט אויף דיר
דעם געבוירענעם גרינעם.

און כאָטש מען וואַלגערט זיך אויך דאָ
די ערשטע צייט, אין עלנט, אין קויט,
דאָך — אָט אַזוי פון דער העלער הויט,
אַבי מען עסט דאָ אויף דעם ערשטן, ווייסן
לאַבן ברויט, פאַרגעסט מען די נעכטיקע נויט.
מען טרייסלט אָפּ דעם שטעטלדיקן שטויב
פון שטיוול און שיך, און מען וואַרפט
אַרויס די מיטגעבראַכטע, געלאַטעטע ירושה־ציך.

און מיינע בנים — די עזי־פּנים
וואָס, חוץ דאָס ביסל ענגליש אין מויל
זיינען זיי פּוסט און הויל.
אָט די בנים מיינע רימען, און זאָגן מיר אַ דאַנק
פאַר צושטימען אויפן נייעם נאָמען, וואָס
פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין שום יידישן קלאַנג.
וואָרים וואָס ווייסן מיינע בנים
פון טרערן, וואָס ווערן פאַרגאָסן
אין פיינען? . . .
זיי שיינען און מיינען, אַז אַזאַ ייד,
ווי איך, וואָס היט אין זכרון
פון בית־מדרש די יונגע יאָרן,
קאָן אַזוי לייכט און גיך
אַרויסטרייבן פון זיך דאָס שטעטל
מיט די הונגעריקע געווינען.

נו, מען רופט מיך טאַקע מיסטער בלאַק,
און איך טראַסקע אַרום מיטן פולן טראַק.
און איך בין אַן עבד־כנעני צום פּרוכט־סטאָר,
און היימלעך זיינען מיר דאָ גרינע ביימלעך אַ פּאָר,
וואָס הייבן זייערע שפּיצן
צום הימל הויך און קלאָר.

יאָ, נישט געקוקט אויף מיין עלטער,
זע איך אויס אויף אַ „סאָסייטע־מיטינג״
ווי אַן אמתער פאַרשטעלטער.

איך „אַפּעליר" נאָך „דאַניישאָנס", נאָך
„פלעדזשעס" און „קעש", און אויף מיין
האַלדז באַמבלט זיך אַ קופּערנע קייט
מיט אַ געקריצט בלעכל פון שפּיגלדיקן מעש.

יאָ, אין אונדזער סאָסייטע בין איך דער פּרעזידענט
און מיט די „פּיקטשעס" פון אַלע „אָפיסערס"
איך הענג אויף די ווענט. —

יאָסל פּאַרעט זיך און לאַכט.
און מיסטער בלאַק, אומעטיק פאַרשטילט
קוקט אויף די זון־פינטעלעך, וואָס
קייקלען זיך און גאַלדיקן
אויפן שטויביקן דיל.

קאַיאַר. די שויבן צעצונדן און קלאָר,
דאָס נעגער־יינגל מיט געבייזער און פלוכט
טרייבט די מיאַקעדיקע קאַץ, וואָס
לויערט צווישן די פולע קערב
מיט רייפע פרוכט, און יאָגט זיך
נאָך דעם שטראַלן־סערפּ, וואָס
דרייט זיך און בלענדט
אויף די געקאַלעכטע ווענט.

מיסטער בלאַק ציט אין זיך
דעם פרישן ריח
פון די אויפגעבערגלטע, צייטיקע פרוכט,
און צעשמייכלט און גוט
זיין בליק פאַלט און רוט
אויפן נעגער־יינגל, וואָס
שאַלט און פלוכט.

גרינג און גיך
שאַרכען זיינע פּלאַטשיקע,
זומערדיקע שיך.
ער קוועלט, און חוזקדיק
ער קנעלט מיט יאָסלען,
ווי צו רעדן אויף אַ היגן יידיש
קלאָר און „פלעין", אַז יעדער
„קאַסטימער" זאָל פאַרשטיין.

נו, און איצט צום גרינעם,
וואָס שוויצט, אמור — זאָג:
אויף קאַלאָמבוסן אַ קלאָג!
זעסט דאָס איז אַ „פּלאָם" —
אַ היימישע און אַ יידישע פּרי
אין מיין קראָם.

וואָרעם עס שטייט:
ויפן כה וכה. דעריבער
קלאָר אין מיין פּרוכט־סטאָר
איז נישטאָ קיין אונטערשיד
צווישן ייד און גוי.

און הער, דאַרפסט וויסן מער
וועגן „פּיטש" און „פּעיר", ווּעסטו
זיך נישט דאַרפן מאַטערן אין שאָפּ
מיט נאָדל און שער.

געדענק, עס איז קיינמאָל נישט שפּעט,
אַז אַזאַ ווי דו זאָלסט דאָס היגע לשון
קענען, ווי מע באַדאַרף.
דעריבער — דבר — רעד ענגליש שיין און שאַרף.

זאָג זשע מער נישט באַרן.
וואָרן אַלע קאָסטימער
וועלן דיך אָפּנאַרן. —

יאָסל וועגט קאַרטאָפל־זעק
און פרעגט: — פונוואַנען
שטראָמען צו אייך
די גרייטע גראַמען.

מיסטער בלאָק פּעדימט
מיט גרויען סיגאַרן־רויך.
ער ענטפערט אָפּ,
און זיין קאָפּ שרויפט זיך,
און שטרעקט זיך צו יאָסלס
שיינער, שטאָלצער הויך:

„—מיינע גראַמען שטאַמען
פון מעכעלע ווערטל־זאָגער

מיט די רויטע פּליאָמען.
און נאָכמער פון מיין
גמרא־מלמד ר׳ יעקב בער,
וואָס כאָטש ער איז
כל־ימיו געווען פול
מיט פּיין און פּלאָגן, האָט
ער זיינע תּלמידים
קיינמאָל נישט געשלאָגן.
און הוא היה אומר,
און ער פלעגט זאָגן:
דאָס לעבן איז נישט
לייכט, נישט לינד, דעריבער
וואו עס זאָל אייך נישט
פאַרטראָגן דער בייזער ווינט,
געדענקט אַ שיינער גראַם
איז אַ ניגון אָן אַ פּגם.

איז יאָ, וואו האַלטן מיר?
רעד אַ „פּלעינעם״ יידיש
מיט ענגליש באַשמירט.
„ביקאָוז״ די אויסגעגרינטע „מיסעס״,
וואָס האָט אַ נייעם, גרינעם „באָרדער״,
לאַכט פון דיין „אָלדקאָונטרישן״ יידיש,
ווען זי מאַכט דעם „אָרדער״.
יעדע „טאָמייטאָ״ זי טאַפּט אוים מיט די הענט
און היט דעם „קעש־רעדזשיסטער״ וואָס
קלאַפּט און קלינגט מיט יעדן סענט.
אָבער לאַנדסמאַן נישט געזאָרגט,
אין אַ יידיש אַ „פּלעינעם״, אין אַ יידיש אַ ריינעם,
אַבי מען באָרגט נישט באַ קיינעם.
וואָרעם פרייטיק צונאַכטס פאַרגעסט מען
אין מיין הויז, אַז דער פּדיון איז גרוים.
דער שבת־קודש אויף די שויבן רוט,
און מיר איז היימלעך און מיר איז גוט,
ווען אויף מיין קאָפּ, זיצט דער
קאַנאַדער, קיילעכדיקער הוט.
און אין שוואַרצן, שבתדיקן ראָק
בין איך דער זעלבער,
היימישער בערל באָק.

און דיין פעטערל דער דארפישער
סעדער־האלטער, איז א ייד שוין
גארנישט קיין קאלטער.

וועגן מעות־חיטים ער רעדט
נישט סתם גיך און גלאט.
ער קלאפט צונויף א קאמיטע
נאך אין אנהייב חודש שבט.
און ער לאזט תיכף וויסן דורכן
יידישן בלאט: היות והיות
די נויט אין דער אלטער היים
איז גרויס. לכן — דעריבער,
אין אזא צייט טאר קיינער
פון די לאנדסלייט נישט שטיין
פון דער וויים.

דעריבער מיטן מעות־חיטין איילט
פארן שטעטל, וואס איז
הונגעריק און פון פאגראמען צעביילט.
אונדזער הארץ פון וויטיק צעקלעמט.
לאמיר שיקן מצה, שוך און העמד.
ווארעם, געדענקט, ווי יוסף הצדיק
צו זיין א שפייזער האט גאט
אונדז געשיקט אין דער
קאלטער, וויטער פרעמד.

און צו דער מעות־חיטין־„פארטי״
אין גרויסן, גערוימען „האל״
קומען אלע לאנדסלייט הערן
דיין פעטערס שטראפנדיק קול:
אז אפילו איידעלע יידן פון דער היים,
זענען דא געווארן קליין און געמיין,
זיי זיינען אראפ פון דרך־הישר,
כאטש פיל פירן א הויז „סטריקטלי״־כשר.

און אזוי ווי צו מאכן דעם „אפיל״
איז שוין מיין חזקה; טו איך א זאג:
ווייזט זשע יידן, אז איר זענט
רחמנים און בעלי צדקה.
גייגט צו דאס אויער,

אוּן הערט פון טרויער
דאָס געוויין, וואָס טראָגט
זיך אַהער פון אונדזערע
ברידער און שוועסטער
פון דער אַלטער היים.
איך וועל רופן און נישט דורכלאָזן
קיינעם, ביז איך וועל קריגן
„דאָניישאָנס" פון יעדן איינעם,
לכן — דעריבער עפנט אַליין די האַנט
און, ווי יוסף הצדיק ווערט ווידער
צו אייערע ברידער דערקענט. —

נאָכן „אַפּיל" סקריפּעט
פון פריילעכע טריט דער דיל.

איך, דער פּרעזידענט
בכבודי ובעצמי טרייסל
אָפּ פון מיין סיגאַר דאָס אַש
און גיס יעדן בראָנפן
פון אַ בייכיקער, קאָלירטער פלאַש.

די לאַנדסלייט רעדן אויפן הויכן קול,
און עס היימישט די האַרציקייט
אין פול-געפּאַקטן „האָל".

און אָרקעסטער שאַלט.
און פון דער פרייד רוישט, ווי
אין אַ וואַלד.

עליע מאירטשעס
מיטן רויטן שראַם,
זינגט און גראַמט:
אוי, יידן ביטער,
מיין ווייב די פריילעכע
שרה-לאה, שלאָגט מיט
ווערטער, ווי מיט ריטער
און האָט אין הויז
די גאַנצע דעה.

און וועלוול — שיין און געשמאַק
מיטן פּוס קנאַקט.

שלאַנק און יונג.
אַלע שיינע ווייבלעך
בויערט ער דורך
מיט זיין שאַרפן וואונק.

אַ טראָמפּייט ליאַרעמט
הייזעריק, הויך.
און דער פּויקער
מיט דינע שטעקעלעך שפּרינגט
אויפן בויך פון דער פּויק,
וואָס ברומט און קלינגט.

היימיש און פריילעך
דאָס געבריל. די ווייבער
טאַנצן דעם היימישן קאַדריל,
און אונטער זייערע פלינקע
פיס קייקלט זיך
דער גאַנצער דיל.

צעוואַרעמט ווערן די געבליטן
אויף דער „פּאַרטי"
פאַר מעות חיטין. און אַט־אַזוי
ביזן מאָרגנגרוי קלאַפּט
זיך צונויף געענוי „קעש",
נישט בלויז אויף מצות,
נאָר אויך אויף בגדים
שיך און ניי־ווייס וועש".

פרילינגדיקער באַגינען.
אין דער קעגנדיקער מויער,
זשומענדיקע מאַשינען,
נאָגן אוים נאָדלדיקן טרויער.
גאַסן פול מיט וואַסער־גריבער.
אין קראָם באַווייזן זיך די ערשטע „קאַסטימער"
פון די שכנותדיקע אָרעמע שטיבער.
מיסטער בלאָק רימט די מאַראַנצן, די טרויבן און די טייטלען
און דאָס נעגער־ייִנגל לייגט אַריין די פרוכטן
אין גרויסע, גראָבע, פּאַפּירענע בייטלען.

פרימאָרגן. יאָסל שלעפּט זיך ווידער אויף די טרעפּ.
און די זון מיט אירע פייערדיקע אויגן

ברענט אין הימל,
און שלייפט זיך אויף דער קעלער־שויב
באצויגן מיט שטויב און שימל.

נויט

יאָסל אין צעשפּיליעטן וועסטל
ליגט אַרום מאַראַנצן
פון דינעם, הילצערנעם קעסטל,
און הערט זיך איין
אין זשילס רייד פון פיין.

דאָס שיק־אינגל זשיל מיט זיין קנאָכיק געביין
איז פלינק און קליין.
זיינע אויגן גרוי און העל
גאַפן, ווי פון אַ טרוימעריש געמעל.

זשיל, וואָס טראָגט רואיק, שטיל
דעם שווערן יאָך,
שמייכלט שעמעוודיק מיטן שמאָל־יינגלישן פּנים,
באַדעקט מיט פריען העל־האָריקן פּאָך.

דאָס נעגער־יינגל שניצט אַ „סעינט קלאָוז"
און זאָגט, אַז מיסטער בלאַק איז אַ גוטער „באָס",
און זשיל דערציילט, אַז פון זייערע ווענט
אַנגעטאָן אין קויט, שיילט זיך
פון קאַלך די פאַרשוואַרצטע הויט.
אַז אין זייער שטוב — דעם קאַלטן, קעלערדיקן שטיין,
קומט דער טאַטע יעדע נאַכט אַ היים
מיט אַ פאַרפלעקטן העמד,
מיט פינגער פון ווייטיק פאַרשטשעמט.
אַ גאַנצן טאָג זיינע לונגען די עפּושדיקע לופט זופּן,
זיינע הענט שאָבן פון פיש די שופּן.
די אויגן מיט ווינטיקע טרערן אָנגעגאָסן.
און פון האַרבן, ביליקן סיגאַרנרויך
גרעלט אים אין האַלדז, גרימט אים אין בויך.
די מאַמע דערציילט: דער טאַטע איז געווען שטאַרק און שיין,
מיט אַ פול מויל מילך־ווייסע ציין.

זיינע האר — בלאנד געקארבט,
מיט א פנים פון פרישן ווינט געפארבט.
און אויגן וואס גרויען און שיינען,
און פארשטילן די טיפסטע פיינען.
היינט איז ער געהארבט.
ווייל ער טראגט דאס לעבן
ווי א שווערן קארב.

די מאמע קלאגט:
דער טאטע איז פאריאגט, ווייל מיר זיינען א משפחה פון צוועלף,
און מיינע רייכע קרובים זיינען ערגער פון וועלף.
די מאמע קלאגט: געלאטעט און פון פרעסן-פארגעלט
איז דאס אלטע, אויסגעטעפעטע גרעט.
די שטוב איז פול מיט לייד,
זעלטן קויף איך א נייע קלייד.
און תמיד דאס זעלביקע טענהן
פון דער וויינענדיקער מאמען:
גאט, פארוואס טוסטו מיך אזוי שטראפן,
אז מיינע קינדער מיט אנגעשפארטע הענט,
זאלן דארפן שלאפן אויף הארטע ברעטער
צוגעקלאפט צו די קאלטע, שטיינערנע ווענט?
ווינטער דער אייוון רויכיק און פארריסט,
ווארעמט זעלטן אן די קאלטע פיס.
די שווערע שטארצן ראסטן און שווארצן.
און צווישן זיינע, דיקע, אייזערנע ווענט
א קליין, בלוילעך פייערל איז פארקלעמט.
לייסטלעך און טירן
אין ווייסן פראסט פרירן.
די שויבן אנגעטאן אין שניי-ווייסן מאך
און די לופט שטעכט ווי א נאדל-שטאך.
דאך א ליבע היים
איז די קאלטע, קעלערדיקע שטוב פון שטיין.
דער טאטע געטריי און גוט,
דערבארעמט זיך אפילו אויף דעם שכורל קאמיל
מיטן פנים פארשוואלן און צעקרעלט,
וואס וואלגערט זיך אין ברוד בא זיין אייגענער שוועל.
און ווען די מאמע איר ארעם מזל באקלאגט,
דער טאטע מיט גוטע, טרויםעריש רייד,
אט אזוי דעם טרויער פאריאגט:

„עס איז דיר מוטער וואויל און גוט,
אבי די פרידלעכקייט אין אונדזער הויז רוט.
און אז איך וועל מער פארדינען, וועל איך צוקריגן
אין פנים פרישע, רויטע בלוט, און דיר
וועל איך קויפן דעם שענצטן רויזנהוט.
ווארים גאט איז פול מיט גנאד,
כאטש איינעם שטאפט ער אן א פולן טאפ
און דעם צווייטןווארפט ער אין תהום אראפ . . . ”

דער מאמעס אויגן שמייכלען גאפנדיק און קלאר.
און דער טאטע גלעט די פינטעלעך־גרוי
פון אירע גאלדיק־ווייכע האר.
דעם טאטנס גוטע ווערטער מאלן יארן שפעטער,
מיט אן אייגענער היים, נישט ווי איצט
מיט געלעגערס אויף ברעטער.
זיינע אויגן ווערן פול געלעכטער:
„האסט מיין ווייב געראטענע זין,
און געטרייע, שיינע טעכטער.
איז וואסזשע ארט דיך די אלטע, קאלטע שטוב?
אבי היים און געשמאק
איז זונטיק די פליישיקע זופ.
און זאל דיך נישט ארן, וואס די קינדער
טוען מיט זייערע הענט דעם קאפ אונטערשפארן,
אבי קיינער שלאפט נישט אויפן נאקעטן פאל,
און אונדזער עמיל פאר זיך אליין,
פארן „קאלעדזש” שוין באצאלט.
וועסט זען, גאט וועט געבן,
און מיר וועלן דערלעבן, עמיל זאל ווערן אן אדוואקאט.
וועלן מיר מער נישט זופן
פון פערדנמיסט דעם טשאד,
און איך וועל מער נישט
דארפן צופן פון די פיש
די זילבערנע שופן . . .
אונדזער שטוב וועט צום בארג טאן א קלעטער.
דער אויסגעשטערנטער הימל וועט פינטלען,
און וועט הערן דאס סודותדיקע ווינטלען
פון די גרויסע, שמעקעדיקע בלעטער”.

דעם טאטנס בליק בלויט,
און מאלט א ברונעמל פון שטיין

בּאַ אַ גרין־געפּלאָכטענעם פּלויט.
דער טאַטע זאָגט צו
טיפע, דאָרפישע רו.
אין דער מאַמעס אויגן
פינקלט דער פרײדיקער טרוים
פון אַ גאָרטן אַרומגעצױגן
מיט אַ גרין־געפּלאָכטענעם צױם.
דערװײל, איז װײט די שײנע, שאָטנדיקע גאַס,
מיטן באַבײמערטן באַרג,
און זון־פּאַס אויף זײן קאַרק.
דערװײל װאוינט מען אין אַ הויף אַ קעגן אַ שענק,
און שכורים מיט פּנימער רויט־פאַרזויפט
כראָפּען אויף די גרינע בענק.
דערװײל קאָן דער טאַטע נישט פאַראיבעריקן קײן סענט
צו קאָנען אָפּפאַרבן די קױטיקע פיר װענט.
און דאָך — די מאַמע געפינט טרײסט אין טרוים.
זי רעדט אָפט פון באַרג מיט די שטיבלעך װאָס
רוען בּאַ זײן גרינעם זױם.
און אַלעמאָל זי זאָגט: אַ דאַנק גאָט,
ער געדענקט, און שיקט אונדז,
מיסטער בלאַק, װאָס שענקט און באָרגט.
אַ דאַנק אים, לערנט אונדזער זשיל אין הײ־סקול באַנאַכט.
ער װעט שוין אַמאָל זיצן אין אַן אָפיס אין אַ װײכער שטול,
און נישט דאַרפן שטױבן מיטן טראַק אויפן שליאַך.
יאָ, טאַטע־מאַמע פאַרלירן נישט די טרוימען,
כאָטש דער פאַבריק־קוימען פאַרסאַזשעט
דאָס ביסל אויסגעװאַשן װעש אויף די צוימען.
װאָרים, אין די זונטיקדיקע אינדערפריען
אַקעגן די הײליקע בילדער מיט געבוקטע קניען,
לויטערן זיך די װערטער אין האַרץ דעם גלויביקן און רײנעם.
די תּפילות שטיל און טיף בעטן און װײנען.
אויף די באַטעפּעכטע טרעפּ
אין דער קלױסטערדיקער שטום,
בויגן זיך זײערע קעפּ
הכנעהדיק, פרום צום באַלויכטענעם אַלטאַר,
װאָס זאַפּט אײן פון תּפילות דעם צער.
די װערטער טריפן פון די האַרצעדיקע טיפן.
עס װײנען די פײנען אַקעגן
די בילדער, װאָס גאָלדיקן און שײנען.
יאָסל הערט זיך אײן צו זשילס

זיבן טעג פון פיין.
זשיל כאַפּט זיך, אַז ער דאַרף צעפּירן די „אָרדערס",
און אַז באַ דער געלער טייבקען וועלן די זאַמדיקע אויגן
ווערן גרוי און אָנגעצויגן. און בורטשענדיקע רייד
וועלן אירע רויט־געפאַרבטע ליפּן אַרויסזויגן:
אַז צוליב זיין פּוילן שפּאַן,
האָט זי נישט קיין „סאַפּער" פאַר די „באָרדערס"
און פאַר איר אויסגעהונגערטן מאַן.

זשיל קירעוועט אינמיטן דער שרייענדיקער גאַס.
און די רעדער פון זיין אָנגעלאָדענעם „בייק"
יאָגן דעם זון־גאָלדענעם־פּאַס.
אין קראָם קילט דער אָפּגעוואַשענער דיל.
יאָסל שטייט גרייט צו באַדינען איטלעך איינעם,
וואָס קומט קויפן פּרוכט און גרינס מכל המינים.

אויף די הייסע, שפּיגלדיקע שויבן
גאָלדיקן און שיינען די גאָלדענע שטויבן.
פליגן זעגן פון זון דעם בויגן,
און זויגן די זאַפטיקע ווייַנען
פון די ווייס־רויטע טרויבן.
יאָסל זאָגט נישט קיין וואָרט,
נאָר קוקט אויפן נעגער־יינגל
וואָס שניצט אַ „סעינט קלאָוז"
מיט אַ ווייסער, צעכוואַליעטער באָרד.
הירשנגעשפּאַן לויפט און פירט מתנות
פאַר די קינדער פון אָרעמען שטאָט.

די קראָם שטילט.
דזשימיס פינגער טאַקן
אַ בילד פון אַ ליכטיקן זקן
וואָס שמייכלט קינדעריש מילד.

יאָסל לאַכט: דזשימי, דיין „סעינט קלאָוז" גלעקלט אויפן
באַשטערנטן שליאַך!
דאָס נעגער־יינגל מאַכט פון זיין האַנט אַ בויגן.
אַ פייערדיקע קויל צינדט זיך אָן אין זיינע שוואַרצע אויגן.
די ווייסע ציין ליכטיקן און לוסטיקן אין זיין מויל:
„אַ האַ, הללויה, גוט און וואויל!
וואָרים מיין „דעד" רעדט אָפּט ווי „פאַדהער" דזשעקסאָן

אין שווארץ סאמעטענעם סורדוט, אַז מען דאַרף זיין געטריי און גוט,
און גאָט וועט באַשטראָפן די וואָס פאַכען אויף מענטשנפּלייצעס
מיט בייטש און רוט.
מיין טאַטע האַלט אין איין זאָגן: גאָטס ערד קאָן שוין מער נישט
פון מענטש דאָס שלעכטס פאַרטראָגן.
דער שוואַרצער שטאָם וועט נישט אייביק זיין
אויפן מזבח דער געבונדענער לאָם.
און צו מיר ער זאָגט: יעדן טאָג בעט צו גאָט,
אַז זאָלסט געפינען גנאָד אין די אויגן פון מיסטער בלאָק,
וואָס אַ דאַנק אים ביסטו נישט אין דער פרעמד,
האָסט אויפן פוס — אַ זאָק
און אויפן לייב — אַ העמד.

דער טאַטע זאָגט:
גאָט קוקט אַראָפּ פון זיין הימל־שויב
און ער בענטשט דעם מענטש,
וואָס הויבט אויף זיין אָרעמען ברודער,
ווען ער וואַלגערט זיך אין אָרעמקייט, אין שטויב.
מיין טאַטע זאָגט: גאָטס גוטסקייט טריפט אין האַרצן יעדן טאָג,
דעריבער אין דער הייליקער שריפט
טיף־איין דיין בליק, וועסטו דאָרט געפינען
פון טרייסט דאָס גליק.
וואָרים גאָטס וואָרט לערנט
צו זיין ערלעך און גוט,
און נישט נאָכגעבן דעם רויש
פון גלוסטיקן בלוט.

נויג צו דיין אויער
און הער דער פרימאָרגן דער בלויער,
מורמלט דורכן שטילן ווינט:
אַז גאָט וועט אָפּוואַשן
פון זינד די קויט
ווען דער מענטש וועט זיין עלנטן ברודער
העלפן אין דער שעה פון נויט.

דזשימי דערציילט פון האַרבסטיקע נעכט,
ווען זיין עלטער־עלטער־זיידע איז אַנטלאָפן
קיין קאַנאַדע, און געוואָרן אויס קנעכט.

דזשימי רעדט, אַז זיין טאַטע
אין ליכטיקן חלום זעט זיך,

אַרויספאָרן זומער פון שטאָט,
און שלאָפן אויף דער לאָנקע,
ווי אין אַ קילן, ווייכן גראָזנבעט.

דער טאַטע זעט אין טרוים,
אַ גאָלדענעם הימל־זוים.
און אין דער מאַמעס שיינע, שוואַרצע קרויזן,
שמעקט אַ בינטל פון זיינע רויטע רויזן.
דאָס נעגער־ייִנגל רעדט, עס לאַכט זיין געזיכט.
און יאָסל וואָס גלעט זיינע האָר,
זעט דאָס שטילע, פרומע ליכט
פון פרי דורכגעפייניקטע יאָר.
יאָסל הערט און קלערט:
ווי אַלע שחורים — די פרומע קינדער פון חם,
וועט אויך דזשימי זיין אַן איש תם.
שטיל.
אין קראָם קילט דער אָפּגעוואַשענער דיל.
אויפן בוים ווינטלט זיך אַ בלאַט.
שיפס־קוימען וואָיעט ווילד און הויך,
און פּאָיעט די רוימען מיט טשאַד און רויך.
שטיבלעך שוואַרץ און קרום,
טרייסלען זיך דערשראָקן און שטום.
שייבלעך שימלדיק און שמאָל
שטאַרן פאַרטשאַדעטע פון זשאַווערדיקן געדוך,
וואָס גייט אויף פון טאָל, אָנגעוואָלגערט מיט אייזנברוך.

אין דאָרף

איין טאָג צום צווייטן איז גלייך,
ווי דאָס דורכגעזוניקטע וואַסער, וואָס
שווימט בײַ די מאָביקע ווענט
פון ווינטיקן סעינט לאָרענס טייך.

איבערן גאַנצן שטאָטישן לאַנד
דער זומער רייפט און שפּאַנט.
יאָסל וואָלט אַזוי געוואָלט זען:
אַ דאָרפישן הימל באַמאָלט מיט בלוי,
און אַ פעלד מיט זאַנגען אין רויך פון טוי,

וואָס גאָלדיקט און העלט
אין דער שטילער, שטייפער פרימאָרגן-קעלט.

די שטאָט פון ליאַרעמדיקע מאַשינען
רוט נאָך אין דרימל פון שטילן באַגינען.
די רעדער אין שטויב פאַרקאָפּעט,
און דער טראָק אַ גרייטער שטייט און סאָפּעט.

מיסטער בלאָק אין אַ ברוינעם, ברייטן הוט
ביז די האָריקע ברעמען פאַרוקט,
קוקט אויף יאָסלען, וואָס האָט גישט דעם מוט אים צו בעטן,
ער זאָל אים מיטנעמען אין דאָרף דאָס גראָז צו באַטרעטן.
אויף יאָסלס פּנים צינדט זיך
די פרישע רויטקייט פון ווינט.
אין זיין אויג פול מיט באַגער,
קוועלט דאָס ליכט, ווי אַ טרער.
מיסטער בלאָק שרייט:
יאָסל-ברודער נישטאָ קיין צייט!
וואָסזשע שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט?
טו זיך אַ שאָקל, און שפּרינג אַריין
אין אייזערנעם וואָגן!
מיסטער בלאָק טוט אַ קערעווע דאָס ראָד,
און יאָגט אַרויס פון דער פאַרדרימלטער שטאָט.

אין דער פרימאָגן-קעלט
פרישע ווינטן קעמען די גרינע גראָזן-וועלט.

וואַלדיקער דרויסן ווערט דופטיקער און ריינער.
דער פרימאָרגן רוט אויף בערג
מיט מאָכיק-פאַרדרימלטע שטיינער.
דער טראָק יאָגט. און די רעדער וואָס איילן,
שלינגען איין די באַזונטע, גראָזיקע מיילן.
דינע, שטראַליקע סטרונען ציטערן
אויפן וואַסער פון שטיינערנעם ברונעם.
די רעדער שליאַפּען אין זאַמד
און קלאַפּן: גרין און ליכטיק
איז דאָס דאָזיקע לאַנד!

עס סקריפּעט דער צעעפנטער טויער פון אַ דראָטנצוים,
אַ לאַנקע מיט געלע בלימעלעך פינטלט אין זוניקן רוים.

אין זאַמד זינקט דאָס פאָדערשטע ראָד.
אין רויך פון טוי בלויט דער עפּל סאָד.
אויף דער לאַנקע לויפן אַרום לעמער.
יאָסל שעפּט פריש-געמאָלקענע מילך
פון פולן, האָלצערנעם עמער.
מחנות עופות פּאַכען מיט די פליגל,
און קוקן אויף דער פרימאָרגן זון וואָס
שווימט אויפן טייכיקן שפיגל.
רויך-פעדימער לויפן פון פּויערישן קוימען.
ווינטן וויגן די דינע, דראָטענע צוימען,
און טראָגן גאָלדענע פייער-פונקען
צו די בלויענדיקע רוימען.

מיסטער בלאָק ציט יאָסלען נאָך זיך און זאָגט:
ר׳ גרינער, אין די נייע שיך טו אַ שפּרייז,
און לערן פון יעדן מין דעם פּרייז.

אַ הויכער, פאַרברוינטער פאַרמער טאָפּעט אין זומערדיקע פאַנטאָפּל,
און טראָגט אַ פולן זאַק מיט פרישע קאַרטאָפל.
אין טויאיקן נעפּל
רויטלען די רייפע עפּל.
דער טייך צווישן מאָכיקן שטיין
שווימט און מורמלט צו זיך אַליין.
דער טראַק אָנגעשטאָפּט מיט קעסטלעך און זעק
שמעקט ווי דאָס געטרוקנטע היי אויפן וועג.

ווייט איז דאָ פון שטאָט דאָס געווימל.
די זון גייט גיך אויפן דאָרפישן הימל.
מיט מאַלינעם רויט און זים
דורכגעצוקערט איז די לופט.
יאָסלס שלייכנדיקע פיס
קילן זיך אין גראָזנדופט.

מיסטער בלאָק אַ פריידיקער לאַכט:
מיין גרינער איז נעבעך מיד און פאַרשמאַכט!
טראָג! וואָרים גיך איז אַוועק שוין
אַ האַלבער טאָג. קוק נישט אויפן שליאַך,
וואָרים גיך פאַלט דאָ
דער קילער שאָטן פון פאַרנאַכט.

סיי ווי שוין צייט אָפּצורוען
די מיד־געוואָרענע קני.

יאָ, איידער־וואָס, איידער ווען,
וועט ר׳ יאָסל זען:
אַז פון אַרבעטן מיט די פינגער,
ווערט דעם גרינעם דאָס לעבן ליבער, גרינגער.
ווארים, וירא הגרינער כי טוב, — אַז עס איז גוט
וואָס אויפן פעלד די שטילקייט רוט.
ויאמר און ער האָט געזאָגט:
בן־אָדם — אויף מיינע פיס איך טראָג זיך
שטאָלץ און גלייך, דעריבער וועל איך זיך
טוקן אין די וואַסערן פון קילן טייך.
די לופט זיסט און שמעקט.
יאָסל פאַרבינדט די לעצטע קאַרטאָפל־זעק.
מיסטער בלאַק רופט: גרינער קום און קיל אָפּ
דיין פאַרשוויצטן גוף. ווארים וירא הגרינער כי טוב!
און אַ פאַרסאָפּעטער צום וואַסער ער לויפט.

עס זוניקן די זאַמדיקע שליאַכן.
ביידע גייען, און לאַכן.
די וואַסערן וואַרפן
ווייסע כוואַליעס
אויף די פעלדזיקע שאַרפן.

דעם טאַטנס בענקשאַפט

צווישן גערטנער און סעדער,
שטויבן די רעדער.

אין דער גרינער רו
פּאַשעט זיך אַ קו.

עס זאַמדיקט דער שליאַך.
יאָסל טראַכט פון דעם לעצטן בריוו
וואָס מיט טיפן טרויער טריפט:
„מיין טייערער זון!
דער ווייטיק איז פריש, ווי וואָלסט
ערשט נעכטן פאַרלאָזן דעם טאַטנס טיש.

די מאַמע ווישט די אויגן און קלאָגט:
אַז איר שבת איז מיט טרערן אויסגעמישט,
פון זינט דו האָסט זיך אַליין קיין קאַנאַדע פאַריאָגט.
מיין זון, איך ווער נישט יינגער.
דער טרויער פון די עלטערע יאָר,
מיט גיכע, גרויע פינגער פאָרט
צווישן די דינע, לאַנגע האָר
פון מיין שוואַרצער באָרד.
דער רבי זאָל מאַריך ימים זיין
האָט געזען מיין שרעק און פיין,
און האָט מיט הייסע תפילות זיך געטאָן מיען,
אַז זאָלסט אָן שום מכשול
אין וויטן, פרעמדן לאַנד ציען.
אין ליכטיק-לויטערן באַגין,
אין ריינע תפילות טרייסט געפין.
און ווי איך, אין די אינדערפריען,
בעט אויף שיבת ציון.
וואָר, דיין אַרויסוואָגלען פון פוילן — דיין געבורטסלאַנד
איז געווען אַ צייכן, אַז גאָט פון די הימל-הייכן
האָט אין חסד אויסגעשטרעקט צו דיר זיין האַנט.
וואָרים יידן אין קאַנאַדע לעבן ברוך השם אָן פחד
און ציען חיונה פון חוט ומחט.
יידן נייען בגדים און בעל מלאָכה און פאַבריקאַנט
האָבן שיין פרנסה אין נייעם לאַנד.
דאָס איז פאַר יידן, ווי אין מדבר דער מן
צו ראַטעווען זיך פון דער שווערער האַנט פון פאַן.
זאָל נאָר קאַנאַדע עפענען אירע טויערן
וועלן אַהין ציען יידן און פויערן.
גרויס וועט זיין דאָס געלאַף
פון אַנשים, נשים וטף . . . .
וואָס אונטער דיין משאַ קרעכצט דיין געביין,
איז מיר זיכער און קלאָר:
אַז גאָט וואָס זיין וואָרט איז אייביק און וואָר,
האָט דיך געשיקט פאָרויס
צו מאַכן דיין נאָמען דאָרטן גרויס.
און אַז זיין זאָלן מיר שוין תמיד באַנאַנד
אין דיין פרייען, קאַנאַדישן לאַנד.

מיין טייערער זון, איך שטיי נאָך אַלץ אויף אינדערפריען
און בין מתפלל צו גאָט, אַז דו זאָלסט איינגיכן

אונדז קאָנען פון גלות פוילן אַרויסציען.
יאַ, דער ווייטיק טיף און פריש.
די ווייטקייט האָט די ליבשאַפט
פון ליבנדיקן האַרץ נישט אָפּגעווישט.
דער ווינט טונקט זיינע פייערדיקע פליגל
אין דעם בעכער פון מיין האַרץ פול מיט בלוט-רויטער טינט,
און איבער ים און הימל ער טראָגט אַצינד
די בענקשאַפט צו דיר מיין פאַרוואָגלט קינד.

פון מיר דיין פאָטער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט
אַז אין דער ווייטער, פרעמדער שטאָט,
וועט ער איבער דיר וואַכן,
אויף דיר דעם אָרימען און שוואַכן".

דעם טאַטנס בריוו ליכטיקט אין פאַרנאַכטיקן גלי,
און די ווערטער בענקען און בענטשן
יאָסלס שווערע מי.

גאָלדיק-רויט דער הימל-זוים.
די זון זעצט זיך
אויפן קאָפּ פון א צעבלעטערטן בוים.

אַ שטיבל אויף אַ גרינעם היגל
ליכטיקט אין דער טיף פון וואַסער-שפיגל.

דער טראַק יאָגט אַהיים.
די פרייד פון פעלד לויטערט
אין יאָסלס שטילן, בענקענדיקן געוויין.

דער טראַק יאָגט.
דאָס דערפל ביים שליאַך,
דרימלט אין שאָטן פון פאַרנאַכט.

א קאָרנער סטאָר

מיסטער בלאַק וואָס וואַשט דעם פאַרשטויבטן טראָק
רעדט און לאַכט: יאָסל, איך האָב נעכטן אין דער סאָסייעטע
וועגן דיר אַ גערייד געמאַכט, אַז דו ביסט אַ לשון קודשדיקער זינגער,
און די סאָסייעטע דאַרף „טרייען" דאָס לעבן צו מאַכן דיר גרינגער.
לכן — לאָמיר געבן, אָדער באָרגן און מיט אַ שטיקל ביזנעס
דיך באַזאָרגן.
נו, שטייט אויף משה גאַנער אינגאַנצן צעטאַמלט,
ער קוקט אויפן עולם, היקעט און שטאַמלט:
אַ משורר אין אונדזער הייליקן לשון איז אַ גרויסער האַנער.
דעריבער מאַך איך פון „פלאָר" אַ „מאָושן",
אַז אין אַ „ביזי קאָרנער" וואו מען רעדט יידיש „פלעין" און קלאָר,
זאָל די סאָסייעטע אים „אַפּפּיקסן" אַ פיינעם פּרוכט-סטאָר.

און עוזר-ברוך דאַמבע קראַצט די צען געלע האָר אין דער גאַמבע
און לאָזט וויסן: אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס די סאָסייעטע
וועט פאַר אים באַשליסן.
און ער קנאַקט מיט די הארטע, קצבישע דלאָניעס,
אַז די „היברו טיטשערס" קראַקען, ווי הונגעריקע וואָראָנעס.
און ער ברומט אויף זיין קופּערנעם קול:
ברידער און שוועסטער, גאָט האָט אייך רייך געמאַכט אין היגן לאַנד,
גיט זשע מיט אַ ברייטער, פולער האַנט, און טאַקע מיט איינמאָל,
וועט איר שפּעטער פאַרשפּאָרן שיקן דעם גרינעם מיט „קאָנסאָמשן"
קיין סעינט אַגאַט, אין סאַנאַטאָריע-שפּיטאָל.
און דער לאַמער אהרן בער שפּיציקט
מיט דער בלאָנדער באָרד, ווי מיט אַ געשאַרפּטער שער,
ער הינקט און קלאַפּט מיטן שטעקן:
פון אייך אַלעמען זאָל שטענדיק מיט שיף שמעקן.
וואָרים אַלע אייערע רייד וועלן זיין בחינם,
אויב איר וועט זיך היינט נישט דערבאַרעמען אויפן גרינעם.
זאָל דער גרינער וויסן, אַז קאַנאַדע איז נישט קיין העק,
און אַט איז פון מיר אויף הונדערט דאָלער אַ „טשעק".
און אַרטשעלע דאַרע ביינער רופט אויס:
קיין גרינער גייט קיינמאָל פונדאַנען מיט ליידיקן נישט אַרויס.
איך בין גראָד איינער פון זיינע לייענער
און דערפאַר גיב איך אויך אויף הונדערט דאָלער אַ שטר.
דערצו, די וואָס קאָנען לשון קודש דאַרפן זיך באַמיען,
אַז ער זאָל שרייבן לידער וועגן אונדזער בענקשאַפט נאָך ציון.
און מאירטשע מיטן געזילבערטן קאָפּ

און בליאסקעדיקע אויגן ווי מעש,
זאָגט מיט אַ ניגון פון טראָפּ:
איך גיב הונדערט דאָלער „קעש״.
און דער פאַרגרעבטער אָלרייטניק טשאַרלי שוואָם,
וואָס האָט זיינס אייגנס — אַ שאָפּ און אַ קראָם,
מעלדעט בקול רם: איך בין „גלעד״ צו „דאָנעיטן״
וויפיל נאָר די סאָייעטע וועט בעטן.
„באָט״, אונדזער גרינעם הויך און אויסגעצויגן,
וואָס טראָגט דעם עלנט אין די אויגן.
יעס, „ביפאָר״ מיר „פּיקסן״ אים אָפּ דעם „סטאָר״,
זאָל ער אין מיין שאָפּ, און אויף מיין „עקספּענס״,
דערווייל אַ כאַפּ טאָן „אַ סוט״ מיט צוויי פּאָר פּענטס.
עס האַלט שוין באַם עק.
אויפן טיש ליגט „קעש״ און „טשעק״.
שטייט אויף דיין פּעטערל און טוט מיך פאַרן טשערמאַן אַ פאַרקלאָג:
הלמאַי, האָט ברודער בלאָק, וועגן היינטיקן „אַפּיל״ אים
פריער גאָרנישט קיין וואָרט געזאָגט?
איך בין דאָך עפּעס דעם גרינעמס אַ שטיקל קרוב,
און יענער האַלט גאָר, אַז מען דאַרף פריער העלפן
דעם שטעטל, איידער עס ווערט חרוב.
דאָ כאַפּט זיך אויף דזשאָו אויער-קרעפּל
און זאָגט: „יידן, מיר דאַכט, מיר קאָכן אַ לײדיק טעפּל.
ער זעט פאָר אַז דער גרינער וועט נישט וועלן קיין סטאָר.
דעריבער דאַרף מען צום „קאָלעקשאָן״ מאַכן „אַ סטאָפּ״,
און דעם גרינעם בעסער געפינען אַ גוטן „דזשאָב״.
און חיימטשע מיט די רויטע פּליאַמען
הויבט אָן פלאַמען:
„אין דהי מינטיים״, איידער מיר געפינען
דעם גרינעם אַ „פּלעים״ זאָל מיסטער בלאָק
אים געבן אַ „רעיז״.
נאָר אונדזער טשערמאַן מענדל קראַמער
זעצט מיטן האַלצערנעם האַמער:
ווערטער, ברודער דזשאָו, רעדט נישט!
„ביקאָוז״ איר האָט נישט די „פלאָר״!
און דיין פּעטערל ענדיקט:
איר קענט מיך, אַז איך בין נישט קיין ווייגער.
דעריבער ברידער און שוועסטער, ליב איז מיר און טייער
וואָס איטלעך איינער גיט דאָ צושטייער.
עס איז טאַקע טוב, ווען מען איז אינאיינעם מקים דעם
עזוב תעזוב!

אונדזער טשערמאַן קלינגט מיט די געזונטע, שפּיזלדיקע ציין:
ברידער און שוועסטער, אַזוי איז יידיש, אַזוי איז שיין!
גאָט וועט אונדז אַלעמען צום גוטן געדענקען, ווען מיר וועלן
ווינציקער שרייען און מער שענקען . . .
מיר האָבן דאָ קיין עין הרע פּרנסה ברוח,
איז לאָמיר געבן צדקה
און אָפּגעבן יעדן טאָג צו גאָט שיר-ושבח.
און פאַר געבן מיט הענט אָפענע און ברייטע,
דאַנקען מיר אַלע „מעמבערס״ פון אונזער סאָסייעטע.
אַ האַרציקן דאַנק אויך אונדזער ברודער דזשאָו שאָר,
וואָס האָט נאָרוואָס צוגעטראָגן זיין „דאָנעישאָן״ „אָפּצופּיקסן״
דעם גרינעם אַ „קאָרנער-סטאָר״.
אונדזער וויס-טשערמאַנס פליכעוואַטער קאָפּ
שפּיגלט און גלאַנצט.
דער האַמער אויפן טיש הילכט און טאַנצט:
ברידער און שוועסטער, דער מיטינג איז צו ענד.
נאָכאַמאָל איך דאַנק אַלע „מעמבערס״ וואָס
האָבן היינט אונדזער סאָסייעטע נישט פאַרשעמט.

מיסטער בלאָק וואָס וואַשט דעם טראָק
גיט יאָסלען צו פאַרשטיין: אַז אין קאַנאַדע
קאָן מען זיך נישט אַרויפאַרבעטן אַליין.
אָט אַזוי, האָט די סאָסייעטע פיל לאַנדסלייט
געשטעלט אויף די פיס, כאָטש שפּעטער
האָבן זיי דערפאַר אָפּגעצאָלט זייער מאוס.
און כדי דו זאָלסט נישט זוכן אין שאָפּ אַ „פלעיס״,
קריגסטו באַ מיר צוויי דאָלער אויף דער וואָך אַ „רעיז״.
דערוויַיל מיט אַ גרינג געמיט טראַכט,
און יעדע נאַכט אַ ניי ליד מאַך
וועגן אונדזער שטעטלדיקן וואַלד אומהיימלעך און אַלט . . .

יאָסל קוקט אים מיט גוטסקייט אין די אויגן,
און זאָגט: מיסטער בלאָק, איך וועל צו ביזנעס נישט טויגן.
סיי ווי פון טיפן האַרצן איך דאַנק אייך פאַרן האָבן אינזינען
דעם פיין און דאָס פלאַן פון אַ גרינעם.
איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין נישט געקומען
קיין קאַנאַדע צו ווערן רייך, נאָר צו לעבן פון אַרבעט
און זיך איינפלאַנצן באַ די ברעגן פון סעינט לאָרענס טייך.
מיסטער בלאָק שמייכלט און רעדט געלאַסן:
נישקשה, וועסט זיך צו ביזנעס צופּאַסן.

דערווייל זאָג נישט יאָ און זאָג נישט ניין
ביז וועסט נישט פריער איבערעדן אינדערהיים.

מיסטער בלאַק הערט

דער באַרג גרין און הויך,
גליט אין נעפּל פון טוויאיקן רויך.

דער ווינט לויפט אַרויס פון די שמעקעדיקע סעדער,
און יאָגט נאָך די רעדער פון טראָק, אָנגעזאַפּט
מיטן פייכטן ריח פון צעריבענעם מאָך.

דער טאָג צאַנקט.
אַ פאַרמער וויגט זיך אויף
אַ געפלאָכטענער גאַרטנבאַנק.

די ביימער מיטן שאָטן פון פאַרנאַכט אַרומגענומען,
בלעטערן און שומען.

יאָסל דערקלערט
און מיסטער בלאַק אַ שווייגנדיקער הערט:

„איך קאָן נישט היטן בלויז די אייגענע הויט,
און פאַרגעסן די נעכטיקע נויט.
נישטאָ קיין סך דאָ צו ריידן און זאָגן:
איך און צירל ווילן אונזער ליבע טראָגן
ביז די וועלט וועט ווערן ליכטיקער און העלער
פאַר די קינדער פאַרזונקען אין קעלער.
דעריבער איז מיין ענטפער:
אַז אַ פאָעט דאַרף צווישן אַרבעטער-קעמפער
זיך געפינען, און דאָרטן
זיינע ליכטיקע לידער שפינען.
און טאָקע וועגן דעם שרייבט מיר דער טאַטע,
אַז פיל פון מיינע חברים פינצטערן שוין הינטער גראַטע.
דערפאַר זאָל איך געדענקען דעם יאָמער-טאָל,
וואָרים דאָס איז אַ צייכן, אַז מיט
אונדז יידן האַלט עס זייער שמאָל.
און כאָטש קיינער טוט מיך חלילה נישט צווינגען,

זאָל איך פון זיינע רייד דרינגען:
אַז „יפה תורה עם מלאָכה" —
אין דער פרעמד מיט אַ פאַך
ווּעסטו קיינמאָל נישט ווערן פאַרשעמט.
יאָ, פאַרגעס נישט דעם היימישן שליאַך
און יעדן טאָג לערן אַ קאַפּיטל תנ"ך.

געדענק, פאַרליר נישט דאָס יידישע לשון פון מויל,
וואָרים אָן דעם בלייבסטו נאַקעט, הויל.
געדענק, אומעטום דאַרף אַ ייד זיין אַ ייד,
און וואָס האָסט פון מיר געלערנט אין דער יוגנט,
למען השם, ווי אַן אבן טוב היט.

פאַרגעס נישט דעם יאָמער־טאָל
און געדענק, אַז די תורה איז יעקבס
שטיל און ליכטיק קול.
און איך האָב דעריבער אמונה,
אַז צוליב די צדיקי הדור
וועט די וועלט נישט ווערן חרוב.
ממני אָביך המצפּה לראותך כקרוב".

יאָסל דערקלערט און מיסטער בלאָק הערט:
אַז ער, יאָסל, האָט נישט קיין באַגערן
אַ קרעמער אין קאַנאַדע צו ווערן.
און עס איז נישט זיין ציל
צו האָבן אַ באַטעפּעכטן דיל . . .
נאָר מיסטער בלאָק האַלט אין איין שטומען,
און יאָסל האָט נישט מער קיין ווערטער
צו זיין האַרץ צוצוקומען.

די פעלדער שטילן. ווינטיקע פינגער קעמען און קילן.
בלעטערדיקע ביימער שאָטענען און רייטן
אויף די רויכיקע, בערגיקע ווייטן.

יאָסל נעזעגנט זיך מיט מיסטער בלאָק

נאָוועמבער. עס שנייט.
פרי שפּרייט זיך די ווינטער־נאַכט
אויפן ווייסן שליאַך.

רעדער יאָגן אויפן גאַסיקן וועג,
און טראָגן די יונגע, פרישע ווייסקייט
אין דער ווייטקייט אַוועק.

יאָסל אין קראָם האַלט אין איין קלערן
פון די זומערדיקע וואָכן, ווען דער רעגן
האָט געלעקט דאָס זאַמד אויף די ברעגן און מיטן
פייכטן ריח פון צעריבענע מאָכן
האָבן געשמעקט די דאָרפישע וועגן.

יאָסל גורט זיך אָן מיט מוט,
און שטעלט זיך פאַר מיסטער בלאָקן און זאָגט:
אַז כאָטש אים איז דאָ גוט,
וויל ער לערנען אַ פאַך,
און מערנישט זיין עלנט
אין דעם גרויסן כרך.

מיסטער בלאָק כמאַרעט.
זיין פּנים מיט הייסן שווייס פאַרעט.
בינטלעך טרויבן רויטלען דורך
די גרויסע, פאַרפּרעסטלטע שויבן.
מיסטער בלאָק כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ דרימל
און ברומט: „גרינער, עס שטעכט דיך שוין
דאָס קאַנאַדער ברויט מיט קימל!

איידער דו וועסט מיר דערקלערן,
פאַרוואָס דו ווילסט נישט קיין „סטאָרקיפּער" ווערן,
וועל איך דיר זאָגן,
אַז גרויסע יסורים וועסטו אין שאַפּ
דאַרפן איבערטראָגן.

גרינער נאַר,
רעדסט פון ווערן אַ פּראָלעטאַר.

וועסט פעדעמער שפינען,
און פון דיין פאַך וועסטו פאַרדינען,
אויף אַ „רומקעלע" אונטער אַ פאַרזשאַווערטן דאַך.
וואָס בריקעווועסטו זיך?
האָסט אַ בעט מיט אַ ריינער ציך?
דיר איז גוט און וואויל,
אויף דיר שרייט נישט דעם פאַרמאַנס מויל:
„לעבעדיקער גרינער,
טו מיטן מאַשינדל אַ קלאַפּ!"
האָסט דיין ברויט מיט קימל?
און דיין קווערטל וואַסער ריין פון שימל?
שווייג! און לויף נישט ווי אַ גרינע חיה אין דער שטייג!
רעד נישט סתם,
איידער דו פאַרזוכסט אין שאַפּ,
פון אָרעמען ברויט דעם טעם.
דעם פאַרמאַנס שטעכיקער בליק
יאָגט און דערדריקט.
מיר ביסטו אין סטאָר נייטיק,
אָבער קלאָר, נאָכמער איז מיר אַ ווייטיק
אויף דיינע גרינע יאָר.

וואָרים דער באָס און דער פאָרמאַן,
ווילן נישט וויסן פון קיין צעבראָכן געמיט,
און פון דעם צער פון אַן אָריבערגעקומענעם היימישן ייד.
און היות, קיינער וועט דיר אַזוי גיך
נישט איבערלאָזן קיין רייכע צוואָה.
איז דעריבער, ווען וועסט דאַרפן אויף שיפס קאַרטן
פאַר דיינע עלטערן, וועסטו באַ מיר קריגן
אויף עטלעכע יאָר אַ הלוואָה.
איך האָף, וועסט מיט דער צייט קליגער ווערן
און צו מיר, אין פּרוכט־סטאָר זיך אומקערן".

יאָסל קוקט אויפן דיל
און רעדט מילד און שטיל:
„מיסטער בלאַק, אייער גוטסקייט איז אַ גרויס געשאַנק,
און פון טיפן האַרצן איך דאַנק פאַרן זיין אַזוי איבערגעגעבן,
אָבער פאַרט צו ביזנעס איז נישט מיין שטרעבן.
וואָר, איך וואַרט נישט ביי דער מאַשין קיין גליק . . .
דאָך שטעל איך זיך פאָר, אַז דער פאָרמאַן

קאָן נישט דערוואַרגן מיט איין שטריק
אַלע אַרבעטער אין זיין פאַבריק . . ."

דער שניי פאַרווייסט
די גרויסע, גרינע אותיות אויפן שילד.
יאָסל קוקט אויפן דיל
און רעדט מילד און שטיל:
מיסטער בלאַק, ביי דער נאָדל, צי אין אַ ווייסן כאַלאַט,
דער יושר קעמפט אויפן אַרבעטערס צד.

באַזעצט מיט שטערן איז דער הימל־ראַנד.
מיסטער בלאַק אַ שווייגנדיקער און טרויעריקער
שטרעקט יאָסלען אויס אַ ציטערדיקע האַנט.

די דרשה פון מיסיאָנער

דורך טונקעלע הייף,
וואָס דרימלען אין ערשטן, ווייסן שניי,
גליטשן זיך די אויטאָס ווי אויף פרישן, שמעקעדיקן זייף.

יאָסלס בליק לויפט
אויף דער גרינער בריק
מיט מענטשן אָנגעשטאָפּט,
וואו אַ מיסיאָנער מיט אַ באַקוטשמעטן קאָפּ,
אין אַ שווערן, שוואַרצן סורדוט, וואָרנט:
„אַז דער גאָט פון צאָרן האַלט אין זיין האַנט אַ פייערדיקע רוט,
און ער וועט נישט שענקען פאַר אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט".

דער מיסיאָנער מיט זיין קול העכערט:
דאָס האַרץ מיט פּיין איז פול, ווי אַ בעכער,
אָבער גאָט די ליידנדיקע באַגערט
און זייער ווייגעשריי ער הערט.

וואָרים די בעלי־יסורים אין זייער צער,
זוכן גאָט, און געפינען טרייסט
אין „דזשיזוס קרײַיסט" —
אונדזער געקרייציקטן האַר.
גאָט פון זיין פרידלעך הימל־געצעלט.

קוקט מיט רחמים אויף זיינע
געפּייניקטע קינדער אויף דער וועלט.

פֿאַר אים אַלע שטערן זיינען
פֿינטעלעך־שטויב. איז הללויה —
צו גאָט דעם אַלמעכטיקן זינגט
און לויבט!

יאָ, אויך דער הימל
איז פֿאַר אים בלויז אַ בלוי שייבל.
וואָרים געדענקט עס שטייט געשריבן
אין דער הייליקער בייבל:
גאָט האָט איבערגעקערט
דאָס זינדיקע סדום,
און פּרעהן און זיין חייל
געוואָרפן אין תהום.

אָבער ווייסט גאָטס וואָרט
צום הייליקסטן ברענט,
אין דער שריפט
פֿון נייעם טעסטאַמענט״.

עס בויגט זיך יאָסלס הויך געביין,
אין זיינע אויגן טונקלט
דער טרויער פֿון געוויין.

שלמה געפֿינט פֿאַר יאָסלען אַ שאַפֿ

דאָס גאָלד פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון
ברענט אויף די אָפּגעווייסטע, שטיינערנע ווענט.

אויפֿן טיש שטייען גלעזער ביר אויסגעמישט.
די פֿרייד פֿון וואָר־געוואָרענעם טרוים
שווימט אין ווייסן, קאַלטן שוים.

בעני קאָמעדיאַנט אַ שכורלעכער שפּאַנט
און פֿאָכעט מיט אַ פּולער גלאָז אין זיין האַנט:
יאָסל, זע אַ טעלעגראַם!

מיין באַשעלע מיטן בנאַק
קאַטשען זיך אויפֿן ים.

שלמה לאַכט מיט פּייכטע, שכורלעכע אויגן:
יאָסל, אויך דיין בלוט וועלן די „באָסעס“ שוין זויגן!
צו דיין פּרוכט־סטאָר קומט אַן עק!
כ׳האָב אַ שאָפּ פֿאַר דיר, וואו דיינע הענט
וועלן קיינמאָל נישט ווערן אויסגעפּלעקט.
עס איז „עמבראָידערי“ אַן איידל פֿאַך.
איין צרה, מען פֿאַרדינט נישט קיין סך.
וועסט אָבער געהערן צום פּראָלעטאַריאַט
און דער קאַמפּסמוט וועט דיך קיינמאָל
נישט לאָזן ווערן מיד־און־מאַט.

שלמה לאַכט מיט שכורלעכע אויגן:
ווילסט וויסן, ווען וועסט אָנהויבן
דיין קאָפּ צו דער מאַשין בויגן?
אויף קומענדיקן מאַנטיק פֿרי, אַ „קוואָדער“ צו אַכט,
האָב איך מיטן קולטורעוואַטן מיסטער מערסאָן אָפּגעמאַכט!

עס גיסט זיך דאָס ביר.
אויפֿן טישטעך שווימען די אויסגעהאַפּטענע פֿייגל
אין גרין־פּאַדימדיקן געציר.

אויף דער וואַנט, אין דער געגילדערטער ראַם
אומעטיקט דער פּאָרטרעט
פֿון דער פֿרומהאַרציקער באָבעשי פֿון שטעטעלע רכאָן.
און אויף אירע ירושה־לייכטער פֿון מעש,
ציטערט און לעשט זיך דער פֿאַרנאַכטיקער פֿלאַם.

אַ בריוו פון פעטער חיים

די לבנה מיט איר זילבערנעם ראָד,
קייקלט זיך איבער דער שטאָט.

מיט ווינט און שיף
שמעקט דער בריוו.

ווי ווייט איז צו צירלען דער וועג?
פאַרמאַכט ליגט דער בריוו און שרעקט.
אָ, ווי ווייט איז דאָס היימישע לאַנד?
עס ציטערט יאָסלס האַנט, וואָס ברעכט־אַראָפּ
די פאַרטריפטע זיגלען, און די ווערטער פון פיין
שפּרינגען אין שיין פון די צעלויכטענע שפּיגלען:
„ראשית באָתי להודיעך שבשורה טובה אין בפי.
דעם ייִד ברענט מען די טריט דאָהי.
והשנית רצונך שאכתוך לך
מה שאירע אתנו פּה?
לאָז איך דיר וויסן,
אַז איך בין שוין פון די צרות געבראָכן און גרוי.
וואָרים דאָס האַרץ פון שרעק צאַפּלט פון וועגן בתי —
פון מיין אויג דאָס שוואַרצאַפּל, וואָס בעת שניט פון די קאָרנזאַנגען,
האָבן שוטרים אירע פאַרבאַרגענע טריט געפונען און געפאַנגען.
גאָט וואָס טוט נאַכטיקן און טאָגן האָט געשיקט אויף מיר
שווערע פּלאָגן.

דו — אין דער פרעמד.
צירל — פאַרקלעמט אין אַ צעל
בענקט און האָפט, אַז זי וועט נאָך אַמאָל,
גרייכן די שוועל פון דיין גרינעם טאָל.

דע — וויים און געפין אין דעם דערוויל אַ טרייסט:
כי נפשה קשורה בנפשך — מיט די שטאַרקע שטריק פון דער
הייליקער ליבע,
וואָס ווערן קיינמאָל נישט צעפליקט.

צירל, כאָטש זי פינצטערט אין טורמע־צעל,
זי זעט אַ וועלט גוט און העל.

נישט אייביק וועלן מיר זיין אין גלות פֿאַרשפּאַרט.
זיי געשטאַרקט, האָף און וואַרט אויפֿן יום של גאולה שכלו טוב,
און די ליבשאַפֿט וועט אָפּצאָלן דעם הייליקן חוב.

ועכשו — השם טוב ירחם,
ואת כל השרויים בצער
יושיע וינחם.

יאָ, די וועלט איז אַ קיילעכדיק ראָד.
אויף דער זעלבער שיף צום קאַנאַדער פּאָרט,
מיט דיר איז אָנגעקומען מיינער אַן אַלטער ידיד,
אַ סוחר, אַן ערלעכער ייד, ר׳ בעריש סאַמעט איז זיין נאָמען.
כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער סוחר,
האָט ער געשמט, אַז ער מסחרט מיט יושר.
אָרעמעלייט פֿון גאַנצן קאַנט האָבן געוואוסט,
אַז משה דוד האָט אַן אָפֿענע האַנט.
און אַז ער האַלט: „פֿון אין בודקים למזונות
וואָס דאָס איז מכפּר אויף אַלע עוונות.
אָבער אָט דער אַמאָליקער גרויסער סוחר
פֿון אויסלענדישע שטאָפֿן און געוואַנטן
איז שווער געטראָפֿן, ווייל אויך
זיין זון איז פֿאַרשיקט אין יענע קאַנטן . . .

אָט איז זיין אַדרעס,
און באַזוכן אים נישט פֿאַרגעס!

ממני דודך חיים
המצפה לראות
בנחמת ציון
וירושלים”.

דאָס געוויין פֿון יאָסלס צעפּיבערטע אויגן,
פֿאַרטריפֿט דעם פּעטערס שיינע שריפֿט
אויפֿן לאַנגן פּאַפּיר־בויגן.
ער זעט אין טרויער צירלען
אין גרויען, געגומערטן כאַלאַט,
און פֿון הויכן טורמע־מויער
דעם אייזערנעם גראַט.

אָ, ווי אַזוי קאָן ער איצטער שטילן זיין וויי?
אפשר זיך איינשפּאַנען ווי צירל אין דער קעמפּערישער ריי?

יאָסלען די בענקשאַפט דערמאַנט:
צירלס קאָפּ אויף זיין האַנט.
די טשערעדע שטויבט.
שטילער, דאָרפישער פאַרנאַכט שאָטנט
אויף דער שויב.

די לאָנקע ליכטיקט אין רויטן שיין.
עס זיסט פון לעכצן דער פּיין.
צירל רעדט. יאָסל הערט:
מיין האַרץ באַגערט, אַז דער מענטש אויף דער ערד,
זאָל נישט האָבן קיין צוים ביזן העכסטן הימל־רוים.

יאָסלס האַרץ — אַ פולער קוואַל־געוויין.
אים דאַכט, נישט דער ווינט רוישט אַצינד אין דער ווייסער נאַכט,
נאָר צירל פון איר פינצטערן אַליין,
רופט אים דורך די ווייטע ווענט פון שטיין . . .

יאָסל וועט אַן ארבעטער

צום עלעוויטאָרס מויל
שטויסט זיך דער מענטשנקנויל.

נאָר דער עלעוויטאָר, ווי אַ ריזיקער טאָפּ
אָנגעשטאָפּט מיט מענטשנגעביין,
פאַרהאַקט די טיר, און הויבט אָן גיין.

יאָסל אין בלויען נעפּל, ביים „סטענד״,
זיצט און וואַרעמט אין הייסן קאַווע־טעפּל
די רויט־געפרוירענע הענט.
דאָס קאַכעדיקע וואַסער אין קעסל־בויך
בלעזלט און פּאַרעט מיט גרויען רויך.

די לופט נעפּלדיק בלאָ,
רייצט מיט זויערלעכן ריח
פון אוגערקעס אין דער גרינער סלאַי.

אַ בייז קול ברומט:
„העי, סטאָפּ פּושינג!

דהעיר איז נאָ מאָר רום!".
יאָסל לאָזט איבער די קאווע,
און ווערט פארפלאָנטערט
אין דער מענטשנלאווע.

יאָסל פארכאַפּט אַן אָרט.
דער עלעוויטאָר שטאָפּט זיך אָן
און פאָרט.

אין געדרייטן קאָרידאָר
יאָסל בויערט איין זיינע אויגן
אין אַ שויבנטיר, פארצויגן
מיט אַ זילבער־ווייסן געפריר.

יאָסל בלייבט באַ דער שוועל שטיין
עס בלייכט און ברוגזט זיך
אויף אים אַ לענגלעך מיידליש פּנימל
מיט מילך־ווייסע ציין.

דער אָפּים — אַ װענטל־פּלויט
קיילעכדיק און רויט.

אַ מאָן פון גלייכער, מיטעלער הייך
רעדט צום מיידל רואיק און ווייך.
פון זיין פּנים דעם פרישן און זאַטן,
קוקן אויגן פארקלערט און וויכטיק
אויף אַ קאָלירטן קאַלענדאַר־בלאַט
פארצויגן מיט דאַטן, אַזש ביזן חודש שבט.

אין אַ געפּרעסטן רעקל מיט שמאָלע, קליינע שטרייפן
די פריע, פערציק יאָר רייפן,
און שפּרינקלען מיט זילבער־פינטעלעך
זיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר.

דאָס מיידל בלאָסט און בלעטערט
דינע, לאַנגע חשבון־פּאַפּירלעך,
און בליקט אויף יאָסלען מיט האַלב־אויפגעשאַרצטע
אויגן־טירלעך.

דאָס מיידל ציט אויס איר דין־געאָדערטן האַלדז
און פּישטשעט אוים: „מיסטער מערסאָן, אַ נייער גרינער
וויל דאַ ווערן אַ פּאַרדינער!״.

מיסטער מערסאָן דערלאַנגט יאָסלען
אַ ווייכע, וואַרעמע האַנט און זאָגט:

„אייער שרייבן איז מיר גוט באַקאַנט.
און כאָטש איך האַלט נישט פון אייער גאַנג,
דאָך ליב איז מיר אייער יונג, האַרציק געזאַנג״.

יאָסלס פּנים ענטפערט מיט אַ שמייכל:
„הכל תלוי במזל אַפילו ספר תורה שבהיכל . . .

מיסטער מערסאָן פרעגט:
„וואָס פאַר אַ צוועק איז עס פאַר אייך
צו ווערן אין שאַפּ אַ גרויער פלעק?
אויב שאַפּ איז טאַקע אייער לעצטער באַשלוס,
וועט איר פון דעם האָבן אַ קנאַפּן גענוס.
ווארים איך האָב „אַ פּאַרטנער״,
אַ הי־געבוירענעם יונג,
און איטלעך איינעם באַליידיקט
זיין פרעכע, בייזע צונג.

איך בין אַליין אַ ראַדיקאַל,
און איך קאָן נישט פאַרטראָגן
זיין מיאוס געשאַל.
דאָך קאָן איך זיך נישט מישן,
ווארים, אַז ער זאָל זיין דער פאָרמאַן,
האָבן מיר אָפּגעשריבן בא „לאָיערישע״ טישן.

אין שאַפּ וועט ער נישט שאַנעווען קיינעם,
אַפילו אַ העברייאישן דיכטער
מיט אַ האַרץ אַ לויטער־ריינעם.

נו שטאַפּלען און שטופּן זיינען אויך אין אַ שאַפּ פאַראַן,
און איך מוז אים רופן, איידער ער באַוויליקט
אַרויפצוואַרפן אויף אייך פון שאַפּ
דאָס שווערע געשפּאַן״.

יאָסל ענטפערט: „שאָפּ איז מיין באָשלום.
און איך זוך אין דעם נישט קיין שעפערישן גענוס.
אַרבעטן איז נייטיק.
און איך זע אין אַרבעט נישט קיין ווייטיק".

מיסטער מערסאָנס קינבאַקן שאַרפן זיך און שרויפן,
און זיינע אויגן אויף יאָסלס פּנים לויפן.
דאָס מיידל גרייט צום געהאָרך,
כאַפּט אויף פון מיסטער מערסאָנס רייד
דאָס שטילסטע געשאָרך.

מיט אַ געלעכטערל חניפהדיק און יונג, פאַרשטייט
זי מיסטער מערסאָנס לייכטסטן וואונק.
זי ציט אויס אַ דינעם, געפאַרבטן פינגער,
און טוט אַ קלונג פאַרן גרינעם, העברייאישן זינגער.

עס פּראַלט זיך אויף די טיר.
פון דער שויב טאָפּיעט זיך
דאָס דינע, ווייסע געפּריר.

ביים אָפּיס-צוים שטייט אַ לאַנגער, האַריקער פאַרשוין
און רעדט מיט שוים: מיסטער מערסאָן, „וואַטס דהי מעטהער"?
„דאָנט יו לייק דהי סטייל אָוו מיי לעטער?"

מיסטער מערסאָן רואיקט אים איין:
„אייער בריוו צו דער נייער פירמע איז גאָר פיין!
וואָס איך בעט אַצינד, אַז איר זאָלט פאַר נאָך אַ גרינעם
אַ לייזדיקע שטול געפינען.
דער יונגערמאַן איז אַ העברייאישער פּאָעט,
און שלמה — זיין לאַנדסמאַן בעט פאַר אים אַ דזשאָב
באַ אונדז אין שאָפּ.

מיסטער בוקמאַנס פּנים כמורעט,
און אַלץ אין אים בורעט:
„אָ, יו מין „שלמה גרינער קנאַבל,
וואָס מאַכט אומעטום „טראַבל!"
„הי איז רעד אָל אָווער היז סקין
ענד איי העיט דהי גאַטס אָוו הים!"

מיסטער בוקמאַנס פּנים מיניעט.
ער ברומט און פּיניעט:

„מיסטער מערסאָן, „איי דאָנט קער",
„איך וועל געבן דיין גרינעם אַ מאַשין און אַ שער.
„באַט, דאָנט סענד עני מאָר די גרינע
טו מיי דאָר!"

מיסטער מערסאָן שאָקלט מיטן קאָפּ.
זיינע אויגן שולדיק און מאַט
קוקן אויפן גאָלד־געקריצטן בלאַט,
וואָס פינקלט אַראָפּ פון זיין זיידן, קאָלירטן קראַוואַט.

דאָס מיידל פינגערט אויף די ציינדלדיקע שטאָלן.
ציפערן־צאָלן בלוי און גרין זי צייכנט
אויפן גרויסן, שווערן שרייב־מאַשין.

אַ פּעדימל וואַסער גליטשט זיך אויפן שויב,
און טאָפּיעט דעם שנייאיקן שטויב.

מיסטער מערסאָן רעדט געלאַסן:
„אויף אַ גרינעם טאָר מען זיך נישט כעסן.
ער האָט גאָרנישט, און מיר האָבן אַלץ,
ער פאַרדינט כשר זיין ברויט מיט זאַלץ".

מיסטער בוקמאַן קוקט צו יאָסלען אַרויף און זאָגט:
„ביי מיר אין שאָפּ נאָך דער נאָדל יאָג!
דעריבער „ליסן": וועסט זיך אַליין מוזן לערנען,
ווי אַ שטיקל וואַרע אויפן מאַשין אָפּצושיסן.

מיסטער בוקמאַן פירט יאָסלען דורך דער ברייטער שאָפּ־טיר.
רויטלעך־ראָז שלאָגט דאָס ליכט פון לאָמפּן־גלאָז.

יאָסל צוימט די מאַשין

מיסטער בוקמאַן בויגט זיין שטאָלן מאַס-שטעקעל,
און פירט יאָסלען דורך דער ברייטער שאַפ-טיר,
וואָס דרייט זיך און גלעקלט.
פאַרכמורעט און בייז ער שפּרייזט צווישן מאַשינען-קעפּ,
און די נאָדלען זשומען אויפן ווייכן, קאָלירטן געשטעפּ.

אין פענצטערדיקן ווינקל — אַ נאָדל-צאָן שאַרף און דין
דרימלט און פינקלט אין מויל פון אַ ניי-מאַשין.

מיסטער בוקמאַן פליישיק און פול שפּאַרט זיך אַריין
אין אַ ברייטער, שווערער שטול.
ער רעדט, און זיינע אויגן שטרענג און געל
שיקלען מיט באַפעל: „גרינער, זיי נישט קיין קוואַטש!
„יו נאָו, גרינער, מיין פאַרטנער מיסטער מערסאָן איז אַ סאַשעליסט,
„באָט" אויך ער „גלייכט" אין שאַפּ אַ האַנט וואָס שיסט,
און כאָטשבי ער רעדט „דזשואיש" ווי ער זאָל נאָך זיין גרין,
מישט ער זיך פאַרט נישט צו מיינע אַרבעטער בא דער מאַשין.
העי, גרינער, „דאָנט טאַטש דעם סטראַפּ",
ווען דער מאָטאָר יאָגט און קלאַפּט!
יעס, „אַ נידל" איז נישט קיין פידל!
דעריבער, „היברו סינגער" רוק נישט דאָרטן
דיינע דינע, לאַנגע פינגער!
„יו נאָו, ווהאָט איי מין"?
„דאָנט בי גרין!"
בויג איין דעם קאַרק
און שטעפּ אויף אָט דעם „מאַרק"!
„ענד רימעמבער", נישט זיי קיין רויטע „פּעסט!"
און אַז וועסט אַרבעטן „פּעסט", קענסטו אויף אָט דער „טשעיר" זיצן,
ביז וועסט „קעטשן" אַ רייכן שווער מיט „פלענטי" דאָלער-שפּיצן . . .
„יו סי", איך גיב דיר אַ „ברעיק"
צו פאַרדינען אויף אַ ברויט מיט אַ „סטעיק".
„איי העוו נאָ מאָר טיים", סאַ גרינער מוטשע זיך,
און וועסט קריגן אַ ניקל מיט אַ דיים!
יאָסל פלאַמט ווי אין פיבער.
און מיסטער בוקמאַן מיט כמורעדיקע אויגן-גריבער,
נעמט שפּרייזן צום בלויען פלעמל פון פרעסאייזן,
וואָס צישעט און פינקלט ביים פינצטערדיקן ווינקל.
דערשראָקן און דול וואַקלט יאָסל אויפן שטול.

די נאָדל גרוילט און שרייט מיטן פאָדימדיקן גרין אין מויל.
יאָסל סאָפּעט. די נאָדל טאָפּעט צווישן אויסגעווירעטע שטיבער,
דער פאָדעם טעפּעט זיך און רייסט זיך האַסטיק איבער.
יאָסלס האַנט ציט און שלעפּט. און די בליציקע נאָדל
שניידט און פליקט דאָס ווייסע זייד.
פון אַלע זייטן, פון איבערן געשטעפּ,
זייטיקן זיך צו אים געהויקערטע קעפּ,
וואָס ברענען מיט שאַרפע, שפּאָטיקע בליקן
און בייסן און פליקן דעם גרינעם,
וואָס וויל זיין ברויט פאַרדינען
בא איינער פון די ליידיקע מאַשינען.

יאָסלען דאַכט, אַז נאָדלען מיט שטשירענדיקע ציין,
ברעכען אין קייען שוואַרצע, שווערע שטיקער שטיין.

דערשראָקן און שטום,
קוקט יאָסל צום שפּאָטנדיקן אַרום.

און אָט פון דער ווייטער מאַשינען-בריק
גלעט אַ ליכטיק, מיידלישער בליק.
דאָס מיידל זעט: יאָסלס מאַשין שווינדלט
ווילד און בלינד.

מיט אויגן פייכט און פול
זי הויבט זיך אויף פון דער שטול.
אירע האָר קורץ-פאַרשאָרן,
די קליינע, שטייפע בריסטלעך אין שנורן פאַרקלעמט,
צאַפּלען אין דינעם, גרינעם בלוזע-העמד.
איר קיילעכדיק געזיכט — פלעמלדיק און קלאָר,
רייצט מיט דער גלוסט פון יונגע יאָר.
דאָס מיידל פאַרהאַלט זיך אַ ווייל בא אַ ניי-מאַשין,
וואו אַ ברייט-ביניקער אָפּערייטאָר-יונג,
מיט אַ פּנים טונקל און גלאַט, גלאָמדזשעט מיט דער צונג,
און ציט צויטן פון אַן אויפגעהאָפּטענעם, זיידענעם כאַלאַט.
שאַרף און שיין שאַרפן זיך אַריין
אירע אויגן
אין בלענדנדיקן שפּיגל פון לאָמפּן-שיין.

דאָס מיידל פון מיטעלן וואוקס שוועבט גרינג,
אין געלע שיכלעך געפּאַסט און שמאָל,

און איבערן גאַנצן שאָפּ קלינגט איר קול:
מאַטקע פראַנט, וואָלסט זיך אָסור צעבראָכן
אַ ביין אין האַנט, ווען אַן אַרבעטער, ניי און גרין,
וואָלסט געוויזן, ווי צו שטעפּן אויף דער ניי־מאַשין?
מאַטקע ברומט:
פייגע, בעסער שטום!
וואָרים, קענסט פאַר מיר נישט פאַרדעקן,
אַז דו ווילסט בלויז זיך באַקענען
מיטן נייעם גרינעם, וואָס זעט אויס,
ווי אַ לאַנגער דאַרער שטעקן.
פייגע, מיט דיין גרינגן גאַנג,
מיט דיין גלעקלדיקער צונג,
דו גייסט אַצינד אויף פאַנג
מיטן ערשטן שפּרונג.
איך ווער פון דיר שוין מערנישט צעחושט,
ווייל איך ווייס, אַז אַפילו, ווען דו קושסט מיט דיין הייסער ליפּ,
גאַרסטו יענעם, וואָס האָט דיך ליב.
ווערסט פון מיר שוין גאָרנישט פאַרדעקן,
איך דערקען שוין אין דיינע, פרישע פייער־פלעקן.

אַ דינע רויט צייכנט פייגעס ליכטיק־צאַרטע הויט.
אין די שיכלעך שאַרכענדיק און גרינג,
זי וויגט זיך און זינגט.
און דורך די מיידלישע ליפּן דין און קליין,
ליכטיקן און לאַכן אירע שאַרפע, בלאַנקע ציין:

מאַטקע, סטראַשע נישט מיט דער שטאַרקער האַנט,
און מיין נישט, אַז אַפילו ליבע קויפט מען
מיטן בלישטש פון אַ געשליפענעם ברילִיאַנט.
ביסט גראָב און געמיין!
און אויף אַ „באַנדל” לויערסטו, ווי אַ הונט אויף אַ ביין . . .
מאַטקע, לעבסט אויפן ווייזער,
זשאַלעוועסט זיך אַ סענט.
ביז ווערסט נישט האָבן דיין אייגנם — אַ בלאָק מיט הייזער,
וועסטו נישט פאַרגינען אַביסל רו די אייגענע, מידע הענט.
שוין צייט זאָלסט הערן, אַז מיך עקלט
פון דיינע קליינבירלערלעכע באַגערן:
געלט־צו שפּאָרן און אין די „מאָונטענס” אין אַ שיינער,
גרויסער „קאַר” צו פאָרן.

פייגע גלייכט זיך אויס,
און לאַכנדיק זי ציט אַרויס אַ דינעם פאָדים
פון זיין רויט-אויסגעהאָפטענער רויז.
פייגע אין שיכלעך שאַרכענדיק, גרינג,
שוועבט צו יאָסלען און זינגט.

מאַטקע צעצאָרנט און פאַרשעמט,
קאָרטשעט זיך אין בלוי-געפינטלטן העמד.

נאָדלען ברילן און שפּריזן.
גרוי און הויך
זעצט פון פרעסאייזן דער רויך.
פייגע מיט אַ בליק גוט און ריין,
בלייבט באַ יאָסלם מאַשין שטיין.
זי רוקט צו אַ שטול און זאָגט:
אַט דאָס מענטשעלע מאַטקע
איז ווערט ווינציקער פון אַ נול.
ער געהערט צו יענע אַרבעטער, וואָס ווילן מערנישט זיין
קיין ערלעכע משפחה-שפּייזער,
און טראַכטן בלויז פון ווערן „לענדלאָרדס“, און פאַרדינגען הייזער.
יאָ, כ'האָב אַט-די לייט פיינט, ווייל גראָד היינט,
ווען דאָס לעבן טראָגט זיך, ווי אַ צעשטורעמטער טייך,
איז זייער איינציקער באַגער פון פרעמדער פראַצע ווערן רייך . . .

זי זעצט זיך אין דער שטול אַריין.
און מיט איין דריי, די מאַשין, ווי פון זיך אַליין,
האַמעוועט זיך איין.
די נאָדל גייט גיך און לייכט,
און זי רעדט און שמייכלט
מיטן אויג טויאיק, פייכט:
ציט נישט דעם פאָדים, ווי אַ שטריק!
שטעפּט און שלעפּט נישט צוריק!
נו, יאָסל רופט מען אייך?
איז קוקט און קירעוועט גלייך!
אַט אַזוי וועט די נאָדל גרייכן
ביז דעם העכסטן, דינסטן צייכן!

פייגע העפט און שטעפּט:
אַ ווייס גאַניקל מיט בלויע טרעפּ.
דאָרפישע רו.

אויפן פעלד אומעטיקט
אַ געפלעקטע קו.
אין קלאָרן וואַסער־שפּיגל
שווימט פון זון דער גאָלדענער ציגל.

עס ווינטלען די האָר אויף פייגעס ווייסן, קיילעכדיקן שטערן,
און אין אירע אויגן — טרוימעריש און קלאָר,
בלישטשען, ווי דימענטלעך — די שמייכלדיקע טרערן.
עס פיבערן די שוואַרצאַפּלען.
פייגעס קליינע, שטייפע בריסט טוליען זיך צו אים און צאַפּלען.
עס רייצט און רופט די פרישע, דופטיקע וואַרעמקייט
פון איר יונגן, גלוסטיקן גוף.
איר ברענענדיקער אָטעם בריט זיין געבויגענעם נאַקן.
אין זיסן ציטער בלייבן זיך און בלאַסן זיינע אויסגעצערטע באַקן.

פון מינוט צו מינוט און יאָסל דערקענט,
אַ זיכערקייט אין די אייגענע הענט.
ער קירעוועט. די נאָדל שרייט,
און בלענדט אויפן ווייכן זייד
פון ווייסן בלוזע־העמד.
פעדימער העפטן און גרייכן
דעם גרינעם, דינעם צייכן.
פייגע לאָזט אָפּ דאָס געשטעפּ.
די נאָדל גליטשט זיך
אויפן גאַניקל מיט די דאָרפישע טרעפּ.
זי מונטערט יאָסלען און שמייכלט:
דער העברעאישער פּאָעט
כאַפּט גיך פון העפּטעריי דעם שכל.
אַבי איר קענט שוין לאָזן די מאַשין,
זענט איר אין דער „טרעיד” שוין מערנישט גרין.

יאָסל זאָגט: גוט און וואויל
צו הערן אַזעלכע רייד פון אייער מויל.
היות, די מאַשין האָט מיך היינט שיעור נישט פּאַרטיליקט,
דעריבער זאָלזשע נאָך איין פּאַרלאַנג מיר ווערן באַוויליקט:
איך בין אַ פרעמדער אין היגן לאַנד,
לאָמיר גיין אַהיים באַנאַנד.
פייגע לאַכט: איך וועל נישט זאָגן ניין,
ווען איר בעט אַזוי שיין.
נאָר געדענקט, בעסער איז צו זיין פון ווייט באַקאַנט,

אײדער, גײַן צעקריגט באַנאַנד . . .
פֿײגע שװועבנדיק און גיך,
שװועבט אין די קלײנע, געפּאַסטע שיך.

מיסטער בוקמאַן פֿון די הױכע אָפֿיס־טרעפּ,
קוקט אױף די געבױגענע קעפּ.
ער בױערט מיט אױגן און ברומט:
אונדזער פֿײגע פֿרײלעך און פֿרום! . . .
װי נאָר „אַ באָי" גרין אין לאַנד,
שטרעקט זי די ערשטע צו אים די האַנט!
„ספּעשל", אָט דער גרינער דראָנג,
װעט פֿאַר זײַן „סװיטהאַרט" אױף היברו שרײַבן „עי סאָנג".
„סאָ, רימעמבער" איך בין נישט דײַן „פֿול"
און מײַן שאָפּ איז נישט קײן „טיטשינג־סקול"!

אין לאָמפּן־ליכט מיניעט זיך און בלײַכט פֿײגעס געזיכט.
דורך דער לופֿט מיט טשאַד אָנגעזױגן,
פֿײַכטן און לײַכטן אירע צעגלאָצטע אױגן.
און די װערטער פֿון אירע צעפֿיבערטע ליפּן
שאַרפֿן זיך אַרײַן אין די רױכיקע זיפּן:
מיסטער בוקמאַן, איר זענט שױן װידער אין צאָרן,
טאָמער װעט נאָך אַן אַרבעטער פֿאַרדינען זײַן ברױט פֿון קאָרן.
װאָס זידלט איר, שרעקט און טרײַבט?
איר מעגט פֿונדעסטװעגן האָבן רעספּעקט
פֿאַר אַן אינטעליגענטן אַרבעטער, װאָס שרײַבט!
דערצו, װאָס זשאַלעװעט איר אַזױ מײַן דײם?
סײַ װי צאָלט איר נישט פֿאַר „אָװערטײַם"!

פֿון צעריבענעם „באַקרום" פֿליען די צוגעסמאַליעטע שטױבן.
די פֿרעסן פֿאַרען, װי קאָכעדיקע טעפּ,
און שאָבן אָפּ פֿון די שױבן
דאָס זילבער־אײַזיקע געשטעפּ.
יאָסלס נאָדל רײַט. מיסטער בוקמאַן שרײַט:
אױב עס ברעכט דיך שױן דער „ספּײַן",
קענסטו גרינער זיך זוכן אַ בעסערע „לײַן".

אַקעגן יאָסלען אומעטיק און מיד
װיגט זיך אַ שװאַרצבאָרדיקער ייִד.
זײַנע לאַנגע האָר־שפּיצן — שװאַרץ און געדיכט,
בליצן אין שײַן פֿון װײַסן ליכט.

אין מאַשינען־געזשום שטיקט זיך זיין צאָרנגעברום:
אַל נוקם ונוטר! לייג נישט אָפּ אויף שפּעטער!
וואָרים עס וואָלט געווען גוט און וואויל,
ווען ביי אָט דעם עזותדיקן יונג,
זאָל זשאַווערן אין מויל
די ווערעמדיקע צונג!

יאָסלס נאָדל מיטן גלייכן שטאָך,
האָפּעט אויפן זייד, ווי אויף ווייכן מאָך.
די אויסגעהאָפּטענע, קרומע ביימלעך,
בלעטערן שטיל און היימלעך.

אויף די שויבן מיט ווייסן זילבער פּאַרגליט,
צייכנט די נאַכט אירע שוואַרצע טריט.

באַקענט

מיטן שאַפּ, מיט זיינע שיסנדיקע הענט,
ווערט יאָסל מיט יעדן טאָג מערער באַקענט.
דער שאַפּ איז די היים, וואו דער טרויער
קנעט דאָס ביטערע, ברויטיקע ליים.
צום ערגסטן איז מאָנטיק באַגינען:
די מאַשינען מיט שאַרפע, שכור׳ע געטראַנקען אָנגעזויפן,
וואַרפן זיך און לויפן מיט אַלע רעדלעך און שרויפן.
קאָפּ געבויגן. צו דער נאָדל די אָדערדיקע הענט אויסגעצויגן.
דער נייער פּרעסער, וואָס וויל זיין פלייסיקייט באַווייזן,
סיקעט מיטן אייזן, און זיינע אויגן די שטאַרע
שווימען אין דער רויכיקער פּאַרע.
נאָדל טאָפּעט. פּוס אויפן טרעטער האָפּעט.
מיסטער בוקמאַן בליקט איבער דער מאַשינען־בריק
און סאָפּעט.
די רינגען אַרום זיינע אויגן אויפגעדראָלן און שוואַרץ.
באַ איטלעך איינעם די ווערטער וויינען אין פּאַרזאָטענעם האַרץ.
זיין הילכיקע שטים רעדט און רימט,
אַז ער טראָגט קיינמאָל נישט קיין הוט;
און כאָטש ער פּאָרט אין אַ נייעם „פּאָרד”
רינט נאָך אַלץ אין אים דאָס בלוט
פון „עי ריעל ספּאָרט!”

עס וואקלט זיין געביין.
אינמיטן גאנג בלייבט ער א ווײַלע שטיין.
איצט ווייסט אין שאפ איטלעך איינער,
אז אין אים ברענט נאך דער בראפנשטאף,
און אז אלע זיינע מידע ביינער גארן נאך שלאף,
ווארים אין די לאנגע ווינטער-נעכט,
פרי זיינע אויגן אין שפיל-טיש ער פארשטעכט,
און ער רירט זיך נישט פון ארט
ביז ער פארשפילט א הונדערטער אויף דער לעצטער קארט.
איצטער ציגאר — אין מויל.
אויגן — פייכט און פעט
ווי פארצויגן מיט גלאנציקן אויל.
איבערן שאפ ציטערט פון שערן דער קלונג.
און מיסטער בוקמאן קלאפט מיט דער בייזער צונג.
אים פארדריסט, וואס עס ווייסט איטלעך איינער,
אז שלאפן ווילן אצינד אלע זיינע ביינער.
און אז בלויז זונטיק, וואס איז זיין איינציקער טאג פון „ספארט"
נעמט ער נישט אין האנט קיין קארט.
אין לאנג-נאזיקע שיך וואס שפיגלען, ווי שטאל,
ער פארט צו דער „באל".
אויף צוריק, אויפן הויכן קול,
ער זידלט די „טים" וואס מאכט נישט קיין גאל.
אין שווארצן, הארטן הוט,
אין ברייטן, געשטרייפטן סוט,
פארכמורעט און דורכגעפרוירן ביזן ביין,
קומט ער א בייזער אהיים.
גיךווארפט ער פון זיך אראפ שוך און זאק
און זיצט און קוויקט זיך מיט דער מאמעס מאלינע-סאק.
דערנאך א באגאסענער מיט שווייס,
זיצט ער און רייבט א „האט דאג" רויט און הייס.
אויפן פענצטער גליט דאס ווייסע געפריר.
און ער, וואס בריט זיך מיטן קאלטן, שוימיקן ביר,
האלט אין איין שעלטן דעם ווינטער מיט די קעלטן,
און די „קריפלס", וואס האבן הענט פון לייס,
און „ספוילן" אים יעדן זונטיק די „גיימס".
אן אפשטעל, אן מאס, גיסט ער אין זיך דאס ברוינע ביר
וואס בלעזלט אין געפריר פון געבלימלטן גלאז.
דער קאלטער, ביטערלעכער געטראנק
צינדט אן זיין מידן געדאנק.
אין ווייס-געקראכמאליעטן העמד, צעשפיליעט ביזן לעצטן קנאפ,

טרייסלט ער די רויטע האָר, וואָס
גליען אויף זיין גלאַנציקן קאָפּ.
אַרומגענומען מיט קאַלטע גאָלד־שטראַלן
פון פראָסטיקן זון־פאַרגאַנג,
וועקט אים דער זיפצנדיקער קלאַנג פון דער מאַמען,
וואָס דאַוונט מנחה אין קיך־ווינקל, בא דער באַנק.
דער מוטערס טרויעריקער ניגון מורמלט פרום און פאַרכט.
מיסטער בוקמאַן זיצט שטום און האָרכט.
און מיט שלעפעריקע אויגן פייכט און פול,
שלאָפט ער אין דער ווייכער שטול.
איצטער — איז מאַנטיק. פון זיין בייזן קול איז קאַנטיק,
אַז נעכטן ביי דער „באָל", האָט ער אין אַ געוועט, פאַרשפּילט
אַ מאַיאָנטעק . . .

די רינגען אַרום זיינע אויגן,
קיילעכדיק און טיף פאַרצויגן.
דער ציגאַרן־רויך — האַרב און שוואַרץ,
גרעלט און טשאַדעט.
ער מרוקעט און יאָדעט זיך
דאָס אייגענע, ביטערע האַרץ:
„וואָט אַ האָריבל גיים!"
„איט וואָז רילי אַ שיים"!
מאַשין ציט און גייט.
צערייצט און שטום האָרכט דער שאָפּ
זיינע הילכיקע, ביטערע רייד.
און ווי דער שטייגער, פון ווינקל־וואַנט שמייכלט צו אים
דער גרעסטער צעלייגער — מאַטקע פראַנט.
זיין פלינקע, האָריקע האַנט, אַרומגעשטייפּט מיט אַ טיכל,
פאַרפּאַשעט יעדן פּרייטיק מיט פרישע דאָלאַרן דאָס בלויע באַנק־ביכל.
אין אַ רימענדל שמאָל און שוואַרץ,
טיקעט פון האַנט־זייגער דאָס שרייפלדיקע האַרץ.
זיינע אויגן גיריקן און גרינען
צו די אַרומיקע, גאַלאָפּירנדיקע מאַשינען.
ער זעצט פון זיך די פאַרע. זיינע שווייסן גיסן.
און וואָלט ער געקענט, וואָלט ער אַלע „באַנדלעך"
מיט זיין נאָדל איין־אַליין דורכגעביסן.
מאַטקע — אַ דורכגעטריבענער יונג
גלעט שטענדיק מיט דער צונג.
אַזוי פאַרדינט ער מיסטער בוקמאַנס גרויס גענאָד,
און די בעסטע „באַנדלעך" רוקן זיך צו זיין מאַשינען־ראָד.
זיין טונקעלע הויט קאַרבט און פאַרבט זיך אויף רויט.

איטלעך שמייכל האָט באַ אים זיין מיין און שכל.
עס רעדערן מאַשינען־רייען,
און פלאַטערן מיט די פאַרביקע גענייען.
מיסטער בוקמאַן מיט ברעכנדיקע קני
ציט זיך צום ווינקל, וואו
עס רוישט אַזוי שטאַרק דער מאַנטיקדיקער אינדערפרי.
אויף יענעם אָרט אַרבעט דער „דעזיינער" — דער „לאַנגער לאָרד".
ער איז פלינק און בלייך.
זיין יעדעס וואָרט — גלאַטיק, ווייך.
זיין פאַרשניצטער קאָליר שלייכט און פינטלט
ליניען אויף אַ לאַנגן, ווייסן פּאַפּיר.
ער — אַ הויכער, אַ פלינקער און אַ ריינער,
בויגט און שרויפט זיך אויף אַלע זיינע, שפרינגענדיקע ביינער.
זיין לאַנגע האַנט גייט און צייכנט
פון אַ וואַלד דעם גרינעם ראַנד.
אַ בעכערדיקע רויז
אין געלן געשפּין.
אַ דאָרפּיש הויז רויט
אין גראָזיקן גרין.
„דער לאַנגער לאָרד".
מיט די אויגן פּאָרט.
ער רעדט און דרינגט דערביי:
מען קאָן די וועלט נישט איבערמאַכן אויפסניי.
סיידן זי איבערקאָכן אין אַ טאָפּ פון הייסן בליי.
סיי ווי אַן „אייבל מען" דאַרף נישט קיין יוניע, וואָס
„באַרגענט" און דינגט.
דאָס איז גוט פאַר יענע וואָס „יוזן" נישט קיין „ברעינס"
און האַרעווען אויס
יעדן סענט מיט דער מידקייט פון זייערע צעקראַכענע הענט.
קאָן דען אַ יוניע אייך געבן מער צו פאַרדינען,
אַז איר אַלע פאָרט דאָך אויף מיין „מאַרק" און „סימס".
מאַטקע האָרכט זיך צו צו יעדעס וואָרט,
וואָס עס חכמהט אויס דער איידעלער „לאָרד".
מאַטקע ווינקט צו מיסטער בוקמאַנען אין ווינקל.
נאָר מיסטער בוקמאַן שטומט מיט אויגן צעפינקלט.
פון זיין צעזשאַרעטן ציגאַר
קייקלען זיך רינגעלעך רויך
צו דער פאַרנעפּלטער הויך.
נאָדלען קריצן.
עס באַרשטן ר' הענעכ'ס באָרדיקע שפּיצן.

ר׳ העניך געבויגן, ווי איבער אַ שטענדער,
לויפט מיט דער נאָדל אויף די בלוזע-העמדער.
עס וועבן זיך זיינע רויט-פּאָדימדיקע בייטשן,
און ער לערנט יאָסלען פון פסוקים — נייע טייטשן:
אונדזער „דעזיינער” זעט אויס רואיק און ריין.
אָבער די שוואַרצע נשמה אין זיין גוף,
פאַראומריייניקט אַרום אים די לופט.
אַט-דער חמור-קאָפּ,
וויל פאַר זיך דעם גאַנצן, פעטן טאָפּ.
ער קומט טאַקע אויך פון דעם שטעטעלע דעם קליינעם,
נאָר ער האַלט זיך העכער פון איטלעך איינעם.
אין סאַמע תוך האָט ער פיינט
יעדן איינעם וואָס פאַרדינט
זיין ערלעך ברויט פון נאָדל-שטאָך.
ער האָט פיינט אונדזערע הענט וואָס מוזן
העפטן רויטע רויזן אויף זיידענע בלוזן.
אָבער גאָט דער שופט צדק קוקט זיינע מענטשן איבער,
און ער לאָזט נישט, אַז זיינע גערעכטע זאָלן פאַלן
אין אָפּגרונט פון טיפע גריבער . . .
לכן — דאַרף מען פאַרשטיין,
אַז דער וואָס כאַפּט היינט דעם פעטסטן ביין,
וועט מאָרגן קריגן מיט דער פויסט אין די ציין.
וואָרים „אמת מארץ תצמח” מיינט:
כאָטש דער גערעכטער וויינט,
און דער רשע זיינע רייכטימער פאַרמערט,
וועט פאַרט דער אמת אַרויסשפּראָצן פון האַרץ פון דער ערד . . .
געדענק! עס איז היימלעך, אין די אָרעמע שטיבער.
ווערט דיר ענג! איז אַל תפרוש עצמך מן הצבור!
פאַר מיין משפחה אין נויט,
איך דאַרף יעדן פאַרהאָרעוועטן גראָש.
אין דער יוניע וואָס היט אונדזער ברויט,
איז חבר גאָרמאַן אונדזער גלאַוונער ראָש.
נאָדלען זשומען.
ר׳ העניך פאַלט אַריין אין אַ טיפן שטומען.
ר׳ העניכס פאַרטראַכט געזיכט דערמאָנט אים
אין די ברענענדיקע קנויטן פון רבינס יאָרצייט-ליכט.
אין חסידים-שטיבל יעדע געפרווירענע שויב
שיקט צום בורא-עולם אַ לויב.
אינדרויסן קאַלטע שנייען ווינטיקן און שטעכן.
אברהם שוחט קוקט אויף די שויבן

אַנגעטאָן אין זילבערנע אייז-בלעכן,
און פון זיין באָרד ברייט און גרוי,
לויכטן צוויי אויגן — טוּיאיק און בלוי.
ער פאַרציט די ווייכע, האַריקע ברעם
און דערציילט אַ מעשה פון בעל שם:
ויהי — עס איז געווען, ווען ער מיט זיינע ליכטיקע אויגן האָט געזען,
אַז דער רוסישער מלך גרייט אַ גזר.
און שטאַרק איז אין הימל דעם צוררס שר.
אַ גאַנצן שבת דער בעל שם זיצט פאַרטרויערט און קרעכצט.
דער עולם וואונדערט זיך און נאָך אַ וואָרט ער לעכצט.
באַלד נאָך הבדלה, הייסט דער בעש"ט אַלעקסין די פור שפּאַנען,
און מיטנעמען אַ טאַרבע האָבער מיט צוויי וואַסער-קאַנען.
אַ נאַכט אָן ליכט. דער חושך טיף, געדיכט.
די פערד יאָגן און דער בעש"ט טוט צו אַלעקסין אַזוי זאָגן:
„אַלעקסי, סערצע, לאָז נאָך די לייצעס,
און צום דישל דריי זיך אוים מיט די פּלייצעס.
אַצינדער אָן פּחד דיינע אויגן עפן.
וואָרים אונדזערע סוסים וועלן דעם וועג אַליין שוין טרעפן".
אַלעקסי זיצט צום דישל מיטן רוקן,
און הערט נישט אויף אויפן בעל שם-טוב צו קוקן.
אַ גרויסן, אייזערנעם ריגל,
האָט געהאַט דעם מלכס פּאַלאַץ
פון רויטן ציגל.
דער בעל שם טוב איז אַהין אריין,
באַטש פון פענצטער האָט אַרויסגעשימערט
פון ווייסע ליכט דער שיין.
דער מלך האָט זיך געקייקלט פון די טרעפּ,
און שווער געקרעכצט פון די טרוקענע קלעפּ,
ביז דער גרויסער מלך — פון פיל מדינות דער שר,
האָט זיך געבויגן, און פאַרן בעל שם טוב אין די אויגן
צעריסן דעם ווּיסטן גזר.
תיכף האָט דער בעל שם טוב זיך צוריקגעקערט
מיט די פליענדיקע פערד.
און באַ דער פריילעכער מלוה מלכה האָט דער בעש"ט אַזוי געזאָגט:
אויך אַ ייד דאַרף אַמאָל קאָנען שלאָגן מיט אַ פּאַלקע . . . .
ר' אברהם שוחט וואָס וויגט זיך אין דער ווינקל-וואַנט,
ווינטשט אַלעמען לחיים מיט דער גאַנצער, צעעפנטער האַנט.
און משה שלמה ליץ זאָגט:
גאָט שלאָגט אַלע אונדזערע שונאים מיט קרעץ.
דעריבער לאָמיר יידן זינגען אונדזער פריילעכן שיר

צום פולן פּעסעלע ביר.
יאָסלס אויגן מיט בענקשאַפטן פאַרגאָסן.
ר׳ הענעכס באָרד שפּיציק, צעפלאָסן,
רייט אויפן פאַדעמדיקן זייד.
ר׳ הענעך זאָגט: איר וואָלט מיט היגע, היימישע חסידים
געדאַרפט כאַפּן אַ טרונק,
וואָרים אין אייך טליעט נאָך פון חסידות דער הייליקער פונק.
עס וועט קומען דער גואל,
ווען מען וועט אָנהויבן מקרב-זיין
דעם אָרימאַן און דעם פּועל.
יאָסל קוקט אין טיפן שווייגן.
ער זעט אַ שליאַך,
און אויף די פאַרשנייעטע צווייגן,
זילבערט די אויסגעשטערנטע נאַכט.

נאָך דער אַרבעט

די מיידלעך פּודערן זיך די באַקן,
און לאַכן פון אַ רכילותל אַ געשמאַקן.

די מיידלעך מיט די ליפּן רויט און זיס,
שפּאַסן און רודערן מיט די שלאַנקע פיס.

אויגן גליען און גלאַנצן.
טריט וויגן זיך און טאַנצן.

אין לאַכנדיקן אָרום,
שטייט מאַטקע דערשלאָגן, שטום.
ער זעט: פייגעס בליק רופט
יאָסלען דורך דער לאַנגער מאַשינען-בריק.
אירע אויגן פאַרליבט און ווייך,
זוכן אין פענצטער די אויסגעשטערנטע הייך.
פייגע מיטן שרינט פאַרקעמט,
שפּיגלט זיך אין בלויען בלוזע-העמד.
אויף די ביינערנע קאַמען,
די גאָלדענע טויבן פלאַמען,
זייערע פליגל-בלוי-צעעפנטע שערן,
פלאַטערן אַראָפּ פון איר ווייסן שטערן.

און מיט דער ליבע ליכטיק, גרויס
זי שפּרייזט פון שאַפּ אַרויס.

ביים „סטענד"

אין קאָרידאָר, צווישן ציגאַרן־רויך גרוי און געדיכט
זוכט פייגע יאָסלס געזיכט.
זי טראָגט אים אויגן פול מיט פריידיקע טרערן,
און אַ האַרץ פול מיט פריידיקע באַגערן.
מאָטקע זיצט ביים מאַרמאָרנעם „סטענד"
און פויסטיקט זיינע האַריקע הענט.
זיינע אויגן פייכט און פול מיט כעס,
קוקן אין פענצטערן האַס אויף יאָסלען,
וואָס עפנט די טיר, און פאַרשווינדט
מיט פייגען אין שנייאיקן געפריר.

מאָטקע מיט דער קאָ־קאָ־קאָלאָ־פלאַש ביים „סטענד",
פאַרבריט זיך מיטן הייסן ציגאַרנאַש די הענט.
מיסטער בוקמאַן אַ פאַרשוויצטער בליצט מיט די אויגן
אויף מאָטקען, וואָס זיצט טרויעריק, איינגעבויגן.
פלוצים דרייט ער זיך צו אים אויס
און ברומט אַרויס:
„שי איז דזשאָסט אַ גרינער פלוירט
מיט הייסע בריסטלעך אין אַ שטייפער שוירט!".

פון מיסטער בוקמאַנס געברום,
שטילט און גליווערט דער אַרום.
מאָטקע פאַרשעמט, קרימט זיך,
ווי זיינע הענט וואָלטן אין אייזנס
געווען פאַרקלעמט.
ער וויל לויפן אַהיים,
נאָר די פיס שווערן, ווי ער וואָלט געטראָטן
אין נאַסן, געדיכטן ליים.
עמעצער חוזקט: מאָטקע, פייגע דאַרף אַ וועכטער!
די מיידלעך ביים „סטענד" הילכיקן פון געלעכטער.
פלוצים — און מאָטקעס אויגן ווערן גרין און גרויס,
און מיט אַ דראַענדיקער פויסט, ער לויפט אינדרויסן אַרויס.
די טיר קערט זיך איבער,
און מיסטער בוקמאַנס פּנים ברענט,
ווי אין אַ העליש פיבער.

אינדרויסן שויב און ציגל פראָסטיק, ווייס,
און איבערן שפיגל פון גלאַנציקן אייז,
אַ קראָ קראַקעט און קרייזט.

יאָסל שפּרייזט שווייגנדיק, פאַרטראַכט,
פייגע דערציילט פון זיך און לאַכט.
אין איר בלויז־העמד מיט די פינטעלעך און שטרייפן,
אירע קליינע, קיילעכדיקע בריסט צאַפּלען און רייפן.
ווינטן באַרשטן און קערן.
עס צאַפּלט דאָס געלע ליכט
אין צעהוידעטן לאַמטערן.
עס סקריפּעט דער טראָט.
עס לויכט די נאַכט. און עס לאַכט
דאָס פאַרליבטע וואָרט.
עס ציטערן די דראָטן.
אויפן שניי צייכנט זיך
מאָטקעס לויערנדיקער שאָטן.
יאָסל פאַרקלערט, שווייגט און הערט.
די שטערן אין דער בלויער נאַכט
צינדן זיך אויפן ווייסן שליאַך.

מאָטקע סטראַשעט

פייגע דערמאָנט יאָסלען מיט אַ בליק אַ צאַרטן,
אַז ער דאַרף אויף איר אין דרויסן וואַרטן.

יאָסל ציט אַרויף דעם פּאַלטן דעם האַריקן און שוואַרצן,
און זיין פּנים טרויעריק און פאַרמאַטערט
קאָן דאָך נישט באַהאַלטן פון נאָגנדיקן האַרצן
דעם דין־פריידיקן פלאַטער.

מאָטקע וואָס שרעקט זיך פאַר יאָסלס טרוימערישן טרויער,
היט אין שטילן לויער די שאָפּ־מויער.

אין מאָטקען ברענט שאַרף פון קנאה דער פּיין,
ווייל אין העלן שיין פון פייגעס פריידיקן בליק
ער דערקענט, אַז יאָסל וועט זיין איר לעבנס־בריק.

עס פייניקט אים אַ געפיל:
אַז דאָס איז נישט בלאָ פייגע!
סתם אַזוי, אַ לייכט־מיידלישע שפּיל.

נאָר איצט מעכטיק און אומגעצאַמט,
וועט שטורמען פון ליבע דער הייסער פלאַם.

יאָסל איילט צום פענצטער פאַרצויגן מיט אַן אייזערנעם שטאַנג,
מאַטקע צעברויזט מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט,
פאַרצוימט זיין גאַנג.
שטרענג און בלאַס,
שטורעמט זיין קול אויפן גאַס:
אַ פּאָר טעג בלויז אין שאַפּ,
און שלימזלדיקער פּאַטש דערשנאַפּט
פון אַ מיידליש קלייד דעם ריח,
און שוין איז פייגע — דער ערשטער קרבן
אויף זיין ליבע-מזבח.
מאַטקע שיפּעט: אַ גרינער פלאַקן,
קוים וואָס זשיפּעט, און לויפט נאָך
העל-זיידענע, מיידלישע זאַקן.
דעריבער לאָז איך דיר וויסן,
אַז אויב דו ווילסט זיך נישט באַגיסן
מיט דער אייגענער, רויטער יויך,
איז פאַרגעס אין פייגען, און פּאַשע זיך
דעם אייגענעם, אויסגעדאַרטן בויך.
הער זיך צו צו מיין קול.
וואָרים דאָס צווייטע מאָל,
וועל איך מיט אַן אייזערנעם טאָפּ
פלעטן דיין שאַרבן-קאָפּ.

ער קערעוועט מיט דער פויסט.
ער רעוועט און ברויזט.
ער כריפּעט און כראָמטשעט
מיט די בליאַסקענדיקע ציין,
ווי ער וואָלט געבראָכן אַ האַרטן ביין.

אויף די פאַרשנייעטע גאַסן,
וויגן זיך לאַנגע, לבנהדיקע פּאַסן.
זייערע פנימער בלאַסן אין שנייאיקן רויך,
יאָסל זאָגט שטיל און געלאַסן:
שרייט נישט אַזוי הויך!
ווען מאַך איך אַזוי שווער,
אַז איך וועל פייגען דאַנקען
פאַר ווייזן מיר ווי אַנצוגיין

מיט נאָדל און שער?
איך ווייס צו פייגען איז אייער באַגער,
איז געדענקט זשע, אַז אין ליבע זיינען שטאַרקע הענט
נישט קיין זיגעריש געווער!

מיטן קאָפּ הויך־געשטרעקט,
קערט זיך יאָסל פון אים אַוועק.

מאַטקע אַנטרינט אין וואַיעדיקן ווינט.
נאָר אומגעריכט אויפן שניי־שליאַך
טיף, געדיכט, קייקלט זיך אַ לאַכנדיק קול
אין טאָל פון דער צעפינקלטער נאַכט.
פייגע רעדט פריילעך און גיך:
אַ האָ דער שניי בלאַנקט אויף מיינע שיך!
די שטאָט מיט ווייסקייט באַדעקט.
און אַ לשון־קודשדיקער פּאָעט
בלאָנדזשעט נעבעך אַן אומעטיקער אויפן וועג.
אַודאַי נישט שיין און איידל,
אַרויסצוכאַפּן פון שאָפּ אַ מיידל
און אין אַ נאַכט פון שטורעם,
זי פירן צו אַ ווייסן טורעם
מיט בלויע טירן.
איז אויב צום יונגן מיידל איז אייער לוסט,
זיינען אַלע אייערע חלומות נישטיק, פּוסט.

אירע אויגן שטיפעריש און שיין,
בליצן אין דער נאַכטיקער ווייס.
אירע שיך שוועבנדיק און גיך,
קריצן דאָס בלענדנדיקע אייז.

זי טוליעט זיך און שפּאַנט.
אונטער זיין אָרעם גליטשט זיך
איר ווייסע, וואַרעמע האַנט.

עס זיסט פון גלוסט דער ווייי.
די לבנה ברענט אויף די דימענטלעך
פון דינעם, זילבערנעם שניי.

אַ שויב שוידערט פון קעלט.
פייגע פלוידערט און קווועלט.

די פאַרשנייטע ביימער שמעקן מיט ווייס-שנייאיקן דופט.
יאָכל פרייט זיך, און טרינקט די פרישע, פראָסטיקע לופט.
פייגע לויכט און לאַכט.
אויף הויכע שניי-סטויגן
וויכערט און וואָיעט
די ווייסע, ווינטערדיקע נאַכט.

דער מידער מאָנטיק

האַלבער טאָג. שווער און מיד
ציט מיסטער בוקמאַן זיינע טריט.
מיסטער בוקמאַן כאָטש ער טראָגט קוים די אייגענע, לייביקע וואָג,
שטאָלפּערט, ווי אויף שטאָלצן
צום לאַנגן טיש מיט די גלאַטע, ווייכע האָלצן,
וואו די „פינישערס" מיט גענידערטע קעפּ,
פאַרזוימען דאָס פאַרביקע געשטעפּ,
און זייערע דינע און איידעלע שטעך
צירעווען און פאַרשלייפן, ציען איין
און פאַרשטייפן העקעלעך און קנעפּ.
דאָרטן איז די לאַכנדיקע באַנק,
וואו מען ציט מיט לאַנגע, קיילעכדיקע שטרויען
דעם זיסלעך-קאַלטן קאָ-קאָ-קאָלאַ-געטראַנק.
און די מיידלעך שושקען און פאַרטרויען זיך
וועגן די „באָי-פרענדס", „דעיטס" און „גוד טאַימס",
וואָס מען כאַפּט אַריין אין די לאַנגע, נאַכטיקע,
ווינטערדיקע „וויקענדס".
די מיידלעך סודען זיך,
בריקען מיט די דינע, גלוסטיקע פּיס און כיכיקען.
דער טיש איז אָנגעשטאָכן מיט שפּילקעס און נאָדל-טעשלעך,
און שלאָגט מיט קלעפּיק-זיסלעכן ריח פון די אויסגעליידיקטע פלעשלעך.
מאַשינען טראַסקען.
די מיידלעך אין שאַרפן לוסט, אין זיסן אומעט,
גלעטן דעם ווייכן, גרינעם סאַמעט.
מאַשינען טראַסקען.
די ווינקל-ווענט בליאַסקען מיט אויסגעקלעפּטע מואווי-בילדער
פון דער ווייטער, ברייטער „וועסט" דער ווילדער.
אין שאַרפן שיין פון עלעקטרישע גלאָזן,
רייצן די פּאַרלעך אין גלוסטיק-קושנדיקע פּאָזן.

צווישן גאָלד און שפּיגלדיקן גלאַנץ,
די צונויפגעטוליעטע פּאַרלעך
שוועבן לייכט אין אַ ריטמישן טאַנץ.
האַלב-אַנטפּלעקטע פרויען-פיגורן,
טוליען זיך צו מאַנסבילישע מאַנטלען
מיט סאַמעטענע, רויטע שנורן.
מען וואַרפט בלומען פון אַ געשניצטן גאָרן.
רייטער וויגן זיך אויף די פערד
און קלינגען מיט די גאָלדענע שפּאָרן.
אָט די „סטאַרס" אין מאַסקען, אין גרימען,
קלעטערן, פעכטן און שווימען.
גאַלאָפּירנדיקע „קאַובאָיס" פאַרצוימען מיט שטריק
אַ לאַנגע, קלעצערדיקע בריק.
און איבער אַ פאַרפּלאָנטערטן וואַלד פינצטער
און פול מיט מאָך און שימל,
צינדט זיך דער הויכער, פאַרנאַכטיקער הימל.
אינדיאַנער מיט מלחמה-געשאַלן,
שפּרינגען-אויף און פאַלן.
אינדיאַנער פון הויכע, באַרגיקע ווייטן,
וואַיען און רייטן, און רינגלען אַרום
די בוידן פון אַלע זייטן.
פּיילן פליען און פייפן.
האַק און מעסער לעכערן די הויכע, פולע וואַסער-פעסער,
אַרומגענומען מיט ברייטע, אייזערנע רייפן.
פאַרוואונדעטע קרעכצן. קי רייסן זיך פון די שטריק
און לעכצן צו טרינקען פון קלאָרן וואַסער,
וואָס רוישט אונטער דער האָלצערנער בריק.
דער ווינט וואַיעט.
די רויטע פאַרגייענדיקע זון פּאַיעט זיך אין וואַסער-שפּיגל,
און גילדערט די פייגל, וואָס פאָכען מיט די פלאַטערדיקע פליגל.
און צווישן די אַלע צייטונגס-אויסשניטן,
זיינען איינגעראַמט אינמיטן קליינע, קיילעכדיקע גלאָזן,
אַראָפּצוכאַפּן דעם הימל דעם ראָזן,
און די מיידלעך מיט די פיבערדיקע גלאַנצן,
וואָס זיינען מידערהייט גרייט צום טאַנצן.
מיסטער בוקמאַן באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט
און לאַכט מיט אַ גראָב, הנאָהדיק געלעכטער
פון איינעם אַ יונג מיט מוסקולירטע הענט,
וואָס הויבט שטאַנגענדיקע געוועכטער.
ביים גרינעם אויף דער לער

די פרעס גייט סמאָליעדיק, שווער.
איז כאַטש די בלוזן פאַרען און שפּרינגען,
האַלט ער אין איין זינגען:
„מאַמע, מאַמע, נישט נישט וויין.
דיין טאָכטערס האַרץ איז נישט אַליין.
מיין געליבסטן שיין געשטאַלט,
איך זע אין גאָלדענעם שאָטן פון גרינעם וואַלד.
דאָס וואַסערל מורמלט צווישן שטיינער.
מיין געליבטער קומט צו מיר אַזאַ לויטערער און ריינער.
ער ברענגט מיר דאָס פייער פון רויטן זון-פאַרגיין,
און ערווישט די טרערן פון מיין געוויין.
עס רוישט דאָס בלוט.
זיין האַנט אין מיינער רוט.
עס שכורט דער זיסער פיין.
די זון בלענדט. איר גאָלדענער שיין
קושט אונדזערע פיבערדיקע הענט.
דער וואַלד שאָטנדיק און געדיכט.
מיינע ברענענדיקע טרערן טריפן
אויף זיין שיין געזיכט.
עס שעפּטשעט די שטיל אויפן שליאַך,
און אין וויטן גערויש פון דער וואַסער-מיל
דרימלט איין דער גאָלדענער פאַרנאַכט".
דאָס מאַטאָרדיקע מעסער, וואָס זידט,
שניידט און פליט אויפן ווייסן זייד.
פייגעס נאָדל-אויערל,
פאָדימט אויס אַ צווייגן-טויערל.
אירע באַקן צינדן זיך און ראָזן.
דימענטענע גלאָזן פלאַמען
אין די קליינע, ביינערנע קאַמען.
עס ציטערט פון שערן דער שטאָלענער קלונג.
פייגעס קול לאַכט פריילעך און יונג:
א, פאַרליבטע זיינען יידישע טעכטער!
איר נאָדל קייקלט זיך, און קייכט
מיט אַ דין-זשומענדיק געלעכטער.
די נאָדל שפּרינגט.
און איר קול לויטערט און קלינגט:
„ברידער און שוועסטער, איך זאָג, עס נענטערט זיך דער טאָג,
ווען, דאָס האַרץ פול פיין וועט זיך אויפהויבן,
קעגן די, וואָס רויבן דעם שיין
פון אונדזערע ליכטיקע שויבן!

איז דעריבער מיט אַ האַרץ אַ לויטער־ריינעם,
לאָמיר קענען שונא שטיין אינאיינעם!״
בלוזן העכערן זיך שיכט נאָך שיכט
און וואַרעמען זיך אין שיין פון לאָמפּן־ליכט.
אויף פּלאַטערדיקע העפטערייען
לויפנדיקע נאָדלען שרייען.
ר׳ הענעך אַ פריילעכער חוזקט פון מאָטקען אינדערשטיל:
אַז ער קאָן נישט דערגרייכן פון ליבע זיין ציל.
די מאַשין שרויפט זיך און סאַפּעט.
ר׳ הענעכס צעפּאָדימטע באָרד
שטייפט זיך און גאַפּעט.
מאַשינען שיפן. נאָדלען וואַרגן זיך און כריפּען.
לידער פון היימישע שלאַכן
זינגען די בענקשאַפטן אין אַלע שפּראַכן.
יאָסל דערמאָנט זיך: פאַרנאַכט.
ער מיט צירלען ביים פאַרשאָטנטן שליאַך.
קליינע דאָרפישע שטיבלעך גרין און רויט,
בוקן זיך צום טייך וואָס בלויט.
עס וועקן קרייענדיקע הענער.
גרינע לאָנקעס וויגן זיך פאַרשכורט,
און שלאָגן מיט ריח פון הובליענעס און שפּענער.
אין סאַמעטענעם שאָטן
פון די בלעטערדיקע צווייגן,
זיי ליגן פאַרטוליעטע און שווייגן.
די שטיבלעך פאַרדרימלען ביים שליאַך.
דאָס וואַסער לויפט צום גאָלדענעם זאַמד און לאַכט.
עס וועקט אים פון טרוים,
נאָדל וואָס זשומט אויף בלוזע־זוים.
ביים טיש לאַנג און ברייט,
זינגען־אויף פאַרליבטע רייד:
„אַ דיר איי מעט יו היר.
ענד לייק אָלוועיס יור איים
אַר בלו ענד קליר.

אַ דיר, לייף איז ראַף.
ענד אין מיי האַרט
בוירנס די גאָלדן פייער אָוו לאָוו.

דהי נאַיט איז דרימי ענד בראַיט.
סוויט איז דהי וואָירד אָוו יור טאָנג.

לעטס סינג טוגעדהער אָוו לאָוו
דהי דרימי סאָנג.
דיר, דאָנט יו פיר,
ווען יור איים אַר סאָ בלו ענד קליר,
דיר, דאָנט יו פיר.
איי וויל נאָט ליוו יו ענימאָר!
מיי לאָוו וויל אָפּן טו יור האַרט
דהי גאָלדן דאָר״.
אַ פּרעסער־יונג מיט אַ שטערנשראַם
ברומט און גראַמט: „אוי, טייבעלע, טייבעלע פאַרוואָס ביסטו שטום?
דער בוים איז אַלט און קרום.
צו מיין געליבטער טראָג זיך און זאָג:
איך האָב פאַרזאַמט.
אַ וואַסער ברייט און רוישיק
האָט מיין וועג פאַרצאַמט.
דאָס בעז שמעקט אין בלויען בלי.
טייבעלע, הויב זיך אויף, און צו מיין געליבטער צי!״
אַ צווייטער אין אַ צעכראַסטעטע העמד,
מיטן אייזן אין די הענט פאַרקלעמט,
כריפּעט אויפן קול, זינגט און שרייט
פריילעך, פאַרשייט:
„אָ דיר, קאַם טו מי,
קום און זיץ אויף מיינע הייסע קני.
אָ דיר, קאַם אָווער,
ענד פאָר עווער בי מיי לאָווער״
מיסטער בוקמאַן שלייכט אַרום,
ווי אַ בייזער וועכטער.
אים רייצט דאָס יונגע, פריילעכע געלעכטער.
לאָמפּנליכט וויים און ראָז,
פרירט אויפן געזיכט פון שויבנגלאָז.
ער שמאַרעט און שפּאָט פון יאָסלען,
וואָס ער איינער אין דער מאַשינען־ריי,
באַרעט זיך מיט דער נאָדל אויפן געניי:
„דזשוּאיש אינטעלעקטשואַל!
אַ נאָדל איז נישט קיין „ברום״.
איז טו זיך אַ שאָקל און קיצל נישט
מיט דער נאָדל אין דער קרום!
אָ נישט — אין סטריט גיי!
און מיט אַ „טוט־בראַש״ — „קלין״ דעם שניי!
מיסטער בוקמאַן גריזשעט דעם ציגאַר

און הירזשעט: גרינער נאַר!
אין שאַפּ איז „מיי רול!"
שאָקל זיך נישט, ווי אַ חסידל אין שול!
גרינער „ליסן",
דיין רעבעלע ר' הענעך קאָן קיין שטיקל וואַרע נישט אָפּשיסן,
ער איז אַ פאַרשטעלטער באָלשעוויק,
און צו דער „אָלד קאַונטרי" מען דאַרף אים שיקן קריק.
די פּרעסן פאַרען. מיידלישע אויגן טיפן זיך און זשאַרען.
די אָפּערעיטאָרס באַ די זיידענע צייגן שאָקלען זיך און שווייגן.
בלויז מאַטקע מיטן „לאָרד"
שפּאַטן פון ר' הענעכס צעשפּיצטער באָרד.
פייגעס פּנים בלאַס פון צאָרן.
איר מאַשין אָנגעשכורט מיט האַס
כריפּעט, ווי אַ הייזעריקער האָרן.
מיסטער בוקמאַן בלאָזט דעם ציגאַרן־רויך
און ברומט ווילד און הויך:
„עי דזשואיש אינטעלעקטשואַל!
אויב דו מאַכסט אַ „מיסטעיק",
וועסטו פון האַרטן לעדער
עסן באַ מיר אַ „סטעיק"!
פייגע דורכגעשאַרפט פון צאָרנווייי,
טרייסלט־אויף דעם שאַפּ
מיטן הייסן קלונג פון איר געשריי:
מיסטער בוקמאַן, ווען מען לאָזט אייך,
וואָלט איר די גרינע געוואָרפן אין טייך.
און פאַרן שטיקל ברויט, וואָלט איר
פון יעדן אַרבעטער פאַסנווייז געפּליקט די הויט.
דאָס פּראַקטיקע שויבנגלאָז מיניעט.
מיסטער בוקמאַן שרייט און פּיניעט:
גרינער „פלווירט"!
אַלע „באָיעס" שלעפּסטו נאָך זיך
מיט די בלימעלעך אויף דיין „סקווירט"!
דו ביסט צו „סמאַרט פאַר מי",
וועסט נאָך אַמאָל וויינען
פאַר מאַטקען אויף דיינע קני.
מיסטער בוקמאַן, דישעט זיך פאַר כעס און צישעט.
זיינע פּיס רודערן אין די באַמבלענדיקע פלודערן.
פייערן פון די אויגן שלאָגן.
מאַשינען שרייען און יאָגן.
הערצער טיקען.

הייסע אייזנס סיקען.
דעכער גלאַנצן און שפּיגלען מיט די זילבערנע, אייזיקע הוטן.
אין די צעהיצטע לייבער בריען זיך
די אייגענע, קאָכעדיקע בלוטן.
אויף מיסטער בוקמאַנס שטערן פלאַמען
די טיפע שראַמען,
און בראָטן, ווי פייערדיקע דראָטן.
סיגאַרנרויך דישעט
און ער אַ צעצונדענער צישעט:
גרינע, אַ רוח אין אייער מאַמען!
ווי די לייז קריכן זיי דורך אַלע ימען!
פייגע קאַרטשעט, צוימט דעם האַס.
מאַשינען־ראַד שלעפּט און שלינגט
דעם לויפנדיקן, לעדערנעם פּאַס.
מיסטער בוקמאַנס פּיס רודערן, און עס באַמבלען
זיך זיינע ברייטע, לאַנגע פלודערן.
מיסטער בוקמאַן פייקלט מיט זיין שווערן טראָט.
אַ פאַרשטומטער קייקלט ער פון זיך אַרויס
דעם צאָרן־זאָט.
רינגען־רויך גרוי און געדיכט,
וויקלען אַרום דאָס לאָמפּנליכט.
אויף די שויבן זון־שטראַלן, ווי קופּערנע דראָטן,
פלאַמען אין בלוילעכן שיין פון פאַרנאַכטיקן שאָטן.
פייגע ציט אַ פאָדים, און צאַפּלט אין איר דין וואָלענעם סוועטער.
איר פוס דריקט פעסט דעם אייזערנעם טרעטער.
נאָדל מיט איר שפּיציקן שטאָל
פאָדימט אַ וואַסערל אין טאָל,
און אַ הימל הויך און רויז,
קלאָרט איבערן גרין פון גראָז.
נאָדל־שפּיץ קייקלט זיך און בליצט.
פון מיסטער בוקמאַן, ווי פון אַן אויסגעברילטן ווינט,
דערווילדער צאָרן אַנטרינט.
ער שטילט זיין קול,
און זיין בליק רואיק און מילד
פאַלט אויף פייגעס נאָדלדיקן שטאָל.
פייגעס אויגן פול מיט ליכט.
שעמעוודיק און שיין שפּילט
די רויטקייט אויף איר געזיכט.
נאָר ביי ר׳ הענעכן קאָשמען זיך די פאָדימדיקע האָר־שפּיצן.
זיינע אויגן כעסן און בליצן.

ער קוקט אויף יאַסלען, וואָס רוקט
אין געטומל דאָס געניי, און עס מורמלט
און עס שעלט פון צאָרן דער וויי:
„מילאַ, דער מיסטער בוקמאַן וועט אַזוי פּאַדען און קאַפּטשען
ביז ער וועט מער נישט קאָנען אויף זיינע פיס טאַפּטשען.
אָבער נמאוסער פון אים איז דער מאַטקע,
וואָס רימט זיך פאַרן „לאָרד",
אַז אפילו דער גייסטער מאַדל פון דעם כיטרען פאָרד,
קאָן זיך נשט פאַרגלייכן אין שנעלקייט
צו זיין פליענדיקער נאָדל.
איר ווייסט, ווען מיסטער בוקמאַנס צאָרן טוט אונדזער לייב טאַטשען,
קוקן ביידע מיט הנאה און כאַכאַטשען.
אָט די צוויי מלשינים מיינען נישט רק דעם גרינעם.
זיי שפּאַטן פון דער נויט פון פרומען, ווי פון פרייען.
אָן בייטשן, אָן קנופּן,
אָן שטעקנס מיט בלייען,
צופּן פון אונדז די הויט
די נייע נוגשי־מצרים.
זיי ווילן דוקאָ אַז דער גאַנצער שאָפּ, וואָס האָרעוועט מיט די ידים,
זאָל פאַרדינען אויף סעטשקע מיט קלייען.
גאָטעניו, דאָס ברויט פון קאָרן
זאָל אין זייערע געדערים ברענען
ווי פייערדיקער דאָרן, ווייל זיי טוען
פאַראומערן אונדזערע טעג און יאָרן.
אָט אַזוינע בלעמס דאַרפן קנעטן חומר ולבנים.
וועלן זיי דעם גיכן טויט אויף זיך בעטן
און מערנישט טשעפּען קיינעם".
יאַסל שמייכלט. אונטערן שאַרפן לאָמפּן ליכט
אין פאַרנאַכטיקן גרוי, גליטשט זיך זיין נאָדל
אויף אַ זיידן העמד, באַפּאַדימט מיט אַ גראָזן פעלד,
וואָס דער מורמלענדיקער ווינט קושט און קעמט.
פייגעס בליק לאַכט. זי שיקט
צו יאַסלען מונטערע ווערטער דורך
דער לאַנגער, ברילנדיקער מאַשינען־בריק:
נאָדל נייט געניט. נאָדל נייט און ווערט נישט מיד.
אַזוי געניט, און מיט דער פרייד, וואָס גליט
זינגט פאַר אַרבעטער פון קאַמף דאָס ליד.
אַ סאַמעטן סטענגעלע מיט אַ זאַנגען־סנאָפּ,
נעמט אַרום איר וויגנדיקן קאָפּ.
אין פייער פון זוניקן בויגן

פאַרביקע פייגל פלאַטערן
מיט די פליגל ברייט-צעצויגן.
און כאַטש די פרעסן היצן,
און די שערן צישען און בליצן,
לויכטן אירע צעשמייכלטע אויגן
צו די שויבן וואָס, זיינען
מיט די שאָטנס פאַרנאַכט פאַרצויגן.
גרוים אין שאָפּ מאַשינען-געטומל.
יאָסל הערט ווי ר׳ העניך
אַ פריילעך זמרל זינגט און מורמלט:
„געלויבט איז גאָט, וואָס איך בין אין דער אַרבעט שוין געניט
און וואָס צו דער אַרבעט ציט מיין געמיט.
איך לויב גאָט פאַר יעדן צמח,
און פאַר די שבתדיקע חלות פון ריינסטן קמח.
פול איז מיין האַרץ מיט שיר וזמר
פאַרן קלאָרן וואַסער, וואָס לויטערט אין עמער.
פייגע לאַכט: ר׳ העניך, זינגט בעסער
וועגן אַרבעטער אין שאַכט, וואָס צו זיי
וועלן אַמאָל געהערן אַלע רייכטימער און שלעסער.
וואָרים אַ ברודער איז אייך דער,
וואָס אַרבעט מיט נאָדל און שער.
ר׳ העניך אַ צעשמייכלטער טוט צו יאָסלען זיך אַ קער
און זאָגט: דער טאָג אַזוי לאַנג-אויסגעצויגן,
און זע נאָר, ווי פריידיק, פאַרטרערט עס קוקן
אויף דיר פייגעס פאַרליבטע אויגן.
האַרציק און ריין איז איר געלעכטער,
ווי די לויטערע צניעות
פון פרומע, אידישע טעכטער.
וואָרים צו אַ האַרץ פאַרליבט און פרום,
זינגט אין פרייד דער גאַנצער אַרום.
און אין די שירי-אַהבה
בענקענדיק און ריין,
לייטערט דער מענטש פון תאוה
זיין געביין.
יאָסל דערפילט, ווי מאַטקעס אויגן
פאַרן אויף אים מיט צעצונדענעם צאָרן.
מאַטקע ברומט און סטראַשעט מיט קלעפּ.
און מיט דער נאָדל אויפן זייד ער וואַקלט זיך
און שרייט: אַז ער וועט דעם גרינעם פּאַטש
אַרונטערקייקלען פון אַלע טרעפּ.

נאָר קיינער שרעקט זיך נישט מער
פאַר זיין בריענדיקער צונג,
און אַפילו נישט פאַר זיין לאַנגער שער
מיטן שאַרפן, צעצויגענעם קלונג.
מאַשינען וואַרפן.
מאַטקעס אויגן בליצן ווי שטאָלענע שאַרפן,
נאָר קיינער ווערט מער נישט געפּלעפּט,
פאַר זיין ברוגז, און פאַר זיין זעצן מיט דער פויסט:
„אַז „באַנדלעך" זייגען קנאַפּ,
פון זינט די גרינע האָבן
פאַרכאַפּט דעם גאַנצן שאַפּ".
יאָסלען איז דערווידער מאַטקעס נאַדלדיק קנאַקן,
און די רויטע, ברענענדיקע פליאַמען,
וואָס פלאַמען אויף זיינע אָנגעפּרעסענע, פליישיקע באַקן.
יאָסל האָט פיינט מאַטקעס אויגן
מיט די סמיקע ראָסטן אָנגעזויגן,
ער פאַרשפּאַרט מיט אים מער נישט קיין איינציק וואָרט
פון זינט יענער האָט זיך אין די נאַכטיקע פראָסטן,
מיט זיין דעמבענעם פויסט אויף אים זיך פאַרמאָסטן.
מאַטקע אין ברילן מיט ברוינע, ברייטע ראַמען,
קאָן נישט צאַמען זיין פאַרליבטן בליק, וואָס
שאַרפט זיך דורכן לאַמפּנליכט
און פליקט פייגעס שיין־צעשמייכלט געזיכט.
אים רייצט און בראָט
פייגעס בליק, וואָס לויפט
צו יאָסלען נאָדל און ראָד.
איינדרויסן דער ווינט רייט אויף פאַרצויגענע דראָטן.
דער אויסגעברענטער טאָג דרימלט
אין דער פינצטערניש פון נאַכטיקן שאָטן.
די פענצטער אייזיקן און גראָען.
עס שאָטענען די פרי־נאַכטיקע שעהן.
און דער ווינטער דער ייִנגער
מיט ציטערדיקע פינגער פאַרזילבערט
די שטויבן אויף די שאַפּיקע שויבן.

פייגע

אויפן בארג אַנגעטאָן אין אַ זילבערנעם העמד,
אַ הימל מיט שטערן בלויט און בלענדט.

שאָרך פון שיך
אויף דער שנייאיקער ציך.

צווישן ווייסע ביימער־רייען
יאָסל און פייגע גייען.

פייגע דערציילט וועגן זיך,
און יאָסל זעט פייגען אויף אַ גרינער לאָנקע
פול מיט פּאַסטעכער און פיך.

יאָסל הערט, און אים דאַכט,
אַז איטלעכס וואָרט לויטערט זיך
אין דער ווייסער נאַכט.

פייגע דערציילט אָפן און קלאָר,
און פאַר יאָסלען מאָלט זיך דער נעכטן
פון אירע קינדערישע יאָר.

אין אַ דערפל בײַ אַ וועג אַ זייטיקן,
אירע יונגע טעג טרוימען און צייטיקן.
פרימאָרגן, ווען אויפן הימל־זוים
ציען זיך גאָלדענע שטרייפן,
ליגט זי אונטער אַ בוים
און קוקט אויף די פרוכטן
וואָס רויטלען זיך און רייפן.
מאַלינעס זומערן און זיסן.
און אַרום טאַטנס סאָד
קילע וואַסערלעך קלאָרן און פליסן.
נאָר אומגעריכט קומט
דאָס אומגליק פון קריג.
רויכן שוואַרץ און געדיכט טראָגן אַוועק
דאָס שטילע דערפל
מיט דער לאַנגער, האָלצערנער בריק.
אַ צעטראַסקעטע ראָד
וואַלגערט זיך אין סאָד.

הונגעריקע הינט הוילן.
די ביימער ליגן אומגעקערט.
און די פּרוכטן פוילן
אויף דער צעלעכערטער ערד.
אימהדיק, שטיל
אַרום די וואַסערלעך קלאָר און קיל.
אין זוניקע, זומערדיקע וואָכן צעוואָרפענע מענטשנלייבער
ליגן אין גריבער דורכגעשטאָכן.
בלוט. זעלנערישע כאַלאַטן.
און צווישן ציגל און שטיין
זשאַווערט פון האַרמאַטן
דאָס אײַזערנע געביין.

אין פּייער פון זוניקן שפּיגל,
רוישט אַן אָדלער
מיט זײַנע צעפּאָכעטע פליגל.
אַ סאָלדאַט צילט. און דער אָדלער פאַלט
אין אייגענעם בלוט פאַרקילט.
און די זון מיט איר אומעטיקן גלאַנץ,
וואַרעמט אַ פּאָר דאָרפישע שייבלעך,
וואָס קויל און שווערד לאָזן גאַנץ
אויף דער וויסטיקער ערד.
און אין פאַרברענטן גאָרטן, בלײַבט ווי דורך אַ נס
דער גרינער שאָטן פון אַ ביימל מיט אָפּגעפליקטן בעז.
אויפן ווייסן וועג
טראָגט זיך דער נעכטן אַוועק.
אויך דער טאַטע פון קריג
קערט זיך מער נישט קריק.
אַ בריוו קומט און רעדט מיט רום
וועגן איר טאַטן, וואָס איז ווי אַ העלד
געפאַלן אויפן שלאַכט-פעלד.
צווישן הויכע, פאָרכטיקע בערג,
ער האָט בראַוו געקעמפט
קעגן עסטרייכער און טערק.
זײַן נאָמען געקריצט אויף פּראָסטן האָלץ.
דערפאַר זאָל זײַן אַ טרייסט אין צער,
וואָס שטאָלץ איז מיט אים
אונדזער קעניג — דער מיטליידנדיקער האַר.
בעט צו גאָט וואָס לעבן ער באַשאַפט.
און ווי אייער פאָטער און מאַן,

זיין זאָלט איר אין פּיין
שטאַרק און בראַוו".
איבער די פאַרברענטע לאַנקעס, איבער די וויסטע הוילן
פינצטערן רויך־קנוילן.
די מאַמע קראַנק פון טרויער,
צאַנקט אויס
אין אַ שטיבל בײַ אַ שכן — אַ פּויער.
און דאָס שטעטל וואָס געדענקט די מאַמען
שיין און בליענדיק, ווי אַ רויז,
שענקט איר אַ קבר פיר איילן די גרויס.
און פייגעס יונג לעבן פון אומגליק צעפליקט
זוכט צו דער שטאָט די בריק.
קומט אַ פעטער אַ שטרענגער און פרעמדער,
און ער ברענגט זי אין אַ פאַבריק, און ער שפּאַנט איין
אירע הענט צו נייען קאָלירטע העמדער.
לערנען זי באַגערט.
זיצט זי שטום, פאַרטרערט.
נאָר אַ מיידל, וואָס האָט נישט מער, ווי פון דער נאָדל דעם בלײַז,
און שטיקלעך געפרוירענע, פאַרזיסטע קאַרטאָפל
שווימען אין שיסל פון איר גרויפּן־גרייז,
אין אָט אַזאַ מיידל די באַגערן זיך גיסן,
און קיינמאָל געפינט זי נישט די שליסל
צום טויער פון וויסן.
נאָר אָט אַ גליק!
אַ שטילער בחור אין פאַבריק, וואָס
זיצט אַ קעגנאיבער, קוקט אויף איר
מיט דער ליבשאַפט פון יונגן פיבער.
אין איינעם אַ פאַרנאַכט טוט ער פאַרטרוילעך אַ לאַך:
חברטע, מיר האָבן געהיימע קלאַסן
פאַר די אַרבעטער־מאַסן.
און ער גיט איר אַ צייכן,
וואו אין אָוונט אים צו גרייכן.
הייליק ווערט איר פון דעמאָלט אָן
דאָס בלוט פון דער רויטער פאָן.
אין נאַכטיק־פאַרשטילטער שטאָט
איר יונגער טראָט סוד'עט און פירט
צו אַ געהיימער טיר.
זי איז מער נישט עלנט און אַליין.
דאָס וויסן וואָס זי מערט לערנט זי צו פאַרשטיין,
אַז צו אַלעמען געהערט דער פרידן

אויף דער שטילער, פרוכטיקער ערד.
און אונטערן קעמערל, וואו פסח שוסטער
קלאפּט כסדר מיט זיין העמערל,
האלט מען זי אין איין לערנען,
אז אויף די פאַבריקאַנטן דארף מען צערנען.
איז נייען קליידלעך איר פאַך,
און זי לערנט און לייענט אַ סך.
דאָס נייע לעבן דערהויבט.
פרימאָרגן בלויט אויף דער שויב,
דער הימל לויטער, ריין
ליכטיקט אין איר טרוימערישן אליין.
און אונטער איר מאַנטל דעם אָפּגעריבענעם און גרויען
געהיימע פּאַפּירלעך זייער סוד פאַרטרויען.
פאַרזיכטיק זי גייט אויף ליכטיקע סטעזשקעס פון שניי,
נאָר פּאָליציי האט מוסרים אין דער אַרבעטער־ריי,
און זי ווייסט און זעט, וואָס אַרום געשעט.
אין אַ דאָרף, שיקט מען זי צו די פעלדער פון טאָרף.
און אַפילו אין צייט פון שניט
טשאַטעוועט עמעצער אירע טריט.
זי מוז שוין נאָכדעם לעבן געהיים,
פאַרוואָרפן אין אַ שטיבל, אין אַ טאָל פון ליים.
זי איז יונג, שיין,
און דער בחור פאַרליבט און ריין.
אין דער איינזאַמקייט דער גרויער
לעשט קיינער נישט דעם טרויער,
כאָטש אַרום איר דער בחור
אַ פאַרליבטער און געטרייער,
רעדט איר מיט אַ פאַרבענקנדיק האַרץ
פול מיט יונגן, ליכטיקן פייער.
דער בחור איז אַ לויטערער, אַ ליבער,
נאָר די ליבע שפּרייט נישט
אין פרייד איר זיסן פיבער.
און אין שטיבל פון חבר־פויער
נאָגט אין איינזאַמקייט דער טרויער.
אָבער מען לאָזט איר ווּיסן,
אַז זי מוז אין שטיבל זיך מערער פאַרשליסן,
ווייל שטיינערנע טורמע־טיף פאַרשלינגט
דעם פּייאָיקסטן און בעסטן אַקטיוו.
קעמפערישע יוגנט מיט געשמידטע הענט
פייניקט מען צווישן שטומע, קעלערדיקע ווענט.

אין האַרבסט קומט דער פאַרליבטער בחור
און לאָזט גאָר וויסן:
אַז וועגן זיך דאַרף זי אַליין אויף גיך באַשליסן.
וואָרים די רעאַקציע האָט אַצינד די אויבערהאַנט,
וועט זי מוזן פאַר אַ צייט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.
היות פאַר אַ רעוואָלוציאָנער איז דאָס לעבן
אינערגעץ נישט זיס, דעריבער איז נישט שלעכט פאַריז.
אודאי בעסער איז קאַנאַדע —
אַ לאַנד פון נאָדל און מאַשין.
נאָר ווי אַזוי קומט מען אַהין?
יונגע יאָרן טרוימעריש און גרינג אויף די פיס.
דער בחור פאַרליבט וויל מיט איר מיטפאָרן קיין פאַריז.
מ׳קאָן זיך דאָרט טאָן אַ פאַרשרייב
פאַר מאַן און ווייב . . .
זאָגט זי: אומזיסט זיין מי.
זאָגט ער: אָן איר איז אים פינצטער
דער ליכטיקסטער זומער־אינדערפרי.
זאָגט זי: די ליבע טראָגט נישט קיין פרייד,
ווען דאָס האַרץ איז נישט פאַרליבט און גרייט.
זאָגט ער: כאָטש מען וועט אינגיכן אין טורמע־מויער
טאָן אַ פאַרשפּאַר, איז דער טרויער פון גאָרן נאָך ליבע
דער טיפסטער צער.
און פייגע געדענקט אודאי
איר שוועסטער ביילע אין קאַנאַדע.
זי שרייבט איר אַ בריוו פול געבעט,
אַז זי זאָל זי ראַטעווען,
איידער עס ווערט צו שפּעט.
חברה שמירט. דאָס פירט צו אָפענע טירן,
וואו, אויף דער גיך, מען קריגט פּאַפּירן
מיט אַ פּאַספּאָרט אַרויסצופאָרן פון געבוירנאָרט.
איר שיף פאָרט אויפן ימיקן בלאָ.
קומט זי דאָ און טרעפט איר שוועסטער געקנייטשט און גראָ.
און זי געדענקט אירע יונגע יאָר,
ווען יוגנט האָט געטויאיקט
אין אירע געקרויזטע, שוואַרצע האָר.
אינדערהיים איז זי געווען שטאָלץ און שיין.
דאָהי זיינען אירע אויגן קוואַלן־געוויין.
אודאי, עס איז איר שווער און פול איז איר האַרץ
מיט טרער און ווייטיק.
אָבער רעדן מער פון זיך איז מיר איצטער נייטיק.

פייגע שטעלט זיך אָפּ און לאַכט.
שיינענדיקע שטערן פינטלען אויפן שליאַך.
עס פלעמלען אירע פולע, פייכטע אויגן,
און ווערן מיט גלאַנץ פון פרייד פאַרצויגן.
דער שניי שטערנט אויפן שליאַך
און פייגע דערציילט פון זיך,
אין דער פאַרטרוימטער, ווייסער נאַכט:
אַ טאָג נאָך איר קומען,
הויבט די שוועסטער אָן שטיל אונטערצוברומען:
אַז כאָטש זי איז אַ גרינע מיידל,
איז זי דאָך צו שיין און איידל,
אין שאַפּ דאָס ביסל יאָר אָפּצוזשומען.
זי דאַרף בלויז דעם קאָפּ „יוזן",
וועט זי נישט מוזן דעם רוקן קרומען,
און מיט די הענט נישט דאַרפן אויספּאַדימען
גאַנצע בייטן מיט גראָזן און בלומען.
זי זאָגט איר, אַז זי זאָל „סמאַרט" זיין
און גלייך פאַרגעסן דאָס שטעטל מיטן שפּיגלדיקן טייך,
וואו אַלע מוטשען זיך אין אָרעמקייט, אין פּיין.
„ביקאָוז" זי, פייגע, קאָן ווערן גיך רייך
און טרינקען קאָניאַק און ווייַן.
„ביקאָוז" אין איר שיינער „פּיקטשע", וואו
זי שמייכלט אַראָפּ פוןווינקל-וואַנט,
— האָט זיך פאַרליבט אַ טייערער „באָי", געבוירן דאָ אין לאַנד.
ער איז אַ לאָיער, דרייסיק יאָר אַלט.
ער איז גרייט חתונה צו האָבן מיט איר טאָקע באַלד.
זי וועט דעריבער נישט דאַרפן פאַרזוכן
קיין שאַפּ, קיין אויבערהאַר,
„ביקאָוז" דער לאָיער כאָטש ער איז אַביסל אויסגעבייכלט,
איז ער אַ יונגערמאַן שטאַרק און גרויס,
מיט אַן אייגענער „קאַר", און מיט אַן אייגן אויסגעצאָלט הויז.
איז אויב זי וועט זיין „סמאַרט", וועט זי פאַרשפּאָרן
אַז אירע יונגע יאָרן זאָלן זיין אין שאַפּ פאַרשפּאַרט.
אַ מיידל טאָר אַליין נישט דאָס אייגענע לעבן פאַרטיליקן,
דעריבער זאָל זי באַוויליקן אים צו זען,
און דאָס איבעריקע וועט פון זיך אַליין שוין געשען.
זאָגט איר פייגע: אַז זי וועט אים נישט לאָזן אויף דער טיר.
און זי איז איר מוחל רייכקייט און ציר.
פּאַקט פייגע אוים איר היימיש געפּעק,
און וויל צומאָרגנס פון הויז אַוועק.

קומט זי איינמאָל שפּעט באַנאַכט.
בורעט איר שוועסטער פון בעט און בייז זי לאַכט:
גרינגע יפת-תואר,
„ענגעידזשד איז שוין דער „לאַיער":
און אַז פון איר וועט גאָר גיך
אַפּבליאַקעווען די שיינע הויט,
וועט זי טראָגן סקריפּענדיקע שיך
ווי אַן אַלטע, פאַרזויערטע מויד.
פון דעמאָלט אָן רעדט די שוועסטער צו איר מיט געברויז,
און „גרינגע מיט דער רויטער פּאָן", רופט מען זי אין הויז.
אין דער בלענדנדיקער נאַכט
פייגע לויכט און לאַכט.
פייגע פלאַטערט און פרעגט:
צי ער איז נישט אויסגעמאַטערט
פון לאַנג שפּאַצירן אויפן שנייאיקן וועג?
און צי וואָלט ער וועלן וויסן
ווי אירע נאַכטיקע שעהן פאַרפליסן?
יאָ, זי, איז אפשר נאָך דאָהי אַ גרינער פלאַנץ
אָבער עס מוז אַוועקלייגן פיל מי
דער וואָס לעבט נישט אין רייכן גלאַנץ,
און שטרעבט, אַז אין קאַנאַדע גערעכטיק און שיין
זאָל זיך פעסטיקן זיין נייע היים.
וואָרים איצטער, ווען זי קאָן שוין גוט דאָס פאַך,
איז איר נישט גענוג דער טאָג פון נאָדל-שטאָך,
און ביינאַכט אין אַ קלאַס לערנט זי די ענגלישע שפּראַך
ביי אַ וואַוילער לערערין הויך, דין און בלאַס.
נאָר הלמאי זאָגן אַ ליגן? שפּילן אין אָרקעסטער
איז איר גרעסטער פאַרגעניגן.
דאָס איז נישט אַלץ.
אויף אַ היימיש שמחהלע האָט זי שטענדיק ליב
אויסצוטאַנצן אַ שיינעם וואַלץ.
וואָרים מיר פאַרגעסן נישט
פון נעכטיקער היים די שוועל
און שיקן געלט פאַר חברים
פאַרשפּאַרטע אין אַ תפיסה-צעל.
און כאָטש שונאים שאַרפן די שווערד,
כאָטש די טאַנקען שטייען גרייט, ווי
שטאָל-באַוואָפנטע פערד,
זיינען דאָס צייטווייליק פאַרצוימענדיקע דרענגער.
וואָרים, עס לויכט דער נייער וועג,

און גליקלעכער און לענגער
װעלן װערן דעם מענטשנס טעג.
מען מוז זיך שלאָגן מיט גיפטיקע שלענגער,
דאָך גרעסער װערט די מחנה פון פרייהייט־ברענגער.
װאָרים הערט: פאַראַן דאָ אַ „קולטור־צענטער״
מיט פענצטער אָנגעטאָן אין פראָסט.
קומט אַהין אַ חברה ערלעך און פראָסט.
די װענט — אָפּגעשײלט און די פאַרב בלאַס,
נאָר מען לערנט דאָרטן, װי צו קעמפן פאַרן אַרבעטער־קלאַס.
און יאָ! און יאָסל! האָט ער שוין געפונען צו זיך דעם סליאַד?
צי שטייט ער שוין אויף עמעצנס צד?
אַהאַ, איר האָט אַ פען און איר שרייבט פאַר צען.
איר טרוימט. און איר טוט דעם טרוים פאַרשרייבן.
אַבי דעם טרויער צו פאַרטרייבן.
איר טוט און טוט. און זונטיק־פרי
איר רוט פון דער גאַנצװאָכיקער מי . . .
אָן געלעכטער, אָן פאַראיבל.
זי איז נישט קיין װעכטער,
און היט נישט זיין שטיבל.
אָבער זי װאָלט גערן
אויך פון אים געװאָלט עפּעס הערן.
עס שאָרכען זייערע טריט.
פול מיט שװייגן איז יאָסלס געמיט.
אויף דער הויכער, פאַרשנייעטער בריק
װאַרפן זיך די דראָטענע שטריק.
איבער טיפע, אייזיקע טאָלן
הענגען און הוילערן די פאַרצװיגענע שטאָלן.
יאָסל טראַכט: זי קומט צו מיר
פון אַ װייטן, פרעמדן שליאַך.
דעריבער טאָר ער נישט פאַרהוילן,
אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ מיידל
אין דער טורמע פון פוילן.
נאָר ער האָט נישט קיין מוט פון דעם צו ריידן,
גראָד איצטער, װען אין ביידנס האַרץ לאַכן די פריידן.
צערייסט ער דאָס שװייגן און זאָגט:
גוט װאָלט געװען פאַר ביידן
אויף די העכסטע טרעפּ איצט צו שטייגן.
װאָרים פאַרן אויסדערװיילטן, פאַרן דיכטער,
צינדט גאָט אַליין זיינע שטערנדיקע ליכטער.
שטילקייט שפּרייט זיך אין דער נאַכטיקער שפּעט.

גאָט אַליין הערט פון פאַרליבטע רייד
דאָס מורמלענדיקע געבעט.
יאָסל וויל נאָך ריידן.
נאָר פייגע לאַכט:
לאָמיך זיך צעשיידן
טאַקע אָט דאָ אינמיטן שליאַך.
קאַלט, שנייאיק קרישטאָלן־ליכט
קרישלט זיך און זילבערט
אויף איר לאַכנדיק געזיכט.
אין פריידיקן ברויז זי טוט אים
אויפן שניי אַ שטויס.
צווישן שלאָפנדיקע שטיבער און פאַרשלאָסענע שטאַלן,
טריט גליטשן זיך און פאַלן.
אויף לבנהדיקן היגל
בלוילעכט דער שיין
פון די אייזיקע ציגל.
אין יאָסלס האַרץ־קעמערל
פויקט די פרייד מיט אַ גאָלדן העמערל.
בלויע סטענגעלעך־רויך
ציען זיך צו אויסגעשטערנטער הויך.
די נאַכט פראָסטיק, ווייס.
אויטאָ־רעדער פייקלען
אויפן שפּיגלדיקן אייז.
ביידע קייקלען זיך אין טאָל.
און אויף פּנים און הענט
פינקלט און ברענט דאָס
שנייאיקע קרישטאָל.

פייגע פאַרטרויט אירע געפילן

פייגע, אַ מיידל מוטיק און מילד,
זאָגט שטענדיק שטיל און איידל
וואוהין איר האַרץ צילט.
פייגע פאַרטרויט יאָסלען אירע געפילן,
אַז עס איז איר ווילן, אַז ער,
איר חבר דער בעסטער, זאָל קומען
זי הערן שפּילן אין מאַנדאָלין־אָרקעסטער.
נישקשה, פון קליינשטעטלדיקן הימל,

ער איז שוין ווייט אַ שיינע פּאָר וואָכן,
איז שוין צייט אָפּצורייבן דעם שימל
פון אַלטע מאַכן.
אַזוי ווי זי איז פאַרנומען
זאָל ער אין קולטור-צענטער
נאָך איר קומען.
שפּעטער וועלן זיי קאָנען שפּאַצירן איין-אַליין,
און אײנער דעם צווייטן אָפּפירן אַהיים.
יאָסל זעט, עס קנייטשט זיך איר דינע, זיידענע ברעם.
און פאַמעלעך און מילד ער ענטפערט אויף דעם:
צו זען ווי זי שפּילט אין מאַנדאָלין-אָרקעסטער,
וואָלט געווים געווען זיין פאַרגעניגן דער גרעסטער.
נאָר לאָמיר זיך נישט נאַרן,
איידער עס גייט אַהין, אַזאַ ווי ער וואָס איז
אין פּאָליטיק אומדערפאַרן,
דאַרף ער וועגן דער זאַך
טראַכטן ערנסט און אַ סך.
פייגע רייצט מיט איר בליק,
איר איטלעך וואָרט שניידט
און שלאָגט צוריק:
געווים, איך געהערט צום יענעם סאָרט אינטעליגענט,
וואָס טראַכט, אַז זיין גאַנץ וויסן,
דאַרף ער אין אייגענעם האַרץ-קעסטעלע,
פאַר זיך אַליין פאַרשליסן, כדי דאָס פּשוט'ע פאָלק
זאָל דערפון קיינמאָל נישט געניסן . . .
זי ציט אויס צו אים די הענט און לאַכט:
אַז כאָטש ער איז פון יענעם עלעמענט וואָס טראַכט
און גריבלט זיך אַ סך,
איידער ער באַשליסט אַ זאַך,
נאָר איינס מעג ער וויסן:
אַז דערפאַר וועט זי איר חברשאַפט
פאַר אים נישט פאַרשליסן.
וואָרים איר איז אַ פאַרגעניגן מיט אים צו גיין,
און הערן, ווי ער ברומקעט אַ ניגון
האַרציק, פאַרבענקט און שיין.
יאָ, צום קולטור-צענטער איז אַ גלייכער סליאַד,
און אויב ער איז נישט פאַרנומען, וואָלט גאָרנישט געשאַדט,
אַז ער זאָל אַהין קומען.
יאָסל קוקט אויף איר ציטערדיקער ברעם,
און מילד און געלאַסן ער ענטפערט אויף דעם:

ער מוז דערווייל איר דערווידערן.
אים איז שווער מיט פרעמדע זיך צו ברידערן.
דערווייל איז עס פאַר אים צו פרי,
און אַז אומזיסט איז אַצינד איר מי.
גאָר ווען ער וועט זיין גרייט,
וועט ער, ווי זי, נישט זשאַלעווען קיין צייט,
ער וועט קומען און טאָן די אַרבעט
מיט גלויבן און פלאַמיקער פרייד.
פייגע, אַ לאַכנדיקע, שטרעקט אויס צו אים די הענט:
איר ווערט פון בענקשאַפט פאַרברענט,
און דאָך, איר גריבלט און טראַכט פיל און אַ סך
ביז איר באַשליסט די ריכטיקע זאַך . . .
פייגע פאַרשווינדט אין ווייסן ווינט.
ערגעץ זשומעט אַ מאַשין און נייט.
די בענקשאַפט צינדט אין יאַסלם האַרץ
די פיבערן פון פרייד.
פאַבריק־קוימען הויך פאַרצויגן אין דער נאַכט,
שליידערט רינגען־רויך צו די שטערן־אויגן
אויפן הימלדיקן שליאַך.

די שכנות באַרעדן חיי גרינע

אין דעצעמבער נעכט שנייאיק, גרויס,
איז יאַסל אין הויז.
ער הערט פון ווייסן ווינט דעם רויש,
און דאָס בייזע געקאַך פון די שכנות
וועגן די גרינע וואָס קומען אָן יעדע וואָך
מיט קופערט און קויש, און ברוגזן זיך און ברומען:
אַז אויף פיין און יאָך האָט מען זיי אהער גענומען.
איינע, אַ דאַרע הויכע שכנה טענהט און רעדט:
אַז דאָס האַרץ פלאַצט איר פון דעם גרינעם,
וואָס „גלייכט” נישט דאָס אייזערנע בעט.
אַ צווייטע אַ יידענע אַן אויסגעפּאַשעטע און אַ ברייטע
טענהט און רעדט — ער וויל יעדן טאָג פריש גרעט.
אַ דריטע אין אַן אַלט שייטל,
קאַרג און פרום,
קלאָגט מיט אַ געברום:
הערט און לאַכט!

מיין גרינער טראָגט אַ נייעם שלאָף-כאַלאַט
און וויל יעדע נאַכט אַ הייסע „באַד".
באַ דער פערטער פלאַמען אויפן פּנים רויטע פלעקן,
זי קאָן די ווערטער נישט צאַמען, און זי רעדט,
ווי זי וואָלט זיך קרעקן:
איך האָב אַראָפּגעבראַכט אַ „קאָפּל",
לייד איך כּפל-כּפלים —
טאָפּל פון טאָפּל.
אין זייער „רום" אַלע מויזן-לעכער פאַרהאַקט מיט בלעך.
אַ פרישע ליילעך, און אַ נייע קאָלדרע געזוימט
מיט די דינסטע און שענצטע, היימישע שטעך.
אַ „רום" — אַ לופטיק געצעלט!
און אַ בעט — ברייט, ווי אַ פעלד!
„דישעס" — אַ גאַנצן „סעט".
די „לייטס" ברענען
אין דער נאַכט ביז שפּעט.
איך זאָג זיי נישט קיין וואָרט
וועגן זיין מיט „געז" און „לייט" געשפּאָרט.
שוין איינמאָל היינט אַ וועלט!
מיין „קאָפּל" קאַרטשעט זיך פון קעלט,
און רק עס וואָרטשעט:
האָרט און צעפּלאַצט
איז דער נייער מאַטראַץ.
סיי ווי, קיין בריליאַנטן
זיינען נישט די היינטיקע עמיגראַנטן.
זיי פירן זיך אַזוי,
אַז מע קאָן פון זיי ווערן
אַלט און גרוי.
און פאַיע די שוסטערקע מיטן לאַנגן קין,
זשומעט, ווי אַ צערייצטע בין:
איטלעך איינער פון זיי איז קרום.
נישט חלילה צום „סטעיבל"
האָט איר גרינער די „רום".
געווען וואָלט זי נאָך גרעסער,
ווען נישט דער „טעיבל" מיטן „דרעסער".
דאָך דער קאָפּ ווערט איר שיעור צעשפּאָלטן.
זי האָט שוין מערנישט קיין כּוח פון דעם גרינעם אויסצוהאַלטן.
און סערקע די פעדלערקע — קלעצלדיק און קליין
יאַכמערט: אַז איר מאַנס גרינער שטייט איר שוין
ווי אין האַלדז אַ ביין.

מאַלט אייך, ער וואָלט געוואָלט,
אַז עמעצער מיט אַ לאָפּעטע,
זאָל פֿאַר אים אויסקאָפּען
אַ גאָלדענע קאָפּעטע.
זי שוימט און עס שילט איר צונג,
דעם גרינעם יונג.
אָבער דאָס שילטן קאָן די מומע שוין נישט פֿאַרטראָגן.
און זי הויבט אָן די ווייבער מוסר־זאָגן:
אַז דאָס קומען פֿון קרובים איז דער גרעסטער חסד און נס,
און ווער עס רעדט מיט צאָרן, פֿאַרגעסט
די אייגענע, ביטערע, גרינע יאָרן.
די ווייבער אין אָפּגעקילטן כעס
טרינקען אויס די הייסע, זיסע גלעזער־טיי,
און לאָזן זיך צו דער גאַס פֿאַרצויגן
מיט דער ווייסער ציך פֿון שניי.
פֿון רויטן, ציגלענעם קוימען
שלאָגן וואָלקנס־רויך
צו די שטערנדיקע רוימען.
דער דרויסן וואָיענדיק און ווילד.
יאָסל טראַכט פֿון דער מומען
ליב און מילד.
און ער שרייבט פֿון דעם עלנט און דעם אַליין,
פֿון די גרינע אין דער נייער היים.

די גרינע

עס פֿאַרשטילט דאָס בילן
פֿון די היימישע הינט. און אַ בענקשאַפֿט
שטאַרק און גרויס הויבט זיך אָן,
ווען עס פֿאַרשווינדט דאָס ראַטהויז
מיטן שטאָלצן אָדלער אויף דער
פּוילישער פֿאָן.

שפּעטער. די וואַסערן שוימען.
עס רעוועט און עס רויכערט
פֿון שיפֿן דער קוימען.

שיפֿן פֿון אַלערליי סאָרטן שטאָפּן זיך אָן

מיט עמיגראנטן, און טראגן זיי צו
די קאלטע, קאנאדישע פארטן.

די מעווען שווימען אין די רוימען.
די עמיגראנטן שרעקן זיך
פאר די ים׳יקע תהומען.

און שיפן און באנען ברענגען אינאיינעם
מיט די קופערנע ירושה-פאנען,
די שטעטלשע. געווײנען פון אויסגעפייניקטע געביינען.
די פארקלאפטע קופערטן.
די פארקנופטע פעק זיינען אנגעשטאפט
מיט בענקשאפט, ארעמקייט און שרעק.

עס שאלן אנגעפראפטע, צעפראלטע וואקזאלן.
אויסגעבענקטע משפחות פאלן זיך אויף די
העלדזער מיט צעעפנטע טרערן-קוואלן.

די אויסגעצערטע עמיגראנטן
איבערגעשראקענע פון וועג,
כליפען און האבן מורא אראפצולאזן
פון די פלייצעס די פארנייטע זעק.

הערצער געטריבן דורך אלע ווײסטע אליינען,
פיבערן אצינדערט און וויינען אויף
די נאענטסטע, וואס זיינען אין שטעטלעך
געבליבן אן געוועלבער, אן שטעלער, ווי
פארהונגערטע בעטלער פארהאקטע
אין א פינצטערן קעלער.

די פארכליפעטע טרער שטיקט.
נאר צארטער, מיטפילנדיקער בליק
לייטערט און מאכט דעם מארגן העלער.

עס גייט-אויף פון פרייד
די ליכטיקע טרער. קיינער שרעקט זיך
שוין נישט מער פאר דער נאכט,
אין שנייאיקן שטורעם, וואס קייקלט זיך
אויפן וואקזאל-טורעם און קראכט
אויפן גלאזענעם דאך.

שפּעטער אין הויז ווערט יעדער אַ טרוימען־וועבער,
און דאָס פרייִדיקע געוויין גיסט
פון האַרץ זיך אַרויס, ווי פון אַ פולן
לויטערן וואַסער־צעבער . . .

די ערשטע פּאָר וואָכן
רייצט דעם „גרינעם"
דער געשמאַקער ריח
פון פליישיקן קאָכן.

דער „גרינער" שטוינט און רעדט:
דאָס קאַנאַדע איז פול מיט זעט,
און מען וואוינט אין אַ הויז אויסגעפּוצט,
גרויס־שטעטיק, אַ שאָד בלויז, וואָס
דער אייגענער הונגער האָט אַזוי פיל
געשמאַקע, ווייסע ברויטן פאַרשפּעטיקט.

דאָס געבלימלטע טישטעך שטענדיק
פאַרצויגן. אויף דער שפּע דאָ־הי
געשאַפן, האַלטן אין איין גאַפן
די שטוינענדיקע אויגן.
דער גרינער איז פאַרבליפט:
אָ, דאָס לאַנד מיט מילך
און האָניק טריפט!

פון קלויסטער־גלאָק דער אומעטיקער,
שווערער קלאַנג פאַלט אויף דער שויב,
וואָס גליט־אויס אין פראָסטיקע פייערן
אַ זילבערנע, אייזיקע זאַנג.

דער „גרינער" גאַפט, ווען מען דערלאַנגט
אים יעדן אינדערפרי אַ פול גלאָז
פּאָמעראַנצן־זאַפט.

און כאָטש דער אַרויפגאַנג צום קרוב
גליטשט זיך, און דרייט זיך
אויף קרומע, האַלצערנע טרעפּ, אָבער
די שפּיגלדיקע שאַפעס,
און די פּאָליצעס אָן טירן, זיינען פול מיט
גלאָזוואַרג, געשירן און געפאַרבטע טעפּ.

דער „גרינער" באַדויערט שוין
דאָס שטעטל מיטן איינציקן מויערל
פון ציגל, ערגעץ אין עבר־לים,
ווייל ער האָט שוין דאַ־הי
אין אייגענעם צימערל פון עטלעכע שפאַן:
אַ בעט, אַ קאָמאָד,
און אַ געשליפענעם שפיגל אין אַ געגילדעטער ראַם.

גלאַנציק, גליטשיק איז דער „אוילקלאָד" אויפן פאָל,
און אויפן שויב בלענדט
פון פראָסט דאָס אייזיקע קרישטאָל.

ריין און ראָז זיסט די טיי
אין דינעם, געבלימלטן גלאָז. וואַסער
פליסט פון קראַן, און דער אייזערנער,
אָפּגעגלאַנצטער אויוון גליט און פרעסט
די שטיינקוילן פון דער פולער, בלעכערנער קאַן.

אוים יחוס, אוים האָנער.
פאַר יעדן גלייך דער אויסגעקרישלטער
טראָטואַר אויפן אָנגעטאָפּטשעטן קאָרנער.

און דעם „גרינעם" איז גוט
אין נייעם געפּרעסטן „סוט",
אין ברייטן, גרויען הוט.
זונטיק צו האָבן אַ „גוד טאַים"
קריגט ער אַ „ניקל" מיט אַ „דאַים".

ער שלינגט דעם „סמאָוקד־מיט סענדוויטש",
און וואַשט אַראָפּ דאָס פעטס מיטן ברוינעם וואַסער, וואָס
זיסט און גיסט זיך פון דער דיקער
קאָקאַ־קאָלאַ־פלאַש. דער „גרינער" פאַרבלינעט זיך
מיטן נאַש, באַטש עס קוועטשט אים
דער געלער, נאַזיקער קאַמאַש . . .

ליב זיינען די אייזיקע גאַסן,
וואָס גליטשן זיך אַראָפּ, ווי
גלאַנציקע, שטאָלענע פאַסן.

דער „גרינער" קוועלט פון דער היגער,
היימיש־געוואָרענער שוועל.

וואָרים קיינעם פליקט נאָך נישט
דעם פּאָרמאַנס בייזער בליק.

אין די גאַסן ווייס און אָפן,
די פאַרזילבערטע פענצטער שלאָפן.
אַ טראָק מיט אַ מעסער און מיט
אַ געקייקלטן ראָד ברעכט
און בראָקט דאָס אייזיקע בלעך
אין דער ווייסער שטאָט . . .

ערשט, ווען דער „גרינער" קריגט אַ דזשאָב
און אַרבעט־אָפּ אַ וואָך, הויבט ער אָן
קרעכצן פון שאָפּ און יאָך.
ער כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַ חלומדיקן פלעט
און האַרט ווערט אים דאָס ווייסע,
ווייכע בעט.

אַצינדערט שטעכיק איז דער פראָסט,
און די אייגענע שטוב גרוי, ענג און פּראָסט.
די לבנה אויפן שויב —
אַ געשאַרפטע האַק, און צווישן
מויערן־ווענט דער בוים אָנגעטאָן
אין אַ שנייאיקן זאַק,
ברעכט די פאַרגלאָזטע הענט.

קרובים קריגן זיך

עס רעוועט אַ טראָק.
קופּערדיק קלינגט דער קלויסטער־גלאָק.
גאַסן נאַכטיקן און שטומען,
דעם גרינעם דאַכט זיך,
אַז באַ זיין צוקאָפּנס,
די נאָדלען וואַרגן זיך און ברומען.
און פרייטיק צונאַכטס, באַ די בענטש־ליכט,
ביי זייער פרומען פלאָם, ליטערט זיך דאָס געזיכט,
און מען בענקט נאָך דער שבת־קודשדיקער שטילקייט
אין היימישן עבר־לים.
דער גרינער חשבונט די מאָגערע „פּעי" פון דער וואָך,
און זיפצט: אַז כאַטש אין שטעטל

איז דאָס שטיבל באַוואָקסן מיט באָרדיקן מאָך,
שלעפּט אָבער קיינער נישט אויף זיך פון שאָפּ דעם שווערן יאָך.
פון דעם שפּרינגט אַרויס אַ געקריג און אַ געקאָך,
אַז די היינטיקע, גרינע ווייסן נישט פון גענוג־און־גענאָך,
אַז זיי ווילן זיך נאָר קאַטשען
אויף די נייסטע, ברייטסטע בעטן,
און וואַרעמען זיך אונטער קאָלדרעס פון סאַמעטענעם ווייכסטן מאָך.
קרובים ברוגז: אַז די גרינע האָבן שוין פאַרגעסן
די היימישע, געלאַטעטע הויזן.
אוווא! גאַנצע „לאָרדן"! קאָנען „אַפּאָרדן" הויכע „רענטן"
און באַהייצטע „אַפּאַרטמענטן!"
טאַקע געלוינט דאָס וואַרטן,
אַז איצטער זאָל מען נאָך אַלץ דאַרפן צאָלן
פאַר די פּאַפּירן מיט די שיפסקאַרטן.
זע נאָר, ווי מען ברענט!
מיט גאָלד־פאַרב זאָלן זיין געמאָלן די ווענט!
און פינטעלעך גאָלד פון דער סטעליע זאָלן
מיניען ווי שטערנדיקע קרישטאָלן.
אין אויפגעקאָכטן געמיט דער צאָרן זידט.
איינער דעם צווייטן פאַרשעמט,
און וואַרפט־פאַר: אַ פאַרצירעוועט העמד,
אָפּגעטראָגענע לעטשלעך אַ פּאָר.
צו שכנהשע שויבן שפּאַנט דאָס קול פון געקריגן,
און מען דערמאַנט, אַז גאָר אַמאָל אינדערהיים,
האָט מען אפילו אַ ייִנגער ברודערל נישט געוואָלט פאַרוויגן.
די קרובים שרייען און שוימען:
אַז די גרינע וואָלטן זיך נאָר מיט יענעם געשאָפט,
און אַז זייערס אַ וואָרט האָט אַזאַ האָפט,
ווי דער רויך פון קוימען.
די קרובים שרייען און שוימען:
אַז די גרינע, וואָס קאָנען
בלויז זידלען און באַשפּייען,
ווייסן גאָרנישט פון קיין צוימען.
זיי וואָלטן מיט רידלען געשעפּט
דאָס פעטע פון פרעמדע טעפּ! . . .
קרובים וואָרענען און שרייען:
אַז די גרינע האָבן הערצער פון בלייען,
אַז זיי זיינען אומדאַנקבאַר, להכעיסדיק און קרום,
דעריבער זאָלן זיי שוין „טרייען" באַ אַ פרעמדן אין אַ „רום",
און פאַר זיך אַליין פאַרציען אַ היים.

פאר זיך אליין

איינער פארשטיקט זיך אין אַ צימערל פיר שפאַן די גרויס.
אַ משפחה קנעט אַזוי לאַנג די שנייאיקע בלאַטע,
ביז עס גליקט איר אָפּ אַ הויז אין אַ הויכן, קאַלטן „פלעט".
מען פרייט זיך מיטן גרויסן באַלקאָן, גראַמען „שעד",
און מיטן פאַרצויגענעם שטריק צו טריקענען דאָס גרעט.
אין פרעמדע צימער־ן, אין געדונגענע שטיבער,
ברוגז און אייליק מען ציט זיך איבער
מיט יעדער ירושה־שמשערב פאַרבונדן אין קופערטן און קערב.
אָבער גיך רינט דער כעס אוים,
און נאָכן צעקריגטן גרינעם
בענקט גאַס און הויז.
משפחהשאַפט אין הארצן פאַרפלאַנצט
צינדט אין די אויגן אַ טיף־ווייטיקדיקן גלאַנץ.
שטופּט מען דורך וואָכן־צוויי,
און דאָס האַרץ בענקט אין וויי.
שטופּט מען דורך אַ דריטע וואָך,
און אויפן גרינעמס נייער דירה,
קרובים פרעגן זיך שוין נאָך.
און ווען, דאָס האַרץ איז שוין פול
מיט בענקשאַפט און פיין,
קומען שוין קרובים צום גרינעם
אין שטוב אריין . . .
דער בליק ברענט מיט ווייטיק.
קרובים קוקן אויף די נאַקעטע ווענט,
און ווייסן, וואָס דעם גרינעם איז נייטיק.
נו, פאַרבט מען אוים דעם „פלעט",
מען שטעלט אריין אַ שטול, אַ טיש, אַ בעט.
אַ צווייטער ברענגט אַ „קאַרפּעטל" מיט געצירן,
און אַ דריטער שענקט אַ גלאַזענע שאַפע
מיט געבלומטע געשירן.
דער גרינער גייט אריין אין אַ נייער לעבנס־פאַרעם.
ברוגזע קרובים פאַלן זיך אין די אַרעם.
נישט קיין זיידנס, נישט קיין פּליוש.
איינער דעם צווייטן האַלדזט און קושט.
אין די אויגן בלישטשען טרערן,
און מען ווינטשעוועט זיך, אַז די משפחה
זאָל פראַווען שמחות און זיך מערן.
דאָס לעבן טיילמאָל ביטער, טיילמאָל ווייניק,

נאָר ליב און זיס זיינען אַצינדערט די שבת-צונאַכטסן,
ווען אויפן אויוון סיקעט דער קאָכעדיקער טשייניק.
שטעטל, שטיבלעך פון האָלץ און ליימען.
מען איז ווידער צוזאַמען,
און אַלע רעדן אינאיינעם, און דערמאָנען
די משפחה׳דיקע היימען
איבער די ברויזיקע ימען.
ווידער האַלטן זיך משפחות צוזאַמען,
און די בענקשאַפט לאָזט נישט שפּאַלטן
די היימישע, שטעטלשע שטאַמען.

אין קאַנאַדע דער מדינה
שרייבט יאָסל וועגן דעם עלנט
פון זיינע ליבהאַרציקע גרינע.

שבת צונאַכטסן

דער כיבוד פון דער מומען
זיסט דעם גומען:
קיכלעך און שטרודל
פאַר די גרינע שער און נאָדל.
עפּל, טרויבן און מאַראַנצן,
און די אויסגעזילבערטע שויבן גלאַנצן.

דער טיש רוישט מיט געלעכטערן
פון די פריילעכע שיפס-ברידערן
און שוועסטערן.

איציקל פּעדלער ציט דעם לאַנגן קראַוואַט
מיט די פאַרביקע רויזן, און באַמבלט
מיט די געקעסטלטע, ברייטע הויזן.

קיינער האָט נישט געגרן אָט דעם איציקל
מיט די גנעלע פּליאַמען אויפן שטערן.
ווייל אַלע ווייסן, אַז אָט דער גרויסער פאַרדינער
שעמט זיך וואָס ער איז אַ גרינער.

צו יעדן ביים טיש אנגעבויגן, פינטלט ער
מיט די גרין־וואסערדיקע אויגן.
ער רימט זיך, אז ערשט אין קענעדע
דארף מען קענען פארקויפן „סוט" און שיך.
ער חוזקט און כיכיקעט פון די גרינע,
וואס הארעווען אוים א געציילטן סענט
און זייער ארעם לעבן ווערט אין שאפ פארברענט.

לאנדסמאן „ליסן", שלמה איז אין קענעדע
פריער פון מיר, און וויל נאך אלץ נישט וויסן,
ווי אזוי א פעדלער עפנט דאהי א טיר . . .

און איך — נאך דער ערשטער וואך
זאג צו מיין אנקל שמערל:
ס'שמעקט מערנישט פון מיר מיט שיף און שימל,
און דעריבער שוין צייט צו פארדינען אליין
אויפן היגן ברויט מיט קימל.

זאגט דער אנקל: פיין!
אזוי דארף זיין!
קענסט ארבעטן מיט דער „פרעס",
אדער לערן זיך אפן מאשין
אפשיסן א „דרעס".
ענטפער איך: אנקל, איך האב שטארקע שיך
און רייך קאן מען דא ווערן גיך,
איך גיי נישט אין קיין שאפ!
פעדלעריי וועט זיין מיין דזשאב!

דער פראסט קנאקט.
און איך דער פרעמדער
שפאן און פריר
און טראג א פאק מיט
האנטעכער און העמדער,
און א „סאמפל" פון גלאזווארג און געשיר.

„רינג" איך די „בעל"
פון דער ערשטער טיר.
עפנט א מאן, וואס קייט גאם
און שרייט אויף מיר:

„טו העל! דאַנט באַדער!
„גאָו האָם!”.

דער פראָסט קנאַקט.
און איך טראָג צו אַ צווייטער שוועל
דעם שווערן פּאַק. קומט אַ שיינע
מיסעס אַרויס און זאָגט: „וועל”!
„וואַט דו יו סעל?” דו ביסט קליין
און דיין פּאַק איז גרויס, קום
אַריין אין דער וואַרעמער הויז!

„יו נאָו” אין אָנפאַנג מאַטערט דער גאַנג.
„באָט” שפּעטער פאָר איך אין אַ קאַר
„פוירסט קלעס”, און שלמה זיצט זיך אין שאַפּ
און שיסט נאָך אַלץ אַ „דרעס”.

און די שענצטע „געלע” מוידן
„גלייכן אַ באָי” בא ווענען די דאָלאַרן קנאַקן
און זיי קריגן פאַר מיר די טויזנט שלאַקן!
אָהאָ, איך האָב שוין מיין פולן פאַנג
און דאָס לעבן אין קענעדע
איז אַ גרינגער גאַנג!

הויט און ביינער איז דאָס פעדלערל —
אייזיקל דער קליינער. און אַצינד אַרום
הויכן טיש קליין און אָנגעבויגן —
אייזיקל מיט אַלע זיינע גרויסע
פעדלערישע פּלענער ווערט אין אַלעמענס אויגן
נידעריקער און קלענער.

און וואָס מער ער רעדט,
אַלץ אומהיימלעכער ווערט
פון זיין לאַנגן, פאַרביקן קראַוואַט,
און פון זיין גאָלדן האַנט-זייגערל מיטן
לויכטנדיקן ציפער-בלאַט.

די מומע זייטיקט זיך אויף אים
מיט די שפּיזלדיקע שייבלעך פון דער בריל.
אייזיקל אַ געפּלעפטער הויקערט זיך
פאַרשעמט און ווערט שטיל.

און די מומע אויפגערעגט
שטייט קעגן אים און פרעגט:
„ביזנעס״: געשעפטן! און דיר
טויג נישט ווער עס נייט,
פּרעסט און העפטן?

זע נאַר, אייזיקל לאַקש מיטן פּעדלערישן טראַק
זיצט און בראַקט: „לאָנדאָן איז מאַי נעים!״
מיינסטו מען געדענקט נישט דיין לאַקשענעס
נאָמען פון דערהיים?!

אייזיקל לאַקש קאָן מיינען, אַז דאָ אין קאַנאַדע,
קאָן מען שוין חוזקן און כיכיקען פון יעדן איינעם!
גאָר אַן בושה זעצט ער זיך אַוועק קנאַקן וועגן
געלע מוידן מיט רויטע באַקן. דיין טאַטע, עליו השלום
עליע מאיר — דער שטובן-מאָלער איז געווען אַן ערלעכער ייִד
און אין אַ סך מלאָכה׳ס געווען געניט.

אין דער אַלטער שול האָט ער איינמאָל
געטאָן פאַרבן די מזלות און דעם באַלקאָן
מיט די געטאָקטע קאַרבן, האָט ער אין
קאַיאָרן זיך געטובלט, ווען דער טייך
האָט שוין געפראָרן.

איז אייזיקל געדענק, דיין טאַטע עליו השלום
איז געווען אַן ערלעכער איד, און עס מעג
דיר אָנשטיין גיין אין זיינע כשרע טריט.

אייזיקל הער, דאָ זיצן נישט קיין לעמער,
כשר רינט נישט אַריין דאָס גאָלד
אין עמער! און וויים, ווי לאַנג וועסט זיך
האַלטן אין איין גרויסן, וועט זיך קיינער נישט
אומקוקן אויף דיר און אויף דיין וואַשנער
קאָר דאָרט אין קאַלטן דרויסן.

דאָ, ביסטו און דיין געלט נישט קיין יחוס.
מיר זיינען דיר מוחל, און פאַרגעבן זאָל דיר
אויך דעם אלהי סליחות!

אייזיקל אַ פאַרשעמטער גאַפּעט.
פון זיין נעבעכדיקן פּנים
דער הייסער שוויס קאַפּעט.

די לאַכנדיקע שיף-שוועסטערן
קלאַפּן מיט די זזויכע אָפּצאַסן,
און פאַרציען אויף זיך די לאַנגע מאַנטלען
אַרומגעגאַרטלט מיט געפלאָכטענע
לעדערנע פּאַסן.

דער היימישער וויין פון טרויבן
אויסגעליידיקט פון די גלאָזן,
און די שויבן בלישטשען מיט
די אויסגעזילבערטע גראָזן.

מאָטקעס ראָמאַנס

מאָטקע דרייקאָפּ זייענדיק בלויז אַ וואָך אין לאַנד,
ווארפט פון זיך אראָפּ דעם „אַלדקאַנטרישן פּאַלטן
דורכגעפעדימט מיט היימישן, דינעם נאָדל-שטאָך,
און הויבט זיך אָן פון די גרינע לאַנדסלייט אויסבאַהאַלטן.
אין ערשטן ווינטער טאָג פול מיט שניי,
גליטשט ער זיך דורך אַ וואַרטנדיקער ריי,
און דערטאַפּט מיסטער בוקמאַנס „עמבראָידערי"-שאָפּ.
און מיט ווערטער פון האָניק זיסער,
ווערט ער בא מיסטער בוקמאַנען דער גרעסטער שיסער.
מאָטקע פּראַנט אַ פּאָר וואָכן בלויז אין לאַנד,
גייט אַרום פּאַרריסן און שעמט זיך מיט די גרינע צו גריסן . .
אָבער זיין מרוקעוואַטן באָס, וואָס כריפּעט
מיט דער רויטער נאָז, לוינט: אַז מאָטקע זאָל וויסן
וואו איטלעך ניי, גרין מיידל וואוינט.
ער דאַרף באַקאַנטשאַפטן מיט זיי שליסן,
וועט דער שאָפּ פון דעם שוין געניסן . . .
איז מאָטקע שטענדיק אויף לויער,
און פון דער פליאָטקע-טרעגערין —
דער קאַסאָקער, בייכיקער דינה ער ווערט געוואויר:
אַז צו איר שוועגערין מיסעס סילווער אויפן דריטן גאָרן
נאָך אַ יונגע, שיינע, גרינע איז געקומען צופאָרן.

איז אין איינעם אַ זונטיק־אינדערפרי,
עס שלאָפט די גאַנצוואָכיקע מי,
די דעכער מיט זילבער באַשלאָגן.
אין שטאַל דרימלען פערד און וואָגן.
דערזעט מאַטקע פייגען אויפן גאַס,
ציט ער היימישלעך דעם גרויסן הוט
מיטן גרינעם פּאַס, און זאָגט:
וואָס טוט אַ גרינע אַזוי פרי דאָ אויפן קאָרנער?
איך נעם זיך דעם מוט, און איך האָב דעם האָנער,
דער ערשטער צו ווערן מיט אייך באַקאַנט,
אין דעם נייעם, גרויסן לאַנד.
אָ, איר האָט נאָך די היימישע, ראָזע, פרישע הויט!
מעג איך אייך צופירן ביזן פלויט?
פייגע פילט זי איז פון אים געגאַרט.
עס שמייכלט איר פּנים שעמעוודיק און צאַרט:
אַ דאַנק פאַר ערשטן קאָמפּלימענט
אין דער שטאָט פון שטיין און צעמענט.
מאַטקע זאָגט:
און וואוהין טוט אַצינדערט גיין,
אַ מיידל אַזוי גרין און שיין?
זאָלן נישט ציטערן אייערע קני.
„ביקאָוז”, נישט יעדער וואָס איז גרין
מוז טאַפּן אַ וואַנט דאָהי.
איך בין שוין אין מיין „טרעיד” אַ מייסטער,
און די גרעסטע „פּעי” קריגט מיין טייסטער.
ער רימט זיך און גלוסטיקע ווערטער,
ווי פּייער־קויל פאַלן פון זיין מויל:
מיידל גרין, איר זוכט אַ שאַפּ און אַ ניי־מאַשין?
און איך וועל נישט אויפהערן כליפּן,
ביז איך וועל נישט זופן די זיסע זאַפטן
פון אייערע רויטע, געשמאַקע ליפּן.
פייגען טוט אין הארצן אַ צוויק.
אַ טרער פינקלט אויף אין איר בליק.
און זי ענטפערט אים אין צאָרן:
נישט צוליב אַזוינעם, ווי איר בין איך דאָ אהער
געקומען צופאָרן. איר זענט אַ גראָבער־יונג,
ווען מען דאַרף פאַרבונדן די געמיינע צונג.
אין שנײ שלאָפט די גאַס.
פייגע קאָכט פון כעס.
און מאַטקע פאַרשעמט און ווײַס

שאבט מיטן שפּיציקן שוך
דאָס דינע, גלאַנציקע אייז.
די מויערן שטיינערדיק און גרוי.
און אין זיין מויל ציטערט דאָס סיגאַרעטל,
וואָס רויכערט ווי אַ דינע, זשאַרענדיקע שטרוי.
פייגע איילט אַוועק מיטן שטילן, פאַרשלאָפענעם וועג.
און מאָטקע פאַרשעמט און אַליין,
בלייבט אויפן קאַרנער שטיין.
אָט דער מאָטקע וואָס האָט הנאה
זיך איינצוזויגן אין דעם שמייכל פון מיידלישע אויגן,
ווייסט נישט פון זיין פאַרשעמט און פאַרלאָרן.
אַבי דאָס מיידל האָט אַ פּנים פריש און קלאָר,
און סגראַבנע פאַרקעמט, און שיין־פאַרשאָרן
זייַנען אירע קילע, שמעקנדיקע האָר.
ער פאַרשט און פרעגט בא די שכנים איבערן וועג.
ווידער פאַסירט, און די קאַסאָקע דינה, וואָס
וואוינט נישט ווייט פון איר שוועסטערס טיר,
לאָזט אים בסוד וויסן, אַז אין דער פרעמדער שטאָט
עלנט איז די גרינע, און אַז איצטער וועט זי געווים
פון זיינס אַ טובה וועלן געניסן.
די גראַבע דינה מיט האלדז פעט און צעגווידערט
באַרעדט און פלוידערט:
זי זוכט אַ דזשאַב, נמאָס איז איר שוין
גאַנצע טעג זיך צו הוידען אין „סטריט־קאַר" אויפן „סטראַפּ" . . .
מאָטקע הערט, מאָטקע קלערט:
איצטער וועט אָט די פייגע
וואָס שטייט ביים ראַנד,
פאַרשטיין די ווערט פון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט.
אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט פוצט זיך מאָטקע אוים
אין זיין נייעם, קאַנאַדישן טראַכט.
און זיין גיך געגיי ברענגט אין פייגעס הויז
דאָס זילבער פון זויבערן שניי.
ער שפּיגלט מיט די אָפּגעגלאַנצטע שיך
און רעדט באַרימעריש און גיך:
„מיס", דערלאַנגט די האַנט
און לאָמיר אויפסניי ווערן באַקאַנט.
איך הער. איר האָט „טראַבל" מיט אַ דזשאַב.
נו, מיט מיין באָס, בא אַ גלעזל בראַנפן,
און אַ וואורשטל מיט קנאָבל,
וועל איך פאַר אַזאַ שיין מיידל

וואָס איז נאָך אָבער גרין,
זיבער קריגן אַ ניי־מאַשין.
און מאַטקע וואָס איז דער ערשטער אין פרימאָרגן צו וויגן זיך
ביים מאַשינען־סטראַפּ, האַלט וואָרט,
און קריגט פאַר איר אַ אָרט
אין מיסטער בוקמאַנס שאַפּ.
פרי און פיבערדיק שאָקלט זיך דאָס עלעקטרישע לעמפּל,
מאַטקע לערנט זי צו מאַכן דעם שענצטן „סעמפּל".
פייגע אנערקענט זיינע פלינקע הענט,
וואָס אַרום אַ וועג שטיל און היימלעך,
פאַדימען זיי נידעריקע, נאָדל־ביימלעך.
מאַטקע גייט. און פון זיין פאַרשייט מויל
די גלוסטיקע רייד, טוען זי אויס נאַקעט, הויל.
פייגע צאָרנט: גיבע הענט, אַ גוטן קאָפּ.
נאָר אייער שפּראַך פאַרשייט און גראָב.
מאַטקע וואָרנט: אַ מיידל וואָס איז שיין און גרין
דאַרף היטן אַ ניי־מאַשין.
פייגע כעסט: מ'טאָר מיט אייך נישט גיין אין גאַס.
מאַטקע ענטפערט: אפשר זענט איר גאָר אַ רויטע?
זאָלט איר וויסן, דאָהי שטומען
אַלע קעמפער, ווי די טויטע!
די מיידלעך סודען זיך און מורמלען:
„דאָס מיידל האָט דערוויל נישט קיין ברירה . . .
און מאַטקע מיינט, אַז אַן טומלען,
וועט ער פאַרזוכן דעם זיסן טעם
פון אַזאַ זאַפטיקער פרי.
אָבער אין איר פייערדיקן בליק,
זעט מען אַזאַ גרויס גליק,
וועט זי אים נישט דערלויבן,
זי וועט פריער מיט זיין שוואַרצן קאָפּ
אויסזעצן אַלע שטראַלנדיקע שויבן".
דערוויל אויסער מאַטקען דעם געמיינעם
קאָן פייגע דאָ נישט קיינעם.
און ווען עס איז „סלאָו",
מוז זי גיין מיט אים,
אַפילו אינמיטן וואָך צו אַ „שאָו".
דעמאָלט רימט ער זיך און ער רעדט:
„אַז עס איז פאַר איר אַ גליק
וואָס זי האָט פרי דערקענט
די פלינקייט פון זיינע הענט.

וואָרים אין „נאָו טיים" וועלן זיי אים מאַכן רייך,
און ער וועט נישט דאַרפן זשאַלעווען קיין „ניקל" און קיין „דיים".
איז זאָל זי ווערן זיין פרוי,
וועט זי קיינמאָל נישט ווערן גרוי.
זומער און ווינטער וועט די זון שימערן
אין אַלע זיינע צימערן.
זי וועט האָבן אַ סך געלט צו „ספּענדן".
איידל און ווייס וועלן זיין שטענדיק אירע הענט.
עס וועלן בלויען און בלענדן
זייערע שיין־געמאָלענע ווענט".
אין די זונטיקס, גאַנצפרי.
דאָס ווייסע העמד קילט
פון איר לייב דעם הייסן ברי.
קלעטערט מאַטקע צו איר גאָרן,
און זיינע גלוסטיקע אויגן הויבן זיך
און זוכן איר לייב, דורך שויבן פאַרצויגן
מיט אַלטע, צעלעכערטע שטאָרן.
אויף קופּערנע קלויסטער־שפּיצן,
פראַסטיק־זילבערנע קעפּ
זוניקן און בליצן.
מאַטקע לאַכט פרעך,
און קרישלט פון די טרעפּ
דאָס אייזיקע בלעך.
עס בלענדט דער גאָלדיקער מאָרגנשיין.
מאַטקע שפּאַנט אין איר צימער אַריין.
ער זינקט איין אין דער ווייכער וויגשטול.
און זיינע אויגן צעשפּיזלט פון לוסט
זויגן די רונדיקייט פון איר צאַפּלדיקער ברוסט.
ער וויל זיך צו איר לאַשטשען,
נאָר זי וואָרנט:
אַז כאַטש זיי זיינען אין צימער הינטער אויגן פיר,
וועט זי מיט אים אויסברעכן די שויבנטיר.
דאָך טרייבט זי אים פון הויז נישט אַרויס.
ווייל אין די יאָרן פון גרין
מיינט מען, אַז דאָס גאַנצע גליק
ליגט אין דער ניי־מאַשין.
עס זיינען די יאָרן פון עלנט און פאַרלאָרן.
עס דאַכט זיך, מען בלאָנקעט אין אַ לאַנד,
וואו קיינער וועט קיינמאָל ניט אויסשטרעקן
קיין פריינטלעכע האַנט.

איטלעך איינעם פארשטעלט מאטקע
דעם וועג צו איר שוועל.
ווייל צו איר ברודער, וואס זיין בילד,
שטייט אויף דער קאמאדע אין א ראם,
בארגט ער איר געלט צו שיקן אין עבר לים.
נישטא פון אים קיין אנטלויף.
נאך דער ארבעט פירט ער זי צו ביז די שטיגן,
וואס די ווינטן וויגן אין פארפרוירענעם הויף.
נישט איינמאל אויפן וועג אהיים זאגט ער איר:
צו וואס טראגן אזעלכע דינע שיך אין אזא געפריר?
שוין צייט זי זאל ווערן זיין פרוי,
ווארים אזוינע ווי זי ווערן גיך
אפגעקראכן און גרוי.
ביי אים וועט זי שטענדיק זיין אין פולן בלי.
זי וועט גיין בא אים שטענדיק אויסגעפוצט
און טראגן הויכע, פוטערנע שטיוועלעך, וואס
וועלן ווארעמען ביז די קני.
פייגע זאגט נישט — יא
פייגע זאגט נישט — ניין.
מאטקע מיינט: ער האט זי שוין
איינגאנצן פאר זיך אליין.
ער רעדט און רימט זיך:
אפילו, ווען אין שאפ ווערט „סלעק",
האב איך ארבעט אן א ברעג.
איינמאל פארנאכט
זיי גייען אין א געסל
פארזונקען אין שנייען.
ארום נאכטיק, וויסט און פוסט.
מאטקע זאגט: מיין גאנץ לייב-און-לעבן
נאך אייך גלוסט.
איך גיי ארום ווי א חוש,
איז לאמיך אייך געבן דעם ערשטן קוש.
זיינע ליפן כריפן פרעך און שוימיק.
אין די טאלן פארשלאסן און ווייס,
גליווערן די שטיבער אין די שטאלן פון אייז.
פייגע מיט א פארקלעמטער פויסט,
צארנט און ברויזט:
יא, שוין צייט, אז ער זאל וויסן,
אז ער וועט זי צו זיך קיינמאל נישט קאנען צושליסן.

און אַז זי וועט נישט זיין זיין ווייב,
וואָס זעטיקט די לוסט פון זיין לייב.
אירע צעברויזטע ווערטער ברומען:
אַז נאָענט זאָל ער צו איר נישט צוקומען.
זי איז פון אים נישט געפאַנגען.
און אַט־אָ דאָ אין דער נאַכטיקער ווייס,
וועט זי אים באַלד דערלאַנגען מיט אַ שטיק אייז,
מאַטקע נעבעכדיק, דערשראָקן זעט:
פייגע לויפט אַריין אין אַ הויף.
אירע ליפן מיט סאָקן
רויט און זיס.
דורך די דינע, זיידענע זאָקן
רייצן אירע געטאָקטע פיס.
פייגע לויפט. אויף די מויער־ציגלען
בלענדן די אייזיקע שפּיגלען.
ווייט איז אַ היים. ווינטן שפּרינגען
אויף די שאַרפן פון פאַרזילבערטן געשטיין.
עס וואָיעט דאָס געוויטער.
עס שרעקט דאָס ווייסע געוויין
פון די ביימער, וואָס קלאַפּן און קלינגען
מיט פאַרגלאָזטע ריטער.

פון זינט יענער פּאַסירונג,
קאָן שוין מאַטקע מערנישט רעדן,
אַז ער וועט איר קויפן צירונג,
און פאָרן מיט איר קיין
דענמאַרק און שוועדן.

זי האַלט אים פון ווייט,
אַפילו, ווען ער לערנט זי אַ נייעם מוסטער
אויפן דינסטן זייד.
פייגע טוט לאַנגע גאַסן אַרומקרייזן,
אַבי מיט אים מערנישט אַהיים צו שפּרייזן.
וועגן מאַטקעס ראָמאַנס פול מיט וויי,
רעדן די גרינע שפּאַצירנדיק אין שניי.
דער רויטער עליע קלאַפּט מיט דער גראָבער ליפּ:
אודאי האָט פייגע אים נישט ליב.
עס איז אָבער אויך איר שולד,
פאַר אַרויסווייזן צו אים אַזוי פיל געדולד.
און איציקל דער קליינער

קלינגט מיט די שפּיציקלעכע ציינער:
איך אַ פּראָסטער פּרעסער, האָב פיינט מאַטקען, וואָס
האַלט זיך פון יעדן איינעם גרעסער.
און פאַר זיינע וועגן, די פאַרדרייטע און קרומע,
נעמט פייגע פון אים איצט נקמה.
בערקע דער לאַנגער דראָנג,
דער פעדלער מיט זשאַווער און „דזשאָנק"
שאַרכעט מיט די שווערע שיך
און רעדט אויף דער גיך:
גאָרנישט האָט אָט־דער מאַטקע אין קאָפּ.
ער איז נישט מער ווי אַ געזונטער כלאָפּ,
מיט געזונטע, פלינקע הענט, וואָס
רימט זיך, אַז ער האָט פיינט אַן אינטעליגענט.
יאַנקל דער היימישער גאַרבער — מאָגער און ווייס —
וואָס דליבעט פון די שויבן שטיקלעך אייז,
חכמהט זיך: אַז אַפילו מעכעלע דער היימישער „באַרבער" זאָגט:
אַז מאַטקע איז אַ האַרבער יונג
מיט אַ מיאוסער, באַרימערישער צונג.
אָבער פייגען וועט ביי אים גאָרנישט פעלן.
ער וועט איר געבן, וואָס זי וועט אַליין נאָר וועלן.
נאָר איך האַלט זיך בײַ מיינעם:
פייגע וועט האָבן בײַ אים
בלויז פלאָגן און פּיינען.
די פאַרע רויכערט פון זיין נאָז און מויל.
ער שווערט: מאַטקע איז פּוסט און הויל.
און ער האָט נישט די ווערט,
אַז עס זאָל אים טראָגן
די הייגע, קאַנאַדישע ערד.
און בערקע דער „דזשאָנק־פעדלער"
מיט צעטראָסקעטן טראָק רעדט הויך,
אַזש מען הערט אויפן גאַנצן בלאָק:
מאַטקע רייבט זיך צו ווערן אַ „באָס"
און בויען אין „וועסטמאונט" אַ שטיינערנעם שלאָס.
דעריבער דאַרף מען אים דערלאַנגען,
וואָס גראָד דאָס פאַרביקסטע פייגעלע
גלוסט זיך אים צו פאַנגען.
וואָרים מיר, די לייט פון יאָך־און־מי ווייסן:
אַז פייגע מיט איר ראָזעווער הויט,
איז נישט עפּעס סתם נאָך אַ שיינע מויד.
זי האָט שיינע, איידעלע געפילן

און צו עפּעס העכערס זיינען
אירע בענקשאַפטן און צילן.
און דער שוואַרצער שמיל, וואָס שמט
פּאַר אַ באַלעזענעם יונג, וויגט זיך
צו אומעט פון קלויסטערישן קלונג.
ער ציט אויס די האַרטע, סטאָליאַרסקע הענט
און איז מסביר מעשה אינטעליגענט:
מאַטקע דאַרף נישט פייגעס ליבע,
ער באַגערט בלויז דאָס ווייסע, הייסע לייב
פון אַ געהאָרכזאַם ווייב, וואָס ליכטיקט און בלענדט
דורכן דינעם געוועב פון אַ ראָזעווען העמד . . .
ליפּן גלוסטיקן און שוימען.
גרויע, רויכיקע שטריך
ציען זיך פון הויכן קאַזאַרמע־קוימען.
און דער שוואַרצער שימל — דער באַלעזענער יונג —
ווי תמיד וויגט זיך צום אומעט
פון קלויסטערישן קלונג.
און ער סודעט ערנסט און שטיל!
מאַטקע וועט קיינמאָל נישט גרייכן זיין ציל . . .

פון די גרינע ווערט יאָסל געוואויער,
די וואָר און דעם טרויער
פון פייגעס גרינע יאָר.
ער דרינגט דערפון:
אַז דעם עלנטן איז שווער, אַפילו אין אַ לאַנד
פול מיט זעט און זון.

ביטער זיינען די יאָרן פון גרין,
ביז מען דערשלאָגט זיך צו אַ ניי־מאַשין.

יאָסל טראַכט וועגן פייגען

פייגע וואָס האָט נישט ליב פון ווערטער דעם גאָס,
טראָגט פאַר יאָסלען נישט קיין שלאָס.
ער ווייסט שוין פון איר:
אַז ערגעץ אויף אַ טיר אין עבר לים
האָט געברענט פון שרעק דער פלאָם.
וואָר, דער חלום איז לויטער און קלאָר,

נאָר אין דער אַרבעט מידן זיך אירע יונגע יאָר.
דאָך וויל זי זיך נישט טראָגן
אויפן גריננן לעבנס-וואָגן.
דער הימל איז נישט שטענדיק ראָז?
ניי-מאַשין בעט נישט אויס דאָס גרין פון גראָז?
— איז ליכט פון אייגן האַרץ גים!
און פאַרן חלום דאָס האַרץ נישט פאַרשליס!
וואָרים די בענקשאַפט האָט איר שוועל,
איז אויך דאָהי האָט זי נישט מורא
פאַר קיין תפיסה-צעל.
און שלמה דערציילט: פייגע האָט פון איר נעכטן
זיך נישט אָפּגעטיילט.
זי קומט פון דער אָרעמער גאַס,
זי קעמפט פאַרן אַרבעטער-קלאַס.
און אין וועמען זי וועט זיך פאַרליבן,
פון יענעמס האַרץ וועט אויף שטענדיק
דער טרויער ווערן פאַרטריבן.
אַז זי איז גוט און שיין
זעט דאָך יאָסל אַליין.
און אַזוי ווי צירל שטייט אינדערמיט,
זאָל ער זיין געהיט מיט
זיינע, נייע טריט.
שלמהס בליק שטאַרצט.
יאָסל, וואָס הערט דאָס אַלץ,
ווערט זיך מיטן נייעם געפיל,
נאָר ער ווייסט, אַז זיין האַרץ
באַגערט זי אינדערשטיל.
יאָסל טראַכט, ווי גוט וואָלט געווען,
ווען ער האָט געגוג מוט פייגען צו פאַרטרויען,
ווענן אַן אָפּשייד-נאַכט אין אַ היימישן דערפל
באַפּערלט מיט זילבערנע טויען.
יאָסל טראַכט: פאַר די שוועסטער און ברידער
אין שאָפּ, אין שאַכט, האָט זיין האַרץ
דערוויל נישט קיין לידער.
נאָר, איר פייגען וויל ער זאָגן:
ער וועט ליבשאַפט צו איר טראָגן.
ווייל אַזאַ ווי זי האָט ער שוין ליב,
אַזאַ ווי זי האָט שוין געקושט זיין ליפּ.
און נאָך וויל ער איר זאָגן:
אַז עס בלויען ווידער זיינע פאַרטאָגן,

ווייל אין אירע רייצנדיקע רייד
לאַכט און רוישט
די יונגע, פאַרליבטע פרייד.
יאָסל זוכט אירע טריט
אין די שטילע ווערטער פון זיין ליד.
ער איז מיט בענקשאַפטן דורכגענומען.
און ער וואַרט, זי אַליין
זאָל די ערשטע צו אים קומען.
קוקט ער דורך דער שויב
באַזילבערט מיט שנייאיקן שטויב.
ער בענקט: ער טראַכט. אים דוכט זיך: פייגע לאַכט.
ווינטן שטורעמען, ווינטן שטויסן.
ער קוקט אין דרויסן, אין דער נאַכטיקער שפעט,
און זעט פון גאַס דאָס בילד:
אַ שילד אויף אַ שענק.
טרינקער זיצן אויף שטולן, אויף בענק.
טעצלעך מיט רויכיקע אַשן.
שמייכלענדיקע פויערים גיסן
דעם ברוינלעכן ביר פון בלויע פלאַשן.
יאָסל שרייבט, און מילדע, האַרציקע רייד,
ער קלייבט פאַר זיין נייער פרייד:
פאַרוואָס איז פייגע אים אַזוי ליב?
— ווייל, ווי צירל איז זי דער זעלבער,
שיינער מענטשנטיפּ.
ער שרייבט אַ ליד צו שטילן
דאָס אומרואיקע געמיט.
ער האַלט אין איין שרייבן,
און קאָן די בענקשאַפט פון האַרץ
נישט פאַרטרייבן:
פרעג די נאַכט וואָס דרימלט,
ווי אַזוי דער ווייסער טוי
פאַלט פון הימל־בלוי?
נאָדל־געניי.
אין זיין האַרץ
זיסט פון ליבשאַפט
דער וויי.
ווידער שרעקן אים נישט מער די אייגענע טעג,
וואָס בענקען נאָך דעם ווייטן ליכטנדיקן וועג.
ער זוכט אין אייגן וואָרט אַ צייכן.
ער וויל אין לויטערקייט פון ליד דעם ענטפער גרייכן . . .

נאַכט. ציטערדיק שטערנליכט.
די דראָטן קלינגען אויפן צאָם.
שילד אין פייערדיקן ליכט
גליט, ווי אַ קופּערנע פּאַן.
יאָסל הערט שאַרף פון שיך
אויף דער שנייאיק-זילבערנער ציך.
שפּעט. די נאַכט מיט ווייסקייט אויסגעבעט.
יאָסל קוקט דורך דער שויב.
אים דאַכט זיך, ער זעט
אין שנייאיקן שטויב:
אַ סטענגעלע מיט פאַרביקע טויבן
צו אים פאַרהויבן.
און פייגעס פולע, פייכטע אויגן
פינקלען אין שיין פון שטערנדיקן בויגן.

שרעק

נאַכט. דער פּיין אין יאָסלען שאַרף און וואַך.
עס וויינט דעם פּעטערס בריוול פון שורות צען:
דאָס אומגליק איז שוין געשען.
צירל איז מער נישט אין תפיסה-צעל.
גרוים איז איצט די שרעק אין מיין זעל.
וואָרים זי איז מסוכן-קראַנק, און נויטיקט זיך
אין וואַרעמע טעג זומערדיק און העל.
יאָסל ענטפערט: איך געפין זיך נישט קיין אָרט פון צער.
אָט דאָס איז פאַר קעמפן, פאַר פיינען דער שכר!
כאָטש עס איז איצט ווינטערדיק-קאַלט,
איז גוט פאַר איר אַ סאָסנע-וואַלד.
עס וועט נישט זיין קיין מניעה אין געלט.
ראַטעוועט זי! און זאָל נישט חרוב-ווערן
פון ליבע דאָס ליכטיקע געצעלט.
די ווערטער פיבערן אין זיין פּען:
פּעטער, איר וועט זען!
דער ליכטיקער נס וועט געשען!
נאַכט. אותיות, וואָס ברענען אין פּיין,
לויכטן אין אומעטיקן שטערן-שיין.
טראָפּנס טינט פיבערדיק און בלוי.
די פענצטער שלאָפן אָנגעטאָן

אין אַ פֿאַנצער פֿון אייזיקן גרוי.
שניי. ווייסע גרויל.
פֿאַרשאָטענע שטאָט — וויסט און הויל.
דער הימל שלינגט
פֿון קוימענס דעם אַשיקן־שטויב,
און יאָגט אַ שטערן־קויל
אויפֿן אייזיקן פֿאַנצער פֿון דער דערשראָקענער שויב.
דאָך אין בראָך פֿון פּיין,
ער האָפֿט אויף דער שטילער שעה
פֿון טריפֿנדיקן שטערן־שיין.
צו משה דודן שרעקט ער זיך אַריינצוגיין,
טאָמער וועט ער נישט קאָנען
פֿאַרהאַלטן אין זיך דאָס שפּאַרנדיקע געוויין.
אינדערפֿרי, ווען פֿייגע באַגעגנט אים ביים אָפֿענעם טויער,
זעט זי אין זיינע אויגן דעם שאַרפֿן גלאַנץ פֿון טיפֿן טרויער.
זי שרעקט זיך און פֿרעגט:
פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי אויסגעצערט און בלייך?
פֿאַרוואָס זינקט איר אַרונטער מיט אייער גאַנצער הייך?
יאָסל פֿאַרשטשעמעט די ציין,
ווי ער וואָלט מיט זיי
פֿאַרהאַלטן דעם שטומען רויש פֿון געוויין.
פֿייגע טראַכט: אפשר מוטשעט
אים אוים דאָס שרייבן ביינאַכט?
אָט גייט ער מיט איר, און ער איז אַליין.
און זי קאָן נישט פֿאַרשטיין:
איז עס פֿאַרבאָרגענע פּיין?
אָדער פֿון פֿאַרליבט־זיין
דער לויטער שיין?
נאָר איין ר' העניך ווייסט דעם סוד,
אַז משה דוד סאָמעטס זון און צירל
זיצן אין אַ תּפֿיסה, ערגעץ ביי אַ גרענעץ־שטאָט.
דאָס האָט אין טרויער־געוויין
דערציילט אַ בריוול פֿון דערהיים.
נאָר ר' העניך גיט אים מיט גאָרנישט אָנצוהערן,
אַז ער ווייסט פֿאַרוואָס זיינע אויגן
זיינען אָפֿט פֿאַרגאָסן מיט טרערן.
ער זאָגט אים בלויז:
אַז בטחון איז אַ ליכט
לויטער, גרויס, וואָס
גאָט שיקט זיינע געפּייניקטע

פון בלויען הימל-געזיכט.
און ווען פיינען דאָס הארץ פארגיסן,
דארף אַ ייד אַלץ וויסן:
אַז אומעטום אין אַלע אופנים
איז גאָט פאראַנען . . .
לכן דעריבער:
אַל תפרוש עצמך מן הצבור.
יאָסל אין ווייטיק פארשטאַכן,
ראַנגלט זיך מיטן טרויער
פון די ווינטערדיקע וואָכן.
נאָר אין איינעם אַ פּריטיק-פרי
גיט ר׳ הענעך אים צו וויסן,
אַז משה דוד סאַמעט, וואָס
דאַוונט שבת אין זייער שטיבל,
לאָזט אים הערצלעך גריסן.
און אַז זיין זון האָט אין געהיים,
אין אַ כאַליעווע פון אַ שטיוול,
פון טורמע אַרויסגעשיקט אַ בריוול.
ר׳ הענעך גיט אים דעריבער צו פארשטיין,
אַז אויך ער זאָל צו קבלת-שבת
אין שטיבל קומען צוגיין.
און ווער עס טראַכט וועגן טורמעס און שטאַבעס,
איז גוט מיט אַ היימישן זיך דורכצורייידן
וועגן דעם, אַפילו אום שבת.
איז איידער איינער אַליין אַרומטראָגן דאָס געוויין,
זאָל ער לייענען יענעמס רייד, אפשר וועט
דאָס אַ קאַפּעלע פארגרינגערן די לייד.
פון שרעק און דערשיטער
טוט די נאָדל אַזש אַ ציטער.
ר׳ הענעך רואיקט אים איין:
אַז, עס וועט צום גוטן זיין!
גוטס וועט ער נאָך אין זיין לעבן זען.
ווארים מיט גאָטס חסד קאָן אַלץ געשען!
נאָר יאָסלס הארץ אַ קוואַל פון פיינען.
ער זוכט גלויבן. אים דאַכט, אַז די שויבן וויינען
מיט די זוניקע שיינען.
יאָסל דערפילט אַז נישט בלויז טרייסט טראָגט ר׳ הענעך מיט זיין רמז.
נאָר, אַז ער ווייסט פון זיין טרויער דעם אמת.
שטיל און שטאַלץ איז יאָסלס ענטפער:
דוד סאַמעטס זון און מיין צירל

זיינען מוטיקע קעמפער!
מיין פעטער, אין זיינע בריוו מיט טרויער פארטריפט,
תמיד מיט אייגענער האנט משה דודן צום לויב דערמאנט.
און מיר אליין פון דער שיף פול מיט שרעק און לעכצן
איז ער מיר באקאנט מיט זיין ווייטיקדיק קרעכצן:
וועגן פאגראם, און וועגן זיין זון
געבליבן אין פוילן — דאס לאנד פון סדום.
מען האט אים באנומען און בארויבט.
און אין וואגל האט ער זיך געטראגן,
ווי אין ווינט א זעמדעלע שטויב.
און ווי מיר אלע איז ער מיט לייב און זעל,
צוגעפאלן צו דער רו פון דער קאנאדישער שוועל.
מיין פעטער דערמאנט: אז משה דודס נאמען, איז ווייט באקאנט.
אז כאטש ער איז געווען א גרויסער עושר,
האט ער געהאנדלט ערלעך און מיט יושר.
פאר יאסלען גייט אויף ר׳ הענעכס גערייד.
די פענצטער אין שאפ מיט גרויען אייז פארקלאפט.
דער שבת שטייט שוין דעם בארג צוקאפנס.
פון די שויבן קאפען זילבערנע טראפנס.
יאסל ווייסט אצינד, אז אים איז נייטיק,
ער זאל וויסן פון דער גרויל דעם גאנצן ווייטיק.
דעריבער אין חסידים־שטיבל וועט ער גיין,
און פון טורמע־טרויער הערן דאס געוויין.

דער שמועס פון די זקנים

אויפן גאניקל זקנים א פאר שטייען ארום
א הויכן דארן ייד אין א גארטל איינגעצויגן,
וואס שמייכלט מיט אויגן קלוג און קלאר
און טענהט: אז געציילט זיינען היטלערס יאר.

א צווייטער מיט א בארד א ברייטער און א גרויער
זעט די זון זינקט, און ער דרינגט אין טרויער,
אז היטלער, אבי ער שעכט יידן אויף זיין
מזבח, וועלן אלע אומות און אפילו אמעריקע
און ענגלאנד שטילערהייט אים זינגען למנצח . . .

נאר דער ערשטער דאר און גרויס,
הויבט די פלייצעס און זאגט פארויס:

די אומות זיינען נישט מיט אים
אין זיינע שלעכטע עצות.

מיר יידן האָבן גרויסע זכות אָבות,
היטלער וועט ווערן פאַרלענדט.
און דער שומר ישראל — דער יודע מחשבות
וועט די יידן מציל זיין פון היטלער הרשעס הענט.

נאָר דער ייד מיט דער באָרד דער גרויער,
קוקט צו דער זון, וואָס זינקט אויפן
הויכן קלויסטער־טויער, און דרינגט
אין טרויער: די וועלט־ממשלה פון
ענגלאַנדס יאָר זיינען שוין געציילט,
כאָטש זי האַלט נאָך אַלץ פון הערש־און־צעטייל!

די זקנים שטייען
פאַרבלענדט פון די ווייסע שנייען.
אין יאָסלען שווידערט די שרעק,
אַנטפּלעקט פון היטלערס־מלחמה־וועג.
ער שאָטנט אין שטיבל אריין
מיט אַ הארץ וואָס פּיבערט אין פּיין.

דורך די שויבן שימערט
די ווייסקייט פון שניי,
און אין האַרץ שאַרפט זיך
פון שרעק דער וויי.

וואָס איז ענגלאַנדס כונה?
אין דעם ליגט פאַר יידן
די גרעסטע סכנה!
און אויף דעם, וואָס עס האָט ביז איצט געטראָפן,
דאַרפן יידן האַלטן זייערע אויגן אָפן.
וואָרים די ענגלישע און אַמעריקאַנישע בלעטער שאַלן,
אַז דער רשע זאָל דעם רום באַפאַלן.
נו, די וועלט איז גאָטס גרינער טאָל.
בלייבט צום השם יתברך צו האָפן,
אַז ער וועט די אויגן האַלטן אָפן:
און ווי שטאָל וועט ער הארט מאַכן די רויטע נום.
און אַז היטלער, צעריבן זאָל ווערן זיין געביין,
וועט אויפן רום מיט זיין חיל גיין,

זאָל אויף אַט דעם שטאָל און שטיין
צעבראָכן ווערן זיינע מעסערדיקע ציין.

אין שטיבל

אין שטיבל שטיל און קליין,
שמעקט דאָס פרישע, ווייסע ליים.
עוזרל שמש ביים באַלעמער שטייט.
און ר' הענעך מיט אַ קול נאָגנדיק און שיין
ניגונט און גייט.

ווערטער אין ווײ, פון בענקשאַפטן געפאַנגען,
ליכטיקן און לעכצן אין די שיר-השירימדיקע געזאַנגען.

אין ניגון ציטערט געוויין,
און קוואַלט פון האַרץ
טיף און ריין:

„מצאני השומרים הסובבים בעיר",
רבונו של עולם,
וויפל איז דער שיעור?
„הכני פצעוני נשאו את ידידי
מעלי שומרי החומות" —
אב הרחמן, צי אונדז אַרויס
פון די פינצטערע תהומות.

דאָס קול שיר-השירימט,
זיפצט און זיסט:
אַ, פונוואַנען און פון וואו
פליסט די ערב-שבתדיקע רו?

דער פאַרנאַכט פאַלט צו.
שיר-השירים רופט די ליבע און לויבט.
די רו פלאַטערט און שוועבט
אויף דער שבתדיקער שויב.

ר' הענעכס ליפּן
לויטערן און ליבן.

יאָסל דערמאָנט זיך אין טאַטן,
פון וועמענס טיש ער איז געוואָרן פאַרטריבן,
ווייל אויף קיין מאָלצייט קיין זאַטן איז מער נישט געבליבן.

עס שווימט פאַר אים אויף דאָס שטעטל,
און דער סאָד אין קלויסטער הויף.
דורכן דינעם רויך פון טויאיקן נעפּל,
שלאָגט דער שאַרפער ריח
פון די זים-ווייניקע עפּל.

דער טאַטע שפּרייט די בענקשאַפט
פון שיר-השירימדיקע רייד.
די שטילקייט שוועבט, און דער שולחן
מיט שבת ווערט פאַרוועבט.

ריח פון עפּל זים און ווייניק.
אין שטיבל שטילט, און די שויבן
פאַרחלומט און שייניק.

דעם טאַטנס האַרץ לעכצט.
און די בענקעניש רופט און קרעכצט:
„כלך יפה רעיתי ומום אין בך” —
רבונו של עולם, צעברעך פון גלות דעם יאָך.
„דודי דופק פתחי לי, אחותי רעיתי,
יונתי, תמתי, שראשי נמלא טל”.
רבונו דעלמאָ, פון שווערן גלות
דערהער אונדזער קול. —

ניגון נאָגט און שמעקט מיטן ריח
פון לויטערן ווייַן. און אויף דעם טאַטנס פּנים
לויכט פון זון דער גאָלדענער שיין.

טרויעריק, ווי אַ וואַנדערער אַ פרעמדער,
זיצט יאָסל אין ווינקל באַ אַ שטענדער.
טרויעריק-מיד.
די בענקשאַפט טרערט און מורמלט
אין זיין גאַרנדיקן געמיט:

טאַטע, נעענטער צו מיר דיינע טריט.
איך, דיין פאַרוואָגלטער זון,

בין אין בענקשאַפט געפאַנגען.
זאָג און זינג און ברענג מיר טרייסט
מיט דיינע שיר־השירימדיקע געזאַנגען.

מיין האַרץ — אַ קוואַל פון טרערן,
רופט דיך, און באַגערט
דיין בענקענדיק קול צו הערן.

אָט דאָ אין ווינקל־וואַנט
איך וואַרט אויף דיר.
עפן די טיר, און מיט דיין האַנט
מיין אַקסל באַריר.

יאָסל זיצט אין בענקעניש פאַרזונקען,
און אויף די שויבן צינדן זיך די שטערן,
ווי גאָלדענע פונקען.

גיכע טריט. און ביים שטענדער
שטייט און שאָטנט אַ פרעמדער.
האַרציק, היימלעך ער רופט זיין נאָמען.
זיין געזיכט מיניעט זיך אין ליכט
פון די העל־רויטע שטראָמען.

נאָר יאָסלען דאַכט זיך אַלץ,
אַז ער איז אין שטעטלדיקן שטיבל,
וואָס שאָטנט שטיל און ליידיק,
און דעם טאַטנס קול לעבצנדיק און פריידיק
ניגונט ווידער איבערן אָפענעם, גראָבן
יעקב־עמדין־סידור.

דער פרעמדער, אַ דערפרייטער, שטרעקט
צו אים זיין האַנט און זאָגט: — וואָס מאַכט
עפעס אַ שיפסברודער אין היגן לאַנד?
דיין טאַטע שרייבט מיר, אַז דו געדענקסט
די נעכטיקע נויט, און אפילו אין מעבעלע שוסטער
אין חרובן געביי, ביים יאַטקע־פלויט.

און יאָ, איז עס וואָר, וואָס איך הער,
אַז כאָטש דיין לעבן איז דיר אַליין שווער,

דאָך מיט דיין מי ביסטו פאַר היימישע אָרעמעלייט — אַ שפּייזער,
און דאָ הי פאַר אַרבעטער — אַ וועגווייזער . . . —

דעם פעמדנס קול — נאָענט, באַקאַנט,
ברענגט אים צוריק צום ווינקל־וואַנט.

די אויסגעשטערנטע נאַכט פרירט.
און דער ווינט ברויזט און שטויסט
די אויסגעזילבערטע שויבנטיר.

דער שניי בלענדט און בלינדט.
און פון יאָסלען פאַרשווינדט
דער היימישער הימל
פאַרנאַכטיק און הויך,
און דער קלויסטער סאָד,
וואָס דרימלט אין ווייסן, טויאיקן רויך.

—אָ, ר׳ משה דוד! —
פרייט זיך יאָסל און דריקט ליב זיין האַנט —
גוט צו זען אַ שיפס־ברודער, וואָס פרעמט זיך
נישט אָפּ אין היגן לאַנד. —

נאָר ר׳ עוזרל שמש — אַ נידעריקער און אַ דינער —
קרעכצט און וואָרטשעט ביים באַלעמער:
— אוי, רבונו של עולם, ווי פאַרענדערט עס איז אַ היינטיקער גרינער!
אַז אפילו אַזאַ ר׳ משה דוד — אַ חסיד און אַ היימישער
שניט־קרעמער —
פלאַפּלט פאַר קבלת־שבת וועגן הויזן און הינער. —

דער עולם שטיל און שמייכלדיק קוקט זיך אַרום.
אין שטיבל דער שבת־קודש תפילהט
לויטערדיק און פרום.

דאָס שטיבל, שבתדיק און קליין,
שמעקט מיט פרישן, ווייסן ליים.
„לכה דודי" — צו דער שבת מלכתא
לעכצנדיק און לויב.
און אויף דער שויב דער בלויער
טריפט לבנה איר ווייסן טרויער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די טרערן

דער שבת־קודש געדענקט אין משה דודן אויפן דריטן גאָרן.
און ער שענקט אים מנוחה פאַר אַ גאַנצע וואָך פעדלען און פאָרן.

דאָ איז דער שבת נישט געביטן:
די לייכטער שיינען אויפן טישטעך
מיט די היימיש־אויסגענייטע בליטן.

די פרומע פראַדע רירעוודיק און קליין,
שטראַלט פון פרייד אין שבתדיקן קלייד:
יאָסל געבענטשט זאָלסטו זיין
פאַר קומען אין מיין היים.

אַרום איר קאָפּ פאַרבונדן שטייף,
דאָס זיידענע טיכל מיטן גילדערנעם שטרייף.
משה דודס קידוש פרום פאַרצויגן.
און די שטילקייט פון שבת
רוט אין שיין פון פראַדעס
פייכטנדיקע אויגן.
דער טיש פאַרשמעקט מיטן שבתדיקן עסן
און משה דוד זאָגט:
יידן טאָרן גאָרנישט פאַרגעסן.
יידן דאַרפן דאָס נעכטיקע געדענקען,
צו האָבן נאָך וואָס שטילערהייט צו בענקען.
עס זיינען נישטאָ קיין דברי־חול,
וואָס אַ ייד רעדט מיט אַ שבתדיק קול.
די וואָך איז פול מיט טרויער.
איך „פעדל אין קאָונטרי”,
און האַנדל מיר מיטן פּויער.
שטעל זיך פאַר אַ גרינער, אָן אַ שפּראַך,
וואָס פאַרבלאָנדזשעט זיך אויפן שליאַך.
פונדעסטוועגן אָן מורא, אָן שרעק,
איך געפין פאָרט מיין וועג.
אין היצן, אין געפרירן,
פאַרמער עפענען די טירן.
זומער. אַ שווער־באַלאָדענער מיט יאָך,
רוט מען אָפּ אויף אַ גרין קישעלע פון מאָך.
געשמאַק שלאָפט דאָס געביין אין שאָטן
פון אַ פעלדזנשטיין.

ווינטער. מיד. דער אַקסל טוט וויי,
פאַרזינקט מען דעם יאָך אין שניי.
דער ווינט שניידט.
די זון אויף די בערג רייט.
און דאָס אייז בלענדט
גלאָזיק, ווייס.
אָפּגערוט. דער טאָג איז גוט.
איך שפּרייז, און עס מיין שפּייז:
ברויט, און אַ געבראָטענע קאַרטאָפל
מיט אַ פאַרברווינטער הויט.
איך האַנדל מיט יושר,
און וויל ניט ווערן קיין עושר.
ווען איך וועל האָבן גענוג „קעש"
וועל איך אויך פעדלען מיט וואָלענס און וועש.
איך בין נישט קיין באַרייסער, קיין ליאַרמער,
האָבן מיך ליב אַלע פאַרמער.
יאָ, אויך דאָהי מוטשעט זיך
דער מאַן פון מי.
איז ווי דו זעסט,
נאָך אַ וואָך פון פעדלען און פאָרן,
קומט דער שבת קודש צו משה דודן
אויפן דריטן גאָרן.
ביסט מיין גאַסט.
אפשר וועט מיין זונס בריוו
גרינגער מאַכן פון טרויער די לאַסט.
משה דוד סאַמעט דערלאַנגט אים זיין זונס בריוו,
און גיט צו: אַיאַ, ער שרייבט שיין און טיף?
אין דינעם אומעט פאַרוועבט,
דער שבת שמייכלט און שוועבט.
יאָסל לייענט. און איטלעך וואָרט
אין אים וויינט:
„טייערער און אומבאַקאַנטער חבר: —
הענט אין קייטן איינגעשניטן,
בענקען נאָך די פרילינגדיקע בליטן.
צו וואָס פיל טינט פאַרגיסן?
עס איז אָבער וויכטיק, אַז איר זאָלט וויסן:
אַז פון צירלס ליבע איר זענט אַ געגאַרטער.
איר יונג, טרוימעריש לעבן
שענער איז און צאַרטער
פון אַלע גראָזיקע געוועבן.

אין מאַרגנבלי, איר ליבשאַפט לויטער און פרום,
פינקלט ווי דער טוי אין בעכערל פון דער בלום.
אינגיכן וועט זיך אויפמאַכן דער טורמע־ריגל.
וועלן מיר זיך אַנטשעפּען גאָלדענע פליגל,
און מיר וועלן פליען אין שטערן־שיין,
וואו די הימלען גליען.
איז לייענט זשע מיט קאָפּ דעם בריוו
און באַשטעלט פאַר אונדז אַ שיף . . .
יאַ צירלם ליבשאַפט מאָלט אייך אין די העלסטע פאַרבן.
מיר דאַכט, איך קאָן אייך שוין
מיט אַלע אייערע קנייטשן און קאַרבן . . .
דעריבער חבריש־באַקאַנט,
דריקט חבר שמעון
אייער אויסגעשטרעקטע האַנט״.

אין די לייכטער פון פינקלענדיקן מעש
דער שיין פון די שבתדיקע ליכט מיניעט
און לעשט זיך אויף פראַדעס פאַרטרערטע געזיכט.
זי קושט יאַסלען אויפן שטערן.
אויף זיינע הענט קייקלען זיך
אירע וואַרעמע טרערן.
די פרומע פראַדע אין שבתדיקן קלייד,
רירעוודיק און שיין, שפּריצט ליכטיקע טרייסט
מיט איר שטיל מאַמעדיק געוויין.
משה דוד וואָס פאַרווישט פון זיין פּנים די טרער,
מוסרט זיין פרומע פראַדען, אַז אַט אַזוי
אודאי און אודאי דעם הייליקן שבת זי פאַרשטערט.
נאָר די פרומע פראַדע גיסט מיט טרערן:
גאָט דערבאַרעמדיקער האָט געטאָן טאָן
איר צער דערהערן.
וואָרים זי האָט אַלע זכות אָבות אויפגעוועקט
און אַלע תחינות אויסגעפּלעקט.
משה דוד זאָגט: געגוג געקלאָגט.
אין קאַנאַדע, אַבי האָסט אויף שבת אָנגעטאָן אַ קלייד,
האָט גאָט אונדז געשיקט די ליכטיקע פרייד.
זעסט דאָך גאָטס רחמים איז גרויס.
ער ציט שמעונען און צירלען
פון פינצטערן געפענגעניש אַרויס.
אם ירצה השם, נאָך שבת,
לאָמיר אָנהויבן מאַכן פאַר זיי פּאַפּירן.

געלט איז אַ כּישוף. דאָ און דאָרטן,
עפנט עס צו דער פרייער וועלט,
אַלע פאַרהאַקטע טירן.
פאַר רעדן דברי חול
וועגן פּדיון שבויים,
וועט גאָט נישט שטראָפן.
מעגסט שוין יאָסל רואיק שרייבן
דיינע פאַרבענקטע סטראָפן.
יאָסל טראַכט: די שבתדיקע הימלען בלוי און אָפן,
אַ גאָט, שענק מיר די טרייסט, וואָס ליכטיקט
אין דער פרייד פון האָפן.

שבתדיק. שטיל.
אַ שטערן מיט אַ שטערן זיך שפּילט.
פאַרשנייעטע גאַסן.
פאַרשלאָפענע פענצטער
זילבערן און בלאַסן.

אַליין

יאָסל פאַרמיידט מיט פייגען זיך צו טרעפן,
טאָמער טוט זיין הארץ פאַר איר זיך אָן עפן.
זי קאָן אים נאָך זאָגן:
אַז מיט ווערטער שיין און העל,
ווילט איר טראָגן צוויי ליבעס אין איין זעל.
די בענקשאַפט וועט אים פאַרטיליקן,
אויב זי וועט איר חברשאַפט מערגנישט באַווילִיקן.
דעריבער אין שבת-צונאַכטסן, ווען אינדרויסן וועבט זיך
דער שטערנשיין דער בלויער, אַנטרינט ער אין שטיבל
מיט זיין טרויער.
אַ פאַרמחטער ייד — אַ קרעכצנדיקער און גרויער,
דערציילט מעשיות, און טייטשט די רזים פון זהר.
יאָסל דורכגעשטאַכן פון בענקשאַפט און וויי,
קוקט אויף די דעכער אויסגעבעט מיט שניי.
ער הערט פון יידישן בטחון,
און פון בעל שם טוב, וואָס
ראַנגלט זיך מיט די יידישע שונאים,
און קומט שטענדיק אַרויס דער בעל נצחון . . .

מלוה מלכה

הערינג, קארטאָפל, שווארצברויט,
בראָנפן, שטיקלעך קוילעטש
און אַ געשמאַקער באָרשטש פון קרויט.
אין די ווינקעלעך רייטן,
די שאָטנס פון ווייטן פארצייטן.
אַ חסידישע מעשה אַנטפּלעקט
פון חסידות דעם נייעם וועג.
ר׳ הענעך שיילט פון אַ קארטאָפל די הויט,
און דערציילט פון אַמאָליקע צדיקים,
וואָס האָבן קוים אויסגעמוטשעט אַ שטיקל ברויט.
גלעזלעך־בראָנפן, פלעשער־ביר.
אויף די שויבן בלענדט דאָס זילבערנע געפריר.
שטילקייט שפּאַנט.
ר׳ הענעך מיט זיין איידל־בלייכער האַנט פאָרט
אויף די שפּיצן פון זיין פלאַטערדיקער באָרד
ער דערציילט און ציט פון זכרון
חסידישע מעשיות פון פארצייטיקע יאָרן:
דער בעש״ט, זכותו יגן עלינו,
איידער ער איז נתגלה געוואָרן,
איז אין אַ פּויעריש וועגעלע אַרומגעפאָרן.
אָרעם געוועזן, אָרעמער פון דער נאַכט,
נאָר נישט פון זיך האָט ער געטראַכט.
וואָרים ער האָט באַגערט צום נייעם אור,
צוציען די גדולים פון זיין דור.
נו, לאָזט מען אים פון הימל וויסן,
אַז שוין צייט, אַז לומדים זאָלן זיך לערנען,
ביי אַ קאַפּיטל תהילים טרערן צו פארגיסן.
טוט דער בעש״ט אָן זיינע בגדי־פּויער,
און לאָזט זיך צו אַ שטעטל, וואָס
האָט אַ פעסטונג, און אַ בריק מיט אַ טויער.
נאַכט. אין חשך טיף, געדיכט צינדט זיך
און צאַפּלט אַ פּעדימל ליכט.
ציט ער זיך אַזוי נאָכן גילדערנעם שיין.
שפּעט באַנאַכט שפּאַנט ער אין בית־מדרש אַריין.
ער בלייבט שטיין נישט ווייט פון דער שוועל.
נאָך אַ קאַפּיטל תהילים לעכצט די זעל.
שטייט ער אָנגעטאָן אין די בגדי־פּויער,
און זעט דאָס געצעלט פון יעקב

איז פול מיט ניגון פון טרויער.
אַ הייזער־גייער מיט אַ באָרד צעקאָשמעט און נאַס,
טאַפּטשעט אונטערן אויוון און כליאַפּטשעט
פון געווייקטן ברויט דאָס זויער קוואַס.
אין די ווינקלען, אין די שאָטנדיקע טיפן,
ליכטלעך טונקלען און טריפן.
איבער די גמראות שאָקלען זיך בית־מדרש בחורים.
און גרויע, קרעכצנדיקע זקנים.
אַ קאַפּיטל תהילים זאָגן ער הערט נישט קיינעם.
ביים שוואַכן שיין פון נר־תמיד.
זעט ער אַזויפיל לומדים זינקען אין אומעט,
ניגונים נאָגן
הויבט ער אָן תהילים זאָגן.
דער אַלטער דין דרייט זיך ביים שטענדער:
ווער איז אָט דער פרעמדער
וואָס זיין ניגון אַזוי שטיל,
גיסט זיך מיט גרויס געפיל?
אַלע שטילן. דאָס קול ווערט זיסער, דינער,
ווי עס זאָלן שפּילן די סטרונעס פון דוד המלכס כנור.
דער הייזער־גייער פאַרטראַכט.
פון גרויס מתיקות האַלט ער די אויגן צוגעמאַכט.
ער זופט נישט מער פון האַלצערנעם עמער.
אין פרעמדנס תהילים־זאָגן, ער הערט
דעם ניגון פון יעדן זמר.
די לערנערס זיצן פאַרשווייגענע און שטוינען:
אין אָרון קודש, די ספרי תורות קלינגען
מיט די זילבערנע גלעקלעך אויף זייערע קרוינען.
אין דעם קול דעם שטילן,
דער ניגון ווערט זיסער, דינער.
עס שפּילן אַצינדערט אַלע סטרונעס
פון דוד המלכס כנור.
ביים האַלטן דין דעם קפדן,
די אויגן בליצן.
פון זיין לאַנגער באָרד
ער ציט די ווייסע שפּיצן.
עס הויבט אים פון אָרט.
ער באָרעט זיך
מיט יעדן תהילימדיק וואָרט.
עפּעס איז דאָ נישט גלאַט.
ער זעט נישט מער די אותיות

אויפֿן לאַנגן גמרא־בלאַט.
נאָר דער פֿרעמדער, וואָס איז ערגעץ ווייט־פֿאַרטראָגן,
האַלט אין איין תהילים־זאָגן.
עס דאַכט זיך, אַז דאָס קול פֿאַרדבֿקהט און פֿריידיק,
זינגט און זאָגט: מ׳קאָן זיין אַן עובֿד אלקים
מיט בלעטער גמרא לאַנג און גרוים.
אָבער אַן תהילים, ליידיק פֿון שמחה איז גאָטס הויז.
דער דרויסן חלומדיק, בלוי.
גראָזן פֿאַרצויגן מיט ווייסער קרירה
פֿון מאָרגנטוי. דעם דין דאַכט זיך,
אַז ער הערט פֿון מלאָכים די שירה.
אַז אין פֿרעמדנס תהילים, אין זיינע קוואַלן־לויב,
דער אויפֿגעגאַנגענער מאָרגנשטערן
זינגט אויף דער בלייכנדיקער שויב.
דער דין רוקט אָפּ פֿון זיך דעם שטענדער:
אַ קוק צוטאָן: ווער איז
אָט דער אויסטערלישער פֿרעמדער?
פֿון בלויען, בלייכן שאָטן־רינג,
דער תהילים נאָגט און זינגט.
דער דין שלייכט אַרוים פֿון ווינקל.
דער מאָרגנשטערן ציטערט און פֿינקלט.
תהילים רופֿט און רעדט.
תהילים מורמלט און בעט.
דער דין זעט בחוש:
איטלעכס וואָרט פֿון פֿרעמדן
מיט אַ פֿייערדיק ליכט ווערט געקושט.
און ביי די לערנער דערשראָקענע ביים טיש
זעט דער פֿרעמדער מערנישט אוים,
ווי קיין ילוד־איש.
פֿלאי פֿלאָים: ווי נאָר דער דין געגענטער
צום אָרימאָנס שטענדער, לעשט זיך אוים אומגעריכט
דאָס פֿייערדיקע ליכט. און דער פֿרעמדער
כאַפּט דעם אָנבליק פֿון הערשקע־פֿויער וואָס
היט דעם האַלצערנעם טויער,
ביי דער אַריינפֿאַר־בריק.
און ווי, שיקע פֿישער,
זיינען תמימותדיק זיינע אויגן.
און יענער קאָן מערנישט, ווי כאַפּן
פֿיש מיט פֿעטע רויגן.
רוגזה שלאָגט פֿון דינס אויפֿגעהויבענע,

שטעכיקע ברעמען, און ער וואַרפט ווערטער
דעם פרעמדן צו פאַרשעמען:
אַזאַ ייד ווי איר איז גוט און וואויל,
ווען לעבן אויוון בײַ דער טיר,
אַ קאַפּיטל תהילים, ער זאָגט
מיט אַ שטיל מויל.
אמת, די עברי איז אַקוראַט,
און זי גייט בײַ אײַך
גלײַך און גלאַט.
וואָר, שיין איז גאָט צו לויבן
מיט אַ זיס קול הויך אויפגעהויבן.
פונדעסטוועגן, ווי איר זאָלט ניט זיין פאַרנומען,
וואָלט וואוילער געווען, אַז איר זאָלט אין בית-מדרש קומען,
און אייער תהילים זינגען, ווען די קאַוואַליעס
הויבן אָן מיט די אייזנס קלינגען.
דעמאָלט איז שוין נאָך דער לעצטער אַשמורה,
און איר וועט נישט ברענגען יידן צו ביטול-תורה.
ביים פרעמדן קאַרבט זיך און לייכט דער שטערן.
דאָס פּנים פייכט. די אויגן פול
מיט דער פרייד פון ליכטיקע טרערן.
דער מאָרגן פאַרבט מיט רויטקייט
דעם אלולדיקן הימל.
דער פרעמדער רעדט,
ווי דורך אַ דרימל:
דער פישער — שיקע-פויער,
האָט ליכטיקע אויגן.
דעריבער פון דער אַזעלע דער בלויער,
כאַפּט ער פיש מיט פעטע רויגן.
אין הימל פרייט מען זיך
מיט דער המוציא, וואָס ער מאַכט
אויף פאַסנע ברויט מיט קימל.
דין, מהיום והלאה, הויבט נישט אויף אייערע ברעמען
אַ פשוטן ייד צו פאַרשעמען.
ווייסט, ווען שיקע פישער,
דאַוונט ביחידות אין פעלד,
איז דער הימל — דער דאַך פון זיין געצעלט.
און די ווערטער פון זיין מויל, עברידיק פראַסט און רוי,
שמעקן ווי אויפן גרינעם שליאַך
דער ליכטיקער טוי.
אין זון-אויפגאַנג, ווען פון קאַסע

דער קלאַנג ציטערט
אויפן גאָלדענעם האַלדז פון דער זאַנג.
מורמלט ער מיט אַ פרום מויל:
רבונו של עולם, אַזוי איז וואויל.
שטיי איך אויף פרי
און זינג מיר ברכי נפשי.
דערפאַר פאָטער פון דער וועלט, דו אַליין בענטש
די הענט פון מיענדיקן מענטש.
שיקע פישער הערט אין דער אָזערע דער בלויער
דאָס קלאָרע וואַסער רינט.
מורמלט זיין פרום מויל,
און עס מורמלט מיט אים מיט
דער קילער, שטילער ווינט:
רבונו של עולם, הכל־טוב —
אַלץ אַצינד איז גוט און וואויל.
דין, דער השם יתברך איטלעך יידיש האַרץ שלייפט,
און ער געפינט זיך אַליין זיינע תמימי־לב.
און אַז אַ למדן קריגט גאוה פון דעם, וואָס
ער איז לאַנג ביי דער גמראַ געזעסן.
איז זאָל ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
אַז אַ ייד — אַ פראָסטער איש
גרייט ערלעך פאַרן אויבערשטן
זיין וואָכעדיקן טיש.
איז זאָגט ער למנצח,
איז דאָרט וואו ער שטייט, הייליקער ביי גאָט
ווי אין בית־המקדש דער מזבח.
יאָ דין, שוית ל״ד נגדך תמיד, מיינט:
זיי אַן עובד אַ דושם מתוך שמחה,
און פאַרטרייב עצבות און אומעט.
פישקע פישערס תהילימדיקער לויב,
זאָל אייך ליב זיין אין שאָטן, ביי דער אויפטאָגנדיקער שויב.
אויפן שול־דאַך די מאָרגנזון זיך צינדט
דער פרעמדער אַ משל מיט אַ מעשה פאַרבינדט.
אויפן האַלצערנעם שטענדער שטייט אָנגעלענט
דער פרעמדער.

דער דין דער גרויער
זעט אַ פרעמדן אין בגדי־פויער.
דער פרעמדער טוט איבערן געזיכט אים אַ וויש
אַ זייל־ליכט גייט אויף אויפן טיש.
דעם דינס אויגן וואָס ברווינען,

קוקן און שטוינען:
וואונדער פון ווייטע טעג,
אנטפלעקט זיך אין א נייעם וועג!

פאסטעך־הארן ציט און שאלט.
מארגנזון אין בית־מדרש שטראלט.
דער דין אנגעשפארט אן דער וואנט,
שטרעקט אויס זיין ציטערדיקע האנט:
— שלום עליכם רבי!
דער דין, דין און גרויס,
דרייט זיך צו די לערנער אויס:
— יידן די ליכט נישט פארלעשט,
מיר זיינען איצט תלמידים און ווילן
הערן א מעשה פון בעש״ט . . .

עס בלויען ר׳ הענעכס אויגן.
ר׳ הענעך זאגט:
די מעשה האט זיך פארצויגן
ביז טיף אינמיטן טאג.
דער דין איז געווען אחד מגדולי־הדור,
וואס האט אויף אזא אופן דערזען
פון חסידות דעם גרויסן אור.
ער איז געווען איינער פון די תלמידי־בעש״ט —
הייליק און פארהוילן. ער האט פארשפרייט
דאס חסידות אין יידישע שטעטלעך פון אוקראאינע און פוילן.
אין דער נאכט דער שפעטער, ווען
עס לויטערט
דער ניגון פון די ריינע ווערטער.
פלעגט ער זאגן:
הויכע מחשבות קאנען צו ווייט
דעם מענטש פארטראגן.
מ׳קאן אבער הערן גאטס טריט,
ווען די תפילה רעדט
פון א צעבראכן געמיט.
און די פרוכט פון פרייד,
איז אייגענע, לויכטנדיקע רייד.
אזוי האט דער בעש״ט, זכרונו יגן עלינו,
אין בית־מדרש פארן דין זיך אנטפלעקט.
השם יתברך זאל אונדז שיקן דעם גואל
און אלע בלאנדזשענדיקע פון די ווייטסטע טעג

אַרויפפירן אויפן ריכטיקן וועג . . .
ר׳ הענעך קרעכצט:
די נשמה פון יעדן מענטש זוכט און לעכצט.
און ביים אַלטן רבין, זכרונו לברכה,
האָט זיך שטענדיק דער שטערן געקאַרבט,
מחמת דעם צער פון יידישע דורות
האָט זיין האַרץ געאַרבט.
דער אַלטער רבי זאָל זיין אַ מליץ־טוב,
פלעגט זאָגן: פון אַ ייד וואָס דינט מלכות, אַנטלויף!
אַזאַ וויל זיין אַ געוועלטער.
און ער פאַרמאוסט יעקבס הייליקע געצעלטער.
ער וויל נישט זיין מיט אונדז אין גלות, אין דער נידער.
וסופו: ער ווערט אַ מלשין און פאַרקויפט זיינע
אייגענע ברידער.
און דער היינטיקער רבי זאָל מאריך ימים־זיין,
האָט איינמאָל אויף אַ שפּאַציר אַזוי געזאָגט:
צו דער הויכער מדרגה פון איש
דערגרייכט יעדער ייד ביים
הייליקן, שבתדיקן טיש.
נאָך דערציילט מען:
אַז פאָרנדיק אויפן ווינער שטראָז,
איז ער געווען טרויעריק און אַזוי געזאָגט:
רבונו של עולם. לעשות רצונך,
זיינען יידן גיכער פונעם גראָז.
איז פאַרוואָס זשע איז דיין הימלדיקע הויך
פאַרצויגן מיט פייער און רויך?
דערנאָך האָט ער געטאָן אַ קרעכץ: אוי וויי!
און טרערן קיילעכדיק און גרויס
זיינען פון זיינע הייליקע אויגן אַרויס.
די אַלטע חסידים זיפצן שטיל, פאַרקלערט,
און ציען די ווייסע שפּיצן פון די בערד:
דעם צדיק־הדור
איז שברון לב באַשערט . . .

לבנה פון איר זילבערנעם בעכער,
טריפט ווייסן טרויער
אויף הויכע, פאַרשנייעטע דעכער.
אין שטיבל, אין זיין שאָטנדיקער שטיל,
רוישט אַריין פון אויטאָ דער געבריל.

דער וכוח

אויפן וועג אהיים
זאגט ר׳ הענעך צו יאסלען:
זאל אזא חסידישע מסיבה
אין דיינע אויגן נישט
זיין ווינציק און קליין.

יאסל אבער פרעגט:
ר׳ הענעך, איז דאס
דער וועג?

איר זענט דאך א ייד — א בעל שכל,
זעט איר דאך אז פרומקייט
און חסידות איז דא א צעבראכענער
היכל.

פארוואסזשע טוט איר זיך אליין גענארן, אז
מ׳קאן א היימיש חסידים־שטיבל
אין א היג שולעכל איינשפארן?

ר׳ הענעך זיפצט און ענטפערט געלאסן:
אומעטום זיינען די זעלביקע,
יידישע גאסן.

דער חסידישער דרך איז צו פילן
פון יידישן גלות דעם פיין,
און דעריבער אויף יידן שטענדיק
מלמד זכות צו זיין.

א ייד דארף האבן אמונה,
און תמיד האפן, אז פאר זיין
תפילה זיינען שטענדיק אלע
שערי־רחמים אפן.

נו, קאנאדע איז אויך נישט
קיין ליידיקער און וויסטער טאל.
חסידים, ווי אלט,ווי קליין אין צאל,
אז זיי קומען זיך צונויף
בא א מלוה מלכה,

זייערע הערצער צו דערוואַרעמען, וועט
השם יתברך העלפן,
און זיך דערבאַרעמען.

וואָרים, וואָס עס קומט פון
ריינעם קוואַל, קאָן נישט ווערן
פאַרפלעקט, און אויך אין דיינע
שירים, אויף אַן אַנדער אופן און וועג,
די בענקשאַפט פון דער נשמה ווערט אַנטפּלעקט.

כאָטש דו ביסט נישט פרום,
איז דיין וועג אויך נישט פאַלש און קרום.
וואָרים אויך דיין בריק פון מאָרגן
אין דער שיינקייט פון נעכטן ליגט פאַרבאָרגן . . .

די מסיבה קליין?
אַבי נישט אַליין.
וואָרים פון אַ מנין וועט זיך
מערן, און אַזוי
וועט עס ווידער אַ גאַנצער בנין ווערן.

און דו — אויב דו האָסט צען לייענער,
טאָרסטו אויך נישט
זיין קיין וויינער.

דעריבער זיינען צו דיר מיינע רייד:
אין חלום און אויפן וואָר,
לערן זיך און אונטערשייד
וואָס איז טמא, און וואָס
איז טהור. ועל זה
אני בוכה כי לשני שולחנות
לאו כל אדם זוכה . . .

די לאָמפּן וויגן זיך
אין דער ווייסער נאַכט.
יאָסל פאַרטיפט אין שוויגן
טראַכט: אַזוי פיל נעכטנס
אין אים צאַפּלען.
און ביי הענעכן דאַרף אַ מענטש

דאָס גאַנצע לעבן
שטייגן אויף שווינדלענדיקע שטאַפּלען.

און יאָסל אין דער נאַכטיקער שפּעט,
בראָדזשעט אין שניי און זעט:
אין קאַלטן, פראָסטיקן ווינט,
גיסט דער הימל בלויען טינט.
אין די שטאָלענע שטריק
פון דער הויכער, הענגענדיקער בריק,
דאָס בלוט פון דער עלעקטריק רינט.
און אין גלאָזענעם לאָמפּנליכט
ברענט און בלענדט
גאָטס ווייס און הייליק ליכט.

שלמה עצהט אים אין „קולטור צענטער" צו גיין

אין דער ווינטער־נאַכט דער גרויער
טרענקט יאָסל אין אָפּגרונט פון אייגענעם טרויער.
ער בענקט און ווייסט, אַז פייגע האָט פאַר זיין הארץ,
דאָס וואָרט פון שטילער טרייסט.
ער איינזאַמט אין דער נאַכטיקער שטיל,
ער שרעקט זיך פאַרן נייעם, בענקענדיקן געפיל.

אין די אייגענע בענקענדיקע רייד,
ער קאָן נישט געפינען קיין באַשייד
ער פרעגט: וואָס טוט מען מיט
דער ליבע וואָס ווערט אויפסניי אַנטפּלעקט?
וויפיל נאָך נעכט דאַרף דער טרויער צערייבן,
אַז פון פאַרליבטע טעג זאָל גאָרנישט בלייבן?
נאָר די בענקשאַפטן יערן און ווייסן;
אַז אין „קולטור־צענטער" וועט פייגע הערן
דעם פּיין פון זיינע טרערן.
לאַנגע, ווינטערדיקע באַנאַכטן
וואַקלען און טראַכטן.
שלמה זעט און זאָגט:
ווערסט ברודער פון בענקשאַפטן געפּלאָגט.
עס וואָרט אויף דיר פון ליבע דער טוי.

און דו ווי די נאַכט ביסט טרויעריק און גרוי.
כאָטש די ליבשאַפט אין דיין האַרץ איז צעצונדן
ביסטו פון אייגענעם טרויער געבונדן.
דיין פאַמעלעכדיקער גאַנג — אַ סטעזשקע קליין און שמאָל,
דעריבער הערט מען נישט אין דיין געזאַנג
דאָס געשריי פון די הונגעריקע און אָרעמען טאָל.
איך דערקען אויך, אַז כאָטש דיינע אויגן
הויבן זיך צו דער בלויער הימל־הויך,
טוסטו בענקען און וואַרטן,
אויף פייגעס וואָרט דעם צאַרטן.
איז ברודערל, אוים מיט דעם טרויעריקן אַליין,
היינט באַנאַכט וועלן מיר ביידע
אין „קולטור־צענטער" גיין.
און אין פייגעס אויגן, וואָס פיבערן און ברענען,
וועסטו דיין אייגענע בענקשאַפט דערקענען.

שלמה הערט וועגן פייגען

ביידע אין „קולטור־צענטער" שפּאַנען.
שלמה האַלט אין איין טענהן:
ברודערל, איידער צו זוכן אין די הימלען, וואָס בלויען,
בעסער זאָלסטו פייגען וועגן צירלען פאַרטרויען.
פייגע איז אַ מיידל גאָר פון אַנדערע שטאָפּן.
רעד צו איר אויפריכטיק, אָפן.
און זי וועט מיט ברוגזן נישט באַשטראָפן.
ברודערל, נאַרסט זיך אַליין, אויב דו מיינסט,
אַז בענקסט בלויז נאָך צירלען,
עס איז אויך פייגע,
וועמענס האַרץ איז איצטער פאַר דיר
אַ ברייטע, אויפגעפּראַלטע טיר.
וואָרים איטלעך איינער דערקענט,
אַז אין פייגעס בליק טרויעריק פאַרקלערט,
בלאַנדזשעט און ברענט אַ פאַרבענקטע טרער.
יאָסל ענטפערט אויף זיין טענהן:
שלמה, אַ דאַנק פאַר דערמאָנען.
יאָ, איך וועל דעם טרויער אָפּשיילן,
און איר וועגן צירלען אַלץ דערציילן.
איך האָף, אַז וואָס איך וועל דערקלערן,
וועט אונדזער חברשאַפט נישט צעשטערן . . .

אין דינעם שנייאיקן רויך
שאָטנס צאַפּלען אויף און שרעקן.
די שטערן אין דער בלויער הויך —
מיניענדיקע, גילדערנע פלעקן.

אין דער יידישער אַרבעטער שול

אין לאַנגן, אָנגעפּראַפּטן קאָרידאָר
בלייכע ליכט־רינגען
שימערן און שפּרינגען.
קעפּ שווימען און טויכן
אין די ציגאַרעטן־רויכן.

דער קאָרידאָר ברייט און גרויס,
פול מיט יוגנט, וואָס ברויזט
מיט דער פרייד פון יונגע יאָר.

יאָסל מיט קיינעם נישט באַקאַנט,
שפּאַנט אין רויש, ווי
אין אַ היימיש לאַנד.

אין די אָנגעפּראָפּטע ווינקלען
אויגן פייכטן און פינקלען.

רויש. געפילדער.
שלמה ברענגט אים אין אַ צימער
באַהאָנגען מיט בילדער.

יאָסל בלייבט שטיין אין דערשטוין:
אויף לאַנגע פּאַפּירן יידישע אותיות
אין קאָלירן רויט, גרין און ברוין.

יידישע אַרבעטער שול
קליין און ענג, אַבי
אין יידישן וואָרט
דאָ מען געדענקט.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער אין ראַמען.
פּרצס אויגן — צוויי ליכטיקע פלאַמען.

אַט — בערג וואַלדיק, קיל
קלאַמערן אַרום אַ דערפל
מיט שעפּטשענדיקע טייכלעך, וואָס
בלאַנדזשען אום אין דער
גרינער, שאָטנדיקער שטיל.
און אויף טיפע, טאַליקע לאָנקעס
מרוקען פּאַשענדיקע קי.
אין פייכטן, הויכן גראָז זינקט
אַ פּויער ביז די קני.

און אונטער אַ בוים רוט אַ פאַרמער
אין אַ ברייטן, שטרויענעם הוט.
די זון קילט איר צעפּלאַמט פּנים
אין קלאָרן, קאַלטן וואַסער-ברונעם.
אָט אויף אַ דינער שנור הענגט
אַ בילד פון עבר-לים:
אַ היימישער בעל-עגלה פירט
מיט אַ געפּאַקטער פור
בערדיקע יידן צום באַן.
אָט דער אַלטער יידישער שטאָם
מיט דערשראָקענע טריט, שטייט אין פּאָרט.
און אַ ייד טרויעריק, פאַרטראַכט
בליקט מיט אַ געדיכטער, הדרתדיקער באָרד.
און ווידער בלענדט דער זון-בעכער
אויף בלויע פעלדזן-ווענט,
און פון די הויכע פעלדזענע דעכער
שפּרינגען וואַסערן
אויף שטיינערנע קעפּ, און וועקן
דעם וויטן, פאַרדרימלטן סטעפּ.
און צווישן די בילדער און פּאָרטרעטן,
יידישע ווערטער די אויגן גלעטן,
און מעלדן וועגן געפאַלענע
אַרבעטער-העלדן.
און אָט גאָר דער ערשטער מאַי אויף אַ בילד.
פּנימער פריילעך און מילד. צווייגן-טויער.
אַרבעטער און פּויער
הויבן האַמער און סערפּ,
און מיידלעך טראָגן רויטע בלומען
אין פולע, גרינע קערב.

אין רוישיקן שטאָטישן טאָל
טומלט מאַרק און גאַס.
און אין יידישן קינדער־קלאַס
איז ליב און טייער אַ יידיש אות
געשריבן מיט אַ פאַרשפּיצטן בלייער.

די אַרבעטער זיינען פון יידישן וואָרט — די באַגערער.
געבענטשט זאָלן זיין די היימיש־געטרייע, יידישע לערער.
שווער? פון אַ מנין וועט ווערן מער.
אַ ביכל, אַ טאָוול, אַ טישל און אַ שטול.
אָט דאָס איז די ליבהאַרציקע אַרבעטער שול.

דער אַרבעטער־אָרקעסטער

שלמה ברענגט אים אין אַ פול־געפּאַקטן זאַל,
באַצויגן מיט אויפשריפטן און פענער,
וואו אַן אָרקעסטער שאַלט
און ציט אויף הויכע טענער.

רינגען און רייפן פון ציגאַרעטן־רויכן,
לויפן אין די גרויע הויכן.
בלויע בלוזן. רויטע שלייפן.
יאָסל אַ פאַרטראַכטער און פרעמדער,
זעט פייגען פאַרזונקען ביי אַן אייזערנעם שטענדער.
עס גייט אים דורך אַזאַ זיסער ציטער.
ווען איר פריידיק געזיכט לויפט צו אים,
דורכן ליכט פון די דינע, שטראַליקע ריטער.

מעלאָדיען קלינגען.
סטרונען צאַפּלען. פינגער שפּרינגען.
יאָסלם בליק אַקערט דעם נעפּל־רויך,
און פייגע לאַכט צו אים פריידיק, הויך.
בלוטן פליסן. און מיט רויטקייט
דאָס פּנים פאַרגיסן.
אויף איר סאַמעטענעם סטענגעלע די לבנה דרימלט
איבער די שמעקעדיקע היי־סטויגן.
און די טויבן מיט די שיינע, שטילע, פאַרליבטע אויגן,

הויבן זיך און פליגלען
צו הימלדיקע שפיגלען.

סטרונען צאפלדיק, צעצויגן.
עס פריידיקן פייגעלעס פינקלענדיקע אויגן.
און מיט אָרקעסטער-געשאַל
פול איז דער זאַל.

אויף די בלויע בלוזן
פלאַטערן די רויטע שלייפן.
רינגען און רייפן פון ציגאַרעטן-רויכן
קייקלען זיך אין די הויכן.
מעלאָדיעס שפּאַרן פון די אָנגעצויגענע גיטאַרן.

אין ברויז פון מעלאָדיען, אין רויש פון די רייד,
ליכטיקט פון גלויבן די פרייד.
און וועגן דער שעה דער געגאַרטסטער און גרעסטער,
שאַלט אין זאַל דער אַרבעטער-אָרקעסטער.

דער רעפּעראַט

די פרייד טיף און גרויס,
דער אַרבעטער אָרקעסטער ברומט
און ברויזט.
פּלוצלום, אַ בחור — ביינערדיק, שלאַנק,
מיט אַ האלדז דין און לאַנג,
שטייט אויף דער
בינע פון נישט-געהובליעוועטע
ברעטער, און קנייטשנדיק די
בלאָנדע ברעמען, הייסט ער אַלעמען
פאַרנעמען ערטער: חברים
און חברטעס, איך לאָז אייך
וויסן, אַז איצטער די רעפּעטיציע
מיר שליסן, ווייל מיר האָבן נאָך
היינט פון חבר באַרנבוים אַ רעפעראַט:
„וואָס גיט די יידישע ליטעראַטור
דעם פּראָלעטאַריאַט?"
עס שטומען די אינסטרומענטן.

אין זאַל הילכן אַפּלאָדיסמענטן.
אין געברויז, שרויפּט זיך
פייגע אַרויס פון דער ענגשאַפט,
און זי ברענגט יאָסלען אירע פריידיקע אויגן,
פול מיט פלאַמיקער בענקשאַפט.
אין זאַל שטיל, ווי נאָך אַ געוויטער,
איר האַנט קלאַמערט און קילט,
און יאָסל פילט פון ליבשאַפט דעם
זיסן ציטער.

פייגעס פאַרבענקטע אויגן
פייכטיק, פול, און זי טוליעט זיך
צו אים אויף דער שטול, און טראַכט:
זיין האַרץ — אַ קוואַל פאַרשלאָסן
לויטער און ריין, וועט אָבער אָן פיין, אָן טרערן
נישט ווערן אויפגעמאַכט פאַר איר
העלער שיין.

דער זאַל מיט שטילקייט פול.
באַזעצט איז יעדער שטול.

אויפן נאַקעטן שטענדער
אַ גלאָז וואַסער שטייט.
עס סקריפּעט אַ ברעט. חבר באַרנבוים
גייט אויף דער בינע און רעדט.
און בחורים און מיידלעך,
קעמפעריש און יונג, שלינגען
די הויכע, הילכיקע רייד,
וואָס שפּרינגען פון זיין צאָרנדיקער צונג:

פאַר היינט, פאַר אונדזערע קעמפער
איז אַפּאַטאַשום „פוילישע וועלדער"
גאָרנישט קיין ענטפער.
די רעוואָלוציע רודערט און רוישט
און שלום אַש זעט די ברכה
אין דער אָרעמער מאַמעס געפלאָכטענעם קויש.
און ער מיינט אַלץ:
אַז דו, יידישער אַרבעטער גלויבסט
אין דער אידיליע פון שבת אויבסט.
און ער פאַסמאַקעוועט זיך נאָך אַלץ

מיט ר' יחזקאל גאמבינערם און ר' שלמה נגידם
אויסגעפּרעגלטע גריוון און טעם
מיט געגדזן שמאַלץ.
דעריבער מיר אַרבעטער־פירער זאָגן:
יידישע אַרבעטער, פּאַרט
נישט אויף שלום אַשם שבת קודשדיקן וואָגן!

ניין, מעגן זיינע ווערק זיין
קינסטלעריש און שיין, קאָנען מיר
נישט זאָגן: יידישער אַרבעטער
נעם, און לאָז זיך טראָגן
אויף דער פאַנטאַזיע
פון „שטעטל" און „קידוש השם".

מיר נויטיקן זיך אין אַרבעטער־טיפּן,
וואָס אונדזערע געפילן
רעדן דורך זייערע ליפּן.

מיר האָבן ליב
די אַרבעטער פּאָעטן, וואָס
פליען נישט אָונט־צייט
אויף גאָלדענע קאַרעטן.

מיר דאַרפן פון לעבן דאָס
רעאַלע בילד, און נישט
די בורזשואַזע שרייבער
מיט דער שבת קודשדיקער שילד.

יאָ, עס וועלן פאַלן יענע, וואָס אַנטלויפן
פון די אַרבעטער־קוואַלן.
און לאָמיר זיך נייגן פאַר אַברהם רייזען
וואָס איז אונדז, ווי אַ ברודער
נאָענט און אייגן.

מען דאַרף גאָרנישט טראַכטן:
מיר ליבן און אַכטן
איטשע מאיר ווייסענבערג, וואָס
צו די בלוט־צאַפּערס ער איז נישט
ווי שלום אַש סענטימענטאַל און מילד

און פון קעמפערישן
שטעטל האָט ער געמאָלן אַן אמתדיק בילד.

און יאָ, פאַרוואָס זיינען היינט
נישטאָ אַזעלכע רירנדיקע
דערציילונגען ווי „דור הולך
ודור באָ"? ווייל אַלע
יידישע, בורזשואַזע שרייבער
זיינען פען-קנעכט און צוקאַפּנס
דעם אָפּגעשטאַנענעם,
אַלט-פרענקישן נעכטן זיי' ציגדן
שבת קודשדיקע לעכט.

יידישע אַרבעטער, איך וואָרן אייך
דאָס זיינען רענעגאַטן און זייער
האַרץ איז שוואַרץ, שוואַרצער
פון די לאַנגע גלחישע כאַלאַטן.

דעם יונגנס קול שטורעמט
קעגן שטעטל און אַמאָל.
בייז און גאַליק
ברוויזיקט ער און שאַליקט
אויף יאָסלס באַליבטע
שרייבער פון שלום אַש
ביז חיים נחמן ביאַליק.

דער רעפערענט רעדט מיט
אַ טיף-פּוילישן אַקצענט.
און יאָסל דערקענט זיין שיפסברודער
מיט די געזונטע הענט.
יאָסל קוקט אויף חבר באַרנבוימס
ברעמען מיט די האָריקע מאָכן.
ער קאָן דאָס קול מער נישט
פאַרנעמען, ווי זיינע
שרייענדיקע ווערטער וואָלטן
היילקייטן אין אים געבראָכן.

הייסע שווייסן פון יאָסלס בלייכנדיקן
פּנים רינען. פייגע פילט,

אַז איצטער ווייל יאָסל פון איר, פון אַלעמען
אַנטרינען.

פייגע פאַרקלעמט זיין האַנט
און פליסטערט:
נישט באַזונדער, נאָר
באַנאַנד מיר וועלן
גיין אין היגן לאַנד.

יאָסל פאַרשטילט, ווי נאָך
אַ געוויטער, פילט
פון דער ליבשאַפט דעם
זיסן ציטער.

דער רעפערענט שרייט.
זיין בליק ברענט
און שניידט די רויכיקע שטריק.

אויפן שטענדער שלאָגט
זיין פויסט, און איבער
אַלעמענס קלעפּ טראָגט
זיך דאָס קול וואָס ברויזט:
און איצט צום ענד,
צו אַלע שרייבער אונדזער
רוף געווענדט:

פאַר אַלעמען דער הימל בלויט.
קעמפט קעגן
שקלאַפעריי און נויט.
דאָס פאָלק מען דאַרף אויפהויבן.
און אומעטום, אויף יעדן אָרט
מיט דער קראַפט פון אייער וואָרט,
קעמפט קעגן די לאָרדן, וואָס
רויבן און מאָרדן!

הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן
ברומען.
און די סטרונען און אינסטרומענטן
שטוינען און שטומען.

פייגע לאַכט:
אין אַ רעסטאָראַן אַריינצוגיין
מיט חברים איז נאָכנישט
שפּעט די נאַכט.

פייגעס פּנים
פול מיט לויער
און זי זעט: פון זיינע
אויגן רינט דער טרויער.
און זי קען ווידער נישט
פאַרשטיין, איז עס
פאַרבאָרגענע פּיין
אָדער פון ליבשאַפט דער לויטערער שיין?

איר האַנט אין זיינע פאַרקלאַמט,
נאָר פון יאָסלס פּנים דער טרויער שלאָגט.
און אַ צעווייטיקטער ער זאָגט:
אויך דער אמת איז אַ סם,
ווען די שנאָה איז זיין פּלאַם.
איידער גיין צעקריגט באַנאַנד,
בעסער זיצן איין-אַליין ביי אַ ווינקל וואַנט.

פייגעס פאַרבענקט געפיל,
פאַרשטייט וואוהין ער צילט.
זי ווייסט אָבער אויך אַז יונגע, פאַרליבטע יאָרן
ווען אין דער בענקשאַפט נישט ווערן פאַרלאָרן.
זי ווייסט זי איז יאָסלען נאָענט און נייטיק.
דעריבער שווייגט זי, אַפילו, ווען עס ברענט פון צאָרן
דער פאַרשטיקטער ווייטיק.

פייגע לאַכט נישט מער.
אין איר בליק בלענדט די טרער.

עס שרעקט זי דאָס אייגענע האַרץ וואָס טראַכט:
פאַרוואָס פאַרשאַרפט ער פון ווערטער די שלאַכט?
פאַרוואָס די אומזיסטע שטראָפן,
ווען די בענקשאַפט איז אַנטפּלעקט און אָפן?

פאַרשטילט די אַפּלאַדיסמענטן.
עס שטומען די אינסטרומענטן.

איר האַנט אין זיינער פאַרקלאַמט.
פייגעס פּנים לויטערט און פלאַמט.

צעקרינט

קיינעם איז נישט ענג,
אַרום די צונויפגערוקטע טישן און בענק.

פייגע טרייסלט אירע פאַרשאַרצטע האָר.
גוטמוטיק, שפּאַסיק זי שטעלט
אים פאָר: אַ פּאָעט וואָס זינגט
צו אַ פּרויען־סילועט.

יאָסל שטרעקט די דינע האַנט
און ווערט מיט די אַרומיקע
באַקאַנט:

— דאָס איז אונדזער אַלעמענס פריינט
חבר גאָרמאַן. אים האָבן פיינט
באָס און פאָרמאַן.

עס שאָקלט צו אים אַ שוואַרץ־געדיכטער
קרויזן־קאָפּ און פון זיין טונקל
און פול פּנים, אַ ליבער, שטילער שמייכל
פאַלט אַראָפּ.

חבר גאָרמאַן הויבט די אַקסלען
ברייט און פעסט, און די שויב
פון זיין בריל מעסט זיין הייך,
ווען ער זאָגט שטיל און ווייך:

פייגע דערציילט וועגן אייך,
אַז איר טראָגט פון שטעטל
דעם טרוים פון טייך און בוים.
וואָס נאָך? אַז איר ווילט
פאַרשבתן די וואָך.

אייערע לידער איך לייען.
און אָט וואָס איך מיין:

אייער שורה געצוימט און קליין,
איז על פי פּאָעזיע טאַקע
געפּילפּול און שיין. אָבער אַ פּאָעט
פון טיף געפיל, דאַרף אויך
האָבן אַן אידייע, אַ ציל.
נו, „טאַטשקאַ", פונקט.
אָבי איר האָט דעם
פּאָעטישן פונק.

דער לאַדזשער רעפערענט
מיטן פּנים פון פראָסט
און ווינט אָפּגעברענט,
שוויצט אין דער וואַרעמער
פּאַרע פון רויך־רעדער,
און קייט „אַ סטעיק"
פאַרברוינט און האַרט,
ווי לעדער.

ער הערט און קוקט פאַרקלערט.
פלוצלים פאַלט דער גאָפּל פון דער האַנט אים אַרויס
און אַ פריידיקער שרייט ער אויס:

אַ חבר יאָסל קופער! איטלעך איינעם מאָל איך אויס
אייער לענג און גרויס, נאָר קיינער
ווייסט נישט דעם אַדרעס
פון אייער הויז. אַ ברודער
פון איין שיף, וואָס שרייבט
פאַרליבטע בריוו פון וועג,
קאָן פון זכרון
נישט ווערן אויסגעמעקט . . .

ווי זיסלעך שאַרפן וויין
ציט יאָסל די קאַווע אין זיך אַריין.
דעם לאַדזשער יונגס קנאַקנדיקע ציין,
דערמאָנען אים אין פאַרשטאָכענעם פּיין,
ווען דער שטורעם־ווינט זעגט און ברעכט
מיט דער צעשליידערטער שיף די ימיק־יאָמערדיקע
טעג און נעכט. דער לאַדזשער יונג, וואָס
שלינגט אים מיט זיין שמייכלדיק אויג,
שפּרינגט ראַפּטום־אויף, כאַפּט אים אַרום

און ברומט: אַי, גוט וואָס איר האָט
זיך ענדלעך געלאָזט ווערן דערקענט, ווי
יוסף הצדיק צו זיינע ברידער
אין דער פאַרוואָגלטער פרעמד.
איך האָף, אַז אַצינד, זענט איר שוין
מער נישט קיין בלינדע, האָרכנדיקע שאָף.
וואָרים איר קלאַפּט דאָך אַליין שוין מיט
אַ מאַשין אין שאָפּ. און איר ווייסט
שוין דעם טעם פון שלעפן זיך
אויף די הויכע, געדרייטע, מאַנטרעאַלער טרעפּן.
איך האָף דעריבער, אַז וואַגנדיקער
וועט ווערן אייער האַנט.
און פאַטישע שטאָף פון אַרבעטער-לעבן
וועט אייער טאַלאַנט שעפּן און געבן.

נו, מיט ברויט איר זענט
שוין זאַט? איז וואָס זשע
איז אייער איינדרוק פון מיין
היינטיקן רעפּעראַט?

אַיאָ, פון אַרבעטער-לעבן
דאַרף שעפּן אַן אייגענער
טאַלאַנטפולער יאַט?

עס קייקלען זיך גרויסע,
גרויע רעדער-רויך,
און יאָסל זאָגט בייז און הויך:
בּאַ אייך איז קיין שטעטל נישט פאַראַנען,
נאָר אַ לעבן אַלט און גרוי,
וואָס איר פאַרברענט מיטן נעכטן,
ווי אַ פאַרפוילט בינטל שטרוי.
און יעדן טאַלאַנט שיין און עכט,
מיט אַ מאַך פון דער האַנט
איר פאַרשוועכט.

נאָר דער לאַדזשער רעפערענט
אויף זיין ווייכן אַקצענט,
רואיק און קאַלט ענטפערט באַלד:
ליטעראַטור איז נישט
קיין הייליקער כזית,

און די מאַסן ליבן פאַרט
פּרצן פאַר זיין
„באַנטשע שווייג" און „שלום־בית".

אַ פרוי אין אַ בלוזע פון טיפן בלוי
לאַכט: אַ, אַן אינטערעסאַנטער
ווערטער־שלאַכט!

די היץ פון קיך גיסט זיך
און שטראָמט. אַ צעבראָכענע שטול
אויף דריי פיס, שאָקלט זיך
און לאָמט.

אַרום אים פּנימער פול מיט געשפּעט,
יאָסל בלאַסט און רעדט
מיט כּעס: און פאַר וועמען זיינען די ווערק
„אַראָפּגעלאָזטע אויגן", שרה בת טובים"
„צווישן בערג"?
פאַר וועמען זיינען אָנגעגרייט
„אויב נישט נאָך העכער"
און די „גאָלדענע קייט"?

אין צאָרן־פלאַמען,
איר פאַרברענט
די דורותדיקע שטאַמען.

יאָסל שטייט אין נעפּלדיקן גרוי,
און אין זיינע אויגן לויכט
פון טרערן דער טוי.

פון באַלקן, פון דער פאַרשוויצטער רער
טראָפּנט אַראָפּ אַ קאַלטע טרער.
פייגע איינגעטיפט אין די צווייי —
בריט זיך מיט דער הייסער טיי.
זי הערט די שאַרפע זאַצן,
וואָס שלייפן זיך און פּלאַצן.
נאָר פאַר אַלעמען גאָר אומגעריכט,
צעגיסט זיך אַ צאָרנדיקע רויטקייט
אויף איר שמייכלדיק געזיכט.
אירע פלאַמיקע אויגן ווערן

מיט פייכטע נעפּלען פאַרצויגן.
זי רייסט זיך אַרויס פון אייגענעם שווייגן.
און שטעכיקע ווערטער פּאַכען און פייפן,
ווי דינע, ריטערדיקע צווייגן.
יאָסל דערהערט אַ בייזן כריפּ.
עס פייכטיקט און ציטערט
פייגעם אונטערשטע ליפּ:

איר האָט שוין אַרבעטער־הענט,
אָבער איר אַליין זענט נאָך
דער זעלביקער, צעקראָכענער
אינטעליגענט!

פאַרוואָס צאַרנט איר נישט און שעלט
די רויבער פון איבער גאָר דער וועלט?

וואָס ווייסט איר פון די מענטשן אין דער נידער
צעפייניקטע פון נויט?
פאַרוואָס זיצט איר און שרייבט סענטימענטאַלע לידער
וועגן אַן איינגעפאַלענעם פלויט.
הערט אַ פּאָעט! און יאָגט זיך
נאָך אַ דינעם שאָטן פון אַ פרויען־סילועט.
אים שטייט נישט אָן קיין אַרבעטער־מיידל.
זיין ליבשאַפט ליגט פאַרהאַקט,
ווי אין אַ שטאָלענעם שיידל . . .
וואו האָט איר געזען שטערנדיקע שויבן שיינען?
זיכער נישט אין די אָרעמע גאַסן
אָנגעזאַפּט מיט פּיינען!
איר זענט שטענדיק פאַרטאָן מיט זיך אַליין,
איר הערט קיינמאָל נישט פון בענקשאַפט עמעצנס טיף געוויין!

זי זעצט זיך צוריק דערשראָקן, פאַרלאָרן.
אין אירע אויגן שטילע טרערן קלאָרן.
צאָרנרייד אין אים זיך צינדן.
ער וויל פון דאָזיקן עולם גיכער פאַרשווינדן.
נאָר חבר גאָרמאַן וואָס האַלט דעם קאָפּ צו אים אויסגעבויגן,
גלעט אים מיט זיינע שמייכלדיקע אויגן.
רעדער־רויך הייס און געדיכט,
קייקלען זיך אַרום זיין געזיכט.
ער שאָקלט מיט זיין קרויזנקאָפּ,

און רעדט פון הארצן זיך אראפ:
איך זאג אייך, די יידישע ליטעראטור
ווערט א גרויסער, ליידיקער טייך.
זאל דער ארבעטער-קלאס
רייסן א פאס נאך א פאס.
יא, איך ווייס, אז אין אונדזער פיין
זינגט איר צום שטערנשיין.

אבער די מערסטע בורזשואזנע שרייבער,
וואס פרומען און גלאצן, פארשטעכן
זיבן זיסע סאמען אין זייערע, איידעלע שפראצן.
א קעמפערישער דיכטער טאר זיך נישט פארבארגן און זוכן לוינען.
אין דער ליכטיקער וועלט פון מארגן, וועלן
פרייע דורות זינגען וועגן אונדזערע רומפולע קעמפער.
— זינגען און שטוינען!
איר דארפט ווערן א נאש-בראט.
איר דארפט בלויז אויפהערן טראגן
די אידיליע פון שטעטל,
אונטער אייער פארצויגענעם כאלאט.

חבר גארמאן אין אייגענעם ציגארן-רויך פארהילט,
זייטיקט זיך צו יאסלען, וואס
גאפעט צעשויבערט און ווילד:
אונדזער חבר פאעט ראנגלט זיך
דערווייל מיט דער בענקשאפט צו די היימישע ערטער
און מיט נאקעטע טריט ער גייט אויף רויע ברעטער.
און ווידער און ווידער
שרייבט ער די זעלביקע, סענטימענטאלע לידער
און באזינגט אין שטעטל דעם ערב-שבתדיקן הימל,
און אויפן איינגעפאלענעם פלויט —
דעם פייכטן שימל.

דעריבער ווי פון ליבע דער ווייטיק,
אזוי איז דער שאפ אייך נייטיק.
אייער וועג וועט ווערן אפענער, דערקענטער.
און צו אונדז וועט איר קומען נאענט, נענטער.

יאסל צעצארנט, ווילד
זעט נישט דאס ליכטיקע בילד:
פייגעם טיפע, פארטרערטע אויגן

שמייכלען ווידער צו אים האַרציק, מילד.
ער שטייט און טראַכט.
די פרוי אין בלוי לאַכט.
שווייסן רינגען. אויגן גרינגען.
ער וויל אויף גיך
אין דער ווייסער נאַכט אַנטרינען.
ער שטייט און קלערט:
פּאָעט, דאָס וואָרט איז דיין שווערד!
פייגע מיט איר צאָרן,
וואָרפט דיך אויפן שאַרף פון דאָרן.
קיינער דאַרף נישט קיין ציטערדיקע האַרף.
קיינער דאַרף נישט פון בענקשאַפט דאָס ליד,
וואָס פיבערט אין פּאָעטס געמיט.
זיין פנים צוקט פון ווי.
עס פּלאַצט פון צער דאָס געשריי:
איידער גיין צעקריגט באַנאַנד,
גלייכער בלאָנדזשען איין־אַליין
אין לאַנד פון אונדזער נעכטיק געוויין!

פנימער דרייען זיך און מישן.
יויך־שיסלען, טעפּעלעך־קאַווע קילן זיך
אויף די פאַרגאַסענע טישן.
שאַרך פון טריט.
לאָמפּנליכט בויערט און בריט
דאָס צאָרנדיקע געזיכט.
שטוינונג. פּיין. די פרוי אין בלוי
לאַכט אים אין פנים אַריין,

ביי די פענצטער באַצויגן
מיט דער ווייסקייט פון שניי,
קילן זיך די גלעזער־טיי.
יאָסל ווילד, פאַרווירט,
פּראַלט אויף די פּאַרטראַפּנטע שויבנטיר.
פייגע שטאַמלט דערשראָקן,
נאָר עס ענטפערט איר דאָס אומהיימלעכע,
נאַכטיקע ברומען פון קלויסטער־גלאָקן.

יאָסל הערט פון האַרץ דאָס אייגענע געוויין.
אויגן לויפן אים נאָך
און שרויפן זיך איין אין זיין געבויגן געביין.

די טריט טאמלדיק, מאט.
פון קיך שלאגט מיט רויך און טשאד.
רויך־פייגל פאכען מיט די הייסע פליגל,
און פאלן אויף זיין קאפ, ווי פייערדיקע ציגל.

דער עולם שטוינט און שטילט.
יאסל איילט צום שנייאיקן דרויסן,
וואס דרימלט ווייס און מילד.
נאכלויפנדיקע טריט.
יאסל בלייבט שטיין, און איבער
שלמהן ברעכט זיך זיין הויך געביין.

שלמה זאגט: פארשטיי,
דיך יאגט אצינד בלינדער צארן,
טיפער וויי.
געווים, מען מוז זיין צום פונקט,
א נישט, צעבלאזט מען
אומזיסט פון שנאה דעם פונק.

עס איז א דיסקוסיע טיף און ברייט.
אזוי, אז אזוינע רייד, ווי פייגעס,
זיינען פאקטיש
אויפרייצנדיק און נישט־טאקטיש.

אבער דיין אנטלויפן וועלן
מיילער אין אלע שעפער
איצט צעשרויפן.

וועמען איז עס נייטיק?
פארשטיי, אז אויך פון פייגען
שרייט פון בענקשאפט דער ווייטיק.

יאסל ענטפערט:
כ׳ווייס, אז איך בין איצט
אויפגערעגט און בייז,
נאר איך פיל, אז דארטן
בין איך א פרעמדער,
כאטש איך פארמאג נאך אלץ
נישט מער, ווי
מיין מאמעס פיר געלאטעטע העמדער.

שלמה האקט אים איבער:
אפשר גאר אנטלויפסטו, ווייל
פייגע פון צירלען איז דיר
ליבער?

אפשר גאר ליגן
שטיקער שוין פון נעכטן
אין דיר צעבראכן,
און דו האסט מורא
אנטאן אויף זיך
די נייע שווערע יאכן?

ביסט דארט נישט קיין פרעמדער,
גוט, וואס מיט גייסט און מוט דו קעמפסט
פאר דיין שעפעריש ווארט,
פאר דיין אייגענעם שטענדער.

נישט־שטענדיק גערעכטיק:
סיי ווי, גייסט און מוט
מעכטיק און גוט.

יאסל ענטפערט:
די יידישע ליטעראטור
איז א ליכטיק בלאט,
פארוואס־זשע שעמט איר זיך
אזוי מיטן אידילישן שטעטל,
מיט א יידישן כאלאט?

פייגע? איך בין נישט
אין איר גייסט,
און זי איז נישט
אין מיין גוסט, און איינער
פארן צווייטן וועט נישט
זיין קיין פארלוסט.
איז איידער האנט אין האנט
גיין צעקריגט באנאנד,
גלייכער איין־אליין
זיצן א פארהאקטער אין דער היים.

שלמה לאכט:
פון צארן דיין הארץ פארמאכט.

נישט דו, נישט — זי
קענען צערייסן פון ליבשאַפט
די שטריק. מאָרגן קלאָרער,
העלער וועט ווערן דיין
בליק, און עסן וועט איר
אייערע שפּייזן פון איין טעלער.

יאָסל ענטפערט:
דער טאָג וועט ווערן
ליכטיקער און העלער,
ווען צירל וועט קומען
צו מיר און וועט אַרויס
פון קראַנקען-קעלער.

ביידע שווייגן.
ווייס ווינטלען די פאַרשנייטע צווייגן.
דער באַרג אין בלויער שטילעניש פאַרשלאָסן.
זילבערנע שטאָט
מיט לבנה-טרויער פאַרגאָסן.

טיפער בלויער הימל-טאָל
שפּיגלט ווי אַ בלויער שטאָל.

מאַטקע פרייט זיך

מאַטקע רעדט און שפּעט
פון פייגעס ליבע מיטן גרינעם פּאָעט.
מאַטקעס אַפלאַכנדיקע אויגן
אין פייגעס פּנים איינגעזויגן.

אַ גאַנצן טאָג דרייט זיך
ביי אים די צונג,
אַלע ווײַלע טוט ער אַ זאָג:
פאַרליבט האַרץ מיט טרערן גיסט,
אויף אונדזער פייגען מיט די רייצנדיקע פּיס.
ליבע שוועסטער און ברידער,
אונדזער מיידעלע, יונג אין יאָרן,
וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט די זיסטע סאָקן,

האָט ביים גרינעם פּאָעט אָפּגעשאָרן
די גרויסע, גאָלדענע לאָקן.
איצטער האָט זשע מיטגעפּיל
אויפן מיידעלע, וואָס בענקט אינדערשטיל.

די זון אויפן אייז — אַ צעגלאַנצטע פּאַן.
מאַטקע נייט.
און זיינע רייד רוישן ווי דאָס וואַסער פון קראַן:
אַ שאָד, איר זענט יענע נאַכט אין רעסטאָראַן נישט געווען,
און מיט די אייגענע אויגן די זאַך נישט געזען.
אַ גרינער, פון וועמען עס שמעקט נאָך מיט שיף און מאָר,
לאָזט זיך גאָר וואווילגיין אינמיטן דער וואָך!
ער שפּאַנט אַריין אין פראָלעטארישן רעסטאָראַן
און „אָרדערט פראַיד פּאָטעיטאָס" אַ פולע פּאַן.
אינדרויסן פרירט.
און אונדזער גרינער העלד
פירט אַ דיסקוסיע
וועגן ייד און וועלט.
אונדזער דלילה זיצט
אַ פאַרטראַכטע און שטילע.
דאָס זיסע פּנימל פאַרגאָסן מיט פאַרבן.
מיטן מיילעכל פאַרשלאָסן, זי הערט
דעם וכוח דעם האַרבן.
פּלוצים — דער עולם צעוויגט.
פייגע מיטן גרינעם איז צעקריגט.
אוי, וויסט איז דעם גרינעמס וועלט!
דאָס מיילעכל כליאַפּעט!
דער גרינער העלד
שטייט צעשראָקן און גאַפּעט.
וואָס נאָך האָט פּאַסירט?
דער גרינער ריכטיק אַרומגעשמירט,
אַנטלויפט דורך דער שויבנטיר.
מער?
איך דערצייל נאָר וואָס איך הער.
קיינער לאַכט נישט פון זיינע ווערטער.
די מיידלעך שושקען זיך אין די וווייטסטע ערטער.
קיינער רייסט נישט איבער דאָס נאָדלדיקע שיסן.
פון פייגעס אויגן פּערל־קליינע טרערן גיסן.
יאָסל אין אייגענעם ווייטיק אַליין און פאַרשטיקט,
וואַרפט געהיים אויף איר

זיין טיף־פארבענקטן בליק.
און זיין געבויגן געביין
זאפט אין זיך איין
דעם פיין פון איר
שטום געוויין.
יאָסל שטעפּט און שווייגט.
דער שאָף פאר אים —
אָן אייזערנע שטייג.

ר׳ הענעך מוסרט יאָסלען

ר׳ הענעך און יאָסל וואָס גייען צוזאמען פון דער ארבעט א היים, טאָפּטשען אין בלאָטיקן ליים.

ר׳ הענעך פארמאַטערט.
זיין דורכגעווינטיקטע באָרד
שפּיצט זיך און פלאָטערט.
ער רעדט צו יאָסלען און זאָגט אים
ווערטער פון שטראָף:
צוליב רחלען האָט יעקב אָבינו
פערצן יאָר געפּאַשעט שאָף.
דאַרף דען דיר ווערן דערציילט,
אַז פון אַלע יונגפרויען
האָט זיין הארץ רחלען אויסדערוויילט?
אויף פּאַשע־פעלד, אין היץ, אין קעלט,
האָט ער נישט גערוט אין שטילן געצעלט.
די ליבשאַפט מיט אים האָט געשפּאַנט.
און אַפילו, ווען מיד זיינען געווען זיינע טריט,
האָט ער דעם פּאַסטעך־שטעקן
נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.
וואָר יעדער מענטש וואָס בענקט,
קריגט פון דער ליבשאַפט זיין טייל,
איז געדענק זשע וואָס דער חומש דערציילט:
יעקב האָט געקושט רחלען און געוויינט.
פּראָסט און פּשוט מיינט: דערזעענדיק רחלען,
האָט ער דערפילט אַז ער איז מערנישט אַליין,
און פון גרויס ליבשאַפט זיינען אים די אויגן
פול געוואָרן מיט לויטער געוויין.

און כאַטש ער איז פאַר רחלען געשטאַנען אין אַ צעריסן קלייד,
איז זיין האַרץ פול געוואָרן מיט פרייד.
יאַ, וואָס מיינט ערלעך?
וואָס מיינט פרום?
אַז מען זעט אַן עולה
און מען בלייבט נישט שטום.
וואָרים וויסן זאָלסטו דער רבונו של עולם
ווערט מעסטן און משפטן אייער ביידנס געדאַנקען.
אָבער איך קאָן נישט צוזען
פון פייגען דאָס שטילע צאַנקען.
דאַרפסט געדענקען אַז אין אייער ליבשאַפט האָט גאָט אַ חלק,
און אַז דאָס פיינלעכע בענקען פון אַ יידישער טאָכטער
איז הויך און הייליק.
אַ פאַרליבט האַרץ טאָר מען נישט
משפטן און שטראָפן.
דעריבער פאַרגעס, וואָס
עס האָט אין רעסטאָראַן געטראָפן.

יאָסל בלאָסט. שטילט.
ר' העניך פילט: אויב נישט גלייך,
אָבער שפּעטער ווירקן וועלן
אויף אים זיינע ווערטער.

גיטל טענהט

אין שטוב, אין שאָטנדיקן גרוי,
גיטל טענהט צו אים אַזוי:
אַז מיט דעם וואָס פון פייגען
וועגן צירלען ער באַהאַלט,
איר יונג-מיידליש האַרץ
ער צעשפּאַלט.
דעריבער, ווי עס זאָל נישט זיין שווער,
טאָר ער נישט פאַרהוילן, אַז ער האָט
אַ מיידל, וואָס איז קראַנק אין פוילן.
וואָרים יעדן טאָג, ווען זי טוט זיך
פון מאַרק אומקערן, זי באַגעגנט
פייגעס שוועסטער, וואָס קלאָגט
און רעגנט מיט ביטערע טרערן:

אז זי קאָן שוין מערנישט צוקוקן פייגעס בענקען,
און אז גאָט דער גערעכטער וועט נישט שענקען
פאַר אויסלעשן אין איר יונג האַרץ
דאָס ליכטיקע געלעכטער.
איר שוועסטער בליפּעט און טרערט:
די בעסטע „באָיעס" איבערטרעטן איר שוועל איז פאַרווערט.
און אייער קוזין, וואָס פאַרדינט קוים אויף ברויט,
גראָד אים באַגערט אָט אַזאַ ליכטיקע מויד,
באַשר — אָט דער גרינער, דאַרער דראַנג,
פּאַטשקעט אָן אַמאָל אַ „סאָנג" וועגן
אַרבעס אין דער שויט און וועגן אַ האָן,
וואָס קרייעט אויפן פּלויט.
גיטל סודעט: נישטאָ מער וואָס צו טענהן.
קיינער דאַרף דיך מערנישט דערמאַנען.
שווער? אָבער פייגען אַלצדינג דערקלער!
יאָסל וואָס פּלאָמט און שטילט,
הערט די שטראָפנרייד, און ער טראַכט:

ערשטע באַקאַנטשאַפט. שנייאיקע נאַכט.
ער קאָן זיך מערנישט שיידן.
פון די נעכטיקע שטילע פריידן.

דאָך — נאָך דער אַרבעט
זי גלייכט זיך אויס,
און אַ שטאָלצע זי שפּאַנט
די ערשטע פון שאָפּ אַרויס.
דער דרויסן איילט און שרייט.
יאָסל גייט איר נאָך פון ווייט.
שאָטנס שושקען זיך אויף די פאַרנאַכטיקע שויבן.
צו דער שטאָט, באַרג־אַרויף, אירע טריט
הויבן זיך און שטויבן.
אין דער קויטיקער גאַס
אַ לאָמפּ בלינדלט און בלאַסט.
שטיבער, גאַניקס, אייזערנע צאָמען.
יאָסל וויל רופן איר נאָמען.
אירע טריט וויגן זיך
אויף די הויכע שטיגן.
זי עפנט די טיר.
דאָס וואָרט אויף זיין גומען פאַרפרירט.

פרילינגדיקע הימלען בלאָען.
אויף אירע שאָטנדיקע שויבן
ברענען זיינע בענקענדיקע שעהן.

עס פרילינגט שוין ווידער

עס שרעקט דער בריוו
וואָס זאמט זיך אין
וועג.

עס פרילינגט שוין.
די נאַכט קיל און וויים.
פון צווייג און צוים
ברעכט דער ווינט
דאָס דינע אייז.

אינדערפרי נאַקעט, נאַס
דער בוים, און מיט זון
איז פול דער בלויער רוים.

אַ פויגל פישטשעט,
און שטייט אויף אַ דראָט.
פרילינג און פרייד רוישט אין שטאָט.

יאָסל אין שאָפּ זיצט
טרויעריק, שטום,
און פאַרטויבט זיך
אין אייגענעם נאָדלדיקן געזשום.

און פייגע?
אין די נעכט, אירע אויגן
פול מיט טרערן יאָגן זיך
נאָך די גליענדיקע שטערן.

זי דערמאָנט זיך
אין שיין פון די נאַכטיקע, עלעקטרישע שילדער
דאָס הארץ צינדט זיך ביי איר
מיט ווייטיק, מיט ווילדער.

ווערטער צאַפּלען און ריידן
פון די ליכטיקע, אָפּגערוישטע פריידן.
דער טאָג אין שאַפּ און די נאָדל, וואָס
פעדימט און קלאַפּט, מאַכן דעם ווייטיק
נישט מילדער.
און איר ליבע געליטערט אין פיבער מורמלט,
פאַרוואָס פייניקסטו מיין ליבער?

מיסטער בוקמאַן ווײנט

פּאַסן און שרויפן
כריפּען און לויפן.
און כאָטש די מאַשין טרייסלט דעם דיל און שאַלט,
דאַכט זיך, אַז אין שאַפּ איז שטיל,
ווי אין אַ בלעטערדיקן וואַלד.

די זון איז היים און רויט,
און זי שיילט פון דער שויב
די לעצטע, דינע אייזיקע הויט.

מיסטער בוקמאַן מיט אַ האַרץ
אַן אָנגעטרערטן און אַ ריינעם
שטייט היינט אין אַ ווינקל
און לויערט נישט אויף קיינעם.
זיינע אויגן מיט טרויער אָנגעשעפּט,
קוקן אויף ר׳ הענעכן, וואָס ניגונט און שטעפּט.

פאַרוואָס אַרן אים נישט היינט אין שאַפּ די געזאַנגען?
פאַרוואָס יאָגט ער נישט די הענט,
וואָס פעדימען, און פאַנגען
מיט די בליקן דעם בלענד
פון די שטראַלן אויף שטאָלענע בריקן?
וואָס האָט געטראָפן?
פאַרוואָס ציט אים אַזוי
צו ר׳ הענעכס „באַנדל"
מיט די זיידענע שטאָפן?

מיסטער בוקמאַן איז אַן אָבל, וואָס
איז שבעה שוין געזעסן.

ער איז אין טרויער
און קאָן די מאַמען נישט פאַרגעסן.
מיסטער בוקמאַן שטאַרק פאַרקלערט,
שטייט און טרערט.
אין שאַפּ די נאָדלען בליצן,
און ביי ר׳ הענעכן ציטערן
די באָרדיקע שפּיצן.
זיין „באַנדל״ אין פאַרביקע פּעדימער צעטיילט.
און ר׳ הענעך רעדט צו יאָסלען און דערציילט:
זיין מאַמע עליה השלום —
אַ מלומדת פון דער אַלטער היים,
איז קיין קאַנאַדע געקומען, ווען
מיסטער בוקמאַן איז נאָך געווען מאָגער און קליין.

זיין מאַמע ע״ה — איר כשרע נשמה
אין גן־עדן רוט, איז געווען
פרום און גוט.
ווייסט, ווי אַזוי איך קום אַהער?
אדרבא הערך און הער:
נו, עס איז דאָך אַן אָפענע קאָרט,
אַז אויף אַ ייד מיט אַ באָרד,
דערצו אויפן לשון שטום, קוקט
יעדער פאַרמאַן בייז און קרום.

נו איז דאָך דאָס באַקאַנט,
אַז פאַר אַ גרינעם ייד פון אַזאַ סאָרט
איז שווער דאָ אין לאַנד
צו קריגן אַן אָרט.

און מיסטער בוקמאַן, כאָטש אַזאַ בור
האָט ער די מאַמען
ערלעך געהאַלטן, גראָד דערפאַר,
ווייל זי האָט געהערט צום פרומען,
אַלטן דור.

היות, פאַר אַ שומר־שבת
זיינען די שעפער געווען פאַרשפאַרט,
האָט זי אויסגעפועלט, אַז מיסטער בוקמאַן
זאָל ווערן מיין האַר.
און ווען זי איז געווען שוין מסוכן־קראַנק,

פלעג איך יעדן זונטיק זי קומען זען, און זי
פלעגט אין יסורים רעדן מיט א קלארן און קלוגן געדאנק.
און מיסטער בוקמאן, וואס איז להוט נאך רויב,
האט די מאמען ליב געהאט, און איר פרומקייט
פאר יעדן אויסגעלויבט.
א פאר חדשים פאר איר פטירה
האט זי אים געהייסן אריבערברענגען
א קרוב פון פוילן און אים
אוועקשענקען איר דירה.
א פאר וואכן פארן שטארבן,
ווען זי איז שוין געווען אינגאנצן געשוואלן און בלוי,
האט זי אים צום בעט צוגערופן
און גערעדט צו אים אזוי:
מיין זון, קוק אויף מיין פנים
מיט די קנייטשן און קארבן.
דאס ווערט פון דעם מענטשן,
וואס איז געגליכן צו א צעבראכענעם שארבן.
הבל־הבלים — נאריש און נישטיק
איז דעם מענטשנס עולם־הזהדיק נאשן.
נאכן טויט בלייבט אן אויסגעצערטער גוף
מיט א ביסל טהרה־וואסער צום וואשן . . .
וואס־זשע טויג דאס גאנצע מיען?
כדי די קינדער זאלן אין די טריט
פון זייערע עלטערן ציען.

מיין זון הארך און הער:
דיין מאמע וויל אויף פאפיר
אויסגיסן פאר דיר
אצינד איר לעצטן און איינציקן באגער.
דעריבער ברענג מיר טינט און פעדער
און איידער מיינע אויגן זיך שליסן,
וועל איך מיט יידישע ווערטער דיר לאזן וויסן,
אז מענטשן זיינען בילכער פון מאשינען און רעדער.
און גאט פון אלע וועלטן דער האר
וועט פאר מעשים טובים נישט פארפעלן
דיר זיין גרויסן שכר.

מיין זון, פול מיט צער איז דער מאמעס געמיט.
ווארים, אפילו אין דער נייער שול הויך און שיין,
ווילן דיינע אויסגערוטע טריט נישט גיין.

דעריבער טו איך דיך בעטן, אז אין קבר
זאָל מען מיינע אַלטע יאָרן אַראָפּלאָזן
אין אָרון פון פּראָסטע ברעטער, און פון
דעם רעשט געלט גיב צדקה צו נויטבאַדערפער.
און געדענק נאָך דער שבעה־וואָך
קער זיך צוריק צו שאָפּ און יאָך,
און דאָס דאָזיקע געשריפט מיט טרערן
פאַרטריפט, נעם מיט, און ר׳ הענעך
וואָס איז אַן איידעלער, ערלעכער ייד
וועט דיר געבן צו פאַרשטיין,
אַז אַ מענטש דאַרף זיין פרום און ריין.
יאָסל פאַרקלערט, נייט און הערט.
ר׳ הענעך דערציילט, און זיין באָרד
הויבט זיך צו דער זון גאָלדיק, רויט,
וואָס שיילט פון דער שויב די דינע, אייזיקע הויט.

מיסטער בוקמאַן שטייט אין ווינקל,
און דער טרויער אין זיין
אויג פינקלט.
אין זיינע הענט ציטערט
דאָס געשריפט, און עס
ברענט אין אים דער פיין
פון דער מאַמעס אותיות
מיט טרערן פאַרטריפט.

ער זוכט טרייסט, ער זוכט מוט,
און אויף זיין פנים גיסט זיך
דאָס פייער פון זיין צעפלאַמטן בלוט.

שטולן רוקן זיך. אַלע קוקן.
און ער טרויעריק און שטיל
נעמט זיך שלייכן אויפן דיל
צו ר׳ הענעכן, צו זיין מאַשין,
וואָס רעדערט, און גראָזט אויס
אַ לאַנקע ווינטלדיק און גרין.
זיין פנים צעפלאַמט און פול,
און ער בויגט זיך צו ר׳ הענעכס שטול,
און מיט אויגן, וואָס וויינען,
ער בעט: אַז ר׳ הענעך זאָל אים
דער מאַמעס „וויל״ איבערלייענען.

ר׳ הענעך זוכט ווערטער דער מאמעס הארציקן יידיש
אים צו פארטייטשן, און מיסטער בוקמאנען דאכט זיך,
אז ר׳ הענעך בינדט פון די שורות
דינע, לאנגע בייטשן:
„מיין זון, איידער דאס הארץ ווערט שטיל,
פארשרייב איך, וואס איך פיל און וויל.
מיין זון, מיין בכור,
מיין פלייש און בלוט.
ערשטנס, טו געדענקען,
אז דיין טאטע עליו השלום
איז געווען גאטספארכטיק און גוט,
און ער פלעגט שטענדיק זאגן,
אז א ייד דארף תמיד זיין געהיט
און זיך נישט לאזן דעם אייגענעם גוף
אין שכרות און אין תאווה פארטרענקען.
יונג איז דיין טאטע אוועקגעגאנגען
פון דער וועלט, און אין דער אלטער היים,
אונטער א מצבה־שטיין, ער רוט אויפן ערשטן, הייליקן פעלד.
יא, דארט אויפן טישעוויצער הייליקן ארט
האט אויך נישט קיין אהל,
דער חיט משיח בן יוסף — אונדזער הייליקער גואל.

און יונג בין איך געווען אין יארן,
ווען אין קבר האט מען געניטערט
דיין טאטנס ארון.
דיין טאטע האט מיר נישט געלאזט
קיין פעלדער און רינדער,
בלויז אן אלטע, צעבראכענע ירושה־הויז
מיט פיצלעך, הונגעריקע קינדער.

מיין ברודער אין קאנאדע, וואס
איז אליין געווען ארעם, האט
זיך אויף מיר דערבארעמט, ווען
איך בין ממש געשטאנען ביים ראנד,
און אונדז אלעמען אריבערגעצויגן
אין היגן, זאטיקן לאנד.
איך האב קיינעם דא נישט דערקוטשעט
כ׳האב אליין דאס שטיקל ברויט אויסגעמוטשעט.
מיינע פיס אויסגעהארעוועט און שוואך,
האבן געשטויבט אויפן יעדן ווייטסטן

דארפישן שליאך.
איך האָב זיך געמיט דיך צו מאַכן פאַר אַ שטיקל ייד,
אָבער מיינע אויגן זיינען מיט טרערן פאַרטריפט, וואָרים
קענסט קוים אַביסל עברי, און קענסט אפילו נישט
אונדזער הייליק, יידיש געשריפט.

היות האָסט מיך ער״עך געהאַלטן ביים לעבן.
טוט דער מאַמעס צעוויטיקט האַרץ פאַרענטפערן און פאַרגעבן.

וואָר, גאָט האָט דיר געהאָלפן
ביסט קיין עין הרע רייך,
אָבער דער אָרעמאַן טרענקט
זיך אין אָרעמקייט, ווי אין אַ זומפּיקן טייך.
דעריבער צו דיינע אַרבעטער זיי גוט,
און געדענק, אַז אויך פאַר זיי האָט
אַ מאַמעס האַרץ געבלוט.
קיינמאָל זאָלסטו נישט פאַרגעסן,
אַז זייער אייגן־שווער־פאַרהאַרעוועט ברויט זיי עסן.
דעריבער, זייער לעבן נישט פאַרביטער
מיט ווערטער, וואָס כוואַשטשען,
ווי נאַסע ריטער.
וואָרים מיין זון געדענק,
מען גייט אַוועק פון דער וועלט
מיט לערן, און מעשים טובים
זיינען דער איינציקער קרן.

און אַזוי ווי ביים לעבן
האָסטו אָפּגעהיט די מצוה פון כבוד־אם,
אַזוי זאָלסטו אין מיר געדענקען, ווען
מיין אָרון וועט פאַרזינקען אין קבר
פון נאַסן ליים.
פעדער זיך פאַרטאָגן,
און קדיש נאָך דיין מאַמען
זאָלסטו זאָגן.

למען השם, זאָלסט אויף ר׳ העניכן מער נישט צערנען,
און בעט אים ער זאָל נאָך מיר משניות לערנען.

געדענק מיין זון, עס איז דאָ אַ כבוד־אם
אפילו, ווען דער מאַמעס געביין

רוט שוין אונטערן מצבה־שטיין.
מיין זון, איך קאָן אַצינדער שוין
שטאַרבן רואיק, שטיל. איך פאַרהאָף
צום אויבערשטן, אַז וועסט מקיים זיין
וואָס דיין מאַמעס האַרץ בעט און וויל.
און אויך דאָס געדענק, אַז יונג בין איך געבליבן
אַן אַלמנה אויף וויסטן און פּלאָגן.
געלויבט דער בורא, איך קום
נישט צו אים מיט קיין ליידיקן וואָגן.
זאָלן מיינע לעצטע ווערטער
דיך שטענדיק וואָרנען און שטענדיק
פאַר דיר שיינען, וועט דער אויבערשטער
דיך אויסהיטן פון ביטערניש און פּיינען.
איז מיין זון, אַז דו וועסט זיך צוהאָרכן
און פאַרשטיין אין ערלעכן וועג צו גיין,
וועט די רו געפינען אין דיין האַרץ
און גוט און וואויל וועט דיר מיט דיין
הויזגעזינד זיין. אָמן. אַזוי ווינטשט דיר
דיין טרייע מאַמע דבורה־לאָה, וואָס
טוט מיט וואָרהאַפטיקייט
צו דיר ריידן,
איידער די נשמה פון איר גוף
טוט זיך אָפּשיידן".

ר' העניעכס אויגן פול מיט פּיין
טראָפּענען טרערן אין דער באָרד אַריין.

מיסטער בוקמאַן אַ פאַרוויינטער
שטייט שטיל און הערט ר' העניעכס
טרייסטנדיקע רייד:
אַן אשה כשרה איז דיין מאַמע געווען
דער קרבן־מנחה סידור, דאָס
טייטש־חומש און די תחינה
האָבן געבראַכט איר שטאַרקונג
אין דער פרעמדער, נייער מדינה.
און ער קאָן
גאָר גרינג טאָן, דער מאַמעס ווילן,
דורך טאָן גוטס, געבן צדקה
און דערצו אויך לייגן תפילין . . .

זיי גוט צו יעדן מענטש,
און בזכות זה וועסטו
פון גאָט און פון לייט טאָקע
ווערן געבענטשט.

מיסטער בוקמאַן שאָקלט
מיטן קאָפּ. און קוקט
אויף דער זון, וואָס קייקלט
זיך איבערן באַרג,
ווי אַ צעבלענדטער, קופּערנער טאָפּ.

ער דריקט ר׳ העניעכס האַנט
און דאַנקט. און טרויעריק, שטיל
און געלאַסן ער קערט זיך
צוריק אין ווינקלוואַנט, וואו
אויף דער לאַנגער באַנק נייען
פּאַרווייַנטע „פינישערס" און בלאַסן . . .

ר׳ העניעך זיפצט:
יאָ, מיט דעם קדיש און יאָרצייט
וואָס ער וועט היטן,
וועט ער אַלע אירע זאַגענישן פאַרגיטן . . .

ער וועט אינגיכן פאַרגעסן אירע רייד
און נאָך שטאַרקער וועט ער פייניקן און פרעסן
דעם וואָס נאָדלט און נייט.

יאָסל צישעט מיט דער שער.
און ביידע רעדן קיין וואָרט
נישט מער.
בלויז דער „לאָרד", וואָס ציט
פּאַסיקלעך אויפן אויסגעווירעטן בויגן,
קוקט מיט שטויגענדיקע אויגן
אויף ר׳ העניעכס באַטרערטער באָרד.

און אויך בײַ מאַטקע פראַנט טעפּעט זיך
דער פאָדים אויפן זיידענעם באַנד.
זיין נאָדל וואַקלט אין רויכיקן טשאַד
און זי קאָן נישט דערגרייכן דעם צייכן
פון גרינעם בלאַט.

פלוצים שטייט ער אויף פון דער שטול,
און מיט אויגן פייכט און פול
ער שפאנט־צו צו מיסטער בוקמאן,
וואס זיצט א פארוויינטער
און דימעט אין ווינקל־וואנט.
ער רעדט צו אים און טארקעט:
„פלענטי" געקלאגט! בעסער זע דעם
שיינעם טאג, און קוק, ווי אויפן סקווער
דזשאבעט א טייבעלע קרישקעלעך ברויט און ווארקעט.
„סא בי ע מען"! און פארגעס
אין דעם וואס איז נעכטן געוועזן!
לאמיר אריינגיסן א פאר קאלטע בירן
און פארבייסן מיט באציבלטע געהירן . . .
מיסטער בוקמאן באצערט און מיד
שארט זיך צום דרויסן
מיט וואקלענדיקע, שווערע טריט.

דאס זון־ראד היים און הויך
בלענדט איבער דער שטאט
דורך וואלקנס רויך.

אויף שטייניקע שטאפלען
די צעטאפיעטע אייז־טייכלעך
לויפן און פלאפלען.

צווייגן פארצויגן מיט נייע, גרינע ארבלען
ווינטלען און גראבלען די דורכגעשטראלטע לופט,
וואס שיכורט מיטן פרישן, פרילינגדיקן דופט.

דער טאג גייט. און די זון שפרייט
פון פרילינג די ליכטיקע פרייד.

גאסן וואשן זיך און ווימלען.
אין גאלדענעם שיין פון די שויבן
שווימען פלאטערדיקע טויבן,
און זיי הויבן זיך צו די הויכע הימלען,
וואס בלויען און דרימלען . . .

יאסל צישעט מיט דער שער,
און ר' הענעך רעדט קיין ווארט נישט מער.

בלויז זיין נאָדל פאָרט,
און די טרערן טריפן אין דער צעפּאָכעטער באָרד.

אַ שמועס מיט מיסטער מערסאָן

מיסטער מערסאָן, וואָס זאָגט,
אַז ער האָט פייגען גאָר גערן
האָט דאָך הנאה צו הערן
אַז פון איר ליבע
צו יאָסלען וועט שוין גאָרנישט ווערן.

וואָרים ער טענהט, אַז גראָד
דערפאַר, וואָס פייגע איז
שיין און אינטעליגענט,
וועט אין אירע מיידלשע הענט
דער פאָעט ווערן פאַרברענט.
היות, זייער ליבע איז
נאָך אין ערשטן עטאַפּ,
איז דעריבער זייער נישט-ריידן, גוט
פאַרן שאַפּ, און טאָקע אויך פאַר זיי ביידן.

מיסטער מערסאָן זאָגט
צו מאָטקע פּראַנט:
דער יאָסל האָט טאַלאַנט.
דעריבער איז נאָך מער קלאָר,
אַז יאָסל און פייגע,
זיינען נישט קיין פּאָר . . .
און אַז דו וועסט
איצטער דיינע טריט
פון איר נישט אָפּקערן, וועסטו אינגיכן
ליבעס ווערטער פון איר הערן.

איינמאָל ביים אַהיימגאַנג,
פאַרבעט מיסטער מערסאָן יאָסלען
צו זיך אין זיין פּריוואַטן אָפיס
מיט דער פולער ביכער-שאַנק.
אין אַ גלעזערנער קרוג בלויט אַ בינטל בעז,
און אין פּאַפּירענע טעלער —
„סענדוויטשעס" פון ווייסן קעז.

אויף די פענצטער
די רויטע זון צאַנקט.
מיסטער מערסאָן זאָגט:
אַ שמועס כאַפּן מיט אייך
איך קלער שוין פון לאַנג.

מיר וועלן שמועסן
און צובייסן,
וואָרים קיינער וועט
אונדז איצטער דאָ
נישט איבעררייסן.

שטיקלעך אייז קילן
צוויי גלעזער טיי.
מיסטער מערסאָן רעדט
פון דער היגער וואָר.
און ווי פרישע דימענטלעך־שניי,
מיניען זיך זיינע
שוואַרצע, פרי־דורכגעזילבערטע האָר.
אין קאָרידאָר רוישט דאָס געגיי.
מיסטער מערסאָן ציט
מיט אַ דינער שטרוי
די פאַראייזטע טיי,
און זאָגט אַזוי: אייערע
ווערטער, וואָס פרומען,
קאָנען דעם ווייי
נישט פאַרשטומען.

פייגעס טריט
וויסן בלויז איין זאַך:
קאַמף און זיג!
און אייער געמיט
בענקט נאָכן היימישן שליאַך,
וואָס ציט זיך צו דער האָלצערנער בריק.

איז ווי־זשע קומט
איר טאַקע צום
„קולטור־צענטער", וואָס
זייערע פענצטער קוקן
מיט חאָס צום

נאציאָנאַלן גייסט
אויף דער יידישער גאַס?

מיר פּ. צ. זיינען סאָציאַליסטן.
מיר קעמפן קעגן
דעם שלעכטן, אָבער מיר
פאַרמעקן נישט
אונדזער גרויסן נעכטן.

אין דער יידישער טראַדיציע
איז אייער שורש.
איר זענט פּאָעט און יורש.
אין יידישן שטייגער וואָרצלען
אייערע טעג. דעריבער
צו די פּ. צ. פירט אייך
גלייך דער וועג.

פייגע איז טאַקע אינטעליגענט און וואויל.
אָבער עס זיינען נישט יידיש
די ווערטער פון איר
געשניצט מויל.

וואָר. זי האָט כאַראַקטער
און אַ שיין געשטאַלט,
אָבער הינטער איר השפעה
וועט אייער ליד
ווערן פראָלעטאַריש צעשאַלט.

איטלעך איינער האָט זי גערן,
ווייל פאַר אַ שיינע
אַ גוט האַרציקע איז זי באַקאַנט.
דאָך ווייס איך:
זי וועט צעשטערן
אייער לירישן טאַלאַנט.
דעריבער אייער געקריג
איז פאַר אייער שאַפן — אַ זיג.

אייער ברודער
וועט האָבן נחת,
אַז איר וועט זיך דערוויטערן

פון די וואָס טוען אונדז
נאָר להכעיס.

עס וועט מיר אויך הנאה טאָן,
צו זען אייך אָפּגערוקט
פון דער רויטער פאָן . . .

איר זענט אַן עכטער
דיכטער און אייערע
פערזן זיינען פול מיט
פּרעכטיקע נאַטור־בילדער.
איז גוט וואָס באַצייטנס
איר אַנטלויפט פון פּראָלעטאַרישן געפילדער
און לייטערונג און טרייסט
איר געפינט
אין געבעט פון שטילע לידער.

אין לעצטן נומער „צוקונפט"
אייער ליד פון וואָגל און היים,
אין אלולדיקן אַליין,
אומעטיק, שטיל און שיין,
און אין הארץ, ווי אין אַ לאָגל
לויטערט דאָס געוויין.

אייער אלול טרייבט
דעם ווינט דורכן
פלאָם פון די קופּערנע בלעטער.
עס שמעקט
דער צעזעגטער שטאָם,
און דאָס ווייסע, גלאַטע לייב
פון אָפּגעטעסעטע ברעטער.

עס טריקענען און גילדערן
די הובלינעס און שפּענער,
דאָס שטעטל צו סליחות,
צו אויסוויינען זיך
וועגן דער נויט, רופן
די קרייענדיקע הענער
אויף יעדן פּלויט.

אלולדיקער טרויער ברענט
אין וואַלדיקן טאַל,
און פון בית-מדרש טראָגט זיך
פון סליחות דאָס
בעטנדיקע קול.

פאַרוואָס ציטיר איך אייערע
סטראָפן? איר זאָלט
אליין זען, אַז פייגע
מיט איר „פּראָלעטפּען"
דאַרפן נישט קיין
לידער פון אַזױנע,
איידעלע, פּאָעטישע
שטאָפן.

דעריבער זאָלט איר וויסן,
אַז נישט בלויז פּאָעטיש
און שיין איז אייערם אַ שיר,
צו אונדזער נעכטיקער היים.
פרום, פון זיך אַליין,
איר עפנט די ליכטיקע טיר.

נו, מיט די פייגעס און שלמהס
איר טאָרט נישט
גיין צוזאַמען. ראַטעוועט
זיך באַצייטנס
פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער
און פון זייערע ליאַרעמדיקע
גראַמען!

יאָ, דאָס איז פון מיין שמועס
דער ציל, און איך האָף אויפן
ריכטיקן וועג וועט אייך
פירן אייער דיכטעריש געפיל.

די רויטע זון אויפן
שויב צאַנקט,
יאָסל ענטפערט, און קוקט
אויף אַ דינעם שטראַל,
וואָס בלאַנדזשעט,

אונ ברענט זיך אויף
דער פולער ביכער-שראַנק:

„דאָס שטעטל מיט די
האַלצערנע שטיבער
שרעקט זיך פאַרן האַרבסט
מיט די אַנגערעגנטע,
בלאָטיקע גריבער.
דאָך אין שאָטנדיקן אַליין,
קלעטערט און טונקלט
אַ סטעזשקע צווישן
מאָך און שטיין.

איך קוק צום הימל-בלוי
און זע נישט אין שייער
די מאָגערע שטרוי.
אָבער וואָס איז פאַרט
מיטן אָרעמאַנס טרויער?
און וואָס איז מיטן פּיין
פון הונגעריקן פּויער?
איך וועל קיינמאָל נישט
פאַרלייקענען דעם נעכטן,
אָבער אונדזערע נביאים
האָבן געקעמפט פאַר אָרימאַן
און קעגן דעם שלעכטן.

וואָר, וואָס איז צו אונדזער
קאַנאַדע גלייך מיט באַרג
און וואַלד, מיט טאָל
און טייך? אָבער אויך דאָהי
איז אָרעם דער מאַן פון מי,
און דער רייכער טרעט
אויף דער פרוכטיקער ערד.

די שעפּער, די אָרעמע
נידער-גאַסן לערנען אונדז
פאָעטן ליבן און האַסן.
די אַרבעטער-דיכטער הערן דעם צאָרן
וואָס שלאָגט פון יעדן צאָן,

און פארבט אויף די דעכער
אַ גאָלדן־רויטע פאָן.

דאַרף מען נישט
קלאָר אייך דערציילן
אַז אין „קולטור־צענטער”,
צווישן זייערע רוישיקע פענצטער,
ליכטיקן טיילן
פון אונדזער היינטיקער אידיש־שעפערישער וואָר:
אַ יידישע שול, אַן אָרקעסטער,
רעפּעראַטן, אַ דראַם־קרייז און אַ כאָר.
אַז עס איז אַ קולטור־הויז
קאָן קיינער נישט פארדעקן.
אַפילו מען זאָל אויף די לינקע
וואַרפן די שוואַרצסטע פלעקן.

און מיט מיין ליד קאָן
פּאַסירן, עס זאָל
אין די זכרונות פון
נעכטן פארשליסן פארן
העלן מאָרגן די ליכטיקע טירן.

מען טאָר זיך נישט
שבתן און פרומען, ווען
די מענטשן געצונדן אין פיינען
צאָרנען און ברומען.

פארוואָס איז דער
איינציקער אויסוואַל
דער פּ. צ. לאָקאַל?
פאַרוואָס נישט ווי ר׳ הענעך
זוכן און זען, וואו
עס געפינען זיך די
ערלעכע, מיענדיקע
צען?

און וועגן פייגען?
דאָס ציטוויילקע
קריגערישע צעשיידן,

פֿאַלט שווער אויף
אונדז ביידן".

יאָסל וויל פֿאַרשטיקן
זיין בענקענדיק געפֿיל,
ער האַקט ראַפּטום איבער
און קוקט אויף די שויבן
באַגאָסן מיט דער רויטקייט
פֿון אויסצאַנקענדיקן פֿאַרנאַכטיקן פֿיבער.

מיסטער מערסאָן הוידעט
זיך אין דער וויכער,
שטרויענער וויגשטול
און זאָגט: אַז עס ווען
אוועקשווימען די גֿעפֿלדיקע
רויכן, וועט איר זיך
ווידער פֿריי טאָן אַ טראָג
צו די היימישע בלויע הויכן.

איצטער, זענט איר פֿון
פֿייגען פֿאַרבלענדט,
און ווי אַ פֿויגל וואָס שווימט
קעגן הייסן גאָלד פֿון
זוניקן שפּיגל, האָט איר
די פֿלאַטערדיקע פֿליגל
זיך אַביסל אָפּגעברענט.

אַ פּאָעט זייטיקט אַמאָל
אַראָפּ פֿון וועג, אָבער
נישקשה, אייער ליד וועט
ביי אונדז געפֿינען
די טריט צו די דורותדיקע טעג.

אַ קריגל מיט בלויען בעז.
צוויי גלעזער טיי,
און „סענדוויטשעס" פֿון ווייסן קעז.

דער פֿאַרנאַכט צאַנקט
אויף דער פֿולער
ביכער־שראַנק.

אין פועלי־ציון לאָקאַל

אין רויש פון יידישן תחום:
אַ תלמוד תורה, שולן, בתי מדרשים
און אַ פּאָר שטיבלעך חסידיש־פרום.

דאָס יידישע לעבן — אַן אייליקער,
ברויזיקער שטראָם פון צעקריגטע
אַרבעטער־פּאַרטייען, יוניאָנס,
וועלטלעכע קינדער־שולן, פאָלקס־ביבליאָטעק,
סאָסייעטעס, אַ יידיש טעאַטער, קורסן,
קאָנצערטן, לעקציעס און אַ פּ. צ. לאָקאַל
אין אַן אַלטער, אָפּגעדונגענער קראָם.

מרייטיק באַנאַכט ווערט
די פּאַרטיי פאַרזאַמלט, און איר שטענדיקער
סעקרעטאַר איז דער אידעאַליסט
חבר שטיין, וואָס פאַרהיקעט
זיך און שטאַמלט.

פון דער בינע הויבן זיך
זיינע אויגן גרינלעך, ווייך,
מילדקייט וויעט פון זיין דינער,
איידעלער הייך.

דער זאַל לאַנג, גרוי.
אַ גרויס פאַרביק בילד
מאַלט דער עמק,
פול מיט גראָז און טוי.

פּאָרטרעטן פון הרצל, וויצמאַן,
סאָקאָלאָוו און פּ. צ. פירער
קוקן אַראָפּ פון די ווענט,
און עס פילט זיך דאָ היימיש
דער יחוסדיק־קליינשטעטלדיקער,
עמיגראַנטישער עלעמענט.

דער עולם פון נאָדל־שער
איז יאָסלען באַקאַנט,

יוגנטלעכע־ארבעטער, ווי ער,
גישט לאנג געקומען אין לאנד.

געלאסן, אן גערויש,
איינער מיטן צווייטן
א ווארט טוישט.

א קלאפ אויפן טיש.
יאסלם אויגן רייסן זיך
פון די בילדער,
וואו חלוצים ארבעטן
אויף א „כביש" און ראנגלען
זיך מיט דער ערד,
דער פארווארלאזטער און ווילדער.

נאך א קלאפ.
אלע וויטע ווינקלען פארשטילן.
דער עולם זיצט און קוקט
אויפן פארזיצער,
מיט די גרויסע, בליצנדיקע ברילן,
וואס גלעט זיך
דאס פארשווירענע, שווארצע בערדל
און רעדט: חברים און חברות,
אויפן סדר־היום
שטייט דאס פלאנצן
אין יער־הערצל — א בוים.

איך מיין, מען דארף
דערמאנען דעם געווערקשאפטן־קאמפיין.
יא צווישן
די פונקטן וועט אויך
ארויף דער גיכער שקלים־פארקויף.

חברים וחברות,
ציים פארשפארט
און נעמט גלייך דאס ווארט,
ווארים אונדזער
חשובער חבר מאן, וואס
האט דורכגעשפאנט דאס
בויענדיקע לאנד,

האָט זיך נעכטן אומגעקערט פון זיין רייזע,
און ער וועט דערציילן, ווי אַזוי
דאָס אַרבעטנדע ישראל לייזט אויס די ערד.

חברים וחברות,
עס ווערט שפּעט,
איך אַליין האָב שוין גענוג גערעדט.
איך שלאָג פאָר
לאָמיר אַלע אַקציעס
„גוטהייסן" און איבערשיקן
אין דער עקזעקוטיווע,
וואו מיר ווייסן,
אַז מיר האָבן ספּעצן
און קענער אויסצואַרבעטן
די בעסטע פּלענער.

יאָ, חבר מאַן
איז אייך אַלעמען
גוט באַקאַנט, און ער
וועט זיכער מיט זיינע
איינדרוקן אונדז האַלטן
געשפּאַנט.

קלאַפּנדיקע הענט
באַגריסן דעם רעפערענט.
מיט אַ שווערן שפּאַן
שטייגט אויף דער בינע
אַרויף אַ בייכיקער,
מיטליאָריקער מאַן.

ער איז אַ געוועזענער אַנאַרכיסט,
וואָס איז איצט אַ הייסער
פּועלי ציוניסט.

אין שטאָט איז ער באַקאַנט,
ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער
און פאַרמעגלעכער פאַבריקאַנט.
ער האָט ליב און שטיצט
דאָס יידישע וואָרט,
און דאָס יידישע בוך

אין זיין גרויסער, רייכער
ביבליאָטעק האָט דאָס
שענצטע אָרט.

דערציילט אים אַ גרינער
ייד פון זיין ביטער געמיט
ווערן אים
די אויגן פול מיט טרערן,
און ער זשאַלעוועט נישט
קיין געלט,
אַז דער פרעמדער אין דער נייער וועלט
זאָל דורך זיין מי קאָנען
גיך קומען צו אַ מעמד דאָהי.

וואָר, אַ מענטש מיט אַ ווארעם הארץ,
נאָר אויך די זון
האָט אַ פלעק וואָס שווארצט.

זיינס אַ רעפעראָט איז
אָנגעפיקעוועט מיט
גאַנצע בלעטער פון שווערע
פרעמדע ווערטער, און ער
קלעטערט מיט זיי אַזוי הויך
ביז דער עולם הויבט זיך
אָן איבערווינקען אויף די ערטער
און שמייכלען אין פאַרהאַנג
פון אייגענעם סיגאָרן־רויך.

יאָ, חבר מאָן, וואָס איז
פאַרשמט, אַז ער קאָן
פון זיך אויסטאָן דאָס אייגענע
העמד, קען אויך האַלטן
אַ פען אין דער האַנט, נאָר
זידלען די לינקע, איז זיין
גרעסטער טאַלאַנט . . .

דאָך — אין פּריוואַטע געשפּרעכן
טענהט ער: אַז די פּאָליטיק
וועט אונדזער יידישע ליטעראַטור
נאָך צעברעכן,

און לינק צי רעכט,
טאָר נישט זיין קיין אונטערשיד
פון אַ פּאָעט, פון זיין
געמיט, אַבי אויפריכטיק
און עכט ער זינגט זיין
ליד.

יאָסלען דערמאָנט אָפט
חבר מאַן, אַז ער זאָל
מיט די לינקע נישט פאָרן אויף
זייער הילכיקער באַן.

וואָר, ער רעדט אָפט,
ווי אַ דעקלאַמאַטאָר.
דאָס איז אים געבליבן
פון יענע יאָר, ווען
ער איז געווען
אַ פייערדיקער, אַנאַרכיסטישער
אַגיטאַטאָר.

פונדעסטוועגן, אין גאַס איז ער
פון זיין אייגענעם האָס
דער פאַרטרייבער, ווען מיט יאָסלען
ער רעדט וועגן יידישע שרייבער.

איצטער, מיט אויגן שוין פולע
מיט טרערן, ער שטייט
אויף דער בינע, און גערן אים
הערן די יוגנטלעכע, די גרינע.

הויך און הייס
דעקלאַמירט ער זיינע ווערטער:
די חלוצים און חלוצות
פירן ציגל און לייס,
און פאַר אַלע יידן אין די
ווייטסטע ערטער,
זיי בויען אַ נאַציאָנאַלע
היים.

ארץ ישראל — קליין און שמאָל,
וועט זיין פאָרן

ייִדישן פֿאָלק אַ גרינער
טאָל.

ארץ ישראל — אַ בלומענקראַנץ
אויפֿן לאַנגן,
וואָגל-שליאַך, איז איצטער אַ ליכטיקער
שטערן, וואָס גלאַנצט
אין דער לאַנגער, גלות-נאַכט.

חברים און חברות,
אוודאי איז שיין קאָלאָראַדאָ,
אָבער ארץ ישראל פֿאַר ייִדן
וועט זיין אַ נייע
עלדאָראַדאָ.

אוודאי זיינען דאָ שוועריקייטן אויפֿן וועג,
אָבער די חלוצים מיט האַמער און זעג,
מיט ביקס און שווערד
לייזן אויס די הייליקע
ארץ-ישראל-ערד.

חברים און חברות,
די באַגייסטערטע איינדרוקן
פֿון מיין רייזע זיינען
דער גלענצנדיקסטער
ענטפֿער אונדזערע
שונאים די בייזע.

נו, מער וועל איך
זיך מיט די ייִדישע
לעזער טיילן,
און דאָס איבעריקע וועט
שוין מיין פּעדער
אין דער פּרעסע דערציילן.

וועגן ארץ ישראל
דאַרף מען שרייבן
מיט ענטוזיאַזם
און שמייסן
די בונדיסטן און קאָמוניסטן

פאַר זייער שנאה
און סאַרקאַזם.

דער פּאַרזיצער וואָס
מיט די ברילן בליצט,
גלעט פון פאַרשוירן בערדל
דעם שוואַרצן שפּיץ.
ער שטעלט זיך אויף
און זאָגט:

חבר מאַן ברענגט אונדז
זיין באַגייסטערונג
מיט זיין יעדן שפּאַן.
חבר מאַן טראָגט
אויף זיך אַ שווערן
יאָך, אָבער ער
פאַרדינט כשר
דעם חיינטיקן
אַפּלאָדז פאַר
זען דעם זיבעטן
טאָג פון וואָך
אויפגיין העל און ראָז.

נאָכן רעפּעראַט פרעגט
יאָסל דעם פאַרזיצער:
פאַרוואָס באַהאַנדלט
מען נישט די פראַגע
וואָס די אַרבעטסלאָזע
האָבן נישט קיין ברויט
אויפן טיש?
וואָס איז מיט
דער עקספּלואַטאַציע
און שווערער מי אין די
שעפּער דאָהי?

דער פאַרזיצער שפּיצט
מיטן בערדל און רעדט
בייז און שפּריצט:
„אַז די קאָמוניסטן זאָלן זיך
נאָר נישט מישן,

ווערט אינגיכן זיין גענוג
שפייז אויף אלע טישן.

אמת, עס קומט פאר
אין לאנד א שטיקל קריזיס,
אבער קאנאדע איז
אין פולן בלי. און די רעכטע
יוניאָנס זאָרגן פאר
די אַרבעטער דאָהי.

דעריבער דאַרף דער יידישער
אַרבעטער און פאָלקס-מענטש
זיין פאר ארץ ישראל אַקטיוו,
ווייל דאָרטן קומען מיר
צו אַ טאָלק, און יידן
ווערן אַ פריי און פּראָדוקטיוו
פאָלק.

שוין גענוג דאָס צוויי
טויזנט יאָריקע בויען פון יידן
אין יעדער פרעמד,
אַז מען זאָל דערנאָך
פון זיי אַרויסרייסן
דאָס לעצטע העמד.

שטענדיק קומט אונדזער ריי:
עס שטייט אויף
אַ היטלער און ווידער
וואָיעט דאָס זעלביקע,
ווילדע געשריי:
יידן טוען זיך
גיך פאַרמערן.
יידן טרינקען
אונדזערע בלוטיקע
טרערן, יידן זיינען
רייך, לאָמיר זיי
פאַרברענען, לאָמיר
זייערע קינדער
וואַרפן אין טייך.

איז דען נישט
אזוי שטענדיק
און אומעטום?

מיר יידן זיינען
שטרוי פארן פייערדיקן
ווינט, און — דעריבער
אייערע לידער
פון יידישן תחום צינדט
יידישע דיכטער,
היילק אזוי און פרום,
ווי אונדזערע מאמעס
די שבת קודשדיקע ליכטער".

ארום דער עולם שטייט
און שטומט, און יאסל
וואס וויל אויסמיידן
א געקריג, הארכט
און קוקט מיט א טרויעריקן בליק.

אליין גייט יאסל אהיים
און טראכט: וואר, יידן
צווישן פעלקער דארפן
האבן זייער אייגענעם שליאך.
אבער ווי קאן מען
ברענגען רייד, מיר יידן
זאלן פון די פעלקער־שליאכן
ווערן אפגעשיידט?

וואס איז היים?
דארטן וואו דיווארצלען
פלעכטן זיך ארייין
אפילו אין נאסן ליים.

יאסל וואס הויקערט
אין טרויער דאס געביין,
גייט אין דער שטילער
פרילינגדיקער נאכט אליין
און טראכט:

בא די פועלי-ציון איז
אים קאלט, און אים ציט
צום קולטור-צענטער, וואו
די קעמפערישע, פריידיקע
יוגנט רוישט און שאלט.

וואס פייגע רעדט וועגן יאסלען

שלמהס רייד זיינען פאר יאסלען טריפנדיקער טוי,
ווען ער דערציילט אים אז פייגע רעדט וועגן אים אזוי:
אונדזערע סעקטאנטן קרימען מיט די נעז,
הלמאי יאסל באזינגט א בלוי צוויגל-בעז.
נאך טענהן זיי, אז פאר די שוועסטער און ברידער
איז גארנישט פאראנען אין זיינע לידער.
טאקע ווי קאן ער זיין אן ארבעטער-דיכטער,
אז ער האט נישט געזען די נויט פון ליידנדיקע געזיכטער.
דערצו טוט ער ארומשפאנען
מיט מיסטער מאנען.
נישט אנדערש, יענער רויטיעגער און נאציאנאליסט,
רעדט אים איין, ער זאל אין דער בירגערלעכער פרעסע
ווערן א געלער זשורנאליסט.
נאך גרעסער איז זייער פאראיבל,
וואס ער גייט מיט ר׳ הענעכן אין חסידים-שטיבל.
פייגע אבער זאגט, אז זי האט נישט קיין צוטרוי
צו די דאזיקע סעקטאנטן, וואס ווילן שטענדיק זען
א הימל אויסגעזעצט מיט שטערנדיקע דימאנטן.
זיי פויסטיקן זייערע הענט, ווען זיי מיינען,
אז אונדזער הימל זוניקט און בלענדט.
זיי שרעקן זיך און וויינען,
ווי נאר אויפן הארבסטיקן ברעג
פינצטערט א שווארצער פלעק.
זיי פארלאזן די לייט פון נאדל און זעג,
און קירעווען זיך צוריק צום
אייגענעם, באקוועמען לעבנס-וועג.
יא, יאסל האט זיינע סענטימענטן.
דאך מיט טויזנט קעפ שטייט ער העכער
פון אונדזערע סעקטאנטישע עלעמענטן.
און אפילו אין זיין ליד פון ליכטיקן אליין

שפּילן זײַנע ציטערדיקע געפילן
צאַרט און שײַן.
מיט די אַרבעטער שטייט ער פעסט.
צו דער קלײנבירגערלעכער פרעסע
ער וועט נישט גיין אויף קעסט.
יאָ, זי פאַרשטייט אים איצטער בעסער.
זי איז מודה, איר ליבשאַפט
צו אים ווערט גרעסער.
און ווען זײַן האַרץ וועט ווערן באַרוט,
איז זי זיכער, עס וועט אַ בלענד טאָן
יענע ליכטיקע מינוט, און ער וועט זאָגן:
פייגע לאָמיר צוזאַמען אַלע עולן טראָגן . . .
זי איז זיך מודה, אירע בליקן צו אים פול מיט באַגער,
צעגיסן זיך אויף איר פּנים אין אַ הייסער טרער.
זי איז נישט קיין באַלעבאַטישע מויד,
און זי וויל נישט פאַר אים פאַרבאַרגן,
אַז רויט צינדט זיך אין פרימאָרגן
איר פנימדיקע הויט, ווען ער קוקט
איר נאָך דורכן האַלצערנעם פלויט.
זי וויל אָבער נישט, אַז שטיל און געהיים
זאָלן זײַנע טריט זי באַגלייטן אַהיים.
וואָר, די ליבע איז פול מיט פריידן,
נאָר פאַרנאַכט, אין שטילן שײַן
זי וועט מיט אים ריידן וועגן בענקשאַפט און פּײַן.
פאַרוואָס היט ער פון ווייט אירע טריט?
און פאַר זײַן מאָרדן
אירע און זײַנע פאַרלאַנגען, פילט זי
צו דערלאַנגען אַ פּאַטש אַט דעם ברוגז-געוואָרענעם קוואַטש.
נאָר זי פאַרגיט אים פאַר די שיינע סטראָפן,
וואָס רעדן צו איר האַרציק, אָפן:

„דער פרימאָרגן בלענדט.
לאָמיר פאַרלאָזן די שטיינערנע ווענט.
פרימאָגן — העל און ראָז,
יונג דאָס פעלד אין גרין פון גראָז.
פון טוי דער רויך
זילבערט צו דער הימל-הויך.
איז מיידל מײַן,
טו זיך אויס פון פּײַן.
פון ווייסן בוים איך וועל די ווייסע קאָרע שיילן.

פון דער ליבע, פון איר ליכטיקן טרוים
איך וועל רעדן און דערציילן".

דערווייל איז דאס הארץ מיט בענקשאפט אנגעשעפט.
זאל ער זי אפפירן אהיים,
און אויף די הויכע טרעפ,
זי וועט הערן וואס ער דערציילט
וועגן זיך אליין . . .
שלמה זאגט אים אויך:
אז ער לידלט צופיל וועגן א דערפל
וואס זילבערט אין טויאיקן רויך.
שוין צייט, פייגען ווידער א היימצופירן,
און אויפסניי עפענען פארשלאסענע טירן.
יאסל טראכט פון ווייטן, טויאיקן שליאך.
ער ווייסט פייגע פלאטערט
אין די שורות פון זיין ליד.
אירע לאכנדיקע רייד רוישן
אין דער פרייד פון זיין געמיט.
דער פרילינג איז שוין דא.
די נאכט — לויטערדיק, בלא.
גוט וואלט געווען צו גיין אין צוויי,
און קוקן אויף דער לאנקע וואס
גראזט אין גרינעם היי.
פרילינג. אין גארטן שמעקט די רויז.
דער לאמפ מאכט ליכטיק
די נאכט אין הויז.
אצינד
גוט איז צו גיין אין צוויי,
ווען אין הארצן זיסט
פון בענקשאפט דער וויי.

ב ר י ו ו

נאכט. שפעט. יאסל לייענט
דעם פעטערס בריוו און וויינט:
„יוסף יקירי בשורה מרה בפי —
צירל מיין איינציקע טאכטער
איז געשטארבן ז׳ איר גאנצפרי.

וואָס קאָן איך ריידן,
אַז דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט.
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אונדז ביידן,
און טרייסטן מיך — דאָ און דיך — דאָרטן
אין דער ווייטער, עלנטער פרעמד.
דעם לעצטן פרייטיק צונאַכטס
איז איר פיבערדיקער בליק
געוואָרן דערשראָקענער, פייכטער.
איר פּנים האָט געאומעטיקט
אין שיין פון די שבתדיקע לייכטער.
עס איז געווען, ווי אין די הייליקע ספרים
שטייט געשריבן: דאָס קלענצטע שטויבל בעט,
עס זאָל אין ביזן שטורעם נישט ווערן צעריבן.
נאָר גאָט האָט פאַר איר פאַרריגלט פון רחמים דעם טויער,
און דעם כוס פון מיין לעבן אָנגעגאָסן מיט פּיין און טרויער.
לאַנגע, ליכטיקע, פרילינגדיקע וואָכן,
איז דער טויטנשאָטן אויף איר בעט געקראָכן.
שבת. דער לעצטער מאָרגן האָט אויפגעבלויט.
מיט די קאַלטע טרערן פון טויט
זיינען אירע פיבערדיקע אויגן
געוואָרן פאַרצויגן.
פּלוצים, האָט זי זיך געטאָן אַ האַסטיקן הויב,
און די הענט אויסגעשטרעקט צו דער אויפגעזוניקטער שויב.
זי האָט געדאַכט, אַז אויפן שליאַך ביים וואַלד,
זי זעט שאָטענען דיין געשטאַלט.
זי רופט דיין נאָמען
און קוקט אויף אַ בוים אַ לאַמען.
אַ כריפּ. פאַרשלאָסן אויף אייביק
האָט זיך איר יונגע ליפּ.
גאָט האָט זיין פּנים פון מיר אָפּגעקערט,
מיין הויז געמאַכט ליידיק, לער.
איז האַלט זיך משפּחהדיק־נאָענט,
— דאָס איז דאָס געבעט פון מיין איינציקער טרער.
דאָס איז אויך געווען צירלס לעצטער באַגער.
ודע — און ווייס:
דו ביסט מיין איינציקע טרייסט.
כי נשארתי לבדי — אַ נאַקעטער שטאָם.
און צווישן אונדז שלאָגט דער אוקינוס
דער מעכטיקער ים.
יאָ, איך שיק דיר איר בריוו

מיט טרערן דורכגעטריפט, וואָס
זי האָט צו דיר געשריבן אין די פרימאָרגן-שעהן,
ווי נאָר די שויבן פלעגן אָנהויבן בלאָען:
„יוסף חביבי ומחמדי!
דע, כי עתה נשארתי לבדי.
דער לעבעדיקער גאָט ווייסט,
אַז אַלע דאַרפן מיר זיין
רחמים און טרייסט.
וואָר, שוין צייט די שוכני-עפר זאָלן פון די קברים אויפשטיין
און אינאיינעם זאָלן מיר זוכה-זיין אין הייליקן לאַנד אויפצוגיין.
דודך חיים שוב,
המחכה ליום שכלו טוב".

שטיבער שלאָפן אין הויף
און קוקן מיט די שויבן
צום הימל אַרויף.
אויף מויערשטיין לבנה איר ווייסקייט טריפט.
יאָסל הערט דאָס געוויין פון צירלס לעצטן בריוו:
טייערער מיינער, אַ האַרץ איז נישט געמויערט פון קיזלשטיינער.
מיינע לונגען — צוויי צעלעכערטע זיפּן.
דאָך די פרייד פיבערט אַלץ אויף מיינע ליפּן.
מיין ליבשאַפט צו דיר שוימיק און שכורער פון וויין,
האָט געשטאַרקט און מיך געפירט אין שווערסטן פּיין.
די שטערן רייטן אין די הויכע ווייטן.
איך בין געלעגן אַ צעשמיסענע און געקרעכצט.
נאָר מיין האַרץ פיבערדיק און יונג האָט געלעכצט
נאָך דיינס אַ קוש, ווי נאָך אַ לעשנדיקן טרונק.
אין נעכט פון חשכות טיף און געדיכט,
בין איך צו דיר געפלויגן, און דער טרוים
האָט זיין גאָלדן ליכט געצונדן
אין מיינע פיבערדיקע אויגן.
מיין האַרציקער, מען האָט מיך פון טורמע געשיקט אַ היים,
ווען דאָס בלוט איז שוין אַרויסגעפלאָסן
טיף פון מיין צעבראָכן געביין.
עס האָט געפרילינגט.
פון די גערטנער האָט אַרויסגעבליקט דאָס בעז.
דער וועג האָט געשמעקט מיט דאָרף
און פויערישן קעז.
די טויאיקע ערד האָט געשמייכלט
אין זוניקן אינדערפרי.

די פערד האָבן פרײלעך געהירזשעט
פאַרשכורט פון פרילינג און בלי.
מײן ליבער, אין סאָסנע־װאַלד דרימלען אצינד אַלע שטיבער.
עס טרערן די טױ־טראָפּנס,
און דער טױט לױערט בײ מײן צוקאָפּנס.
מײן פּנים צעצונדן מיט רױטע, העלישע פאַרבן.
איך ראַנגל זיך און װיל נישט שטאַרבן.
דער מאָרגן שלײכט
אין אַ גראָז־גרינעם טײך.
אין טױ פון דער בעכערדיקער בלום
גילדערט זיך די פּרימאָרגנזון.
נאָר אַרום מיר טרײבט אַ קאַלטער װינט,
און דאָס לעבן פון מיר אַנטרינט.
אױפן געזיכט פון צעכװאַליעטן גרין
צינדט זיך אצינד מײן לעצטער באַגין.
דער טױט שאַרפט די שװערד.
די טױען בלישטשען אױף דער גראָזיקער ערד.
באַלד — אין מײן געבײן
װעט דער טױט פאַרשטומען
לעכצונג און געװײן.
איך װעל מער נישט זײן
אין דיר װעט ברענען מײן פּײן.
אין פראָסטן אַרון װעלן גליװערן
מײנע יונגע־אױסגעלאָשענע יאָרן.
אױפן זאַמדיקן שליאַך
װעט זיך טראָגן אַ פױערישער װאָגן.
גילדערנע זון־שטױבן.
דער הימל מיט די שפּיגלדיקע שױבן
װעט זיך בלױען אױף די קלאָרע טױען.
אױפן בית־הקברותדיקן פּלױן
װעט מײן קבר זיך פאַרפלאַנצן
אונטער אַלטן, צעװױנטלטן בױם.
אױס לעכצונג, אױס פּײן!
און װאו װעל איך זײן?
איך װעל זײן אין דער בלום
פון רױט און ראָז. איך װעל זײן
ערד און גראָז.
אין טיפן שװײגן
װעלן שאָטענען די צװײגן.
און װען די נאַכט װעט מיט פינצטערניש

פארשליסן די וועגן, וועסטו אין רויש פון רעגן,
און דורך די לעכער פון פעלדזנשטיין
הערן מיין בעטנדיק געוויין.
ווייל ווען זאלסט נישט ליבן,
וועט דיין בענקשאפט צו מיר
פון דיין הארץ נישט ווערן פארטריבן.
מיינע טרערן פליסן.
דאך איז א טרייסט דאס וויסן,
אז מארגן וועט אין דער שטאלענער שייד
דרימלען די שווערד. א מענטש א גערעכטער
וועט ארבן די זעטיקע ערד און זיך פרייען
מיטן הימל און זיינע ליכטיקע פארבן.
און ווי עס בליט אין אונז דער טרוים
פון וויימן אמאל, אזוי וועט די פרייד
זיך שפרייטן אויפן גרין אין שטילן טאל.
דעמאלט אין די מיענדיקע טריט
גוט און הייליק, וועט די ליבשאפט פון מיין לעבן
אויך האבן א חלק.
יא, כאטש א שטורעם-ווינט
איז דורכגעריטן און געשניטן
אונדזערע פרוכטיקע בליטן,
איז צו די הויכן קלעטער,
און פאר גערעכטן זאלן שטרייטן
דיינע געשליפענע ווערטער.
ווארים, פרי האבן מיינע הענט
די נויט דערקענט.
און נישטא אזא געפעסטיקטע היים,
וואו א מענטש איינער אליין זאל קאנען
באשירעמען דאס אייגענע געביין.
דעריבער שרעק זיך נישט פאר צערן און בראכן,
און זיי נישט געגליכן צום שטומען שטיין, וואס
ליגט אן פרייד, אין גרויסע מאכן אנגעקליידט,
און אומעטיקט צום הימל אין רויטן זון-פארגיין.
געדענק, דעם ארימאן פייניקט מען
אויףביידע זייטן ים.
איז קום און קעמף מיטן ליידנדיקן ארבעטער-שטאם.
איך וויים, דיין הארץ גלויביק און ריין
מיט די מוטיקע קעמפער וועט גיין.
אט אזוי מאל איך זיך אויס דיין בילד:
ביסט מוטיק און מילד.

ביסט שטאַרק! בויגעוודיק, ווי שטאָל,
און לאָזט נישט דעם וויסטן פלאַם
אויפעסן דאָס גראָז אין שטילן טאָל.
מיין ליבער, דאָס בעכערל פון דער רויטער בלום
קוקט צו מיר פאַרשעמט און פרום.
מיין בליק טונקלט.

צעהוילט איז דאָס האַרץ פון אַלטן בוים
מיט די טיפע קאָרע־קאַרבן.
פרימאָרגנזון צינדט אירע טריט
אין גאָלד פון די פלאַקערדיקע פאַרבן.

דער שטילער, פרילינגדיקער ווינט
שעפּטשעט מיין ליבשאַפט צו דיר אַצינד.
דיין צירל וואָס
ראַנגלט זיך און וויל נישט שטאַרבן".

נאַכט. שפּעט. יאָסל זעט:
פלאַנצן אין אַ גרינעם טאָל.
לבנהדיקע שייבלעך גלאַנצן,
ווי שפּיגלען פון שטאָל.
אַ וואַסער יאָגט.
אַ דודקע ניגונט און נאַגט.
עס מרוקעט אַ קו.
דער פּאַסטעך גייט און גיסט
אומעט אין דער גרינער רו.
די זון מיט אירע שטראַלנדיקע אויגן
וואַרעמט די טויאיקע היי־סטויגן.
זייערע גופן וואָס גאַרן,
טוליען זיך אין די טיפע, מאַכיקע פּליושן.
די גלוסטיקע ליפן זוכן זיך אין פריידיקן פיבער
פון שכורנדיקע קושן.
אַצינדערט צירל איז נישטאָ.
איר שאָטן שוועבט פאַר אים
ביים וואַלד, אין שיין
פון אויסגעשטערנטן בלאָ.

שטיל. שפּעט.
באַרג מיט לבנה־טרויער פאַרגאָסן.
נאַכט מיט ווייסע פייערן דורכגעשאָסן.

די שטערנדיקע קרישטאָלן
גליען אין די גרינע, טויאיקע טאָלן.

נאָדל־שטאָד

בלוי־בלאָס זײַנען די פּינטעלעך קרייד
אויפן ווײַס־זײַדענעם פּאָס.
מיסטער בוקמאַן שרייט
אויף אַ נײַעם גרינעם מיט אַ דערשראָקענעם פּנים,
וואָס נאָדלט אַ בוים
און פאַרפּלאָנטערט דעם פאָדים בײַם זוים.

דער גרינער פאַרהאַקט דאָס מויל
און באַרעט זיך מיטן פאָדימדיקן קנויל.
און מיסטער בוקמאַן שרייט:
גרינער, בלינדער באָק,
קוק אָפּן זייד, און זע „די לאַין"
פון בלויען „טשאָק".

אַלע מײַלער שליסן זיך אין ווײ.
צאָרנס פון די אויגן שיסן
ביז זיי פאַרשטומען מיסטער בוקמאַנס
ווילד געשריי.
נאָר ר' העניכן אַרט נישט מער
מיסטער בוקמאַנס געבריל.
ער רעדט צו יאָסלען אינדערשטיל:
יאָסל לייג צו דײַן אויער און הער,
אַ שאָד, וואָס דער מלך שלמה
האָט צו יעדער פרייד דעם טרויער
און די טרער אָנגעגרייט.
שלמה המלך, נאָכדעם, ווי ער איז פון אַלע תענוגים
געוווען זאַט, און געזען, אַז דעם מענטשנס יאָרן
זײַנען געגליכן צו אַ פאַרוויאַנעט בלאַט,
האָט ער אויף דער עלטער אַזוי געקלאָגט:
הבל הבלים — אַלץ איז נאַריש,
אַלץ איז נישטיק נאָך אַ פרישן, זאַטן פרישטיק.
און איך פרעג: סוף אָדם — ערד און ליים.
פאַרוואָסזשע זאָל דער מיסטער בוקמאַן זײַן

אזוי גראָב און געמיין?
סיידן זיין קאָפּ איז אַזוי פאַרשטאָפּט און קליין
און ער מאָלט זיך נישט אויס,
אַז עתיד הוא ליתן דין וחשבון,
און ער וועט דאַרפן פאַרן בית־דין של מעלה שטיין!

יאָסל זינקט אין אייגענעם טרויער.
ער לייגט נישט צו דאָס אויער. ער דימעט.
אים דאַכט: אין תפיסה פייניקט די נאַכט.
מענטשן געפאַנגען הענגען אויף
אייזערנע שטאַנגען. קלויסטער גלאָק קלאַגט.
און שלאַנגען־רוט פאַרבלוטיקט, רויט, שינדט
און שלינגט אָפּגעריסענע שטיקער הויט.
געבריל און גרויל. וואָרעם בלוט פליסט
פון צירלס אויפגעריסן מויל.

דער וויטיק דריקט. פייגע פון דער ווייט בליקט
אין יאָסלס זייט און זעט:
זיין ערשט „באַנדל" ליגט נאָך אויפן
מאַשינען־ברעט, און זיינע אויגן
וואָס מיט טרויערן טריפן, צינדן
די צערן אין די פינקלענדיקע טיפן.

פייגעס האַרץ מיט שרעק אָנגעגאָסן.
די ליבשאַפט מעקט אַלע נעכטיקע
פאַרדראָסן. פון גאָלדענעם אינדערפרי
זי שטעפּט דעם פיין פון שווערער מי.
עס צישעט די שער. שטיל און צאַרט
פינטלט אויף איר פנים די בענקענדיקע טרער.

אָבער יאָסל פאַרזויגן אין אייגענעם אומעט,
הערט נישט דעם שאַפּ, וואָס זשומעט.
זיין נאָדל קייט און שלינגט די פעדימער
אויפן ווייס פון זייד. זיין האַנט
מיד און שווער היט נישט מער
די נאָדלדיקע טריט אויפן דינעם,
פאַרביקן באַנד. ער זעט אַ הימל
שווימט הויך און ריין.
דער פרימאָרגן מיט גאָלד־שטראַליקע צייַן
גריזשעט דאָס מאָך פון אַ מצבה־שטיין.

די בעזן בלויען. די פינקלענדיקע
טויען טריפן אין די גראָזיקע טיפן.
שטיל. די שטילעניש שעפּטשעט געוויין.
אויפן פייכטן פעלד פאַלט זיין
פיבערדיק געוויין.
זיין נאָדל שרייט אויף די צייכנס
פון בלאָען קרייד. עס פעדימען
זיך אויסביימער גרין און גרויס.
צווישן בלעטערדיקע קרוינען דרימלט
דאָס שווייגן. פאַרביקע פייגל
אויף ווינגדיקע צווייגן שטייען און שטוינען.
יאָסלס אָנגעטרערטע אויגן
הויבן זיך צום זוניקן בויגן, וואָס
בלענדט אויפן פּנים
פון די הייסע שויבן.

ער דערמאָנט זיך: אויף דער לאָנקע
פּאַשעט זיך די קו, און ער זוכט
צירלען אין דער גרינער רו.

זיין בליק פאַרטשעפּעט זיך
אין קעגנאיבערדיקן סקוועד, וואו
טויבן גליטשן זיך צווישן שטראַלן־הערנער,
און קלויבן אויפן שטיין די צעוואָרפענע קערנער.

מאַשינען נאָדלען און נייען.
יאָסלס בלאָנדזשענדיקער בליק
לויפט נאָך די רוישנדיקע מענטשן־רייען
אויף דער הויכער, הענגענדיקער בריק.

יאָסל טרויעריק, פאַרקלערט
שטאַרט צו דער גאַס,
און הערט נישט מער
דאָס צישען פון דעם
פאַרצויגענעם פּאַס.

מאַשין שאַלט.
אַ ווינט רוישט און טרייסלט
די בלעטערדיקע ביימער
אין אויסגעפּאָדימטן וואַלד.

נאָדל בליצט און שפּרינגט
אויפֿן זיידענעם באַנד.
נאָדל זשומט און פאַרזינקט
אין יאָסלס האַנט.

די נאָדל שניידט הויט און זייד,
און ציט דינע פּאַסיקלעך־בלוט
אויף די צייכנס פון בלאָען קרייד.

יאָסל לאָזט ארויס
אַ ווייטיקדיק געשריי.
די נאָדלען האַמעווען זיך,
און בלייבן שטעקן טיף אין געניי.

דער פרימאָרגן ווינטלט און קילט.
יאָסל וואַקלט און פאַלט אויפֿן דיל.

אין אַלע פינגער ברענט
דאָס פייער פון קאַלטן שטאָל.
אים דאַכט: עמעצער
קייקלט אים אַריין אין אַ טאָל,
וואו עס אייביקט
די פינצטערע נאַכט.

שוואַרצע, וואַסערדיקע הימלען קראַכן
אויף די שפּיצן פון פעלדזענע שליאַכן.

דורשט פייניקט זיין געביין.
וואַסער גיסט זיך דורכן
מויל פון שטיין.

און ער אין דער וויסט זאַמדיק און ליער,
ליגט פיבערדיק און שווער.

עמעצער רעדט און בעט.
און ער אין שרעק זעט:
ווילדע אָקסן וואָס יאָגן
פון אַ ווייטן וועג, טראָגן
מענטשן אויף זייערע שפּיזיקע הערנער,

און וואַרפן זיי אויף די ברענענדיקע שאַרפן
פון די נאָדלדיקע דערנער.

לער און שטום.
עס נאַכטיקט דער אַרום.
און עס שטאַרקט און עס מערט זיך
די אימהדיקע פינצטערניש
אויף דער וויסטער ערד.

בלוט טראָפנט. בלוט טריפט.
און ער שרייט פון
דער טאָליקער טיף.

פלוצים, אויפן בערגל העל און הויך,
גאָלדיקט די זון דורכן טויאיקן רויך.

ער כאַפט זיך אָן אין אַ שטראַלנשטריק,
און פייגע ציט אים אַרויף צו
אַ הויכער, הענגנדיקער בריק.

ער שפרייזט. איבער אים אַ פויגל
פלאַטערט און קרייזט. ביים
וועג שטיל און אָפן דאָרפישע שטיבלעך
שטייען און שלאָפן.

שטיל. און אונטערן הימל דעם רויטן
גאָלדיקן די האָלצערנע פלויטן.

ער בלאָנקעט אויף דער לאָנקע.
שטיינער קניען. פייגל פלאַטערן און פליען.

די וועלט דופטיקט און העלט.
און ער פאַלט אויפן טויאיקן פעלד,
וואָס זילבערט און ברענט
אין גראָזנהעמד.

עס זאַמדיקט זיך דער שטילער,
פייכטער שליאַך. פייגע טוליעט זיך
צו אים און לאַכט.

פֿאַמעלעך, שווער ער עפֿנט די אויגן,
און ער ליגט גאָר אויף שטולן
אויסגעצויגן . . .

זיין קאָפּ וויגט זיך
אין פֿייגעס ווייסע הענט.
איר הייסע טרער
אויף זיין פּנים ברענט.

דער שאָפּ שטומט.
בלויז דאָס מאָטאָרדיקע מעסער
סאָפּעט און ברומט.

מיט זיין האַנט פֿון וויטיק אָנגעזויגן
פֿאַרעט זיך אַ נידעריקער, בייכיקער דאָקטער
מיט ווייכע, דערבאַרעמדיקע אויגן.
ער רינצלט דעם גלאַטן שטערן און האַלט
אין איין שטעכן און שערן.
אויף זיין ליב־שמייכלדיק געזיכט
קריכט אַ גאָלדן פּעדימל ליכט.

אין יאָסלס פֿינגער דאַרנט די בראַנד,
דער דאָקטאָר פּייפֿט און שטייפֿט זיין האַנט.
ער ציט און וויקלט אַ לאַנגן, ווייסן פּאַס
און שטראָפֿט און שפּאַסט: „אַ גרינער טאָר ניט
זיין אויפֿגערעגט. אַנישט, קומט אויס צוגיין
מיט דער מאַשין אויף געשלעג. אייער גליק
די נאָדל האָט געפּיקט און זיך נישט צעבראָכן.
ערגער וואָלט געווען, ווען זי וואָלט ביז
צום נאַקעטן ביין דערקראָכן.
נו, יאָ, ביז עס וועט פֿאַרגיין דער שטאָך
וועט דויערן אַ וואָך. איר דאַרפֿט אַרויפֿציען
אויף זיך אַ פּאָר עקסטרע פֿונט. וועט איר
ווערן אַ קאַנאַדער מיט אַ פּנים רויט און רונד.
געדענקט, עסט, און פֿאַרגעסט
די יוראָפּישע גענג!"

עס לאַכן אַלע אַרום.
בלויז מיסטער בוקמאַן ברומט בייז און סטראַשעט:
„פּלענטי־גענוג די גרינע דאָ געפּאַשעט!

גרינער! שוין צייט זאָלסט „קוויטן!״
„ביקאָוז״ די טייערסטע „בלאָוז״
האָסטו פאַרבלוטיקט און צעשניטן״.

מיסטער מערסאָן הערט געדולדיק און ענטפערט
געלאַסן: „קיינער איז ניט שולדיק, ווען
פון די רעדער שפּרינגען אַראָפּ די פּאַסן.
און צו פייגען זאָגט ער רואיק און ליבלעך:
זיין מומע וואוינט אַרום „מאַרקעט״, בא דער
נייער „באַנק״, אַרומגערינגלט מיט שטאָלן
און צעהויקערטע שטיבלעך.
אַוודאי, ער קאָן קוים אויף די פיס שטיין,
איז נעמט אַ „טעקסי״ און פירט אים אָפּ אַהיים.
יאָ, אין דער רו פון זיבן טעג
וועט ער צו זיך אַליין געפינען דעם וועג . . .
און איר זעט, אַז גאַרנישט זאָל פעלן
אונדזער פאָעט, אַז ער זאָל ווידער וועלן
שעפּטשען זיינע לידער אין שטילן געבעט.

איך גיב אַ גאַנצע, פרייע וואָך
פאַר אייערטוועגן, איז זאָלן
אייערע טריט אים פירן
צו אונדזערע אינדזלדיקע ברעגן,
וואו דער הימל שווימט און לייכט
אויפן בלויען פּנים פון פאַרדרימלטן טייך״.

פייגע נעמט יאָסלען ביים האַנט
און לאַכט: וואָר, אין די טויען
פון פאַרנאַכט צווישןביימלעך
וואָס בלויען מיט בעז, וועלן מיר
שפּאַצירן באַנאַנד, און דאַנקען
דעם בורא עולם פאַרן גרויסן נס . . .

רב העניעך, וואָס האַלט יאָסלען ביים אָרעם,
טרייסט און טענהט אַז: „דאָס איז שוין
גאַרנישט קיין שפּאַס. וואָרעם גאָט, וואָס
האָט דעם מענטשן באַשאַפן אין זיין פּאָרעם,
היט אים אַפילו ביים ראַד און פּאַס.

סיוועי אין הימל האָט מען שוין לאַנג אויסגעשאַלט,
אַז דיין האַרץ זאָל ציען צו פייגעס שיין געשטאַלט.

כי יקרה היא לך מפז — גייט דעריבער
און פאַשעט אייער ליבע אויפן גרין פון גראָז . . .

געדענקט אהבה הייבט זיך אָן
מיט אַן אַלף — פון אַלע אותיות דאָס
ערשטע אות. זאָלזשע אייער ליבע זיין
שטענדיק ריין און ראָז — ״

ר׳ הענעך, אין גוטן מוט,
ציט יאָסלען פאַרן הוט.

דאָס ראָד אין שאַפ
קייקלט זיך ווידער און קלאַפּט.

אין פייגעס אויגן וואָס פייכטן,
די פרייד קוועלט.
און די שויבן לייכטן
היימיש און העל.

צו פייגען אין הויז

יאָסל און פייגע גייען
צווישן די ביימער־רייען.
די גראָזן דופטיקן אין פּאַרק
און קילן זיך מיט די וואַסערלעך,
וואָס יאָגן פון הויכן באַרג.

די האַנט וואונדיקט, נאָגט.
פייגע רייסט אויס אַ רויז
און זאָגט: מיר גייען
צו מיין שוועסטערס הויז.

יאָסל ענטפערט:
ווען דער ווייטיק אין האַנט זאָל אַזוי שטאַרק
נישט טרייבן, וואָלט מיר ליבערשט געווען
אַט־דאָ אין שאָטן פון באַרג צו בלייבן.

פייגע שמייכלט און זאָגט:
אויפסניי גייט אויף אונדזער טאָג.
אין דער שטילעניש פון גרינעם לאַנד
וועלן מיר ווידער גיין שפּאַצירן באַנאַנד.

טראַמוויי-רעלסן בליצן.
עס ווינטלען דיביימער-שפּיצן.
דורכן בויך פון שטיין
גיסט זיך פון וואַסערלעך
דאָס מורמלענדיק געוויין.
מאָך און שימל.
דער פאָנטאַן ווארפט וואַסער-שטראַלן
צום בלויען הימל.

נאָענט. באַנאַנד.
ביידע גייען אין גרינעם לאַנד.
אויטאָ-האָרנס שאַלן.
עס שיסן די וואַסער-שטראַלן.

פון שטייניקן בויך
גיסן וואַסערלעך
פון דער באַרגיקער הויך.
ביידע פאַרלאָזן די זון אויפן באַרג,
און די גרינע גראָזן
מיט די שאָטנס אין קילן פּאַרק.

דורך הייזעריקע גאַסן,
פאַרטויבט אין אייגענעם געברויז,
פירט אים פייגע צו איר
שוועסטערס אָרעם הויז.
אַ צעגריזשעט, שטייניק בריקל
קירעוועט זיך באַרג-אַרויף, וואָס פירט
זיי צו אַ ליקל
מיט אַ לאַנגן, זאַמדיקן הויף.

באַלן פליען און פאַלן.
גראָבע, גלאַטע שטעקנס
פּאַכען און קנאַלן.

אַ טוך פון שטויב
זאַמדיקט זיך איבער אַלעמענס קעפּ.

אַ טויב פלאַטערט
איבער גאַניקעס און טרעפּ.

געשלעגן. געשאַלן.
באַלן פליען און פאַלן.
אַ מויז צישעט און פאַדעט.
מיט געל־זשאַווערדיקן גערוך
דומפּיקט און טשאַדעט
דאָס אייזנברוך.

פון די שטובן רייצט דער ריח
פון פריש־געקאָכטן רייז.
אין די עיפּוש׳דיקע שטאַלן
פּישטשען און פאַדען
די הונגעריקע מייז.

ליאַרעמדיקע קינדער ראַיען אַרום פאַרשוויצטע פערד,
וואָס בייטשלען זיך מיט די עקן,
און פאַיען זיך פון אַ הויכן, האַלצערנעם וואַסער־בעקן.

פון קלויסטער־טורעם גאַלדיקט
דער באַקרוינטער דערלייזער.
אַ פרוכט־פעדלער טרייבט
די קינדער מיט אַ געמאַכטן געבייזער.

דער פעדלער גלעקלט און קלינגט.
דער פעדלער אַ פריילעכער זינגט:

מיידלעך, ווייבלעך, די פּיסלעך
ווען אייך נישט טאָן וויי
פון אַ גיכערן גיי.
קוקט נישט אויפן ווייזער,
און פאַרן פעדלער עפנט
אייערע ליבע הייזער.

מיידלעך, ווייבלעך, הערט נישט די ליגנערישע ליאַרמער:
אַז פרוכטן זיינען ביליקער באַ די פאַרמער!

פון הויכע, שמאָלע גאַניקלעך מען גריסט אים
און מען ווינקט.

און דער פעדלער מיט פולע, שמעקעדיקע קערב
שלעפּט זיך אויף די סקריפּנדיקע טרעפּ,
און זינגט: מיידלעך, ווייבלעך הערט מיך אַלע
הערט דאָס ליד צו מיין טייערער כלה.
איר מויל איז פול מיט געלעכטער.
זי איז די שענצטע צווישן די יידישע טעכטער.

איז מיידעלע קרוין,
האָרך און שטוין:
איך וועל דיך פון די קאַנאַדישע געפרירן
אין דער זוניקער קאַליפאָרניע אַוועקפירן.
מיידעלע קליין,
ליב און שיין,
וואָס טויגן דיר די היגע פראָסטן?
דאָרטן וועלן מיר וואוינען אויף אַ גראָזן פעלד,
אין אַ געצעלט אַ פּראָסטן.
דאָרטן גרילצט נישט קיין מאַשין.
דאָרטן דופטיקן די מאַראַנצן.
דאָרטן שמעקט דאָס גרין
פון די שיינע פלאַנצן.

מיידעלע,
די פרייד אין דיין האַנט
פינקלט ווי אַ בריליאַנט.
מיידעלע, דיין האַרץ גוט און ריין
דיין פּנים עפּלרויט און שיין.
מיין ליבע זוכט דיך,
און וועט דיך געפינען
איין־אַליין אויף דער לאַנקע
אין אַ ליכטיקן באַגינען.

מיידעלע קרוין,
איך — דיין ליבער
וואוין צווישן
די אָרעמע שטיבער.

הער, דעריבער מיידלעך, ווייבלעך
זענט איר מיר ליבער און טייערער פון טויבן.
קומט אַרויס פון אייערע שטיבער

און מיינע זאפטיקע פרוכטן
הויבט אָן קלויבן.

גו, שוין, און גיך,
לאָמיך הערן דאָס הילכן
פון אייערע הויכע, סגראַבנע שיך.
וואָרים אין וועמענס מיידליש האַרץ
די ליבע טוט נאָגן,
קען נאָך אַ גילדערן קדושין־רינגל
געפינען אין מיין וואָגן . . .

דער פעדלער טאָפּעט אויף די טרעפּ.
דורך די אָפענע פענצטער
שטרעקן זיך צו אים באַטיכלטע קעפּ.
דער פעדלער אין גרינגן גאַנג,
טראָגט פרוכטן אויף אַ צווייגן־שטאַנג.
ער ניגונט מיט אַ טראָפּ
היימלעך, באַטעמט.
און זיין רויטער קאָפּ
שויבערט און פלאַמט.

די ליבע אין הייסן געזאַנג
קלויבט פאַרבענקט זיין יעדן קלאַנג.
די ליכטיקע ליבע אין זיין האַרצן
לויכט און לאַכט
צו דער טויב, וואָס
מורמלט אויפן דאַך.

יאָסל און פייגע גייען באַנאַנד.
דער פעדלער באַגריסט זיי
מיט אַ שטענגל־טרויבן אין האַנט.

יאָסל זאָגט: אַזאַ יונג שיין און שלאַנק!
אַזאַ יונג מיט אַ ליכטיקן געזאַנג!
אָט אַזאַ דיכטער שלעפּט קערב,
און זיין ליד ווערט פאַרלאָרן
אויף גאָרן און טרעפּ.
פייגע שטראַלט:
אַ פעדימל־ליכט
פאַלט אין פינצטערסטן שפּאַלט.

װאָרים, אַט דער געראַטענער יאַט
דרוקט לידער
אין אונדזער קעמפנדיקן בלאַט.

יאָסל װיל פון פעדלער־זינגער
מער װיסן.
נאָר אַנגסט־שװייסן
זיין פנים פאַרגיסן.
אין זיין צעװאונדיקטער האַנט
ברענט די בראַנד.
פאַר זיינע אויגן פול מיט פיבער
קייקלט זיך דער הויף מיט די שטיבער.

עס הילכן, עס יאָגן
טראַק און װאָגן.
פערד שפּרינגען.
פעדלער אויף שמאַטעדיקע געפּאַקן
רופן הייזעריק און זינגען:
אַז די גרינע זאָלן פאַרקויפן
די „אַלדקאַונטרישע" סאַקן.

פורן מיט קאַרטאָפל און פּאָמידאָרן.
פייגע פירט יאָסלען דורך
לאַנגע, טונקעלע קאָרידאָרן.

מידע טריט.
די טרעפּ הוידען זיך און קנאַקן.
פייגעס הייסער אָטעם גליט
אויף זיינע צעפיבערטע באַקן.

עס מורמלט די טויב.
אַ פעדימל־ליכט
צאַפּלט אויף דער שויב.

שאָטן שלינגט איין.
יאָסלס דורשטיקע ליפּן טרינקען
פון קושן דעם זיסן פּיין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין הויז

אין קיך, בא דער שוועל,
פייגע שטייט און קוועלט.

אין דער פארע, אין נעפל-גרוי,
וויגט זיך אַ מיטלוואוקסיקע פרוי.

נאַס גרעט בלויט
אויף אַ גלאַזערנעם וואַש-ברעט.

אירע שווארצע, דורכגעזילבערטע האָר
לאַנג און געדיכט, פאלן אויף איר
מידלעך-פאַרשוויצט געזיכט.

פייגע רופט פריידיק, הויך:
שוועסטערקע, געסט נעמסטו אויף
מיט פאַרע און רויך?

דער שוועסטערס אויגן
פול מיט שטויגען,
צינדן זיך און ברויגען.
יאָסל אינמיטן קיך,
שאַרבעט מיט די פאַרשטויבטע שיך.

פייגע לאַכט: וואָס ביסטו שוועסטערקע אזוי פארטראכט?
דאָס איז יאָסל, מיין ליבער חבר, וואָס
זיין ליבע גריזשעט מיין הארץ, ווי רויטער זשאַווער . . .

די זון ברענט אויף די ווייסע ווענט.
די שוועסטער אין אַ געבלימלט קלייד,
ווישט די נאַסע הענט און שטאַמלט
אין פרייד: זיי מכבד דיין „באָי"
מיט אַ נייי-זויער אוגערקעלע
פון דער גרינער סלאָי.

עס לאַכן פייגעס געשליפענע ציין.
פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן
פון לוסטיק, לויטערן געוויין.

פייגע כאַפּט איר שוועסטער אַרום,
און אַ פרייידיקע זי ברומט:
אַט דער יאָסל רעדט חסידיש-פרום,
און ווייסט נישט, אַז אַלע זיינע וועגן
זיינען ווילד און קרום . . .

די שוועסטער פּלאַטערט:
פייגע הער אויף, זעסט דאָך
ער איז פאַרמאַטערט!

די שוועסטער לאָזט פּלוצים אַרויס אַ געשריי:
ווינד איז מיר און וויי!
וואָס איז דאָס פאַר אַ באַנד
אויף זיין רעכטער האַנט?
ווילדע מויד! ביסט ווערט
מען זאָל לעבעדיקערהייט
שיילן פון דיר די הויט.
זאָג, וואָס איז געשען?
ביסט שוין אויך מיט אים
אויף אַ פּיקעט-ליין געווען?

פייגע לוסטיקט, לאַכט:
גראָד היינט, האָט ער די מאַשין
געלאָזט אין פולן גאַנג.
מסתמא אין צעפּיבערטן געדאַנק
זיך געיאָגט נאָך דעם ציטער פון אַ קלאַנג.
אין סקוועד האָט דער אַנפוסיקער בעטלער געפידלט,
און ער האָט וועגן שטיין און מאָך געלידלט,
ביז צעפּלאָשעטע נאָדל-בראָך האָט אין זיין האַנט
געטאָן אַ שטאָך . . .

די שוועסטער וויינט פון פרייד.
זי ווישט די טרערן מיט דער זוים
פון איר געבלימלט קלייד, און זאָגט:
אוי אַ וויסטע קלאָג!
אין טומל, אין געהילך,
איך האָב פאַרגעסן צו פאַרבריען די מילך.
יאָ, דאָס האַרץ איז מיט צרות פול!
יאָ, וואָסזשע שטייט איר? זעצט זיך אויף אַ שטול.

א יינגל שיין און פארשייט,
בליצט אין זיין זייט.
זיינע האר — גאלדיק-רויט.
ער שיילט זיסע ארבעסלעך
פון א גרינגער שויט.
דאס קליינע, קיילעכדיקע נעזל פארריסן,
האלט ער אין איין שיסן גרינגע ארבעסלעך
צו דער קאץ, וואס ליגט אויפן דיל אויסגעצויגן
און גלעזערט צום טיש מיט גלאנציקע אויגן.

יאסל זיצט א מידער. ער צוקערט די הייסע טיי,
אלע זיינע גלידער ברעכן
פון פיבערדיקן ווײ.

די שוועסטער צערוקט די וואזע-ביימלעך,
און רעדט צו אים משפחה׳דיק, היימלעך.

איר מיטלוואוקסיק געביין דין און שיין.
דאס פנים קיילעכדיק און קליין,
שמייכלט מיט א פול מויל פערלדיקע ציין.
פריש-פארביק די הויט.
נאר די שווערע יאר פון דער נעכטיקער נויט,
פינטלען מיט זילבערנער ווייסקייט
אויף אירע געדיכטע, לאנגע האר.
דאך, די שיינקייט פון נעכטן
איז נישט פארמעקט.
דער געשליפענער גלאנץ פון אירע ברוינלעכע אויגן,
וועקט דעם טרוים פון הייסע נעכט, וואס
ברענען ביז דער מארגן צינדט זיך
אויפן בלויען הימל-זוים.

יאסל קוקט אויף איר און טראכט:
איר געשטאלט וואס ליכטיקט אצינד און לאכט,
באהאלט די פרייד פון אייגענע פארליבטע טעג,
ערגעץ אויף א היימישן, פעלדישן שליאך.

צו פייגען איז ענלעך איר גאנג.
פון אירע צארטע ווערטער ציטערט
דער זעלבער מעלאדישער קלאנג.

יאָסל פאַרקלערט, זיצט און הערט:
עס שפּאַנט די רושיקע באַן.
אויף דער וואַנט ציטערט
די קופּערנע פאַן.

יאָסל זיצט צעוויטיקט און שטיל.
אונטער אים וואַקלט זיך דער דיל.

אינדרויסן, אין בלענדנדיקן בלוי
שווימט אַ טויב.
אַ שלענגעלע־ליכט, ווי אַ גילדערנע שטרוי,
ציט זיך אויפן גלאָזנגעזיכט
פון דער אַנגעגליטער שויב.

יאָסל לעשט דעם דאָרשט
מיט דער קאַכעדיקער טיי.
דער דין־צעריבענער צוקער אין דער פּושקע,
שמעקט ווי פרישער, ווייסער שניי.

יאָסלען דאַכט זיך, אַז עמעצער
מיט פינגער צעוויטיקט, שאַרף
שפּילט אויף סטרונעס
פון אַ וויינענדיקער האַרף.

די שטול וואַקלט, סקריפּעט.
די שוועסטער אַ צעשראָקענע כליפּעט.
שרעק און גרויל
פייגע גיסט רויטן טרויבנווייַן
אין זייַן אָפן מויל.

פינגער ווייטיקדיק, שאַרף
צאַפּלען אויף די פייערדיקע סטרונעס
פון דער וויינענדיקער האַרף . . .

די שטול סקריפּעט.
פייגע כליפּעט.
רויטער טרויבנווייַן
מיט פלאַמיקער זיסקייט
שלעפערט אים איין — — —

אין צימער

אין צימער שאָטנדיק, שטיל.
דאָס געלעגער ווייך און קיל.

אַ שיף ברילט.
פייערדיקע רעדער פון רויטן זונפאַרגאַנג
לויפן און לעשן זיך אויפן גרינעם דיל.

דאָס פענצטער ברייט און אָפן.
יאָסל זינקט אין די ווייכע שאָטנס
פון חלומדיקן שלאָפן.

נאָגנדיק קלויסטער־געקלאַנג.
אין ווינקל בלויט
די ביכער־שראַנק.

עס גרויט אַ גאַניק.
עמעצער שפּילט אויף אַ האַרמאָניק.

יאָסל אין פיבער פון טרוים,
ליגט אונטער אַ צערוישטן בוים.

וואַלדיקער וועג מיט גרינקייט אויסגעבעט.
און דאָס הייסע לייב דער ווינט קילט און גלעט.

דאָס צימער שאָטנדיק, שטיל.
די קאַץ קנוילט זיך אויפן דיל.

פייגע וויקלט נאַסע טיכער
אַרום זיין שטערן.
און אירע לויטערע טרערן,
ווי טראָפּנס־ליכט
פאַלן אויף זיין פיבערדיק געזיכט.

עס פאַרנאַכטיקט.
הימל־טיפן בלאָען,
און שלינגען דאָס פייער
פון די גאָלדענע שעהן.

יאָסל פּאַרטרויט זיך פאַר פּייגען

נאַכט. עס קילן די אייז-טיכער.
שאָטנס דרימלען אויף די זילבערנע רוקנס
פון יידישע ביכער.

דאָס אייז טאָפּיעט
און צערייסט די פייערדיקע פעדים
פון פיבערדיקן דרימל.
יאָסלס אויג צאַפּלט אויף, און יאָגט זיך
נאָך אַ זילבערנעם שטערן, וואָס
פינטלט צו אים פון שלאָפנדיקן הימל.

דער פאָרהאַנג ווינטלט און גלעט.
פּייגע היט זיין בעט.
די בענקשאַפט אין הארצן פאַרשפּאַרט,
רוישט און רעדט אַצינדער דורך
די ציטערדיקע סטרונעס פון איר גיטאַר:

„טייבעלע, טייבעלע.
דער הימל העלט. זיי נישט שטום.
פלי צו מיין געליבטן און זאָג אים,
אַז מיר פאַרריכטן שוין די ווענט
פון דער וועלט, וואָס זיינען נאָך
קרישלדיק און קרום.

טייבעלע, טייבעלע.
מיין געליבטער איז שוין פריי.
ער קומט צו מיר
מיט זיין ליבע יונג און ניי.

טייבעלע, טייבעלע. די נאַכט איז טיף און בלאָ.
פלי און זאָג אים, אַז איך צייל יעדע שעה.

טייבעלע, טייבעלע, צעשטערנטער הימל העלט איבערן פעלד.
פאַרוואָסזשע ביסטו שטום?
פלי, און זאָג מיין געליבטן,
אַז די וועלט קרישלדיק און קרום,
מיר וועלן פאַרריכטן אומעטום.

טייבעלע, טייבעלע, פלי צו אים און זאָג,
אַז די ליבע וואָס מיין האַרץ טראָגט,
פיבערט דורך פריידיקע טרערן,
און די בענקשאַפט וועקט די נאַכט
מיט די דרימלענדיקע שטערן".

אויף די צערוישטע סטרונעס
צאַפּלען פייגעס ווייסע, צאַרטע פינגער
און ציטערן אויס דאָס ליידנדיקע ליד
פון אַ פאַרליבטן זינגער.

אומעטיק, לאַנג רוישט די גיטאַר,
איטלעך פאַרבענקטער קלאַנג,
נאָגט דאָס האַרץ אָנגעגאָסן
מיט טיפן צער.

פייגעס בליק גלעט און בלענדט.
דער לעצטער רויש פון ליד
פאַרשטילט אונטער אירע
ווייסע שוועבנדיקע הענט.

סטרונע־האַרץ פון דער גיטאַר
פאַרדרימלט זיך אין טיפן צער.
פייגע זאָגט:

כ'מיין, כ'מעג שוין וויסן:
ווער איז דאָס מיידל,
וואָס האָט דיינע רוישיקע טעג
געטאָן דיר פאַרזיסן?

און וואָס איז דאָס פאַר אַ פייגלעכער סוד,
וואָס שפינט זיך אין דיין לעבנס־ראָד?

פייגע איבער אים אָנגעבויגן,
שפיגלט אויף אים מיט
אירע פולע, פייכטע אויגן.
און עס ווערט אים גרינגער
פון אירע ציטערדיקע, צאַרטע פינגער,
וואָס קילן זיין צעפיבערטן שטערן,

און ווישן פון זיין פּנים
די אַרויסגעוויינטע טרערן.

פייגע זאָגט: איך רעד צו דיר אויף דו,
ווייל אין דיינע טרערן, וואָס לויטערן און ריינען,
איך זע, אַז דו ווייסט:
נאָך אַלע דיינע פּיינלעכע שטורעמס,
טרייסטו און רו וועסטו געפינען
אין מיינע טוליענדיקע אָרעמס.

אין ווינקל־וואַנט,
אין אַ געגילדערטער ראַם
אומעטיקט אַ בילד פון עבר לים.
אַ טישל. אַ וואַזע מיט פּאַפּירענע בלומען.
די באָבע אין אַ שייטל אויף אַ שטרויענער שטול.
אירע מילדע אויגן פרומען
דורך דער מעשענער שפּאַקול.
יאָסל קוקט אויפן פּאָרטרעט און אים דוכט זיך, ער זעט,
ווי איר באָבע שפּרייט אויס אירע הענט,
און בענטשט, אַז אין ליבשאַפט זאָלן
ווערן אויפגעשטעלט די נייע ווענט
פון זייער פרידלעך געצעלט.
פייגע זאָגט: דאָס איז מיין באָבעס פּאָרטרעט.
איר האַרץ איז תמיד פול געווען מיט געבעט.
פאַר מיין אָפּפאָרן אין ווייטן וועג,
פלעגט זי זיצן גאַנצע טעג,
אַרויסוויינען אירע פּיינען,
און ביז נאַכטיקער שפּעט
צירעווען מיין גרעט.

יאָסלס צעפּיבערט געביין
צאַפּלט אין פייער.
פייגע מורמלט אין געוויין:
דו איינער, ביסט מיר
נאָענט און טייער.

יאָסל וואָס שווימט אין די הייסע שטראָמען
פון איר גלוסטיק לייב, שעפּטשעט איר נאָמען:
פייגע, ביסט אין די ווערטער פון מיין ליד,
ביסט אין דער בענקשאַפט

פון מיין געמיט.
קיינער וועט אונדז מערנישט שיידן.
די שטריק פון ליבשאַפט
וועלן בינדן אונדזביידן.
ער עפנט פאַר איר צום נעכטן די טיר.
ער דערציילט פון אַ שטעטל אין ווינטערדיקן פריר,
און פון אַ ווייסער נאַכט אויפן וועג.
שטיבלעך מיט אויסגעקרומטע, הילצערנע פּלייצעס
שפּאַרן זיך צום פאַרפרוירענעם טייכיקן ברעג.
פייגע זעט:
שטעטל מיט שטילקייט אויסגעבעט.
הימלען בלויען אויפן שנייאיקן פּליוש.
און אויף זיינע ליפּן זיסן די טויען
פון צירלס ערשטן קוש.
שפּעטער פאַרט צירל אַהיים.
יאָסל בלייבט מיט דער בענקשאַפט אַליין.
דאָס שטעטל מיט ווייסקייט פאַרגאָסן,
אומעטיקט, פון דער גאַנצער, גרויסער וועלט אָפּגעשלאָסן.
יעדע וואָך, אין זיין קוטשמע באַזילבערט
מיט שנייאיקע שטערן, ברענגט שימקע אַ בריוו
פאַרטריפט מיט אויסגעבענקטע טרערן.
צירל דערציילט פון איר געהיימען געהערן
צום רעוואָלוציאָנערן אַקטיוו,
און די בענקשאַפט אין הארצן לויטערט זיך.
ווי דאָס וואַסער איז אַ קוואַליקער טיף.
אַודאַי איז זי אין געפאַר,
נאָר זאָל ער פון דעם
נישט האָבן קיין צער.

אויף שימקען וואָס שמט פאַר אַ באָלשעוויק
וואַרט יאָסל יעדן דאָנערשטיק, ביי דער לאַנגער בריק.
שימקע ציט אַרויס פון שטיוול אַ קליין בריוול,
און וואָרטשעט צו אים פון בערנפּעלץ:
יאָסל, האָסט געהערט פון די פּויערים־אומרוען
אין טאָמאַשאָוו און אין קיעלץ?
העי, לאָקשנקוידעשדיקער לידלמאַכער,
פאַר די אַרבעטער ביסטו אַ קעמפער אַ שוואַכער!
ער טרייסלט זיך פון געלעכטער:
די איידלסטע, די שענסטע פון די פּראָלעטאַרישע טעכטער
האָסטו זיך אויסגעקליבן, דעריבער ווי יעקב אָבינו

וועסטו ארבעטן פאר איר יארן זיבן.
זיינע שארפע, שטארצנדיקע קינבאקן
שרויפן זיך און קנאקן,
און א פריילעכער שרייט ער אוים:
יאסל מיט לשון ארוים!
שאקל נישט אזוי מיטן קאפ,
ווי וואלסט מעביר-געווען
די סדרה מיטן טראפ.
כ׳ווייס ווי א הייסע שטארץ
גליט די ליבע אין דיין הארץ! . . .
אבער עס מאכט נישט אוים
דו קומסט פון אן ארעם הויז.
כ׳ווייס, וועגסט נישט דיין יחום אויפן לויט.
חברסט זיך מיט באלמעלאכישן יונגווארג
ביים צעלאמעטן צערקווע-פלויט.
חברה זאגט: צירל שרייבט צו דיר פון געהיימען שליאך,
ווייל אונטער דיין איידעלער, ווייסער הויט,
שלאגט דיין הארץ פאר אונדזער געמעכטער זאך.
און איך שימקע פיל, אייך ביידן
בינדט א גרויסער ציל . . .
מיט בריוולדיקע רייד
קוויקט זיך יאסל,
ביז דער ווינטער פארגייט.
אין פריצישן הויף
דער אלטער בוים, דער קרומער,
וואס קוקט צום הימל ארויף, טוט זיך אן
דאס בלעטער-קלייד פון ליכטיקן זומער.
שימקע ברענגט מערנישט אין שטיוול
קיין פארטערעט בריוול.
אין וואלד אויסגעבעט מיט גרינע מאכן,
בענקען זיינע גארנדיקע וואכן.
אט אומגעריכט, מיטן שיין פון שטערנליכט,
קומט צו אים סודותדיק, פארטראכט
א בחורל פון א געהיימען שליאך.
ער איז א בחורל פון שוסטערישן צעך,
וואס האט א בריוול פאר אים פארהוילן
אין די דראטווע-שטעך פון זיינע זוילן.
צירל שרייבט:
„פול מיט בענקעניש איז מיין לייב.
מיין יינגל, מיין ליכטיקער און ריינער,

אין אַ שטיבל פאַרשפּאַרט צווישן פעלדזנשטיינער,
די ליבשאַפט לויטער און צאַרט
נאָך דיר בענקט און גאַרט.
דאָס חברל אין זיינע אייגענע ווערטער,
וועט פאַר דיר צייכנען דעם וועג
צו מיינע געהיימע ערטער.
אין איינזאַמקייט מיינע טעג
ווערן דאַ צעריבן.
דיין צירל וואָס
וועט דיך שטענדיק ליבן".

עס גאָלדיקט דער אינדערפרי.
און מיטן האַרץ וואָס גיסט זיך אָן מיט קוואַלן-געוויין,
טרינקט ער דעם זיסן גלי
פון אירע ווייסע ציין.
אין הויכן קאָרן
ווערן זייערע טריט פאַרלאָרן.
הימלען בלויען.
אויף גראָזן באַשטאָכן
מיט בלישטשענדיקע טויען,
זיסן די זומערדיקע וואָכן.
עס שכורט פון ליבשאַפט דער וויין,
נאָר אין האַרצן נאָגט דער שטילער פּיין.
אין וואַלדיקן טאָל, צווישן שטיינער,
גאָרנדיקע בענקשאַפטן וויינען.
יאָסל זעט, ווי פּרי-האַרבסטיקע
פלאַמיקע צינגער פּליקן
די בלעטער פון אַ בוים, וואָס
שווענקט זיינע שוואַרצוואָרצלדיקע פינגער
אין זילבער פון טייכיקן שוים.
אָבער די נאַכט וואָס
פינצטערט אין צערוישטן וואַלד,
געפינט זיי ביים מויל פון פעלדזנשפּאַלט,
דורך ווייסן טרויער פון פּיין,
לבנה טריפט איר זילבערנעם שיין.
די נאַכט שטילט.
די ערד טויאיקט און קילט.
אונטער דורכגעהעלטע ביימער-זיפן
שכורן קושנדיקע ליפּן.
אויפן בוים וויגטלט דער בלאַט.

די גאַרנדיקע ליבשאַפט פיבערט
און ווערט נישט זאַט . . .

אַט אזוי קלענערן זיך די טעג
און קילן.
די נעכט איבערן דאָרפישן וועג
לענגערן זיך און שטילן.
עס האַרבסטיקט.
ער קערט זיך צום שטעטל אום
פאַרבענקט און שטום.
ביי דער מיל רוישן די וואַסער־שטראָמען,
ער שעפּטשעט שטיל איר נאָמען.
דער אומעט פון האַרבסטיקע טעג,
זשומעט אויפן זאַמאָשטשער וועג.
אין בלאָטיקן ליים,
ער בראָדזשעט צו שימקען
און שיקט מיט אים אַ בריוול
צו איר פאַרבאָרגענער היים.
אלול קילער, שטומער.
דאָס שטעטל שטילער, פרומער.
אויפן טייכיקן געזיכט
שווימט דער טרויער
פון בלאַסן, האַרבסטיקן ליכט.
פון צירלען גרייכט נישט קיין גרוס,
ווי זייער ליבשאַפט, וואָלט
געווען אַ ליידיקע נוס.
און אַט אין איינער אַ נאַכט,
ווען חושך פאַרגיסט
דעם שטעטלדיקן שליאַך,
צעסקריפּעט זיך די טיר אומגעריכט,
און דער ווינט וואָס ציִשט,
פאַרלעשט דאָס ליכט אויפן טיש.
צירל טרעט די שוועל אַריבער.
די מאַמע פאַרהענגט די פענצטער אין אַלע שטיבער.
זי ברענגט הונגער און שרעק
פון אַ וויטן, געהיימען וועג.
די מאַמע וואַרעמט זי מיט הייסער טיי,
און שטעלט היימיש־געפּרעסטן קעז,
ווייס ווי שניי.
די מאַמע וויינט. זי ווישט די טרערן:

שוין צייט משפּחה זאָל זיך מערן!
ווייסט מסתם, אַז יאָסל פאָרט אין עבר־לים,
טאָקע קיין קאַנאַדע, פונוואַנען מ'הערט,
אַז אַפילו עלטערע יידן גאָלן זיך די בערד.
איז צירעניו, הער דער מומעס איינאונאיינציק באַגער:
איך וויל אייך אונטער דער חופּה פירן,
איידער איך טו אייך פון מיינע אויגן פאַרלירן.
און אַפילו אין אַט דעם רעגנגאַס,
קאָן מען ברעכן טעלער און גלאָז.
יאָ, אויף שבת פעלט מיר אַן איבעריקער גראָש,
דיר גיב איך כלה מתנות
דער באָבעס בראָש
מיט די דימענטלעך העליש־ראָז.
דער בעסטער פּלאַן,
איז עבר־לים.
פון צירלס אויגן פאַרטראַכט און שיין,
קייקלען זיך טראָפּנס־געוויין.
זי כליפּעט און זאָגט אַזוי:
מומע, די אַלטע וועלט פלאַקערט,
ווי אַ בינטל־שטרוי. און אין אַט
אַזעלכע הארבסטיקע נעכט,
איז פאַר מיר נישט רעכט
פונדאַנען צו אַנטלויפן
און איבערלאָזן שטעט און שטעטלעך
מיט הונגעריקע הויפן.
אין פרילינג, ווען די טעג וועלן קלאָרן,
וועל איך אויך קיין קאַנאַדע פאָרן.
און צווישן לאַנקעס גרין און פול מיט טוי,
וועל איך כדת וכדין ווערן יאָסלס פרוי . . .
די מאַמע וויינט און ווישט די טרערן:
אוי צירעניו, ווילסט דיין מומען נישט הערן.
ביסט אויף אַ געפערלעכן ירידן, און גאָט
זאָל זיך אויף דיר דערבאַרעמען,
און באַשירעמען דיינע שטרויכלענדיקע טריט.
אין אַ חודש שפּעטער, ווען אונטערן שניי
וואַרעמען זיך שוין אַלע אָפּגעפליקטע בלעטער,
פאַרלאָזט ער צום לעצטן מאָל,
דאָס שטעטל אין שנייאיקן טאָל.
די רעדער פון דער בויד פראָסטיק, וויים
ברעכן די דינע הויט פון פרישן אייז.

לעצטע שיידונג אין וואַקזאַל.
צירל אַנגעטאָן אין פּויערישער קליידונג
טוט אויף זיין האַלדז אַ פּאַל.
לבנה, ווי אַ זילבערנע פּאַן
קייקלט זיך אויף די פּראַסטיקע רעלסן
פון דער אַנטלויפנדיקער באַן.
ער קומט קיין קאַנאַדע אין די חדשים
פון שאַרפן ווינטערדיקן געפריר.
ער יאָגט זיך נאָך אַ דזשאַב.
נאָר פאַרמאַן פאַרמאַכט
די טיר פון שאַפּ און לאַכט.
אין די וואָיענדיקע ווינטער-נעכט,
מיט דער איינזאַמקייט ער פעכט.
זיין בריוו געשריבן אין דער נאַכטיקער שפּעט,
טריפט מיט טרויער און בעט:
„צירל טייערע
איך ווער פון בענקשאַפט פאַרצערט.
פאַרוואָס האָסטו זיך אַליין די ליבע
פאַרווערט?”
נאַכטיקע ווייסקייט אויפן פענצטער פאַרצויגן,
פאַרשליסט דעם שלאָף פון זיינע אויגן.
דאָך ער האַלט אין איין האָפן,
אפשר איז זי פון תפיסה אַנטלאָפן.
אַצינדערט נישטאָ מער קיין פאַרהוילן.
אין אים שרייען אַלע גרוילן.
די ווערטער פון פעטערס בריוו
לעכערן די נאַכטיקע טיף:
„אַז גאָט וואָס איז גוזר אויף אַלע מענטשן די סופן
האָט אים צום הארבסטן געטאָן שטראָפן.
איבער צירלס יונגן קבר וויינען
זיידע-באָבעס מצבה-שטיינען.
און דו וועגן אייגענעם לעבן טו אַ קלער.
טרייסט זאָל דיר ברענגען די שטילע, אַרויסגעוויינטע טרער”
לבנה קייקלט זיך אין וואַסער פון הימלדיקן בלוי.
דער באַרג מיט שטערן — צעהעלט,
שמעקט מיט קילן טוי אויף גראָזנפעלד.
אַ הונט וואָיעט אויס פון הונגער דעם גרויל.
יאָסלס דערשטיקטע ליפּן שלינגען
די ברענענדיקע קושן
פון פייגעס גלוסטיק מויל.

זי פלאַטערט און פליסטערט:
צירל האָט זיך געראַנגלט
מיט וועלט-פאַרוויסטער.
און אויף דיין ליבע ריין און ליכטיק
בין איך נישט אייפערזיכטיק.
און צו צירלען, וואָס האָט אַזוי יונג
אין דער פינצטערניש פון קבר איר רו געפונען,
אויך מיין צער איז פאַרשפּונען.
איך באַוואונדער איר מוטיקן גיין,
און, ווי דו, באַוויין איך דאָס
טרוימערישע לעבן פאַרלאָרן
אין איר בענקענדיק געביין.
צירל געהערט צו פּוילנס גרויסע קעמפער,
וואָס האָבן זיך קעגן דער רשעות געווערט,
און געהייליקט די פרייהייט
פון דער פּוילישער ערד.
שטענדיק, אין דער נאַכט דער געדיכטער,
פּוילנס קעמפער און דיכטער,
אָנגעטאָן אין בעטלער-זאַק,
וואַנדערן אויפן זאַמדיקן טראַקט
און ברענגען טרייסט דעם עלנטן פּויער,
וואָס ראַנגלט זיך מיטן אייגענעם טרויער.
אָנגעטאָן אין בעטלער-זאַק
וואַנדערן זיי און בענטשן
קאָסע און האַק.
אויפן שליאַך
מיט די צעזוניקטע שטויבן,
נישטאָ וואו זיך צו פאַרהוילן
פון סווישטשענדיקע קאָזאַקישע קוילן.
זיי טראָגן פון דאָרף צו דאָרף
זייער גלויבן פון אַן אויסגעלייזט פּוילן
פון גלאָזענע שטיבער מיט שטערנדיקע שויבן.
איצטער פּריצישע מאַכט
שפּרייט דאָרטן פון פינצטערניש
די שרעקנדיקע נאַכט.
פּוילנס קעמפער אין תפיסה-צעל
וועלן צוריקברענגען די פרייהייט
צו פּוילנס פאַרהאַקטער שוועל.
און צירלס העלדיש, הייליק געשטאַלט
ווי דאָס שטערנליכט איבער אַ צעפּרילינגטן וואַלד.

דאָס צעווינטלטע פאַרהענגעל קילט און שאַרכט.
פייגע פליסטערט און יאָסל האָרכט:
ביסט טרוימעריש און צאַרט.
פאַרוואָסזשע האָסטו אַזוי לאַנג
פאַר מיר דיין האַרץ פאַרשפּאַרט?
אין פייגעס הענט ליגט יאָסל איינגעקלעמט.
אים פאַרבלענדט די הייסע ווייסקייט
וואָס שלאָגט דורך איר בלוזע־העמד.
פייגע האָט איר ליבשאַפט געפונען,
און אירע ווערטער פליסטערן און וויינען,
ווי דינע סטרונען:
„אָ, מיין ליבער, אין פיין פון גלוסטיקן פיבער,
ווערסטו צו מיר דערקענט אָט־אָ דאָ
צווישן די צעהעלטע ווענט.

יאָסל מורמלט: מיין ליבשאַפט איז פול מיט געגאַר.
איך שווער, איך וועל דיר קיינמאָל מער נישט
פאַרשאַפן אומזיסט קיין צער . . .
דאָס פאַרהענגל ווינטלט און קילט.
די שטוב שלאָפט און שטילט.
אויף די שויבן מיט שאָטנס פאַרצויגן,
מיניעט די נאַכט מיט אירע שטערנדיקע אויגן.

דער דרויסן קיל, ווייס.
לבנה קייקלט זיך, ווי
אַ קיילעכדיק שטיק אייז.

אין דער נאַכטיקער שפּעט
יאָסל מורמלט און בעט:
ליכטיק ליד,
לייטער מיין געמיט.

אָט אַזוי שטילן זיך איין
די שעהן פון פיין.
פּלוצלינג —
אויף די דעכער מיט בלויע שאָטנס פאַרשפּרייט,
מאָרגנזון גאָלדיקט און גייט.

קופּערדיק קלאַפּן די גלאָקן אין קלויסטער־טורעם.
פייגע ליכטיקט און קוועלט. איר לייב שמעקט,
ווי אַ גראָזיק פעלד נאָך אַ רעגנשטורעם.

דער טאָג ווערט העלער, ייִנגער.
קלויסטער־גלאָקן קלאַפּן
מיט די קופּערנע צינגער.

אויפן אינדזל

פרימאָרגן

עס בלויט דער שטיינערנער קלויסטער־פּלויט.
פאַרליבטע ווערטער לויטערן אין האַרץ און פרומען.
יאָסל איילט. זיינע איילע טריט
וועקן די שלאָפנדיקע שטיבער
וואָס שטייען און שטומען.

דער פּאַרק לער און אַליין.
יאָסל איילט און זעט:
פייגע אָנגעשפּאַרט אין אַ שטיין,
קרישלט און גלעט דעם מאָכיקן שימל
און קוקט, ווי די פרימאָרגן־זון
קייקלט זיך אויפן בלויען פאַרהאַנג
פון הויכן הימל.

יאָסל פאָכעט צו איר מיט די הענט
און רופט זי צום טראַמוויי, וואָס
לויפט צווישן די בערגיקע ווענט.

פייגע יאָגט אים איבער,
און שפּאַרט די ערשטע זיך אַריין
אין דער לאַנגער ריי, וואָס וואַרט
אויפן אָנגעפּראָפּטן טראַמוויי . . .

פנימער נישט אויסגעשלאָפן און בלאַס
וואַרטשען: הלמאי זיי דאַרפן זיך
אַריינשטופּן אין טראַמוויי אָנגעפּאַקט
מיט מענטשן, ווי הערינג אין אַ פאַס.

נאר פייגע און יאסלען ארט היינט
נישט דאס געדראנג. אין זייער
הארץ רוישט פון פרייד דאס געזאנג.
אין זייערע פארליבטע בליקן
פיבערן און שפילן די אויסגעלויטערטע פריידיקע געפילן.

דער טראמוויי גליטשט זיך
אויף דער בריק פון הענגענדיקע שטאלן,
און די קופערנע שטראלן-שטריק
שווימען אין די טייכיקע טאלן.

דער טראמוויי קירעוועט זיך ארום דער פעסטונג-מויער.
זיין לעצטער קלאנג פארשטילטביים אריינגאנג
פון גרינעם שטיינערנעם טויער.
אין האפן בלוי-בלענדנדיק און אפן,
פארגליווערטע פעלדזן שטייען און שלאפן.

א שטעגל שטיל און שמאל
נידערט אין גראזנטאל.

טורעם-שפיצן
מיט שייבלעך קיילעכדיק און קליין,
בליצן אין רויטן מארגנשיין.

מארגנגלי. געוואי פון שיפן.
וואסערןווארפן זיך צו די פעלדזענע קני,
וואס שפיגלען זיך אין די טייכיקע טיפן.

פייגע און יאסל שפרייזן און שפרינגען.
זייערע הענט קלאמערן זיך אין די רינגען
פון די שטיינערנע פעסטונג-ווענט.

דער טייך כוואליעט. דער טייך שטורעמט
די קיילעכדיקע טרעפ פון בארגיקן טורעם.

נאר פעסטונג-מויער קניט ביי די טייכיקע ברעגן.
זיין אייזערנער טויער היט די וואלדיקע וועגן,
וואס ליגן באהאלטן צווישן טיפע שטיינער-שפאלטן.

דאָ סווישטשען מערנישט קיין ביקסן-קוילן.
נאָר די גרינגע ווייטן פֿאַרהוילן
פֿון פֿאַרצייטן די גרוילן.

שאָטנס צאַפּלען און שפּרינגען.
יאַסלען דאַכט, אַז אין גרויען, האַלצערנעם
קלויסטערל אויפֿן גראָזנשליאַך, קלינגען
די קופּערנע גלעקער, און רופֿן ווידער
פֿאַרמער און העקער
צו פֿאַרטרייבן פֿון דער וואַלדיקער נידער
דעם קריגערישן אינדיאַנער, וואָס
באַלאַגערט, און לויערט
הינטער דער פֿעסטונג־מויער.

אינדיאַנער שווימט מיטן שטראָם,
און זיין שיפֿל פֿאַרזינקט נישט
אין צעשטורעמטן תהום

דעם אינדיאַנער איז ליבער דער העלדנטויט
איידער דער ווייסער זאָל שינדן זיין הויט.

דער אינדיאַנער איז נישט קיין שקלאַף.
ער איז קריגעריש און בראַוו.

דעם אינדיאַנער שרעקט נישט
קיין וואַסער-זייל, קיין פֿעסטונג-וואַנט.
ער שטורעמט דעם פֿעלדזנראַנד
און שליידערט פֿייל און פֿייער
אויף שטוב און שייער.

דער אינדיאַנער איז פֿלינק
אויף די פֿיס. שפּיז
און האַק שפּאַלטן קאָפּ און באַק.

דער ווייַ וואָיעט פֿון
אינדיאַנערס בלוטיקן מויל.
וואָרים שאַרפֿער איז דאָס שטאָל פֿון דער שווערד.
ביקסנקויל יאָגט גיכער פֿון זיין פֿערד.

און מיטן שטעג שאָטנדיק און שמאָל,
אַנטלויפֿט אינדיאַנער פֿון גראָזנטאָל.

מיטן שטראָם פון ים ער ציט אָפּ
פון זיין אינדזלדיקער ערד, וואָס
האָט צו זיין פרייען אָדלער-שטאָם
פון שטענדיק אָן געהערט.

דער אינדיאַנער אַנטרינט אין אַלטן געדיכטן וואַלד,
וואו צווייגן-שטריק פלעכטן אַ לייטער-בריק.
יעדער שטיינער-שפּאַלט שיצט און באַהאַלט
דעם מענטש מיטן רויטן געשטאַלט . . .

דער אינדיאַנער לאָקערט אויפן גראָזגוועג.
דער אינדיאַנער גייט מיט דער חיה אין געשלעג.

לייוועגטענע שטיבלעך זיינען מערנישט פריי און פרידלעך.
דער אינדיאַנער דערמאָנט זיך אין פאַרצייטן,
ווען זיינס איז געווען דאָס דאָזיקע לאַנד
מיט די בלויע ימיקע ווייטן.

איצטער שטאַרק און גרויס
זיינען די „ווייסע געזיכטער".
און זיי פאַרלעשן פאַר אים
דעם הימל מיט די שטערנליכטער . . .

עס איז פאַרנאַכט.
דאָס שאַלן פון האָרן
רופט אין שלאַכט די רייטער,
וואָס קלינגען מיט די שטאָלענע שפּאָרן.
שלאַנקע, פלינקע פערד גאַלאָפּירן,
און טראָגן רייטער, שווערד און שפּיז
אויפן שונא ביי די פעלדזנפּיס.

דער פאַרנאַכט דורכגעלעכערט
פון דער סווישטשענדיקער קויל
יאָמערט און גרוילט.
ענגלישע אַרמייען פאַרכאַפּן
דעם באָרטן, און עס ברענען
שטוב און גאָרטן.

אַצינד ביי די „דריי קוואַלן",
נישט ווייט פון גראָזנשליאַך,

גליווערט נאך דאס
פארזונקענע פעסטונג-געביי
מיט די שטיינערנע שטאלן,
און אויפן בלומענפעלד רוט
דער העלד פון יענער לעצטער שלאכט,
וואס האט זיך געצויגן ביז
לבנה האט באזילבערט דעם
הויכן קיילעכדיקן טורעם-דאך.

אצינד דערפלעך צעשטעלט ביים ברעג
צייכנען דעם וועג צו
דער בארגיקער שטאט איבער
וועלכער די צייט דרייט
דאס זוניקע ראד.

איצטער ציט שוין דא קיינער
נישט מער קיין געשארפטע שווערד.
פריי און פרידלעך זיינען
די אייליקע טריט אויף
דער קאנאדער ערד.

דער אינדיאנער איז שוין פארשטויסן.
דעם ווייסן געהערט שוין דער גאנצער,
גרויסער גרינער דרויסן.

שרעקט מערנישט דעם אינדיאנערס טראט.
דרייט די צייט דאס זוניקע ראד.

אבער מעבר-לים מענטשן הערן
אז דאס צפונלאנד האט גראז און זאנג,
און פון פוטער-פאנג די פיאנערן
א גרוים עשרות זיך פארמערן.

הערט די ענגלישע קרוין:
קאלט, אבער רייך מיט
וואלד און טייך
איז אין צפון דער פלוין.
און זי באגערט,
און מיט דער שארף פון דער שווערד זי
באצווינגט די גאנצע, גרויסע ערד.

כאַטש אויף דער לאַנקע פּאַשעט
זיך די קו, איז נישטאָ
אין לאַנד קיין פרידנרו.
חיל קומט באַרויבן, און שטורעמט
דעם פעסטונג-טורעם
מיט די שמאָלע, גלאַנציקע שויבן.

פרימאָרגנדיקע הימלען קלאָרן.
דאָס שאַלן פון קריגס-האָרן
רופט צו פאַרטיליקן דעם פיינט,
איידער דער טאָג ברענט זיך
היינט אוים אין רויטן פייער
פון די פאַרנאַכטיקע שטראַלן.
עס ברומען האַרמאַטן.
אין בלוט וויקן זיך
זעלנערישע כאַלאַטן.

פון ענגלענדער און פראַנצויז
הילכט אהער דאָס לוסטיקע,
שטאַטישע געברויז.
שיפן רויבן און רייטן,
און ברענגען מענטשן
פון די פרעמדסטע וויטן.
אויך דעם יידישן עמיגראַנט
העל און היימיש איז שוין
די שוועל פון היגן, האַרעווענדיקן לאַנד.

יאָסל דערציילט פייגען וועגן אינדזל,
ווי ער זאָל דאָס מאָלן
מיט אַ פּענדזל.
זיי שפּרייזן אין דער גראָזגרו.
אַ שטיין קניט.
דאָס טויאיקע גראָז, וואָס גליט אין דער זון,
גלעט און לעקט זייערע אייליקע טריט.
אין גרין פון שאָטן
זשומען טעלעפאָן-דראָטן,
און וועקן די שטילקייט
וואָס דרימלט אויפן
סאַמעט פון מאָך און שימל.

זיי שפּרייזן
צו די אָפענע פּלוינען,
זיי שפּרייזן און שטוינען:
שטיבער, שטיינער,
שטילע וועגן.
לאַנקעס, פעלדער אָנגעטאָן
אין פרישע, גראַזיקע העמדער
ווייקן זיך אין קאַלטן,
טויאיקן רעגן.

רויטע זון־זאַנגען גאָלדיק און גלייך
בלענדן אויף די הענגענדיקע שטאַנגען
און זעגן די וואַסערן
פון סעינט לאָרענס־טייך, וואָס
כוואַליען זיך אונטער די שטאָלענע בריקן
און לעקן און פליקן
די אינדזלדיקע ברעגן.

אַ שפּאַרבער שאָטנט איבערן וואַסער־שפּיגל,
און רוישט מיט די פּאַכעדיקע פליגל.
דער שפּאַרבער שרייט און שרעקט
די פייגל אויפן הויכן, הימל־וועג.
זיי שפּרייזן און גאַפן, ווי זיי וואָלטן
צום ערשטן מאָל געזען דעם
צעכוואַליעטן האַפן,
און פון זון דעם פּלאַס
וואָס צינדט דעם קלויסטער־שפּיץ
פון נאָטרדאַם.

נאָר דער בלענד פון באַגינען
דערמאָנט זיי אויך אין די אַרבעטלאָזע הענט,
וואָס בענקען נאָך זייערע מאַשינען,
און בלאַנקען הונגעריק און פאַרשעמט צווישן
די הויכע, הייסע מויערן־ווענט.

טאַקע אָט־דאָ אין גראַזנלאַנד,
דרייט אַ פּאָליסמאַן אַ קיילעכדיקן
שטעקן און שפּאַנט. ער וואַרטשעט
און וועקט יעדן אָרימאַן, וואָס
אונטערן בלויען, פרימאָרגנדיקן הימל

ער שלאָפֿט אַצינד אויפֿן ווייכן בעט
פֿון מאָך און שימל.

צו יאָסלען דערגייט אַ דערשראָקענער כליפּ.
דאָס וואָרט פֿון פֿרייד צאַנקט אויס
אויף זיין ליפּ. צעוועקטער אָרבעטלאָזער
רייבט די אויגן מיט שלאָף פֿאַרצויגן.
זיין פּנים פֿון שרעק צעמיניעט.
און פּאָליסמאַן דרייט דעם שטעקן און פֿיניעט.

פֿייגע דערקענט אַז אין יאָסלען
דער טרויער שוין ברענט.
זי ווייסט, עס קאָן שעהן דויערן
ביז ער וועט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן
די שווערע, פּייַנענדיקע טרויערן.
שטרעקט זי אַ פֿריילעכע אויס צו אים די האַנט,
און זי דערמאַנט אים זיינע אייגענע ווערטער
וועגן די פּיאָנערן פֿון פֿאַרצייטן, וואָס
זוכן אין היגן לאַנד גראָזיקע ערטער
פֿרוכטיקע בייטן, ביז זייערע וועגענער
מיטן שטויב פֿון די וואָגלדיקסטע ווייטן,
טרעפֿן אָן די טאָליקע ברייטן
און דאָס מויל פֿון זייער אַקער באַגערט
די היגע, שוואַרצע ערד . . .

פֿייגעס פֿרייד פֿאַריאָגט פֿון יאָסלען דעם טרויער.
זיין בליק טראָגט זיך
צו דער פֿעסטונג־מויער און ער זאָגט:
זעסט, אָפּגעבראָכן איז פֿון געשמידטן טויער
קייט און ריגל.

די זון איבערן טורעם קייקלט זיך,
ווי אַן אָנגעגליטער ציגל.

ווייס, אַז פֿון אַט־דעם היגל
דערזעט צום ערשטן מאָל דער ווייסער מענטש
דעם דאָזיקן פֿעלדזנשטיין און מיט
דער שאַרף פֿון דער שווערד
ער צלמט די ערד, און ער בענטשט

דעם טייך, וואָס פאַלט אין טאָל
און שפּיגלט אָפּ גראָז און וואַלד.

דעריבער, ווער עס גייט אַט־דאָ
אין דער פרימאָרגנשעה פאַרשטייט
ר׳ העניעכ׳ס רייד וואָס פרומען
און הייליקן גאָטס נאָמען.

וואָרים איך אַליין, וואָלט אָצינד נאָכגעגאַנגען זיינע טריט
און געמורמלט די תפילה, וואָס גייט אויף פון לויטערן געמיט
„איך העניעך בן לאה פאַרזיכער זיך אויף גאָט,
אַז ער וועט גרינגער מאַכן די שווערע מי.
און איך טו אים לויבן, ווייל
יעדן אינדערפרי ער עפנט אין הימל די ליכטיקע שויבן.
און האר פון דער וועלט, דו ביסט אייביק, דו ביסט גערעכט,
איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, אַז אונדזערע פייניקער
וועסט משפּטן מיט אש, וואָרים זיי האַלטן אונדז
ווי קנעכט, און זיך אַליין זיי שטאָפּן אָן
מיטן גאַנצן טאָפּ פלייש”.

פייגע ענטפערט און לאַכט:
וואויל דעם מענטש,
וואָס פילט און טראַכט.
און וואָר, אין אַלע ערטער וואָרהאַפטיק און וויכטיק
דאַרף זיין דער מענטש, וואָס קאָן אין ווערטער
איבערגעבן ווי ליב און ליכטיק עס איז
דאָס האַפנדיקע לעבן.
דעריבער פאַרלאָז זיך נישט אויף קיין נס,
ווען אין קוישל רייצט דער ריח
פון פרישן ברויט מיט קעז.
פייגע פאַרציט אַ טישטעכל אויף אַ מאָכיקן שטיין,
און זי לאַכט פריידיק מיט אַ פול מויל
ווייסע, הונגעריקע ציין.
שיפּן רויכן. שיפּן ברומען.
רויטער סאַק פון קאַרשן
זיסט דעם גומען.
מאַסטבוים פאַרשטאָכן אין הימל־זוים.
און די שיף שרעקט זיך נישט פאַר דעם
וואַסער, וואָס שטורעמט און שוימט.
יאָסל טראַכט: דאָ איז טרוימעריש און שטיל,

ווי פֿאַרנאַכט אויף אַ דאָרפֿישן שליאַך.
די ווייטן בלאָען. איבער זיי וויגן זיך
די פֿאַרבענקטע פֿרימאָרגן־שעהן.
פֿייגעס פֿאַרליבטע אויגן קלאָרן
מיט דער גלוסטעניש
פֿון יונגע, קוואַליקע יאָרן.
פֿאַרליבט און צאַרט
זי גלעט זיין שטערן.
און זי רעדט צו אים
דורך פֿריידיקע טרערן:
יאָסל, איצט, ווען דער טאָג גייט
זיין גילדערנעם גאַנג, פֿאַרטרוי
די פֿרייד פֿון דיין ליבשאַפֿט
אין רויש פֿון דיין יידיש געזאַנג.
גאַרנדיק און שיין לאַכן
אירע ווייסע ציין.
זי גלעט זיינע האָר און בעט:
וואָרט צו וואָרט קלייב,
אַ פֿאַרליבט ליד צו מיר שרייב.
דערפֿאַר, ווי נאָר
וועסט דעם טרויער אין זיך פֿאַרטיליקן,
וועל איך דיר אויסשטריקן אַ סוועטער
פֿון פֿאַרביקן וואָל און איך וועל באַווויליקן צו ווערן
דיין ווייב טאָקע אָט־אָ דאָ אין גרינעם טאָל.

פֿייגע לאַכט ליב און לוסטיק.
יאָסל קושט גלוסטיק איר מויל און זאָגט אַזוי:
מיר איז גוט און וואויל. וואָרים פֿאַמעלעך
מיין ליבשאַפֿט איך בוי.
באַנאַכט, ווען אַלע שטיבער שאָטענען און שלאָפֿן,
רעד איך צו דיר דורך מיינע סטראָפֿן.
עס טרעפֿט, איך שרייב ביזן מאָרגנגרוי,
און די ליבשאַפֿט אין מיין ליד שמעקט
מיט דער קילער פֿרישקייט פֿון טוי.
מיין דורכגעליטערט געמיט
בענטשט דיינע נאָענטע טריט.
דעריבער, זאָלסטו נישט רייצן,
ווען גלוסטיקע בלוטן
אין אַלע מיינע גלידער פֿלייצן.

די וואַסערן צעבּרעכן זיך, ווי בּלויע גלאָזן.
יאָסל זינקט אין דער רו פון ווינטלדיקע גראָזן.

גאַרנדיקע יאָרן קוועלן און קלאָרן.
טרייסטנדיקע סטראָפן וויינען און האָפן.
בּענקשאַפטן פון ליכטיקן בּאַגינען,
לויטערן זיך און שפּינען:
„טייערע, וואָר, הויכער הימל־וועג
שטאַר און גראָ.
אויף מצבה־שטיין
קראַקעט און שרייט
אַ הונגעריקע קראָ.

און איך, אין מאָרגן־אויפשיין
וועל דיך פירן אַ היים.
דורך דאָרן און צאָרן,
דורך בּראָך און געוויין.

טייערע, בּיסט נישט אַליין.
דורך חרובער שוועל,
דורך האָפן און פּיין,
איך וועל דיך פירן אַהיים.

טייערע, נאָך די טריט
פון אַקער גיי.
לויטערן וועט דער טרויער,
שטילן וועט דער וויי.

זע, דער הימל העלט
און עס גילדערט די פרייד
דאָס צעאַקערטע פעלד.

שטיי־אויף און זע
פון דער בּלויער הויך די זון,
ווי אַ בּריליאַנט שטראַלט און לויכט.

שטיי־אויף און זאָג:
די גאָלדענע זאַנג וועט ווידער זינגען
אין אויפגאַנג פון זוניקן טאָג”.

אויפן אינדזל

פארנאכט

עס פארנאכטיקט.
אין די גרינע שאטנס
פון צעווינטלטע צווייגן,
טרוימענדיקע שעהן שווייגן.
יאסל שרייבט סטראפן,
געליטערטע אין טרייסטן,
געשטארקטע אין האפן.
פארנאכטיקע שעהן
פארוועבן די ברעגן און בלאען.
נאר הימל־הויך בלענדט מיט רויטע גלאזן.
טויאיקער רויך גייט אויף פון די גראזן.
אין פייגעס הארץ די פרייד טרערט.
אצינדערט זי ווייסט, אז אויך זי
ווערט דורך זיין ליד באגערט.

עס רויכערט זיך די טויאיקע ערד.
פייגע א גארנדיקע הערט די סטראפן
וואס רופן און האפן.

טרערן לאכן אין אירע פארליבטע אויגן,
און פארטריפן די קליינע שורות
אויפן פארשריבענעם בויגן.

עס פארנאכטיקט.
ווייסע כוואליעדיקע הענט
קלאפן ווילד אויף
די שטיינערנע ווענט.

זיי זיצן און שווייגן, און אין הארצן
רוישן און ריידן די גלוסטיקע פריידן.

אין שטאט פארשטילט
פון טאג דאס מויערן־געשריי.
ליב און לויטער איז אצינד
פון פארנאכט דער נאגנדיקער וויי.

שטיבער שאָטענען און פאַרדרימלען
אונטער די רויטע שויבן פון
די הויכע, פאַרנאַכטיקע הימלען.
און עס רוישן און עס ריידן
די ליכטיקע פריידן.

טריט שאָרכען אויפן גראָזנשליאַך.
יאָסלען דאַכט, אַז מיט
אַ שאַרפן שטאַנג ער גייט דאָ
אין פאַרנאַכט אויף פאַנג.
ער פאַרהוילט זיך אין דער גרינקייט
פון וואַלד, וואו דאָס טייכל שפיגלט
פייגעס פאַרליבט געשטאַלט.

זי דערהערט טריט. איר געשטאַלט
אַנטרינט אין די גרינע
שאָטנס פון וואַלד.

אויפן סאַמעט פון די מאָכן
די זון גליט.
צווישן שטיינער־בראָכן
ער געפינט די צייכנס
פון אירע קליינע טריט.

אַ לויף, אַ שפרונג.
ער טוט מיט איר
אין פייכטן גראָז אַ פאַרזונק.

רויטער, ריינער,
ווערט דער פאַרנאַכט.
פעלדזנשטיינער שטומען
אויפן טייכיקן שליאַך.

שטיל. אַ הירש יאָגט זיך דורכן וואַלדיקן שוויַיגן.
און דאָס גאָלד פון פאַרגייענדיקן טאָג,
ער טראָגט אויף זיינע הערנערדיקע צווייגן.

יאָסל הויבט זיך אויף און זאָגט:
דאָס בלוט שכורט און שלאָגט.
וואָרים, אין פאַרנאַכט וואָס שמעקט מיט טוי,
איז גרויס די גלוסטונג צו דער פרוי.

פייגע טוליעט זיך און לאַכט:
שרעק זיך נישט פאַר דער גלוסטונג אין פאַרנאַכט.
נישטאָ קיין לער, נישטאָ קיין ליידיק,
ווען דאָס האַרץ רעדט פאַרליבט און פריידיק.

זייערע אויגן גליען, זייערע אויגן לאַכן,
די שאָטנס בלויען
און פאַרציען אַלע אינדזולדיקע שליאַכן.

אין מויל פון צעכוואַליעטן האַפן
פאַראַנקערטע שיפן אומעטיקן און גאַפן.

אין האַרץ נאָגט פון בענקשאַפט
דער ווײ. אַ וואָגן-הײ פול
מיטן גאָלד פון זומערדיקע טעג,
קייקלט זיך אויפן פאַרנאַכטיקן וועג.

טעלעגראַפן-דראָט
איבער דער בריק
ווינטיקט און זשומעט.
אין שטאָט
פירט זײ צוריק
דער ליכטיקער אומעט.

עס קריצן די רעדער פון לעצטן טראַם.
און עס בליצן די צעצונדענע צלם-שפיצן פון נאָטרדאַם.

מען רעדט פון אַ סטרייק

מיטן חלום פון אַ פריידיקער וואָך
זײ קומען צוריק
צום ראָד פון יאָך.

יאָסל האָט שוין איצט אַ „יוניאָן קאַרד",
און ווי דער גאַנצער שאָפּ
אויף אַ העכערן לוין,
ער האָפט און וואַרט.

דער שאַפּ אַרבעט און שווייגט.
דער שאַפּ גרייט זיך
שטילערהייט צו אַ סטרייק.

נאָדלען בלאַנקען, נאָדלען בליצן:
אין טיפן גרין פון גראָזן
שפּרינגען דערשראָקענע האָזן.

עס קייקלט זיך
דאָס ראָד פון יאָך, און פייגע
חלומט פון דער פריידיקער וואָך.
זי טראַכט פון סטרייק,
און פעדימט פייגל
אין אַ גאָלדענער שטייג.

זי טראַכט פון די באָסעס, וואָס
שרעקן מיט מאַכט,
און סטראַשען אַז בלוט
וועט זיך גיסן, ווי אין אַ שלאַכט.

פאַר פייגעס אויג דעם געניטן,
איז עפּעס דער סדר געביטן:
מיסטער מערסאָן גייט אָפּט אַרום
אין שאַפּיקן געברום.

מיסטער מערסאָן מיט געלאַסענע טריט,
ציט זיך צו יאָסלען וואָס ניגונט אַ ליד.

ער בלייבט שטיין אַ מינוט,
און מורמלט: וואויל און גוט.
שיין איז די רויז
אַרום אייער דאָרפיש הויז.

יאָסל דרינגט פון דעם:
אַז די באָסעס זיינען אין קלעם.
דעריבער יעדן, וואָס העפט און נייט,
וויל מיסטער מערסאָן גלעטן מיט גלאַטע רייד.

ביי מיסטער מערסאָן ציטערט די ברעם.
יאָסל דרינגט פון דעם:

אַז דעם באָס אַרט, וואָס אַלט און ניי, געל און גרין,
איטלעך איינער האָט אַ „יוניאָן-קאַרד"
צו שיצן די נאָדל פון זיין מאַשין

מען זעט, ער טראָגט טרויער אויפן געדאַנק,
און כאַפּט אויף אין שאַפּ, דעם דינסטן קלאַנג.
זיין פנים צוקט, איטלעך איינעם פאָרשט
און פרעגט זיין שאַרפער קוק.

ער האָרכט די רייד,
וואָס דער שאַפּ שושקעט
און מורמלט שטילערהייט:
אַז גראָד פון זיין פּאַרטנער דעם ווילדן פאַרשוין,
וועט די יוניע פאָדערן אַ העכערן לוין!

דער שאַפּ שושקעט זיך:
מיסטער בוקמאַן וועט רייסן פון קישן די ציך,
ווען וועגן „ספּיד-אַפּ" און „ווייבדזש-קאַט"
וועט ער לייענען די וואָך אין אַרבעטער-בלאַט.

נאָדל געשפּין
זינקט אין מאַכיקן גרין.

מיסטער מערסאָן איז פאַרזיכטיק און שטום,
ווייל ער ווייסט שוין וואָס עס טוט זיך אומעטום.
איין מאַטקע אַ פאַרטשאַדעטער
פון מיסטער בוקמאַנס הארבן ציגאַרן-רויך,
רודערט און רעדט גיך און הויך.
די פלאַפּלדיקע צונג קייט ווערטער,
די אויגן שפּיגלען זיך
אין חניפהדיקן גלאַנץ.
און די האַנט נאָדלט
בלעטער אַרום אַ הויכן פלאַנץ.

נאָר קיינער איז פון דעם נישט דערשטוינט.
איטלעך איינער ווייסט אַז מאַטקע
וועט גאָר גיך פאָרן דריטן „פּאַרטנער" ווערן געקרוינט.

אין שאַפּ איז באַקאַנט וועלכע האַנט
ברענגט אין אָפּיס צוטראָגן,

אז חבר גארמאן אויף מיטינגען
טוט אזוי און אזוי זאגן:
פון די לוין־שניטן
מאכט מיסטער בוקמאן
די גרעסטע פראפיטן.
האטזשע נישט מורא פאר הונגער און נאקעט!
בלויז א סטרייק וועט די באסעס שלאגן
אין פעטן „פאקעט”!

טוט זיי וויי!
ווארפט דאס געניי!

איטלעך איינער איז זיכער,
אז מאטקע, וואס טראגט זיך
אין יוניאן־האל, ווי א וויכער,
זאגט אויס, ווער עס בייזערט זיך
און ברויזט, און ווער עס זיצט א שטומער,
פארזונקען אין אייגענעם קומער.

די יוניאן ווייסט אויך, ווער עס גיט איבער,
אז פייגע אגיטירט אין די ארבעטער־שטיבער.
דער זעלביקער לאזט וויסן,
אז יאסל מיט צארן טוט שיסן:
הויך וועט אונדזער יוניאן שטייגן,
אז איר וועט נישט שווייגן!
צו וואס די ווערטער איבערקייען?
מיר זיינען מערנישט אין דער פרעמד.
עס מעג שוין סטאיען
אויף א שוך און א העמד.

מאטקע באהאלט גארנישט צווישן די ציין.
ער מסרט אויף איטלעך איינעם,
וועמען ער זעט אין יוניאן־האל שטיין.

איצטער זיצט ער און סטראשעט:
אז צוליב דעם גרינעם פאטס רייד,
וועט נאך אויף אלעמענס הענט
הענגען אן אייזערנע קייט.

דאך אלע ארבעטער ווייסן:
אז די באסעס באפאלן

שרעקנדיקע שוויסן.
ווען אַ גאַנצן טאָג רק זיי סודען זיך
אין אָפּים אויף די טרעפּ,
און חיטן די אַרבעטער וואָס חוידען זיך
איבערן געשטעפּ.

זייער איינציקער אַנשפּאַר איז מאַטקע פּראַנט,
וואָס דאַרף די אַרבעטער איבערשרעקן, אַז
אין סטרייק וועט געווים פּאַסירן, אַז
אפילו די בעסטע האַנט וועט דורכדעם
דעם דזשאָב פאַרלירן.

מאַטקע פּראַנט, וואָס
בלענדט מיט דער גילדערנער שפּילקע
אויף זיין זיידן־קאַלירט העמד, וויגט זיך
און וועקט אומצוטרוי: אַז די יוניע
איז דערוויל שוואַכער פון אַ שטרוי . . .

ער נייט. פאַלש און אומפאַרשעמט
ער וואַרפט זיינע וואָרנענדיקע רייד,
אַז די אַרבעטער אַליין פאַמעלעך און פאַרזיכטיק
צום ציל דאַרפן גיין.

„שור", וואָס עס געהערט צום אַרבעטער
טאָר מען נישט שענקען, „באָט" איינס
מוזן אַלע געדענקען:
אַז עס איז היינט נישט צו „ביזי"
אין „טרעיד", און אויב די יוניע
וועט מאַכן אַ הויך גערייד,
קאָנען די באָסעס
פאַרהאַקן פון שאָפּ די טירן
און די גאַנצע אַרבעט אָנהויבן אין קאַונטרי אַרויספירן.
און דאַן?
די יוניע וועט אַ צווייטן שאָפּ „טרייען".
דאָרטן וועט נישט סטייען קיין איבריקע „דרעס".
און די „פּעי" וועט נישט קלעקן אויף אַ שטיקל ברויט
מיט קעז.

מאַטקע וואָרנט און שרעקט:
חבר נאָרמאַן רעדט פון וועג . . .

דאָס גאַנצע פייער ער צעבלאָזט.
אַז די באָסעס ווילן נישט,
אַז אַ רויטער זאָל אין זייערע „פעקטאָרים"
אַריינשטופּן די נאָז . . .

„שור"! אויב די יוניע וועט פאַר אַ סטרייק שטימען,
וועל איך מיט דער מערהייט מיטשווימען.
„באָט", איך וויל, אַז איטלעך איינער זאָל דאָ וויסן
אַז עס איז נישט גענוג צו קאָנען מיט ווערטער שיסן!
„ביקאָוז", מיסטער בוקמאַן זוכט אַן אויסרייד בלויז,
אַז די „טרעיד" זאָל פון אַ פּאָר אַלטע, „לעיזי" הענט
ווערן לויז . . .

„יעס" מיר דאַרפן בעטן חבר גאַרמאַנען, וואָס
האָט נישט קיין קרובים, קיין היים,
אַז ער זאָל אונדז נישט קנעטן,
ווי דער טעפּער דאָס ליים.
זאָל ער פריער אָרגאַניזירן
די שעפּער מיט די פאַרהאַקטע טירן!

מיר שטעקן אַליין דעם קאָפּ
אין דער תפיסה־שטייג.
„ביקאָוז" נאָך אַ דורכגעפאַלענעם סטרייק,
וועלן מיר זיין ווינציקער און קליין,
און מיסטער בוקמאַן וועט מיט אונדז טאָן,
וואָס נאָר ער וועט וועלן אַליין.

מאָטקע לאָזט נישט אַרויס דאָס געשטעפּ,
און וואַרפט שרעקנדיקע רייד אין די געזונקענע קעפּ.

מאָטקע וואָס האָט מורא פאַר געקריגן,
ווערט אַנטשוויגן, ווען ער זעט,
ווי דער „לאָרד" זשמורעט זיינע אויגן
אויף ר' הענעכס צעשפּיצטער באָרד.

זיין דין־קאָלירט קרייד,
פּאַרט אויפן דינעם, ווייסן זייד.

די ווירעס קליין און גלאַט
זיינען דין און שאַרף, ווי
די שעהן אויף אַ ציפער־בלאַט.

דער „לאָרד‟ פינקלט מיט אַ פול מויל גאָלדענע ציין,
און וואַרפט ווערטער, וואָס שטעכן, ווי
די שאַרפן פון אַ שפּיציקן שטיין:
„יעס‟! אין אָפּיס האָט שוין יעדער אַ שוואַרצן נומער,
אַפילו ר׳ הענעך — אונדזער חסיד, דער פרומער.

מען הערט, אַז אויך ער רודערט און רעדט
וועגן אַ סטרייק, ווי עס וואָלט געווען
עפּעס אַ פריילעכער „הייק‟.

אָן שום „ריזן‟ טוט פייגע ברייען:
אַז אינמיטן „סיזן‟, זאָל מען אין אונדזער שאָפּ
מאַכן אויף אַ ווייל אַ „סטאָפּ‟.

„באָט‟ איך וויים, בעסער וועט זיין,
אַז מען וועט זיך נישט וואַרפן מיט ווערטער.
און אָפּערייטאָר און פּרעסער
וועלן בלייבן זיצן אויף די ערטער.

מיסטער מערסאָן אַליין אַ „סאָשעליסט‟,
וועט צווישן די באָסעם נישט פאַרגעסן
זיך אָנצונעמען פאַר אונדזערע אינטערעסן.

„יעס‟ מיסטער מערסאָן וועט שוין „טרייען‟,
אַז „עקספּירענס הענט‟ זאָל מען
צוציילן מער אַ פּאָר סענט.
„באָט‟ אַ סטרייק וועט דערציילן
פון אַ שוואַרצן פלעק,
און איטלעך איינעם וועט מען מערנישט צוטיילן
אַ פּאָר באַנדלעך אין „טיים‟ פון „סלעק‟ . . .

איז הערט מיין וואָרט:
עמיגראַנטן קומען אָן יעדן טאָג אין פּאָרט.
אָט די גרינע לײדיקגייער
וועלן ווערן די נייע נאָדלדרייער.

דער „לאָרד‟ וואָס פּאָרט מיטן קרייד
אויפן שטאָף פון ווייסן זייד,
שרעקט און שטראָפט:
פייגע פאַרטשאַדעט אייך דעם קאָפּ,

אז די יוניע וועט פולער מאכן
דעם „פעי”-ענוועלאפ”.

„שור”! דער פאעט וואס איז פארליבט אין איר
ביז איבער די אויערן,
פאר אים וועט זי עפענען
צום רויטן גן-עדן —
די גאלדענע טויערן . . .
ער איז א נאאיווער באק
ער גלייבט וואס פייגע
ברייעט און בראקט:
„באט”, איר לאזט זיך נישט די קעפ פארדרייען!
איר האט נאדלען? האלט זיי!
און הערט נישט אויף צו נייען!

יעס! ווארפט אייערע בליקן
אויף די גרינע וואס פארפלייצן דעם פארט.
יעס! אט די גרינע „סקעבס” וועלן פליקן
ר’ הענעכ’ס צעפלאסטערטע בארד.

דער „לארד” פארציט אויף זיין מויל
פון שטומעניש די צאס.
ווען עמעצער לאזט אומישנע לויפן
דאס קאלטע וואסער פון קראן.

מאשינען-בריק אין פריילעכן געברום
לאכט פון דעם „לארד”, וואס שטייט
מיט א פארשעמטן בליק און שטומט.

צעזוניקטע שויב בלענדט.
פייגע לויכט אין בלוזע-העמד.
נאר פון מאטקעס אויגן פול מיט געגאר,
שפארט פון בענקשאפט דער צער.

די מיידלעך שושקען זיך.
און דער גאנצער שאפ הערט:
„אט דאס איז א טריפהנער ביין,
וואס „קערט” בלויז פאר זיך אליין!
עס איז דעריבער גוט און וואויל,
וואס אט דער יונג מיטן פארשייטן מויל

האט צוליב אייפערזוכט און צארן
פיינעם ליבע אויף שטענדיק פארלארן . . .
מיסטער מערסאן דערכאפט,
אז עס וויל מערנישט קנעכטיקן דער שאפ״.

מיסטער מערסאן גייט און שמייכלט
צו יעדן איינעם וואס נייט.

מיסטער מערסאן טראכט:
מאטקע און דער „לארד״
וועלן דא נישט אויפטאן קיין סך.
זיינע באקן
מיניען און בלאסן:
טאמער הערט טאקע אויף
דאס קייקלען און קנאקן
פון רעדער און פאסן.

מיסטער מערסאן וויל יאסלען
זיין אמאליקן גנאד אים דערמאנען.
און ביי יאסלס ראד ער שטעלט זיך
ווידער אפ אינמיטן שפאנען.

מיסטער מערסאן זאגט טרויעריקלעך און מיד:
„אין דער מלאכה איר זענט שוין געניט.
דעריבער דארף א פאעט געדענקען,
ווער עס האט אים נישט געלאזט
אין ארעמקייט זיך טרענקען . . . ״
יאסל שווייגט. מיט אים שווייגט
דער גאנצער שאפ. בלויז דער רימען
אויפן ראד קייקלט זיך און קלאפט.

די ליפן פון דער מאטארדיקער שער
הונגעריק און אפן,
כריפען און שניידן די זיידענע שטאפן.

דער שאפ שווייגט און קוקט
צום סקווער, וואו
אויפן צעזוניקטן דענקמאל
בליאסקען ריימערס

אָנגעטאָן אין קליידער
פון קופער און שטאָל.

די טויבן שווימען
אין שקיעה־פייער.
יאָסל טראַכט: שוין צייט
מען זאָל שטיצן די יוניאָן
מיט אַ וואָכן־שטייער.
די וואַסערן אין סעינט לאָרענס טייך
שטראָמען און שיינען.
די ליבע לעשט אין האַרץ
דעם זשאַר פון די פּיינען.

די מומע וואָרנט פייגען

אין הייסן גאָלד פון זון־פּאַרלעש,
בלישטשעט אויף דער וואַנט
דאָס היימישע קופער און מעש.

די פולע שיסלען
מיט לאָקשן און יויך
וועבן וואַרימע
פעדימלעך־רויך.

פייגע אָנגעשפּאַרט
אויף דער ווייכער, גרינער סאָפע,
קוויקט זיך מיט אַ שוואַרצער קאָפע.

די מומע רופט זי צום טיש:
פייגע, עס כּל זמן דער „סאַפּער"
איז וואַרעם און פריש.

נאָר פייגע וואָס זופט די שוואַרצע קאָפע,
רירט זיך נישט
פון דער ווייכער, גרינער סאָפע.

פייגע טרוימעריש און צאַרט
זיצט און וואַרט.

עס שמעקט דער ריח פון לאַקשן מיט יויך.
נאָר אירע אויגן פאַרקוקט אין דער וויַיטער בלוי,
זוכן דעם באַרג פאַרצויגן
מיטן ווייסן רויך פון טוי.

פייגען איז גוט.
די מומע רעדט צו איר היימיש,
אין גוטן מוט:
ביסט נאָכנישט זיין וויַיב.
ווּעסט נאָך צייט האָבן אים צו דינען
מיט בלוט און לייב.
נישט קיין מאַן וועט ער זיין נאָר אַ ווּיסטע פלאָג.
דעריבער איך זיין מומע זאָג:
דו פייגע קרוין. דו אַזאַ שיינקייט,
דו אַזאַ פאַרשוין, כאַפּסט נישט קיין גליק
אין יאַסלען — אונדזער מאַרשעליק.

נאָך דער חתונה, מיט די „געפּרייטע" פּיש אין דער פאַן,
וועסטו וואַרטן אויף דיין צאַצקעדיקן מאַן.
וועסט דיין גאַנץ לעבן וואַרינען אויף קלאַרק
און נאָך אַ ביסל לופט וועסטו לויפן צום „צלם"־באַרג.

עס וועט זיין צו דיר אַ בראָך,
וועסט דערצו נאָך דאַרפן טשאָבען
מיט דער נאָדל אַ גאַנצע וואָך.

וועסט רייבען און ראַמען,
און ער וועט זיך שרייבן
וועגן שטיינער און שוואָמען.

דו וועסט זיך קווילן,
דו וועסט זיך פאַרען,
און ער וועט נישט וועלן
אַ קויל צעזשאַרען.

דו וועסט האָרעווען און קאָכן,
און ער וועט שרייבן וועגן
פאַרליבטע מיידלעך און קילע מאַכן.

יאָ, וואָס איז אַזוי וואַזשנע,
וואָס איז אַזוי שיין,

אַז נאָר ער שרייבט
וועגן זיך אַליין:
אַט וועל איך דיר לייענען פּינקטלעך און אַקוראַט
זיין ליד געדרוקט אין היינטיקן בלאַט:

„די אויסגעשטערנטע נאַכט
דרימלט אויפן דאָרפישן שליאַך.
דער פאַרמער ציט
פון דער ליולקע דעם רויך
און קוקט צו דער
הימלדיקער הויך.

דאָס דאָרף רוט.
דער פאַרמער פאָכעט
צו מיר מיט זיין ברייטן,
קיילעכדיקן הוט.

נאַכטיק. שטיל. אונטער אַ הימל מיט שטערן פול,
וויגט זיך דער פאַרמער אויף זיין שטול.

די רויז דרימלט אין גאָרטן.
און דער פאַרמער ביי זיין האָלצערן הויז,
וויגט זיך אין נאַכטיקן שאָטן.

דאָס קייטעלע דאָס מעשענע
ציט זיך ביז דער וועסטל-קעשענע.
דאָרטן קלאַפּט דער ירושה-זייגער,
וואָס ציילט אין דער שטילקייט די דורות
פון אַלטן, דאָרפישן לעבנס-שטייגער.
און איך וואָס מיינע טריט שוועבן
נאָך אין עבר-לים, קאָן דאָ נישט
פאַרפלאַנצן דאָס פרומע לעבן פון מיין יידישן שטאָט.

איך בענק. אָרום איז דאָרפיש, שטיל.
איך קוק צו דער אָפענער שענק, וואו
דאָס ביר איז שוימיק און קיל.

די נאַכטיקע שטום
דאָרפיש, פרום.

און איך בעט צו גאָט,
אַז ער אין זיין גרויסן גנאָד,
זאָל מיר פאַרגעבן, פאַרוואָס
איך היט דאָ נישט מער
דעם שטייגער פון היימישן לעבן".

פייגע, כ'שווער דיר, אַז פּינקטלעך און אַקוראַט,
לייען איך דיר איצטער זיין פלווידעריי אין היינטיקן בלאַט.

יאָ, זאָג מיר, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ נייע סאָרט שפּילן?
מען דאַוונט נישט, מען לייגט נישט קיין תפילין.
נאָר אַז מען בענקט אַהיים
צו דער אַלטער שול — געמויערט פון שטיין,
רופט מען צו גאָט
אין דער ווייטער, פרעמדער שטאָט.

אַזוי פייגעניו, כאַכאַטשעסט גאָר?
איז גוט און וואויל צו דיינע תמעוואַטע יאָר!
ביסט אַ פאַרליבט נאַריש קעלבל.
ביסט פונקט, ווי מיין מאַמע ע"ה,
וואָס האָט צוליבן טאַטנס לערנען,
דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעפּינצטערט
אין אַ האַלב-ליידיק שפּייז-געוועלבל.
נו, פאַרליאַבקעוואַטע מויד.
האָסט דאָך ליב אַ גוט-אויסגעבאַקן שטיקל ברויט.
וואָס נאָך קאָן איך דיר זאָגן?
זאָל דער מאַרשעליק זיך דאָרטן אַרומטראָגן.
די נעם עפּעס אין מויל.
און זיין נישט מיט אַ מאָגן
הונגעריק און הויל.

פלייש און יויך
שמעקעדיק און פריש,
עס ליאַרעמט,
עס לאַכט דער גאַנצער טיש.

אין פייגעס אויגן פול און פייכט
אַ פאַרליבטער שמייכל לייכט.
די מומע קוועלט,
פייגע קוקט צו
דער געפּאַרבטער שוועל.

אין דער יוניאָן

ביז שפּעט אין דער נאַכט,
אויפן הויכן קול ציען זיך
די מיטינגען אין „יוניאָן-האָל".

פייגע איז די ערשטע, וואָס
רעדט און רופט, אַז מען זאָל
זיך נישט שרעקן פאַר מיסטער בוקמאַנען
דעם בייזן בעל-הגוף.
ווייל, דער „סיזן" ברענט,
און די „באָסעס" נויטיקן זיך
אין אונדזערע הענט.

זי רעדט און אויף איר געזיכט
פאָרן מאַטקעס אויגן אָנגעגאָסן
מיט דער שכרות פון
אייפערזיכט און צאָרן.

זי ווייסט אָבער, אַז מען טאָר מאַטקען
פון דעם „יוניאָן"-הויז נישט פאַרטרייבן,
נאָר זי דאַרף מיט
גרוים פאַרזיכט און טאַקט
זיינע טענות צערייבן.

דעריבער כאַטש זי דערמאַנט אפילו נישט
זיין נאָמען, ווייסן אַלע צו וועמען
אירע ווערטער שטראָמען.

זי רעדט און איטלעך איינער
הערט אירע אַרגומענטן, אַז
עס איז שוין צייט מען זאָל
אַ סטרייק געווינען
און פון דעם, וואָס מען וועט
אַביסל מער פאַרדינען,
וועט מען אפשר קענען נאָכיאָגן
דעם יקרות און די הויכע רענטן.

אַלע אַפּלאָדירן אירע רייד,
וואָס מאָנען און רירן.

אונ חבר גארמאן, וואס איז
צום „אפיל" שטענדיק א גרייטער
רעדט דער צווייטער:

אז עס איז א סך געוואנדן
אין דעם, אז מיר זאלן
האבן אייגענע פאנדן.
ווארים מיר גיבן פאר זיך
פאר א זאטער קיך,
פאר א ווארעמען פאלטן,
פאר גאנצע און גוטע שיך.

עס איז ארבעטער נישט קיין געשאנק,
עס איז פאר א סטרייק, וואס
וועט זיין קעמפעריש און לאנג.

יא, די „יוניע" קאן פארזיכערן
דעם ארבעטערס ברויט, אז מירן
זיך האלטן צונויף, ווי יונגע ברעטער
אין א נייעם, פעסטן פלויט".

נאך אים פארט ארויס מיט א ווארט ר' הענעך
וואס זיין מאנענדיקער בליק
שפרינגט דורך די רויכיקע שטריק:
ברידער־ארבעטער, היות צו מאכן
„סיינס" דארפן מיר פאפיר, פארב
און בערשטער, איז וועל איך
היינט זיין דער ערשטער.
ווארום, ווער אונזערע נוגשים עס האסט,
זאל אפטיילן מעשר,
געבן תרומה, ווי עס פאסט
פאר דער ערלעכער יגיעי־כפימדיקער אומה
פון אונדזער ארעמער גאס.
יא, עס איז נישט קיין ווארט קיין פוסטער
אז מיר דארפן זיך נעמען
חבר גארמאנען פאר א מוסטער:
זיינע שבירות סטאיען אים נישט
אפילו פאר אן אויבערשטיבל אונטערן
סאמע דאך, דאך איז ער
קיינמאל נישט וואקלדיק און שוואך.

ער טראָגט אַ שווערן עול,
און שלאָפט אויף אַ טיש אין „יוניע־האָל"
און די תורה הקדושה
האָט אונז באַפוילן:
זאָלסט פון אַ נאָענטן
זיך נישט פאַרהוילן.

וואָר, קיינער האָט נאָך גאָט
נישט געזען, אָבער קיין זאַך
אָן זיין רצון טוט געשען.
דעריבער איז בא מיר חבר גאַרמאַן
רעכטפאַרטיק און ריין, ווי אַ ייד
אַן ערלעכער און פרומער,
מחמת אָקעגן עולות ער טוט
נישט שטיין, ווי אַ טויב־שטומער.

חבר גאַרמאַן ראַנגלט
זיך מיט די, וואָס רויבן,
דעריבער זאָל די זון,
אין איר פרימאָרגן־שיין
שטענדיק פאַריאָגן פון זיינע
שויבן שרעק און פיין.

וואָר און וואָר ערלעך זיינען מיר
און נישט דער גאַוהדיקער גביר.
ווייסט, אַז דער
נעכטיקער סאָציאַליסט, וואָס
איז היינט אַ נוגש
און אַן עושר, ערשט ער האָט
אין האַרצן נישט קיין יושר . . .

איז לאָמיר טראָגן מעשר און תרומה,
און שטאָלץ זיין, וואָס מיר זיינען
שוועסטער און ברידער פון דער
ערלעכער, אַרבעטנדיקער אומה.

דער עולם שטוינט, און האָרכט
ר' חנעכן, וואָס רעדט אַזוי
ווירדיק, אַן פאַרכט.

דערנאָך, ווען אין שטאָט
די פאַרשטילטע, שפּעטע נאַכט
גייט סודותדיק און פאַרטיפט
אַרום דרימלענדיקן באַרג, זיצט
דער אַקטיוו ביז דער האָן קרייט
אין עופות־מאַרק.

מען אַמפּערט זיך,
מען שרייבט סטאַטוטן, וואָס צעברויזן
די בלוטן. ר׳ הענעך זאָגט:
מירן דעם סטרייק געווינען,
און מיט איטלעך וואָרט טרעפן
אין קאַרב, ווען אונדזערע
תקנות וועלן זיין, ווי
דינים, האַרב.

אַזוי אַמפּערט מען זיך,
און מען שרייבט ביז
דער זומערדיקער פרימאָרגן,
כאַפּט זיך אויף פריידיק, פרי
און דערמאָנט זיי אין דער שטאָט,
וואָס איילט זיך צום
ראַד פון מי.

אין מאַרק פלאַמען די שויבן.
קעץ און הינט ראַיען אין פּעסער
פול מיט עפּושדיקע דרויבן.

מיט שלעפעריקע פּנימער
וואָס בלאַסן, ציען זיך
זייערע טריט דורך די שמאָלע,
אויפגעבלויטע גאַסן.

מענטשן לויפן. מענטשןווימלען.
איבערן גרין פאַרדרימלטן
באַרג שפּיגלען זיך
רויטע הימלען.

אין דרויסן שמעקט
דאָס פרישע ברויט מיט קימל.

קיינער גייט נישט אהיים,
כאטש נאך אביסל דרימל,
בענקט דאס גאנצע געביין.

ר׳ הענעך גייט און קרעכצט:
אומעטום דאס יידישע הארץ
נאך גאטס ווארט לעכצט.
אונדזערע עלטערן אמאל,
איז לייכט געווען צו היטן יידישקייט,
אין דער רו פון שטעטלדיקן טאל.
אבער א ייד פון דאהי,
קאן קוים אפכאפן
דאס דאווגען גאנצפרי.

און איך בין מתפלל בכל יום:
רבונו של עולם, האלט די בוקמאנס אין צוים.
נעם זיך אן פאר אלע עשוקים ורעבים,
וואס אויף זיי לאקערן די באסעס,
ווי פארצוקנדיקע זאבים . . .

ער קרעכצט און שפרייזט צום שולעכל אין טאל,
צו קריגן צום ערשטן מנין די צאל.
ער שטעלט זיך אויף די טרעפ,
און מיט א בליק א מידן ער בעט זיך ביי יידן,
וואס איילן צום געשטעפ,
אז זיי זאלן אריבערטרעטן
פון שולעכל די שוועל,
ווען א יתום קאנען אפזאגן קדיש אויף שנעל.

אין זון־גאלד פון די פרימארגן־פלאמען
יאסל און פייגע שפאנען.
אין דער שטאטישער נידער, וואס
ציט ארוים דעם שלאף
פון זייערע גלידער.

איבערן בארג
הויך, רויט דער הימל.
און ביים מארק דער
היימישער רעסטאראן רייצט

מיטן ריח פון פרישן
ברויט מיט קימל.

דער רעסטאָראַן איז פול.
באַזעצט איז
יעדע שטול. און צווישן די ווענט
גרוי און זאַט
פון רויך און טשאַד,
מען לענט אונטער דאָס נאַגנדיקע האַרץ,
מיט אייער אויסגעפּרעגלט
אויף אַ שוואַרצער, פעטער שטאַרץ.

אונטערן בופעט אַ יונגע, שיינע פרוי
שמייכלט און רעדט: נישט
געאײַלט און נישט געכאַפּט.
איך צאַפּ, און איך האָווע,
אַז איר מיינע טייערע „קאַסטימער"
זאָלט האָבן הייסע קאַווע.

די קאַווע זיסט,
ווי דעם פעטערס היימישער ווײַן.
די שויבן שמייכלען
אין העלן מאָרגנשײַן.

גיך דעם פרישטיק אָפּגעכאַפּט.
דער עולם אײַלט צוריק אין שאַפּ.

צו יאָסלען מיט פייגען — פאַרליבטע, דערפרייטע.
ליכטיקן הימלען לויטערע און ברייטע.

24 עמס

דער שמועס אין אָפּים

די שטראַלן היים און ראָז
שלייפן זיך און ציטערן
אויפן צעצונדענעם שויבנגלאָז.

יאָסל קערט אָפּ זיין קאָפּ
פון מאַטקע פּראַנטס

שפּיגלדיקן שפּילקע־קנאָפּ.
רואיק און געדולדיק ער הערט
אַ גאַנצע וואָך, ווי מאַטקע באַשולדיקט:
אַז, וואָס פייגע רעדט, באַלבעט נאָך
דער גרינער פּאָעט.

עס איז פרייטיק. יאָסל אויסגעבענקט,
זויטיקט זיין בליק צו דער הויכער לאַנגער בריק
מיט די שטאַנגען און שטאָלן
וואָס הענגט איבער טיפע, טונקעלע, שטיינערנע טאָלן.

אַ פליג זשומעט אין שיין
פון פאַרנאַכטיקן אומעט.

די זון מיט איר הייסער שיין
בלענדט אין פאַרגיין, און אין
מידן געביין נאָגט פון בענקשאַפטן
דער שטומער פּיין.

מאַטקע פּראַנט וואָס זשומעט, ווי די פליג
רייצט און קריגט: עס איז מיין פליכט
צו זאָגן, אַז דער גרינער איז אייפערזיכטיק
אויף יעדן גוטן פאַרדינער.
יעס, איך ווייס, וואָס איך רעד:
דער פאַרחלומטער פּאָעט, כאָטש תמעוואַטע און גרין
איז אַ כיטרער יונג, און זיין געשליפענע, פאַלשע צונג
האָט די אַרבעטער גאַרנישט אין זין.
גאַנצע נעכט פאַר אונדזער יפת־תואר
רעדט ער וועגן ליבע און טרויער.
און זי. אַהאַ! זי טענהט און קנעלט,
אַז אין פּאָליטיק איז ער נאָך גאָר אַ רויער,
ער פאַרשטייט נישט, אַז די גאַנצע וועלט
לעבט נאָר אין זכות פון אַרבעטער־און־פּויער,
און — זיינע לידער וועלן נישט רייפן ביז
ער וועט דעם שונא מיט זיינע ווערטער נישט
אָנגרייפן.

יאָסל פאַרשטיקט בזיון און ווייטיק,
ווייל ער ווייסט, אַז דערווייל איז אַפילו
מאַטקע פּראַנט נייטיק.

װאָרים מאַטקע און „דער לאָרד״,
װאָס שפּילן גאַנצע נעכט
מיט מיסטער בוקמאַן אין קאָרט,
ראָטן אים, צו געבן אַ קלײנעם „רעיז״
„ביקאָוז״ „עקספּירענסט הענד״ קאָנען שטענדיק קריגן
אַ נײַ און בעסער „פּלעים״.

מאַטקעס רײד רױשן אין צאָרן,
װי דאָס װילדע רעװען פֿון אױטאָ־האָרן.
אָט־אַזױ ציט זיך אַ שעה נאָך אַ שעה,
ביז די שױב װערט פֿאַרשאָטנט און בלאָ.

די בײמער אױפֿן באַרג פֿאַרנאַכטיקן
אין גאָלדענעם שײַן. די נאָדלדיקע צײַן
װאָס שטעכן זיך אײַן אין די שטאָפּן
פֿאַרשטומען אינמיטן גײן,
װי זײ װאָלטן אױך אײלן צו באַגעגענען די פֿרידלעכקײט
פֿון שבת אין דער רו פֿון דער הײם.

פֿײגע צו יאָסלען גײט.
װי תמיד, פֿלאַמט אױף איר פּנים
פֿון ליבע, די ליכטיקע פֿרײד.
נאָר אָט און מיסטער מערסאָן דעריאָגט
איר טראָט און זאָגט:
פֿײגע, האָט נישט קײן פֿאַריבל,
איך דאַרף מיט יאָסלען כאַפּן אַ װאָרט
בײַ מיר אין אָפּיס־שטיבל.

מאַטקע און דער „לאָרד״
לאַכן און לעקן די ליפּן
מיט די צינגער.
יאָסל דערפֿילט אַ װײטיק
אין אַלע זײַנע מידע פֿינגער.

פֿײגע פֿאַרפֿלאַמט און צעכעסט,
פֿאַרשװינדט אין דער אונטיקער גאַס.

דער שאָפּ אױסגעלײדיקט און שטיל.
רױטע, שטעכיקע שטראַלן פֿון דער

אויסגייענדיקער זון גליטשן זיך
אין אַפּים, אויפן דיל.

מיסטער מערסאָן פאַרבעט
אים זיצן, און יאָסל זעט,
ווי אין זיינע אויגן
בייזע פייערלעך בליצן.

מיסטער מערסאָן הויבט אָן רעדן:
„אַז די לינקע האָבן הנאה
זיך שפּילן מיט געשאַרפטע שווערדן,
כאָטש איר אויך פאָרעט זיך מיטן סטרייק,
און איר רעדט דאָרט הילכיק, הויך,
ווייס איך אַז איר באָרעט זיך
מיט די ווערטער, וואָס שטייגן ווי צאָרן־רויך.
קאַמפּס־געשריי אין לעבן, ווי אין לידער
איז אייך פרעמד און דערווידער.
פון פייגעס שיין פּנים איר זענט אַזוי פאַרבלענדט,
אַז איר, דער צאַרטער זינגער, פילט נישט, אַז אין אירע מיידל־הענט
זענט איר געפאַנגען, און אַרומגענומען ווי מיט צוואַנגען.
פייגע און איר „טאָוואַרישטש" גאַרמאַן ווילן
אַ פּויסטן־פּאַרמעסט. נו, וועלן מיר צעברעכן
די קאָמוניסטישע יוניע,
און פאַרטרייבן פון די שעפער די רויטע פּעסט.
איך וויל אָבער פאַרמיידן, אַז ערלעכע, אָרנטלעכע אַרבעטער
זאָלן צוליב דעם שפּעטער נישט ליידן.
דעריבער וויל איך אייך בעטן, לאָזט נישט
אַז פייגע און טאָוואַרישטש גאַרמאַן זאָלן
די געדאַנקען פון מיינע אַרבעטער קנעטן. וואָרים
אייך וועלן די אַרבעטער הערן, ווען
איר וועט זיי דערקלערן, אַז דער
שאַפּ מיינער איז נישט געטיילט אויף שקלאַף און האַר,
און אַז אין אַ סטרייק שטעקט אַ גרויס געפאַר . . . "

אין די קאָרידאָרן די עלעוויטאָרס פאָרן.
אַ רויט רעדעלע ליכט
דרייט זיך און גאָלדיקט
אויפן שויבנגעזיכט.
אויף יאָסלס אויגן מיט פּיין פון צאָרן פאַרצויגן,
פאַלט דער גאָלדענער שיין פון אויסגייענדיקן טאָג,

און גיך און אויפגערעגט ער רעדט און זאָגט:
„קלאַר, איר לייגט מיר פאַר
צו ווערן אַ סטרייקברעכער,
און איר ווערט זיך, הייסט עס, באַנוצן
מיט מעסער־שטעכער?
וועמען זענט איר אויסן צו נאַרן,
אַז אין אייער שאָפּ זײַנען נישטאָ
קיין שקלאַפּן און האַרן?
ווייסט איר דען נישט, אַז פון דעם „ספּידן"
אַלע גלידער גליען און מידן?
באַ דער שויב, וואָס בלויט און בלאַסט,
דרימלט מען איין מיט דער לאַסט
פון מידן פּיין.
דער גרינער קומט מיט זיין עלנט אין היגן לאַנד.
איז גראָד אים דריקט שווער אייער פּאַרמאַנס האַנט.
דער פּאַרמאַן רק ער זידלט און וואַרטשעט
דער גרינער קאַרטשעט זיך אין וויי,
און ענטפערט נישט אויף באַליידיקונג און געשריי:
ער טראָגט אַ גאַנצע וואָך די בושה און שווערן יאָך,
נישט צוליב זיך אַליין בלויז, נאָר אַז
טאַטע־מאַמע אין שטעטל, אויסגענאָגט פון דער נויט,
זאָלן כאָטש אויף שבת האָבן אַ שטיקל פלייש מיט קאָרנברויט.
איר אַ סאָציאַליסט, וואָס אויך דעם טאַטנס קידוש־בעכער
איז אייך טייער, ווילט אַז דער דיכטער,
דער גרינער און נייער, זאָל אין ליד נישט אויפהויבן
דאָס קול אַביסל העכער, טאָמער וועלן זיך
צעפליען די זינג־פייגל פון די דעכער".
אין מיסטער מערסאָן שטאַרקט זיך דער כעס.
זיין פנים מיניעט און בלאַסט.
מיט אויגן מיט צאָרן פול,
ער שטייט אויף פון שטול,
און שפּרייזט אויפן גלאַטן דיל.
זיינע אומרואיקע טריט
גילדערן זיך אין רויטן שיין
פון דער פאַרנאַכטיקער שטיל.
ער שפּרייזט און קלערט:
אַז די אויסגייענדיקע זון
וואַרפט אויף אים אַצינד
אַ שטראַלנשווערד. ער שפּרייזט.
און זיינע אויסגעזילבערטע, שיינע שלייפן

בלענדיק, ווייס,
ווי דין־געשליפן אייז.
יאָסל זעט, ער צווינגט זיך צו זיין געלאַסן.
ער דרינגט פון דעם, אַז מיסטער מערסאָן
האָט מוראָ פאַרן שלעכטן שם, וואָס אַ סטרייק
וועט פאַרשפּרייטן אין אַלע יידישע גאַסן.
עס סקריפּעט דער דיל אונטער זיינע
גיכע טריט, ווידער, ווי תמיד ער רעדט
צו אים אין אַ שטיל און רואיק געמיט:
„דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט זעט אַ וועלט
צעשפּאָלטן אין צוויי: די אַרבעטער
טראָגן אויף זייערע פּלייצעס
פון פּראַצע דעם יאָך און דעם וויי.
און די באַסעס — שלעכטע און געמיין
זויגן רק דעם סאָק פון זייער געביין.
איר זאָגט: דער וואָס איז גרין
פּלאָגט זיך שטאַרק בא דער מאַשין.
אָבער איר פאַרגעסט, אַז דער זעלביקער פאַרמאַן
לערנט דעם גרינעם צו פירן מיט דער פּרעס,
ווי אָנצוהענגען קנעפּ, און ווי צו נייען
מיט שיינע, איידעלע שטעפּ.
איז דעריבער, טרובעט נישט אַזוי מיט צאָרן
אויפן הילכיקן, פּראָלעטאַרישן האָרן.
און איך האָב געזאָגט, און זאָג אייך ווידער:
אין ליכטיקן טרוים, אייערע שטילע לידער
הערן דאָס שעפּטשען פון די גראָזן אין דער טאָליקער נידער.
אין פרימאָרגן־קעלט
איר פאַלט אויפן טוּיאיקן פעלד,
וואָס זילבערט און ברענט
אין שטראַליקן העמד.
איך זאָג בלויז: מיידט דאָס געברויז פון המון,
און שטאָלץ טראָגט
פון פּאָעט די קרוין".

מיסטער מערסאָן ענדיקט:
איך דאַרפט דעריבער
שטענדיק גיין
מיט זיך אַליין.

די פאַרנאַכטיקע הימלען קלאָרן.
לײדיק שטיל זײַנען אַלע קאָרידאָרן.

מיסטער מערסאָן רעדט נישט מער.
ער שפּרײזט אומעטיק, פאַרקלערט
און זײַן בליק לויפט נאָך אויטאָ, פערד און וואָגן,
וואָס יאָגן אויף דער הויכער, שטאָלענער בריק.

אויך יאָסל שווײַגט.
דער שאָטן פון פאַרנאַכט
טרויעריק־שטום
נעמט אַלעמען אַרום. און צאָרן
צעגיסט זיך אויף מיסטער
בוקמאַנס געזיכט. ער ברויזט
און האַמערט מיט דער פויסט:
מיסטער מערסאָן, דײַן גרינער
איז „נאָו גוד״! ער וויל
יעדע וואָך פאַרדינען
אויף אַ נײַעם „סוט״.
פאַר „וואַן עקסטראַ אָוער עי דעי״,
ער פאַרלאַנגט „דאַבל־פּעי״.
„סאָ, גרינער, „ליסן״,
הער אויף צו ווײַזן פאַר פײַגען,
אַז אויך דו קענסט מיט פײַערדיקע „ספּיטשעס״ שיסן.
„סטאָפּ טאָקינג״ אין דער יוניע וועגן אַ „רעיז״,
אַנישט, וועסטו דאַרפן זוכן אַ צווייט „פּלעיס״.

די שטילקייט ציִשט.
מיסטער בוקמאַן ברויזט,
און האַמערט אויפן טיש
מיט דער שווערער פויסט.

יאָסל קירעוועט דעם קאָפּ
צו אים נישט אויס,
און שפּאַנט פון אָפּים אַרויס — — —

ווי דער נאָדל־שפּיץ פון דאָרן
שאַרפט זיך אין אים
פון ווײַטיק דער צאָרן.

יאָסל שווייגט.
אינדרויסן
די טונקלעניש שטייגט.
שטראַלן, ווי פייערדיקע שטריק
פלעכטן זיך אויף דער רוישיקער בריק.

בטחון

עלעקטרישע שילדן, ברענענדיקע פאַסן
וואַרפן פייער אין די רוישיקע גאַסן.

יאָסל ווייסט, פייגע אין הויז
וואַרט אויף אים מיט אַ פרישער רויז.

די שטערן גלעזערן, גרין,
יאָסל גייט נישט אַהין.

עס נאָגט דער עלנט פון הינטיש געהויל.
יאָסל גייט און באַגערט די הייסע קושן
פון פייגעס פיבערדיק מויל.

נאָר דער טרויער, וואָס גליט אין זיין בלוט,
פירט אים צו ר׳ הענעכס שטיבל, וואו
דער הייליקער שבת רוט.
וואָרים זיין אומרואיק געמיט
זוכט ווערטער, וואָס זאָלן
שטאַרקן און דערהויבן
און ער ציט זיינע טריט צו ר׳ הענעכן
אין שטיבל, וואו שטילע פייערלעך
גליען דורך די שבתדיקע שויבן.

אין שטיבל שאָטענען די ווינקלען.
יאָסל שטייט בא אַ שטענדער און קוקט
אין ר׳ הענעכס אויגן, וואו
ס׳לויטערן זיך די שבת-קודשדיקע פריידן
און פינקלען.

יאָסל נאָך אַ טאָג אַ לאַנגן און אַ מידן
שטייט איצט און הערט, ווי ר׳ חענעך
דערציילט מעשות פון גוטע יידן.

ר׳ חענעך זאָגט תורה און טייטשט:
דער רבונו של עולם
וועט פארטיליקן יעדן רשע, וואָס
הויבט־אויף אויף זיין פאָלק ישראל אַ בייטש.
וואָרים כי לא יראני וחי
מיינט: וואו אַ ייד דאָרט איז אדוני.

ר׳ חענעך כאַפּט גיך אויף יאָסלס
דערשראָקענעם בליק, און פון זיין
טרויעריק געשטאַלט, פאַרשטייט ער באַלד,
אַז צוליבן שאָפּ שטייט
דאָס יאָסל אַזוי דערדריקט.

ר׳ חענעך הויבט זיך אויף פון באַנק
און ברענגט יאָסלען פון אַ חסידישן ניגון
דעם פריילעכן קלאַנג.

זקנים אומעטיק, פאַרקלערט,
ציען די אויסגעקעמטע שפּיצן פון די
ברייטע בערד.
זיי זיצן אויף די ערטער,
און הערן ר׳ חענעכס געלאַסענע ווערטער:

יאָסל, אַן געשלעג,
לאָזט מען קיינעם
נישט באַטרעטן קיין נייעם וועג.
נו יאָ, קומסטו דאָך פון אָפּים
דאָ נישט לערנען קיין משניות:
איז לאָמיך הערן
די גרויסע נייעס.

יאָסל גיט אים איבער;
אַז דער אָפּים זוכט עמעצן,
וואָס זאָל טראָגן מורא
אין די אַרבעטער־שטיבער.

יאָסל דערציילט יעדן פּרט.
און ר׳ הענעך עצהט:
אַז למע״ש זונטיק זאָל מען
וועגן דעם שרייבן
אין אַרבעטער־בלאַט.

ער קרעכצט:
גאָט ברוך הוא איז טאַקע
אונדזער דערבאַרעמדיקער שפּייזער,
נאָר פון די פּלענער
פון אונדזערע באַלעבאַטים דאַרף תיכּף
וויסן אונדזער יוניע־אָרגאַנייזער.

יאָ, אונדזערע באַלעבאַטים דינגען
צום גאָלד, ווי צו געצן,
גאָט וועט זיי געפינען
און זייערע טריט פאַרפּלאָנטערן
אין זייערע אייגן־פאַרשפּרייטע נעצן.

איז דו און פייגע גייט
צו חבר גאַרמאַן און זאָגט:
גענוג געגאַדלט, גענוג געגייט!
שוין צייט צו רעדן האַרבע רייד!

ר׳ הענעך קרעכצט:
זאָגט אים אין מיין נאָמען,
אַז עס איז שוין שפּעט
צו צאַמען אונדזערע נוגשים
מיט נאָכגיביקייט און געבעט.

ר׳ הענעך שטרעקט צו יאָסלען
זיין האַנט און זאָגט:
פאַר אונדזער עולה
וועט זיך אָננעמען
דאָס גאַנצע לאַנד.

פאַראַן אַ גרויסער גאָט!
און מיטן ליכט
פון זיין זון־ראָד,

ער אַליין פֿאַר די גערעכטע באַהעלט
דאָס געזיכט פֿון דער וועלט . . .

יאָסל גייט פֿון שטיבל אַרויס,
די גלאָזענע שטערן גרין און גרויס.

ביימער ווינטלען.
יאָסל געשטאַרקט און דערהויבן
שפּרייזט צו פֿייגען
דורך גאַסן, וואָס פֿינטלען
מיט די פֿרומע פֿייערלעך
אויף די שבתדיקע שויבן.

סטרייק

מאָנטיק. איטלעך איינער בליקט
אויפֿן אויסגעהאַפּטענעם וואַסערל,
וואָס קלאָרט און קלאַפּט
צווישן די שטיינער, הינטער
דער האָלצערנער, דאָרפֿישער בריק.

דער שאַפּ שאַלט און וואַרט
אויף דעם סטרייק־סיגנאַל.

פֿנימער אומרואיקן און וואַרטן
אויפֿן קאַמפּס־רוף דעם געגאַרטן.

עס קייקלט זיך די מאַשין.
עס ציען זיך די פֿעדימער
פֿון רויט און גרין.

די נאָדל וואַקלט מיד־און־מאַט,
און פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין די צויטן
פֿון דעם אויסגעהאַפּטענעם בלאַט.

מיטאַמאָל אַ דין קול צאַפּלט און פּלאַטערט:
„ברידער און שוועסטער אונדז מאַטערט
די נויט און די שווערע מי, דעריבער

גייט אונדזער שאפ ארויס
אין סטרייק היינט אינדערפרי".

דערשטוינטע אויגן נויגן זיך
צו א פראנצויזישע פרוי אנגעטאן
אין א הוט פון העל-געפארבטע שטרוי.

דאס איז די „שאפ-מאמע"
גלייך און גרוי, וואס
אירע אויגן פייכטן און גלאנצן,
ווי זיי זאלן שטענדיק פול זיין
מיט זון און טוי.

אלע הערן דאס מונטערדיקע,
מאמעדיקע קול, און פארשוויגן ווערן,
די שארפן פון בליציקן שטאל.

ר' הענעך מיט דער בארד
נאך שבתדיק צעקעמט,
ציט א ניגון און פארעט
אין שוויסיקן העמד.

איין מאטקע פראנט
זיצט און זעצט
מיט געביילטער האנט:
אז דער סטרייק וועט זיין
אלעמענס טויטנשטייג.

אויפן דיל קייקלט זיך דאס קאלירטע קרייד.
די מאמע שפרייזט צו מאטקען און שרייט:
דו שטעכיקער דארן!
היט זיך זאלסט נישט ברענען
אין פייער פון אונדזער צארן!

ר' הענעך שטאלץ און פרום
שפאנט און ברומט.
זיין חסידישער ניגון שפילט, און שפרייט
בטחון אין דער שאפיקער שטיל.

מענטש און מאשין
שטוינען פון פארשטומונג.

דאָס האַרץ שטאַרקט זיך
אין ר׳ הענעכס בטחונדיקער ברומונג.

פרימאַרגנווינטל גלעט.
ר׳ הענעך ניגונט
און רעדט:

מאַטקע וויים, עס וועט געשען,
אַז דער וואָס העצט אצינד וועט נישט זען
פון נצחון דעם ליכטיקן קץ . . .

אַ מענטש מוז זיך אַליין באַוואַכן,
וואָרים מען קאָן זיך נאָך חס וחלילה אַזוי פאַרלירן,
אַז אין הימל זאָל מען פאַר אים פאַרמאַכן
פון רחמים די טירן.

וויים, אַלץ איז משמים,
און גאָט ברוך הוא איז
שטאַרקער פון די, וואָס שרעקן
מיטן כח פון שלאָגנדיקע ידים.

מאַטקע פאַרשטשעמעט
אין מויל די ציין.
און עס הויקערט זיך
זיין הויך געביין.

מאַטקעס פנים פאַרגיסט זיך
מיט בלוטיקן רויט.
זיין נאָדל צאַפּלט אויפן זוים,
און ציט צויט נאָך צויט
פון אויסגעפּעדימטן בוים.

אַלע קוקן. אַלע הערן.
עס שווייגט דער שאָפּ
מיט אַלע זיינע נאָדלען און שערן.

דורך די צעעפנטע שאָפּ-טירן
די סטרייקער מאַרשירן.

ביים אָפיס-פענצטער אויף די טרעפּ,
שטייט מיסטער בוקמאַן און בליקט

צו נאָדלען, וואָס
דרימלען אין מאַכיקן געשטעפּ.

ער שטייט און סטראַשעט:
„אינאַף״ אין מיין שאַפּ
דאָס גרינוואַרג געפּאַשעט!

„וואָקט פּעסטער, וואָקט״!
איך פייף אויף אייער סטרייק!
יעס, ביז „שאַברידזש״ איר קענט
געמען איצט „אַ הייק!״

„טו בעד!״
„וועריִ סון״, וועט איר נישט האָבן קיין סענט
פאַר „באָרד און רענט״!

ער שטייט און שרעקט:
„וואָקט, וואָקט!״ צו אייער שיף
אויפן דעק, ווי „קריפּלס״
וועט מען אייך פירן
מיט אַ טראַק.

הייסער שווייסקויט
שוואַרצט און פאַרעט
זיין צעקאַרבטע הויט.
זיין בייזער בליק בליצט.
זיין הייזעריק קול
כריפּעט און שפּרייזט
מיט אַ פול מויל שוים
אויף מאַטקען, וואָס
ציט צויט נאָך צויט
פון צעטעפּעטן בוים . . .

מאַשינען און ניי־געציייגן
דרימלען און שווייגן.
די סטרייקער מאַרשירן
דורך די צעעפנטע שאַפּ־טירן.

טעג אין יוניאָן־האָל

אין יוניאָן-האָל אָנגעפּאַקט
פון ברעג צו ברעג, קאָכט
און קנאַקט די קאַרטנשפּיל.

עס ברויזט דער אַרום.
יאָסל ווי אַ סופר
שרייבט פּאַמעלעך, פרום.

ער שרייבט אויפרופן מיטן פלאָם פון האָפן,
וואָס זיינען רירנדיק און דין, ווי
זיינע לויטערע סטראָפן, אויסגעפיבערט
אין שיין פון גאָלדענעם באַגין.

פיער לייענט זיי און זאָגט:
זיי טרעפן אין ציל!
ווייל דו שרייבסט
מיט גרויס געפיל.

פיער אין דינעם כאַלאַט
ווייסט נישט פון מיד און מאַט.
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
ער שרייבט אַרטיקלען
פאַרן אַרבעטער-בלאַט.

גאַנצפרי הויבט זיך אָן פאַר די סטרייקער זיין מי.
אין אַלע יידישע קראָמען
רימט מען זיין גוטן נאָמען.
ער — דער געפּרואווטער אין נויטן,
קריגט געדרויכערטע פליישן, און ברויטן
מיט אַ צוואָוואָנטש אויף אַ גיכן זיג.

די מתנות פון די יידישע קרעמער
ער ברענגט צו דער „מאַמען", וואָס
וואַרפט די פּרוכטן און פליישן
אין הויכע, הילצערנע עמער.

די מאַמע לאַכט, און איר לאַכנדיקע שטים
רעדט און רימט:

גוטהארציק און טייער
פון יידישע קרעמער — דער צושטייער!

„די מאמע" — מאדאם סיסיל
וויזט פיערן איר גאלדענעם האנטזייגער,
זי דערציילט: איך בין געווען געליבט און געגארט,
איז געקומען דער קריג און געבראכט מיר
פון אלמנהשאפט דעם צער.

דאס געביין פון מיין מאן
איז געווארן צעריבן אין קריג.
און איך בין געבליבן
איין־אליין מיט א קליין קינד
אין דער וויג.

איצטער בין איך א יונג־אלטע אלמנה,
און דעם זייגער וואס איך טראג איז פון זיין ליבשאפט
די לעצטע מתנה.

איך האב שוין איצט א יינגל
קלוג און גרויס, וואס זאגט:
אז די גאנצע וועלט
דארף זיין א בלומענהויז.

זי רעדט און דערציילט.
און פרובטן און „סענדוויטשעס"
צו אלע סטרייקער זי צעטיילט.

נאר די מאמע סיסיל
האט אויך ליב פייערלעכקייט און שפיל.
איז באלד נאכן ערשטן איבערבייס,
בעט זי בעני קאמעדיאנט
אז ער זאל וויזן זיין קאמעדיאנסקען טאלאנט.

דער מאלער גרינוואלד
פארשמירט מיט קאלירטן קרייד
זיין יעדן פאלד.
און דער גרים רויט־גרין
בייט און מאסקירט בענים געשטאלט.

בענים קאמישער הולך
מאכט איטלעכן פריילעך.

ער ווינקט פּאיאַציש
און זינגט:
„מאָטל און מייק
פּירן אַ סטרייק,
אוי, אוי, אוי
גוט און וואויל אַזוי!

בעני קערט איבער דאָס היטל
און לאַכט: סטרייקער —
דאָס איז מיין שטאָלצער טיטל.
איצטער בין איך אַ פּאַיאַץ.
און מיין באָס מיאוקעט
ווי אַ הונגעריקע קאַץ.

בעני וואָס בייט זיין מינע
אין גרין־דרויטן גרים
חוזקט מיט אַ הארטער שטים:
„אַלע נאָדל לייט
גרין און פאַרשייט
זיינען אין פייגען פאַרליבט,
פייגע מאַכט זייער האַרץ באַטריבט,
ווייל פייגע ווילד און וואויל
בלויז יאָסלען זי באַלוינט
מיט די זיסע קושן פון איר מויל.
אוי, אוי, אוי!
גוט, גוט אַזוי!"

דער עולם לאַכט.
בעני שטעלט אָן
אַ פּנים נעבעכדיק, פאַרשמאַכט . . .

ער קערט איבער דאָס רעקל,
און ווי טשארלי טשאַפּלין
דרייט ער מיט אַ שטעקל.

דער עולם גיט אים צו מוט און לאַכט.
בעני ציט אויס דעם הוט,

בעט נעבעכדיק, פארשמאכט:
„שענקט א סענט
פאר מיסטער בוקמאנען,
וואס צוליבן סטרייק
קאן ער נעבעך נישט צאלן,
אין „וועסטמאונט” די רענט . . .

ווי א בעטלער אין דרייען געבויגן,
וויינען זיינע חוזק׳דיקע אויגן.

אט גלייכט ער זיך אוים,
און זיין קול פריידיק ברויזט:
„מאטל און מייק
וועלן געווינען דעם סטרייק!

דער עולם פון געלעכטער קייכט.
אויף בענים געזיכט לייכט
פון פרייד דאס ליכט.

געענדיקט די שפיל.
דער האל ברויזט און ברילט.

יאסל און פיער ערנסט און שטום
צו זייער טואונג קערן זיך אום.
זיי ארבעטן אויף א פלאן, וואס
וועט פאר יעדן סטרייקברעכער,
פארצאמען צום שאפ דעם שפאן.

אנדערע מיטן גאלד פון מארגנשיין
שפאנען אוועק צו דער פיקעט-ליין.

דער יוניע-האל געפאקט פון ברעג צו ברעג.
עמעצער קלאפט אוים א ניגון
אויף די שפיצן פון אן אנגעשארפטער זעג.

סיגארעטן רויכערן, סיגארעטן זשארען.
הייסע זומערדיקע טעג
פויזען און פארען.

סטרייקער

סטרייקער ציען אויף דער פּיקעט-ליין,
צוימען אין זיך פון צאָרן דעם פּיין.

איין וואָך פאַרקייטלט די צווייטע.
די סטרייקער אויף זוניקע און ברייטע גאַסן
לערנען זיך קעמפן, לערנען זיך ליבן און האַסן.

זיי שרעקן זיך נישט מער:
אַז עס וועט ווער
פאַרכאַפּן זייער נאָדל און שער.

אויך שרעקט זיי נישט מער
די פּרעסע, וואָס פאַרשפּרייט
פון שנאה די גיפטיקע רייד:
אַז עס איז אַלעמען באַקאַנט,
אַז מיטן סטרייק פירט אָן
אַ ברוטאַלער, רויטער עמיגראַנט.

עס אַרט זיי נישט
די גרילצנדיקע דזשאַז-מוזיק, וואָס
טרובעט דורך טראַפּיימן-רער.
עס שרעקט זיי נישט מער די ראַדיאָ,
וואָס כריפּעט און שיפּעט:
אַז דער פירער פון סטרייק
איז אַ פרעמדער, וואָס האָט נאָך פון זיין קופּערטל
אַפילו נישט אויסגעפּאַקט די רויט-אויסגענייטע,
„אַלדקאָונטרישע" העמדער. דעריבער זאָל ווערן פאַרשריבן
אַ געזעץ: אַז פון אונדזערע גרעניצן די זיבן,
זאָל דער העצער ווערן פאַרטריבן.

די סטרייקער שפּאַנען אויף דער פּיקעט-ליין,
זיי בענקען נאָך דעם ניי-געצייג,
נאָר עס שרעקט זיי שוין נישט מער די פּלאָג-און-פּיין
פון פאַרצויגענעם סטרייק.

פון געסלעך, פון ליקן,
מיט ערנסטע און שטרענגע בליקן,

סטרייקערס שטראָמען פון אַלע זייטן
די פּיקעט-ליין איבערצובייטן.

די איינגעמידטע — מיט פאַמעלעכדיקע טריט
הונגעריק און מיד, קערן זיך צוריק
צום יוניאָן-האָל, וואו עס ליאַרעמט
איטלעך איינער אויפן קול,
וואו אויפן דיל קריצן
די אָנגעטראָגענע זאַמדיקע שטויבן,
און פון די געשרייען ביים קאָרטנשפּיל
צאַפּלען אַלע פאַרשוויצטע שויבן.

עס הילכט דער אָנגעפּאַקטער האָל.
בלויז אין חוהלע אין אַ ווינקל
טיף-אַריינגעצויגן, שטריקט אַ סוועטערל פון וואָל,
און דער בענקענדיקער אומעט
פינקלט אין אירע לויטערע אויגן.

אָט דאָ, אין קויטיקן ליכט פון ליאַרעמדיקן האָל,
אַרט איר נישט, אויב עמיצער מיט אַ בליק
גלוסטיקט און פרעך בריט איר שיין-געזיכט.
שטיל און פאַרבענקט זי שטריקט דאָס סוועטערל פון וואָל,
און אויף פייגען זי וואַרט, אַז זי זאָל ברענגען
באַפעלן מיט אַ קול סודותדיק און צאַרט.

פייגע רופט זי אָפּט צו דער שוועל.
זי שושקעט געהיים. איר ליבער שמייכל
בעט איר גיין צו די, וואָס „פּיקעטן"
שוין לאַנג אויפן הייסן טראָטואַרן-שטיין.

חוהלע איילט אין אַלע געהיימע ערטער,
אירע ליפּן טראָגן סודותדיקע ווערטער:
די שנאה פון דער ראַדיאָ איז אַ הייזעריקער האָרן.
די פּיקעט-ליין שטעכט די באָסעס,
ווי אַ שאַרפער דאָרן.

די סטרייק-ברעכער קאָנען נישט גרייכן
פון שאָפּ די שוועל. דעריבער ווילן די באָסעס
אַריינפּאַקן די סטרייקער אין אַ טורמע-צעל.
איז האַלט פעסטער די רייען!

נאָר ענטפערט נישט אויף די גענגסטערישע זידל-געשרייען!
צוימט פון צאָרן דעם פּיין!
פאַרמיידט אַ געשלעג אויף דער פּיקעט-ליין!

חוהלע גייט און היט
אירע איילינקע טריט,
ביז די פּיקעט-ליין לאַנג און ברייט,
ציט זי אַריין אין דער מענטשן-קייט.

פיער שפּאַנט דער ערשטער פאַרויס,
ער שטרעקט פריילעך די האַנט צו איר אויס.
זי לאָזט אים וויסן,
אַז פעסטער זאָל זיך שליסן די ריי!
און איטלעך איינער זאָל צוימען פון צאָרן דעם וויי.

אויף איר שטערן קליין און קלאָר,
ווינטלען זיך אירע לאַנגע, העלע האָר.
אין אירע אויגן פייכטן טרערן און פינקלען
מיט דער פרייד פון יונגע באַגערן.

פיער סודעט און דערקלערט.
חוהלע שמייכלט און הערט.
זי טרייסלט מיט די האָר:
אַז אַלץ איז איר
פאַרשטענדלעך און קלאָר.
שטילערהייט פאַרלאָזט זי
די דין-צעצויגענע מענטשנקייט.

מיט דער באַנען-בריק
זי קערט קריק,
און זי ברענגט פון די קעמפער,
אַ מוטיקן ענטפער:
„סטרייקער וועלן זיך צוימען,
כאָטש אין אַלע קאָרנערס
שטייען גענגסטערס און קוקן
כלומרשט צו די הימל-רוימען.

חוהלע זיצט צוריק אויף דער באַנק,
און שטריקט פאַר פיערן דעם
וואָלענעם געשאַנק.

פריילעך, פארשייט,
דער עולם שרייט.

פייגע נעמט חוהלען ארום
און לאזט ארויס א ליבן ברום.
ביידע מיידלעך פארליבט און שיין,
רייצן מיט די ליכטיקע שמייכלעך
פון זייערע שטאַרקע, ווייסע ציין.

יונגען מיט וואסערדיקע צונגען,
לאכן תאוהדיק און קנאַקן
די קאַרטן מיט געל־פאַררויכערטע פינגער.

פייגע און חוהלע פאַרליבט און שיין
שמייכלען מיט יונגע, ווייסע ציין
און אַ יונג וואָס לאַכט הויך און פאַרשייט
טאָרעט עמעצן ביים זייט.

זיי רעדן פאַרסודעט און שטיל,
און זיי הערן נישט די סקריפּענדיקע טריט
אויפן צעהוידעטן דיל.

זיי שושקען זיך און זעען נישט,
ווי דער איידעלער מאָלער גרינוואלד
זיצט אַקעגן און מאָלט
אַ הימל פול מיט רעגן,
וואָס שרעקט די ביימער
אויף די וועגן.

יאָסל קוקט אויפן בילד און זאָגט:
אַ כמאַרע יאָגט זיך ווילד און שטום.
און דער דרויסן פאַרכטיקט זיך
פאַרן דונערדיקן געברום.

נאָר גרינוואַלד מיט טונקלען געשטאַלט,
רעדט און שאַלט:
מיר איז ווייטיקדיק־דערווידער,
די פלאַמען פון תאוה, וואָס שלאָגן
פון די אויגן פון מיינע אַרבעטער־ברידער.

מיר זיינען באפרייער, און האָבן הויכע צילן.
דאַרפן אונדזערע הערצער טראָגן
שיינע, ריינע, מענטשלעכע געפילן.

וואָרים, גראָד אַן אַרבעטער דאַרף פאַרשטיין:
אַז שיין און ריין איז די שיינקייט פאַר זיך אַליין.
און דער וואָס האָט ליכטיקע אויגן אין קאָפּ,
קאָן נישט זיין תאווהדיק און גראָב.

וואָרים דער קינסטלער גייט די שיינקייט אַרבן
מיטן ריינעם פייער פון זיינע העלע פאַרבן.

אַ קינסטלער זעט לויטער ליכט
אין אַ מענטשלעך געזיכט.

אַ קינסטלער דאַרף האָבן אַ ציל.
מאָלעריי איז נישט קיין
פאַרבן-שפּיל.

דער מענטש איז נישט חיהש, ווילד.
דער מענטש איז הייליק,
און העכער פון יעדן קונסט-בילד.

דער מענטש איז נישט קיין חיה אין וואַלד,
ער איז ליכטיקער
פון יעדן אָפּבילד פון זיין געשטאַלט.

האָבן מיר אָבער אַזאַ וועלט:
פאַרן אָפּבילד פון אַ מענטש
צאָלט דער רייכער סומען געלט,
און דעם מענטש גופא —
אים פייניקט ער
מיט הונגער און קעלט.

דעריבער קריגן זאָל לויב,
דער קינסטלער, וואָס
קעמפט קעגן אומרעכט און רויב.

אַזאַ קונסט איז דעם מענטשנס טרוים.
אַזאַ קונסט איז אונדזער אַלעמענס לעבנס-בוים.

גרינוואַלד ציט אַן אַ נײַ לײַוונט אויפֿן געשטעל.
פֿינדזל פֿאַרבט אַן אינדזל
מיט וואַסערן שטיל און העל.
לבֿנה איבערן וואַלד
ווײַס און קאַלט.

אַ מײדל פֿאַרטראָגן אין אײגענעם טרוים,
אומעטיקט אונטער אַ פֿאַרזילבערטן בוים.

עס נאַכטיקט דער וואַלד.
חוהלעס פֿאַרליבטע אויגן
גליען אויפֿן לײַווענטענעם בויגן.
יאָסל פֿרעגט:
וואָס טוט חוהלע אויפֿן
אינדזל־ברעג?

און גרינוואַלד — דער ישיבֿה־בחור,
געקומען פֿון דער ליטע זאָגט:
פֿאַר חוהלע איז אַזאַ ליבע
ערגער פֿון פּאָגראָם און שחיטה.

וואָרים נאָך אַלע אירע טרערן,
וועל פֿיער קײן גר נישט ווערן.

און אַפֿילו ער איז לינק,
דאַרף ער כּדת משה וישׂראל
איר אָנטאָן אַ קידושין־רינג.

וואָרים קוים גײט זי אַוועק
אין דער גויאישער פֿרעמד,
וועלן טאַטע־מאַמע
ווערן אויף שטענדיק פֿאַרשעמט.
אַט דאָ שטײט די צוים.
וואָרים זי אַלײן וועל אויך נישט ווערן אָפּגעריסן
פֿון דעם אַלטן, אידישן לעבנס־בוים.

און איך גרינוואַלד — אַ ישיבֿה־בחור
פֿון דער ליטע בין אַנטלאָפֿן
פֿון פּאָגראָם און שחיטה.
ווי יעקבֿ אָבֿינו אין אַן אײנציק העמד

בין איך געקומען אין דער פרעמד.
פאר איר פאטער, פון פרי,
איך וואלט פאר חוהלען
געפאשעט שאף און קי.

אויפן לייוונטענעם שליאך
איך פארב מיר אויס
די שיינע מעשות פון תנ"ך.
ווי צו משהן אויפן הימל
בלענדט צו מיר דער זוניקער שפיגל.
דער הימל גליט אין די אייגענע פארבן.
נאר דאס לאנד ער קען נישט ארבן.

גרינוואלד דער גבר,
פארשפארט אין זיך
טרערן און צער.

זיינע שארפע, שווארצע וואנצן
ציטערן און שטארצן,
און דאס פינדזל מאלט
דעם אומעט פון אייגענעם הארצן.

גרינוואלד ברומט א ניגון
טרויעריק, פרום.

אין יוניע-האל
רוישט פון קארטנשפילער
דאס פארשייטע קול.

נ ע נ ג ס ט ע ר ם

אינדרויסן שרייט אויטא-הארן,
אין יוניע-האל, צווישן
די קויטיקע ווענט ביילן זיך
אין צארן סטרייקנדיקע הענט.

דער טאג אינדרויסן גליט,
די פיקעט-ליין ציט

און פאַרשטעלט צום שאַפּ
די שוועל.

אינדרויסן גליט דער טאָג.
און די יוניע זאָגט און זאָגט:
„דער ריכטיקסטער וועג,
צוימען דעם פּיין און ליידן
און אַ געשלעג אויף דער פּיקעט-ליין
פאַרמיידן".

נאָר פון די טונקעלע, לאַנגע ליקן
די געננסטערס מיט פאַרשכורטע בליקן,
שניידן זיך איין אין שטילן שפּאַן
פון דער פּיקעט-ליין.
זיי שפּייען און שרעקן:
„האַ, ,קאַמיס' גרין, געל און רויט,
איר וועט באַ אונדז פּולווער שמעקן!
,דזשאָבס' איין זעץ אויפן גאָלן שאַרבן,
און אייער גלאַטע הויט
וועט אין בלוט-פלעקן זיך פאַרבן!"

פאַרשכורטע גענגסטערס לאַכן אין סקווער,
רייצן זיך אויף אַלע שפּראַכן:
„רויטע לעמעשקעס, ווילן נישט אַרבעטן שווער,
דעריבער סטרייקן זיי מיט נאָדל און שער".

אַרום דעם קליינעם גאָרטנצוים
זאַמלען זיך גענגסטערס, און מיט געלן טאַבאַק-שוים
זיי באַשפּריצן בלום און בוים.
באַזויפן און רויט קאָרטשען זיך די שניטן
אויף זייער פּנימדיקער הויט.
זיי קאָרטשען די שראַמען,
און וואָרטשען און שעלטן:
„סטרייקערס, אַ רוח אין אייער מאַמען!"

איבערן טייך, אין דער זון פליגלען און רוישן די מעוועך.
און אין סקווער צערייצטע גענגסטערס
שפּייען און רעווען: „גרינע ציגן!
„אַלדקאַונטרישער" קויטן!

מירן אייך ווייזן, אַז אויך מיר
קריגן נישט אומזיסט בראָנפן און ברויט!״

זייערע פּנימער זשאַרען פון ביר.
זייערע מיילער גאַווערן
מיט האַס און גיר.
עס פּאַרעט פון שכרות דער האַס.
שאַרפער, איבלדיקער גערוך
פון בראָנפן און ביר שלאָגט
איבער דער גאַנצער גאַס.

פאַרשייטע און אויסגעלאַסענע רייד
ציען אַראָפּ דאָס קלייד פון חוהלען,
וואָס צויבערט און בלאַסט
אין איר געבלימלטער בלוזע, פאַרבונדן
מיט אַ בלויער פּאַס.

באַ איינעם צעגליט זיך דאָס אויג,
ווי אַ פייער־קויל און שכרות
און תאווה פּיניעט פון זיין מויל:
„היי, שיינע מויד!
לאָמיך גלעטן דיין גלאַטע הויט!
הער נישט אויף וויגן
דיינע שיינע, שלאַנקע פיס!
מיט אַזאַ ווי דו איז זיס צו ליגן
אויף די ,מאָונטענס׳, צווישן די שטיינער
און ביז בלוט דיך בייסן מיט די ציינער!״
אַ צווייטער, באַזויפן און ווילד,
זידלט און שילט: „גרינע לייז,
איר וועט באַלד לויפן, ווי דערשראָקענע מייז!
אהאַ, וועל איך מיר כאַפּן אַ זונה
מיט אויגן ברענענדיקע און ברוינע . . . ״

די סטרייקער צוימען פון צאָרן דעם פּיין,
און פּאַמעלעך שורהט זיך די פּיקעט־ליין.

געגנסטערישע פּנימער בייז און ביטער,
און אין די קאָרנערס די געזעץ־היטער
רירן זיך נישט פון אָרט, און וואַרנען בלויז
די סטרייקער, וואָס ענטפערן נישט קיין וואָרט . . .

געשלעג

אומגעריכט. די גאַס מיט מענטשן
ווערט פול און געדיכט.
רויש-און-ראַש. צום „סיטי-האָל״ ציט זיך
פון אַרבעטלאָזע אַ הונגער-מאַרש.
אַ מענטשן-טייך, אין לאַנגע, גלייכע פאַסן
שלייכט דורך די זוניקע גאַסן.
נאָר רייטער-פּאָליציי אויף הירזשענדיקע פערד, וואָס
היטן יעדן פּיצל-ערד אין אַלט-שטאָטישן טאָל,
לאָדן די געווערן, וואָרענען און פאַרווערן:
„נישט צו לאָזן זיך צום סיטי-האָל!״.

אַרבעטלאָזע רייען געדיכט און לאַנג שפּאַנען
און שאַלן פון קאַמף דאָס געזאַנג.
פערדישע מיילער שוימען.
פּאָליציאַנטן מיט אויגן פון צאָרן צעגליט,
פאַרצוימען פאַר הונגעריקע די טריט.
קלויסטער-גלאָק בלענדט און קלינגט.
מאַרשירנדיקער המון שטויסט זיך
צו די מויערן-ווענט און זינגט.
פּאָליציאַנטן רייטן, רינגלען אַרום
דעם סקוועער פון אַלע זייטן.
גענגסטערס און פּאָליציאַנטן
יאָגן און שלאָגן
סטרייקער און דעמאָנסטראַנטן.
מענטשן יאָגן. אַ צעפּלאָשעט פערד
טראָגט זיך מיט אַן איבערגעקערטן וואָגן.
די גאַסן שאַלן. הייסע, שאַרפע שטראַלן
זעגן בלויע, הימלדיקע ווענט.
פּאָליצייאישע פערד שפּרינגען און פאַרשפּאַרן
די אָנגעפּראַלטע טראָטואַרן.
אַ שאָס קנאַלט. המון קנוילט זיך אין גרויל
און פאַלט-צו צו די גרינלעך-פאַרזשאַווערטע ווענט
פון הויכן העלדנמאָנומענט.
עס שטייען טראַמווייען מיט אויסגעהאַקטע שויבן,
און איבער זיי פליגלען און רוישן
די צעשראָקענע טויבן.
פערד שטשירען די געלע ציינער,
און אונטער זייערע פּויקנדיקע טריט

קרישלען זיך די שטיינער.
די לופט מיט צאָרן פאַרשטאָכן,
שרייט מיט ווייטיק פון הונגעריקע וואָכן.
אַמבולאַנסן וואָיען און יאָגן.
דער המון שליידערט פלאַשן און סלאַיען
אויף פאָליציייאישן וואָגן.
עס בלישטשען די צעבראָכענע גלאָזן.
אין סקווער די פייגל פישטשען
און שפּרינגען אויף די פאַרבלוטיקטע גראָזן.
די זון זעגט די צעשפּאָלטענע פענצטער-שפּיגלען
און לעקט דאָס וואַרעמע בלוט
פון צעוואָרפענע ציגלען.
דער דרויסן ווייטיקדיק און ווילד
יאָמערט און שילט.
עס קלינגט דער קלויסטער-טורעם.
און דאָס האַרץ אָנגעגאָסן מיט האַס
שפּרינגט און שרייט: שטורעם, שטורעם
די פאַרשפּאַרטע גאַס!

אין דער ליק

עס רויכערט זיך דער שטויב.
אַ שטיין פליט. אַ שויב
צעקרישלט זיך אונטער יאָסלס
דערשראָקענע טריט, וואָס
יאָגן צווישן הויפן, און אַנטלויפן
פון פאָליציייאישן וואָגן.
ער לויפט פאַרביי אַן אַלטן מויער
און זוכט צו אַ טונקעלן הויף
אַן אָפענעם טויער.
נאָר זיין וועג אינמיטן,
פון אַ געשריי ווערט איבערגעשניטן:
הינטישער זון שטיי!

שפּיזלדיקע אויגן שטעכן זיך אין אים איין.
פאַר יאָסלען לעשט די זון איר גילדערנעם שיין.
דאָס פּנים פאַרשכורט, צעפלאַמט,
און דאָס קול שנאַהט און סמט:

„הײ, מאָשעק, נעם די אויגן אין די הענט,
קוק און דערקען דעם געהיים-אָגענט!"
יאָסל דערמאָנט זיך די שיף מיט דעם פּוילישן פּאָן,
וואָס פלעגט זיך חניפהדיק בויגן בײַ יעדן שפּאָן.

דעם פּאָנס ליפּן
רופּן און פּייפּן.
זײַנע שטעכיקע וואָנצעס נאָדלען זיך און שטייפן.

דעם פּאָנס פאָרכריפּעט קול
שיפּעט: זשיד, כאָלאָמאָט,
האָסט געמיינט, אַז איך וועל
דאָהי ווערן אַ דזשאָד,
און אַלע זונטיק-אינדערפרי
ביי אַ דאָרפישן קלויסטער-פּלויט קליין און קרום,
וועל איך מיט פינגער מיד און פרום
רימפלען אַ געבעט-ליד".
בלוטיק בליאָסקעט דאָס גאָלד
פון זײַנע פאַרוויכערטע ציין,
ווען זיין באַאייזנטער קנאָפּל
קלאָפּט אויפן שטיין.
זיין פאַרשכורט קול לאָכט:
פאַר אָן עלצטן האָט מען מיך
שוין דאָ געמאָכט.
צוויי יידעלעך — אדוני,
איך בין מערנישט אייער שבת-גוי.
געדענק, „יאָ מאָם האָנער".
זשידעק, שפּרייז צום קאָרנער.
אוי, גוואַלד, איטשע מאיר
וויל אויך אין קאָנאַדע
זיין אַ דרייער.
זשיד-באָלשעוויק
מאַרש הינטער דער בריק!
אהאָ זיך טאָקע דערשראָקן?!
„טשעקאָ פּאָן", כאָטש דאָ איז נישט פּוילן,
ווּעסטו אין טורמע פּוילן, אין די בלויזע זאָקן
ווּעסטו טאָנצן אויף הייסע קוילן.
זיין שכורדיק מויל
לאָכט אין גרוילן:
און דו, זשידאָוו[illegible]קע מאָרדע מיט באָרד און קאָפּל,

ווי אַ פיש אין דער נעץ איצטער צאַפּל!
„טאַק, יאַ יעסטעם פּאָלסקי פּאַן,
יאַ האָנער מאָם!"
בלוט וועט זיך גיסן!
און ווי אין דער לעצטער מלחמה,
אַלע זשידאָווסקע שפּיאָנען
וועל איך צעשיסן!
זשיד כאָלעמויז וואוינט אויך
דאָהי אין שענצטן הויז.
זשיד מיטן לאַנגן שנאָבל זינגט
און פון זיינע שבתדיקע זמירות,
שטינקט מיט ציבעלע און קנאָבל.
„טאַק", דער זשיד האָט געלט,
און איבער דער גאַנצער וועלט
ער פּאַרט מיט זיין צעפּאַטלטער באָרד . . .
און וואו ער זאָל נישט זיין
זופט ער קידוש-וויין.
און פאַר פסח דער ראַבין
אויסגעפּוצט אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע,
אין שוואַרץ-סאַמעטענעם הוט,
צאַפּט פון קריסטלעכע קינדער דאָס בלוט.
אָ, מאַריאַ, הייליקע מוטער.
אַפילו אין מיין הונגעריקן פּוילן
עסן די זשידעס יעדן טאָג
געבייטלט ברויט מיט פּוטער.
אָ, זשיד כאָלעמויז רופט
אויך דאָהי צו בונט און ברויז!
ער שמוגלט און באַרויבט,
און שבת פּאַשעט ער זיך
ווידער מיט אַ פעטן קוגל,
און מיט זיסע אַרבעסלעך
פון דער גרינער שויט".
דער פּאַן פּיניעט און שפּייט.
דער פּאַן כיכיקעט און שרייט:
יודאָש, דערמאַן זיך,
דעם אָרימאַן האָסטו פאַרקויפט
פאַר אַ פּאָר שיך?
געדענק, דאָס איז געווען אונדזער האַר יעזוס
דער זון פון גאָט, אויף וועמען האָסט
געברענגט פּיין און שפּאָט.

דער פֿאָן פּיניעט און שפּייט.
דער פֿאָן כיכיקעט און שרייט:
זשיד פֿאַרשיווע, האָסט פֿאַסקודיעט
מיין הייליק, ליידנדיק פּוילן,
איז גיבער דיין קרומע נאָז שנייץ,
און געדענק דעם פֿאָן יעזוסעס גרוילן
אויפֿן קרייץ.
זשיד, עס איז דיין גליק,
וואָס מיר זיינען נישט אליין
אין אָט דער טונקעלער ליק,
אַנישט — וואָלט איך דאָ אויפֿן אָרט
דיין באָרד פֿון דיר געפּליקט,
ביז דו וואָלסט צוריקגעגעבן
די דרייסיק זילבערשטיק . . .
דער פֿאָן כיכיקעט: זשיד אפשר קום איך דיר
אַ חוב פֿאַרן קוקן אויפֿן קידוש-ווייןֹ?
דער פֿאָן כיכיקעט: זשיד, נישט אַנטלויף!
גיכער אַריין אין הויף.
דער פֿאָן פּיניעט און שרייט:
פּולווער וועט איר שמעקן —
און דאָס אייגענע בלוט באַלד לעקן!
מאָשעק פֿאַר אַן עלצטן האָט מען מיך דאָ געמאַכט.
האָב רעספּעקט פֿאַר דער קאַנאַדסקער מאַכט!

טויט־שרעק

דער הויף אין טירן צעטיילט.
טיפֿט און טונקלט, ווי אין אַ הייל.
פֿון רויטן מויערן-שטיין
שיילט זיך דאָס ווייסליים.

דער פֿאָן שעלט און שאַלט: זשידאָווסקי בראַנד!
נקמה פֿון אַ שבת-גוי פֿאַר פּיין און שאַנד!
אַ שטראַל גליט דורך אַ שפּאַלט.
ר׳ הענעך אין ווינקל-וואַנט
וואַקלט און פֿאַלט.
עס צאַפּלט דאָס שטראַלנליכט.
דעם פֿאָנס קנאַכיקע האַנט

קנאַקט אויף יאָסלס געזיכט.
יאָסלס אויג פאַרשוואָלן, שוואַרצט.
די הויט פון שטערן צעריסן רויט —
בלוטיקט און שמאַרצט.

יאָסל אין צאָרנדיקן געברויז
גלייכט זיך אויס, און מיט איין פויסטנקלאַפּ
אויפן היצלס קאָפּ,
זעצט זיך דער פּאַן
אויף דער ערד אַראָפּ.

דער דרויסן רוישט און ריטשעט.
דער פּאַן אַ געפּלעפּטער
שפּייט און קוויטשעט:
זשיד, שטיי!
„יאַ יעסטעם פּאַלסקי פּאַן!"
און אויב וועסט טאָן
מיט דיינע פאַרשיווע פּיס,
בלויז איין שפּאַן,
איז „יאַק באַגאַ קאָכאַם",
איך צילעווע און שיס!
דער ליאַרעם פון פּאַן
גליווערט יאָסלס שפּאַן.
יאָסל געדענקט:
די שיף קייקלט זיך
אויפן גרין פון דער ימיקער ציך.
און דער פּאַן בעט דערשראָקן און גיך:
טייערינקער, שענק אַ פּאָר נייע זאָקן
פאַר מיינע איינציקע, אָפּגעפּוצטע שיך.
יאָסל געדענקט: לעצטע נאַכטיקע שעהן.
די שטערנדיקע הימלען בלאָען.
שיפן רעווען. שיפן רויכן.
רוישנדיקע מעוועןשווימען אין די הויכן.
יאָסל דערשראָקן, מיד,
צאַמט די טאַמלדיקע טריט.
ר' העניך יאָמערט אויפן קול:
יאָסל, טשעפּע מער נישט דעם פּאָל!
עס דויערט אַ מינוט בלויז!
אַ כוואַליעדיקער מענטשנשטורעם!
אויפן קאָפּ פון פּאַן

וואַרפט עמעצער אַרויף
אַ ליידיקע מיסט־קאַן.
דאָס געשריי פון מענטשנשטראָם
שלאָגט, ווי פון אַ צעברילטן תהום.
די זון צאַנקט.
יאָסל און ר׳ העניך געיאָגט פון גרוילן,
שפּרינגען איבער אַ גאָרטנצאָם,
און ווערן פאַרהוילן אין די שאָטנס
פון מיסטער בלאָקס קעלערדיקער קראָם.

אין קעלער

אויף שטאָל, אויף שטאַנג
ברענט דאָס פייער־גאָלד
פון זונפאַרגאַנג.

אין דער פאַרשטילטער שטאָט
פויקט און שרעקט
פּאָליציאַישער טראָט.
אין קעלער קילט
דאָס געטריקנטע היי,
און הינטער קאַסטנס עפּל און באַרן
שטומען און שטאַרן שאָטנס צוויי.

דיקער שטויב פאַרטונקלט
די פאַרגרינטע, קעלערדיקע שויב.

מיסטער בלאָק, וואָס
פאַרציט אַ נאָסן האַנטעך
אַרום רעב העניכס באַיל,
רעדט שטיל און אין געאייל:
„אויך אין היגן לאַנד טאָר מען
קעגן פּאָליציי נישט הייבן קיין האַנט.

יידן מען טאָר די זאַך נישט
נעמען גרינג.
„ביקאָוז, נאָו, איז דהי מעין טהינג״,
אויב פון אייערע נאָדל־שער, האָט נאָך ווער

גנעהערט, וואָס דער פּאַנסקער יונג
האָט געבריייעט מיט דער שבורער צונג.
„ביקאָוז" מיין אַלדערמאַן מיסטער קאָן
„גלייכט" אויך נישט, ווען אַ פּאַנסקער אַנטיסעמיט
מאַכט „פאַן" פון אַ ייד.

דער „קאָורט" וועט נעמען אייער וואָרט.
דער „דזשאַדזש" וועט צערנען און זידן,
ווען איר וועט האָבן עדות, אַז דער פּאָן
האָט געזידלט יידן, געסטראַשעט מיט מאָרד
און געפליקט ר' העניכס באָרד.
„ביקאָז" פאַר פליקן אַ יידישע באָרד
קאָן דער „דזשאַדזש" אַ היימשיקן
מיטן האַליפאַקסער פּאָרט . . .

און הערט וואָס איך דערציייל:
ביי אונז אין שטעטל איז געווען
אַזאַ גזלן, אַ שבת-גוי, האָט חברה
בשתיקה אים אַנגעזשליאָקעט
מיט ריצנאייל אַ פולע סלאָי.

נאָכדעם האָט יענער כאָם
שוין מערנישט געשריגן זשידאָווסקער שמוגל.
ווייל אין מאָגן איז אים שטענדיק געלעגן
דער טעם פון אַ ביטערן קוגל . . .

סייווי אונדזער פּאַן, וואָס נעמט „גרעפּט
ראַיט און לעפט", וועט פון אונדזער אַלדערמאַן
ווערן געצאַמט.

„וועיט און סי" צו שאַנד און שפּאָט
וועט ער ווערן דאָהי.
„ביקאָז" אַרויסשמייסן וועט מען אים
פונעם „רעד סקוואָד" פאַר רייסן
אַ יידישע באָרד.
עהע, אין קענעדע זיינען פרידלעך
ישראלס שטיבלעך, און רואיק זיינען
יעקבס געצעלטן, און יידן טאָר מען דאָהי
נישט זידלען און שעלטן . . . "
די שייבלעך בלאָסן.

אין קעלער וויקלען זיך
לאַנגע, שאָטנדיקע פּאַסן.

מיסטער בלאַק מיטן האַנטעך דעם נאַסן,
ציט די הייך פון יאַסלס ברענענדיקן שניט.
ער רעדט ווייגענדיק און גיך,
און זיינע טרערן פאַלן אויף
יאַסלס פאַרבלוטיקטע שיך.

די גאַסן ליידיקן און לערן.
איבערן באַרג צינדט זיך
דער ערשטער שטערן.

אין קעלער פאַרנאַכטיק, שטיל.
ר׳ הענעך זיפצט אוים זיין וויי
און מורמלט מיט גרויס געפיל:
„רבונו של עולם״, לאָז מיך פאַרשטיין
דיין תכלית, דיין ציל!
אַ, גאָט, שלאַבעריק און שווער
איז אונדזער שפּאַן.
אַ גאָט, הויך, אין די הייכן,
זאָל די תפילה פון אָרעמאַן
צו דיר איצט גרייכן״.

אין קעלער קילט דער ריח
פון געטריקנטן היי.
ר׳ הענעך זיפצט און מורמלט
פון תפילה דעם וויי.

די גאַסן ליידיקן.
די גאַסן לערן.
אויפן באַרג פינקלט
דער ערשטער שטערן.

די מומע צאָרנט

יאָסל שטייט מיט אַ פאַרבונדענעם שטערן
קעגן דער מומען, וואָס וויינט
מיט ביטערע טרערן.

ווייטיקדיק זי קנאַקט די פינגער.
דערשראָקן זי קוקט אויף ר׳ הענעכן
מיט דער געשוואָלענער באַק, וואָס
שטייט אויף איין אָרט
און וואַשט אוים אין ווייסן בעקן
די פאַרגליווערטע בלוט-פלעקן
פון זיין פאַרקנוילטער באָרד.
פּלוצלינג — די מומע
לאָזט אַרוים אַ יאָמערלעך געשריי:
יידן, צו ר׳ בערישל אין שטיבל איך גיי!
זי טוט פון אָרט
זיך אַ רים:
אַ גאַטעניו, געלייםט
זאָלן ווערן זייערע פים!
ווינד און ווי
וועט זיין ר׳ בערישל דעם פרומאַק.
איך וועל אים שוין דערלאַנגען
דעם אמתן פסק.
איך וועל אים פאַרשעלטן,
אַז פאַרוואָרפן זאָל ער ווערן
פוןביידע וועלטן.
אַזאַ שנה, אַזאַ יאָר
אויף אים, אויף ר׳ בערישל
בעל-קרייע מיט די זיבן האָר
און פליכעוואַטער פּאָה.
אָט דער ר׳ בערישל, וואָס
איז מיט יענעמס הענט
אַ גרויסער פאַרדינער, שפּאַצירט יעדן טאָג
צום שטיבל אין גאַרטנטאַל, אין אַ האַרטן הוט,
אין אַ שוואַרצן סורדוט, ווי אין שטעטל אַמאָל
דער „קאַזשאַנער״ ראַבינער.
מיט אָט דער הלבשה אַלעמענס אויגן ער פאַרבלענדט.
מענטשן הערן אים שבת די תורה לייענען און מיינען:
אַז אָט דער פרומער רשע מיט די דינע, איידעלע הענט,

איז עפּעס גאָר אַ וואַשנער רעווערענד . . .
אָבער וואָס פאַר אַ נוץ האָט ער פאָרט
פון אַט דעם גאַנצן פּרין?
זיבן האָר איז זיין גאַנצע, געלע באָרד.
זיין נעבעכדיק פּנימל גרוים ווי אַ פליג,
זעט ער אוים, ווי אינדערהיים
פּסח מלמדס אויסגעקוואַרטע ציג.
די מומע מיט דער שבת־טוך
פאַרוואָרפן אויפן קאָפּ,
איילט צום דרויסן און פלוכט:
אוי מיטן אייביקן שלאָף
זאָל שוין שלאָפן,
ר׳ בערישל מיטן בערדל
פון געלן מאָך, וואָס כריפּעט
און חזרט דעם טראָפּ אַ גאַנצע וואָך.
און זיינע גענגסטערס מיט אייזנס און טעפּ
שפּאַלטן ביי סטרייקער די קעפּ.
יידן געדענקט, אַט דאָס פאַרגאָסענע בלוט
וועט אויך נישט ווערן געשענקט
דעם קולטורעוואַטנעם חבר מערסאָן
מיט די פאַרוואַשענע אויגן, וואָס איידעלערהייט,
טוט ער דעם מאַרך פון די ביינער אויסזויגן.
אויף אַלע פאַרזאַמלונגען זיצט ער אויבנאָן,
און געוועלטיקט מיטן בליאַסק
פון זיין גאָלדענעם צאָן.
ער וועט כאַפּן פון מיר אַזאַ באַגראָב,
אַז ווייי און ווינד וועט זיין
צו זיין טראַליגענטישן קאָפּ,
און צו אַלע זיינע באָסישע הינט.
די מומע גייט און שעלט:
געשוואָלן זאָלן זיי ווערן
פון הונגער און קעלט.
שלמהלע וואָס שטייט
ביי דער שוועל,
פאַרשטעלט איר דעם וועג
און טענהט און בעט:
מומע, די יוניע וויל נישט קיין ניי געשלעג!
וועסט זען, היינט־מאָרגן
וועט קומען אַן עק, ווייל די
קליינע מאַנופעקטשורערס, וואָס

אויך זייערע הענט זיינען
מיט אונדזער בלוט פארפלעקט.
מוזן גלייך „סעטלען”, אויב
זיי ווילן זיך נישט אנטאן
קיין טארבעס, און גיין
איבער די הייזער בעטלען.
נאר די מומעס אויגן
קוקן און כעסן:
פון אזוינע יידן, וואס שיקן
געננסטערס צו שלאגן סטרייקער
אין די גאסן, דארף מען
לעבעדיקערהייט רייסן פאסן.
זי רייסט זיך ארוים פון
שלמהלעס הענט און שרייט:
שלמהלע, פארשטעל מיר נישט די שוועל!
פון דיר און יאסלען איך ווער גרין און געל.
איר קענט דא שטיין!
נאר מיך איינע לאזט אהין גיין!
דאס מעסטל איז פול.
דעם ערשטן באגראב וועט היינט קריגן ר׳ בערישל,
וואס זיינע געננסטערס צעשפאלטן ר׳ הענעכס קאפ,
און ער אליין זיצט זיך איצטער אין שול,
און קוועטשט דעם טראפ.

די מומע שפרייזט אריבער די שוועל.
דער דרויסן היים. דער הימל הויך און העל.
קלויסטער-געקלאנג. דער מומעס גיכער גאנג
וועקט ווייטיק און כעס,
אין דער גאנצער סטרייקנדיקער גאס.

די סטרייקער אין חסידים־שטיבל

אין שטיבל-גארטן,ווארפט דער אלטער בוים
א גרינעם שאטן.
עס פעכערן די בלעטער, און דער ווינט
קילט און קעמט די צעפארעטע ערד
אנגעטאן אין גראזנהעמד.

ר׳ בערישל פאררוקט אין א ווינקל,
וויקלט זיך אין שאטן,
און זיין גמראדיקער ניגון ציקלט איבערן גארטן.
פון זינט עס האט זיך אנגעהויבן דער סטרייק
באהאלט ער זיך אין שטיבל, ווי אין א שטייג.
עס ארט אים שטארק,
וואס זקנים לײדיקגײער זיצן אין פארק
אויף בענק און שטײנער,
און גריזשען אים מיט זייערע צעקרישלטע צייגער.

פרימארגן, ווען דער דרויסן
איז ליידיק און לער.
ווען עס שלאפן נאך
די לייט פון נאדל-און-שער,
איילט ער דערשראקן און בלאס
דורך דער שלאפנדיקער גאס.

אין שטיבל גאנצע טעג,
יעדן פרעמדן שאטן
ער היט אויפן גארטנוועג.
אין שטיבל קליין און קיל
ברומקעט ער גמראדיק, שטיל:
„כל העולם כלו ניזון בשביל
חנינא בני. וחנינא בני די לו
בקב חרובים מערב שבת לערב שבת״.
ר׳ בערישל שאקלט זיך און זיפצט.
א מחשבה אין זיין מוח בליצט:
עס וואלט געווען גאר א סברא
צו דערמאנען ר׳ הענעכן אין דער
דאזיקער גמרא. ווארים פון דעם
וואלט ער געדארפט דרינגען,
אז אזא ייד, ווי ער, דארף
שטעלן שטיל און פרום זיינע טריט,
און נישט סתם שפרינגען אויף א וועג
וואס איז שטעכיק, שטייניק און קרום.
ווארים ווער עס לערנט ש״ס
טאר זיך נישט חברן
מיט אט די רויטע פושעים,
וואס פלאדיען זיך היינט
אויף דער יידישער גאס.

אזא ר׳ הענעך צו זיך אליין
דאַרף אַזוי זאָגן:
„לאו כל אדם זוכה לשני שולחנות״ —
נישט איטלעך איינער קאָן
צוויי קרוינען פאַרמאָגן.
דעריבער וואָלט אַזאַ ר׳ הענעך געדאַרפט אַזוי צו זאָגן צו זיך אַליין:
אַ דאַנק דיר גאָט, איך שלאָף נישט אויף קיין שטיין.
איך בין קעגן אַ סטרייק,
און איך האָב גענוג אַ שטיקל ברויט
מיט אַ זיסער פייג.
וואָרים ער ווייסט, אַז די היינטיקע,
גרינע פּועלים, וואָס מאַכן מיך
צו שאַנד און שפּאָט, לייקענען
גאָר אין איינציקן, לעבעדיקן גאָט . . .
אַזוי טענהט צו זיך אַליין ר׳ בערישל
דער איידעלער ייד, דער בעל־קורא
נאָך פון דער אַלטער היים, וואָס
האָט ליב אין לאַנגן, וואָלענעם טלית
אויפן באַלעמער צו שטיין.
ר׳ בערישל פּויקט מיט די פינגער:
איך וואוין אויף „עספּלענעיד״, אַקעגן באַרג,
איז וואָסזשע טוען מיך אַרן
די גריזשענדיקע צינגער
פון „קאַלאַניאַל״ און „קלאַרק״?

דאָס שטיבל קליין און קיל.
ר׳ בערישל שאָקלט זיך ביים שטענדער
און ברומקעט פרומלעך, שטיל:
יעדער מענטש קומט אויף דער וועלט,
ווי אַ פרעמדער, לכן — דעריבער
וואָס טויגן אים רייכע שטיבער?

ער פּויקט אויפן שטענדער
און קרעכצט: אוי די שכינה
איז אין גלות, און די שכינה
בענקט און לעכצט. יעדער
ייד אויף דער וועלט איז
אודאי אַ פרעמדער.
לכן — דאַרף אַ ייד
זיין צופרידן, אויב

ער האָט לחם לאכל
ובגד ללבש
און דערצו אַ פּאָר
עקסטרע, רייַנע העמדער . . .

נאָר אינמיטן ברומקען און טראַכטן
הויבט זיך ר׳ בערישלען אָן דאַכטן,
אַז ער הערט טריט טראָגן זיך
אויפן הילצערנעם בריקל.
די אויגן ווערן אים
טיף און שטאַר, און אַ דערשראָקענער
וויקלט ער זיך אין רויך
פון צעגליטן ציגאַר.

ר׳ בערישל שטייט אויף, און כאַפּט
זיך צום שטעקן און די מומע שרייט:
פרומער צאַפּ, בעסער ווישט אָפּ
פון אייערע הענט די בלוט-פלעקן!
עס ציט פון יידן דאָס חיות
און עס לויפט כאַפּן מצוות אויף לויות.
וואָס טויג אייער כריפּען און חזרן דעם טראָפּ
אַז מיין יאָסל גייט אַרום
מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ.
דער מאָלער וואַלדמאַן שלאָגט איר איבער:
ר׳ בערישל, עס וועלן אייך נישט געבן קיין רו
די סטרייקנדיקע שטיבער.
אייער בערדל איז בלויז לנוי,
זיבן האָר — ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועט,
פאַרגעלט בינטל-שטרוי

איין ר׳ הענעך פאַרשטילט דעם עולם און זאָגט:
ר׳ בערישל מיר זייַנען פאַרביטערט און פול מיט פיין.
איר לערנט ש״ס,
אָבער איר זענט
עובר אויף יעדן דין אין דת,
וואָרים, די תורה איז אַן עץ-חיים —
אַ לעבעדיקער בוים, און געדענקט
אַז יעדער פּועל איז געגליכן
צו אַ שכיר-יום, און מיט שווייסיקער טרער,
ערלעך און שווער ער פאַרדינט

אין דער פרעמד אויף אַן עקסטרע העמד . . .
יאָ, העלפט אונדז קריגן אַ העכערן לוין
און איר וועט אָנטאָן אויף דער שכינה די שענצטע קרוין.
איר דאַרפט וויסן,
אַז די הייליקע תורה איז נישט
געגעבן געוואָרן סתם, אַז איר
ווי אַ בעל־קורא זאָלט ווייזן בריהשאַפט
אין טראָפּ און טעם. ר׳ בערישל פאַבריקאַנט
די תורה הקדושה לערנט און דערמאַנט:
אַז עבדים היינו — קנעכט זיינען
מיר געוועזן אין מצרים־לאַנד,
זאָלסט דיינע ברידער נישט דריקן,
און שווער זאָל נישט זיין
אויף זיי דיין האַנט . . .
יאָ, אונדזער געשריי וועט אויפגיין צו גאָט
און איר וועט ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט.

געדענקט „אל תהא קללת הדיוט קלה בעיניך״.
נעמט עס נישט גרינג! מיר קאָנען אייך
פאַרשעלטן, אַז איר זאָלט חס וחלילה פאַרוואָרפן
ווערן פון ביידע וועלטן!

אמת, מיר ווילן ענדיקן דעם סטרייק.
מיר ווילן פאַרדינען מער, ווי אויף
אַ באָקסער מיט אַ פייג . . .

ר׳ בערישל דערשראָקן, בלאַס,
שטייט הינטערן שטענדער און שטאַמלט:
ר׳ העכער, ווי גאָט איז אייך ליב,
איך בין דאָך נישט קיין פרעמדער
אין דער דאָזיקער גאַס . . .

מיט גאָטס הילף, וועל איך זיך באַמיען,
אַז דער סטרייק זאָל זיך מערנישט פאַרציען.
איך זאָג אייך צו בהן שלי:
אַז איר וועט קריגן וויפיל
איר פאָדערט פאַר אייער
טעגלעכער מי.

די יוניע וועט ווערן אָנערקענט,
און צוריקנעמען צו דער אַרבעט

ווען מען אַלע סטרייקנדיקע הענט . . .

די סטרייקער פאַרלאָזן
דאָס שטיבל פאַרזיכערט און געשטאַרקט.
די זון זינקט און צינדט
די צעווינטיקטע ביימער
אויפן פעלדזנבאַרג.

לעקעך און בראָנפן

יעדער קלויסטער שפּיץ
שלאָגט מיט זון און היץ.

אין שאַפּ, וואו עס ברעכט איטלעך געביין,
גאַרן אַלע גלידער, אַז דער טאָג אַליין
אַ צעפּיבערטער און מידער,
זאָל אין פייער פון פאַרנאַכטיקן זון־שטויב,
זיך נעמען לעשן אויף דער שויב.

איטלעך איינער מיד און מאַט,
ציילט די מינוטן אויפן ציפערבלאַט.

נאָר צו יאָסלען די נאָדל זשומעט:
ברודערל פאַרטרייב דעם אומעט!

גרינגער קייקל מאַשינען־ראָד.
מאָרגן קומט קלמן מרמר אין שטאָט!

פון מידקייט ברענען די בלוטן.
פּאַמעלעך, לאַנג ציען זיך
די לעצטע מינוטן.

נאָדל זשומעט און פאַרטרויט:
קלמן מרמר וואַרפט אום
פון שנאה דעם פּלויט.
ער רעדט וועגן די נביאים,
און גלויבט, אַז אַ נייע וועלט
וועט אינגיכן אויפבליען . . .

נאָר מיסטער בוקמאַן רויט, צעפּאַרעט,
שטייט אין אַ ווינקל און כמאַרעט.

צו דער הייסער הויך,
שטראָמט זיין סיגאַרנרויך.

אין מאַשינען־געטומל,
ער שטייט און מורמלט:
צוליב ר׳ בערישלען וואָס האָט מורא פאַר אַ פּאַטש,
און צוליב מיסטער מערסאַנען דעם קוואַטש, וואָס
וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויסגרינען,
האָט איר דאָסמאָל געקענט דעם סטרייק געווינען.
„באָט״, עס וועט זיין
אויך „אַ סעקאָנד טיים״.

דער שאָפּ שמייכלט, שטומט.
דער שאָפּ ענטפערט
מיט מאַשינען־געברום.

די ווייזערס צאַפּלען
אויפן ציפערבלאַט.
ר׳ הענעך ציט אַראָפּ דער ערשטער
דעם צעפּאַרעטן כאַלאַט.

ער גענטערט זיך אין ווינקל
און זאָגט:
מיסטער בוקמאַן, וואָס כמאַרעט איר
און קלאָגט?

דערמאָנט זיך ווער איר זענט.
איר האָט דאָך אַמאָל אויך
געהאַרעוועט מיט די הענט!

געדענקט, אויך אַז אייער מוטער זכרונה לברכה,
האָט נישט געהאַט קיין וואַזשנע מערכה.

אין די גרינע יאָר פון עלנט און פרעמד,
פון שלעכטע מענטשן איז זי געוואָרן פאַרשעמט.

דער עולם אין ווינקל פאַרזאַמלט,
קוקט אויף בוקמאַנען, וואָס

שטייט אַ פאַרטערטער און שטאַמלט:
ר' הענעך, איך ווינטש אייך „גוד לאַק",
רופט מיך שבת אויף קידוש,
און ווי מיין עליה השלום,
גיט מיר לעקעך, און אַ פולן קעלישאַק
מיט רויטן מאַלינע־סאַק.

אין שאַפּ ליכטיקט דער גאָלדענער פאַרנאַכט.
דער עולם אַרום שטייט און לאַכט.

און אַט מיט אַ פרישער רויז,
קומט מיסטער מערסאַן פון אַפּיס אַרויס.

שטייף, שפּיציק דער געפּרעסטער לאַץ.
לעקעך און בראַנפן
ער טראָגט אין אַ טאַץ.

דער עולם מיט גענאַר,
טוט צום טיש זיך אַ שפּאַר.

מיסטער בוקמאַן צעשטעלט
בלעכענע טעצעלעך פאַר ציגאַרנאַש.
און מיסטער מערסאַן קוועלט,
און גיסט בראַנפן פון אַ פולער פלאַש.

דער עולם ווינטשעוועט זיך און טומלט.
ר' הענעך שטייט און מורמלט:

גאָט האָט גוט געמאַכט.
גאָט האָט אין שאַפּ
דעם שלום געבראַכט.

דער מיסיאָנער בראַנד

אויף שויב און דאַך
בלישטשעט דאָס זון־גאָלד
פון פאַרנאַכט.

שטיבער צו דראָטן צוגעבונדן,
שטייען אין פייער אָנגעצונדן.

אין פאָרט טרובעט אַ שיף און שפּאַלט
די שטילקייט אין פאַרדרימלטן וואַלד.

דער שאָטן פון פאַרנאַכט
בלויט, און פאַרוועבט
דעם טייכיקן שליאַך.

די שיף אין פאָרט
טרובעט און פאָרט.
גראָבע שטריק פון רויך
ציען זיך אין דער בלויער הויך.

דער דרויסן ברומט.
ווינטיקע הענט כאַפּן אַרום
די מעכטיקע מויערנווענט.
אויף די הויכע באַלקאָנען,
אין די לאַנגע, צעלויכטענע גאַסן,
קאָלירטע פאָנען פאָכען
מיט די זיידענע פאַסן.
טראַמווייַ אָנגעפּראָפּט מיט צאָרנגעשרייַ,
פירט אַ היים דאָס מידע געביין.
יאָסל גייט צופוס.
די ראַדיאָ שרייַט און שרעקט:
„דער רויטער רוס איז גלייַך,
צום היטלעריסטישן רייַך.
היטלערס צאָרנס וועלן מיר צוימען,
ווי פונקען־רויך פון אַ פאַרסאַזשעטן קוימען.
דעם מאַרש פון דריטן רייַך
וועלן מיר פאַרהאַלטן, זייַנע טריט
וועלן ווערן צעשפּאַלטן, ווי
רואיקע כוואַליעכלעך אין אַ שטילן טייַך.

אָבער דאָס גאָטלאָזע ראַטנפאַרבאַנד,
איז אַ גרויס געפאַר
פאַר איטלעך ציוויליזירט לאַנד״.

יאָסל, צעשראָקן און אויפגערעגט,
קוקט אויף אַ רויטער רעקלאַמע
וואָס פרעגט:
„ווילסט האָבן גענוס?
פאַרזוך די זיסקייט
פון דער וועלשענער נוס״.

אַ צווייטע שילד מיט גרויסע, רויטע אותיות רעדט:
„ביסט מיד. אין דיינע גלידער נאָגט דער וויי.
דריי מאָל אין טאָג טרינק אַ היים גלאָז טיי.״

ווידער טוט די ראַדיאָ אַ גרילץ:
„איך סעם דער וואַרשעווער רעקאָמענדיר
געפילטע קישקע, געפילטע מילץ.
עס אין וואַרשעווער רעסטאָראַן:
פון דיין קאָרנער אַ שפאַן.
אַ פאַרשפייז. אַ שיסעלע לאָקשן,
אַ שיסעלע רייז. נישטאָ קיין חילוק!
אַלץ איז וואָלוול. אַלץ איז ביליק!״

ים-ווינט, ווי אַ ראָד
קייקלט זיך אין דער פאַרנאַכטיקער שטאָט.
עס גאָלדיקט דער קלויסטער-דאַך.
יאָסל גייט און טראַכט:
גוטע ווערטער זיינען ציטערדיקע סטרונעס
פון האַרפן.
און נאָך בראָנפן שלאָפן
אין זיידענע שטאָפן,
די נאָדלדיקע שאַרפן.

אויפן וייטן וואַסער-שליאַך
לעשט זיך דאָס ליכט
פון פלאַקערדיקן פאַרנאַכט.
דער פאָרט אָוונטיק, בלאַס.
אַ שיף פאַרוועבט אין אַ פאַרהאַנג

פון רויכיקן טוי, צייכנט אַ זילבערנעם פּאַס
אויפן טייכיקן בלוי.

יאָסל פּאַמעלעכט זיין טראַט.
זיינע אויגן פאַרהאַלטן זיך
אין אַ פּאַרקל פאַרצויגן
מיט אָפּגעזילבערטן דראָט:
אַ קלויסטערל פון גרוי-געטעסעטן שטיין.
באַ אַ גרין טויערל האַלצערן, און קליין,
שטרעקט זיך די האַנט פון דעם
יידישן מיסיאָנער היימאַן בראַנד.
ער רעדט און רופט: „טו מאַראָ איז אַ האָלידעי
גוד קריסטשענס קאַם טו דהי טשוירטש ענד פּרעי!
קומט אין דער טשוירטש „דהי נאַזאַרין״
מירן אייך פירן צו די פעלדער
באַרגיק, גרין וואו עס האָט
געצויגן נאָך די טריט
פון די פיך, ישו אונדזער האַר —
דער שפּראָץ פון דודס דיך.

וואָר, פון אַלע נסים — דער גרעסטער נס,
איז גראָד געשען אין די יסורימדיקע שעהן
פון לעצטן מעת לעת.
אין „היברו״ — נישט דזשיזוס,
נאָר ישו איז זיין נאָמען —
אַ סטאָליער-יינגל פון נוצרת געקומען.

ער פאַרלאָזט האַמער און זעג,
און צום מענטשנס האַרץ ער זוכט
פון ליבשאַפט דעם וועג . . .

די אַפּאָסטאָלן
מיט הערצער ריין, ווי קרישטאָלן
האָבן מיט דער בשורה אין אַלע פרעמדן זיך געטריבן.
און אַלע וואונדער מיט די אייגענע הענט
פאַרשריבן אין נייעם טעסטאַמענט.

יאָסל שטייט און קלערט:
אָט דער מיסיאָנער האָט
אין לאָנדאָן צו ישון זיך באַקערט . . .

יאָסל קאָן גוט דעם דאָזיקן דיקלעכן מאָן
אין ברייטן פּאַנאַמע הוט.
דאָס איז דער אידישער מיסיאָנער בראַנד,
וואָס לערנט ענגליש דעם יידישן אימיגראַנט.
נישט איינמאָל זאָגט צו אים יאָסל אין געקאָך:
אַז יעדער משומד ברענגט אומגליק און בראָך.
און אַז דער וואָס שמדט זיך, קערט
איבער דאָס העמד, און אַזאַ ווערט
אונדז ווייט און פרעמד.
שמד קערט איבער דעם כאַלאַט.
דער משומד פעלשט אין די טריט
פון דורות יידיש־לעבן.
און דאָס וועט קיינמאָל,
קיינעם קיין ייד
נישט פאַרגעבן.
דעריבער טאָלערירן יידן נישט קיין שמד.
עס איז פון בוים
אַ פאַרוויאַנעטער בלאַט.

מיסיאָנער בראַנד שאָקלט מיטן ליסעוואַטן קאָפּ
און חזרט ווי פון חומש דעם טראָפּ:
איך בין נישט קיין פרעמדער,
כאָטש איך האָב זיך מיין באַזונדערן שטענדער.
אין דער שטאָטישער נידער.
אָן אייגענער בין איך
צווישן מיינע יידישע ברידער.
וואָרים אויך דעם יידן־קריסט,
היטלער הרשע אין טורמע פאַרשליסט.

בראַנד דער משומד,
איז אין יידישקייט אַ גרויסער מלומד.
ער זאָגט אלה הדברים —
פון אַלע לשונות איז יידיש מיין שפּראַך.
פון אַלע ספרים איז הייליק דער תנ״ך.
הערט מיינע רייד: יידיש פאַרגייט!
נאָר פון לשונות זיבעציק מאָל זיבן,
איז מאַמע־יידיש מיר אייגן געבליבן.
ער זאָגט: אַ פרומער ייד וועט אויפהויבן
די אַראָפּגעפאַלענע תפילין, זיי טאָן אַ קוש.

און דאָס יידיש לשון דורכגעזאָפּט מיט גלויבן,
דאַרף מען אַנטאָן אַ מענטעלע פון שענצטן פּלוש.

דער מיסיאָנער בראַנד ענטפערט יעדן פרעגער:
אַז ער אַ יידן־קריסט, און קאָן פון דער יידישער קולטור
זיין אַ טרעגער . . .
ער באַרימט זיך מיט זיין עלטערן ברודער,
דעם אָנפירער פון אַ רעוואָלוציאָנערן סטודענטן־קרייז,
פאַר וועמענס קאָפּ די אָכראַנע האָט באַשטימט
צען טויזנט רובל אַ פּרייז.
זיין עלטערער ברודער איז טאַקע געפאַלן פון אַ קויל,
ווי עס איז ערגעץ פאַרשריבן אין אַ רויטן פּנקס,
פון יענער צייט — די גאַנצע גרויל.
ער דערציילט:
איידער איך בין קיין לאָנדאָן געקומען,
האָב איך אין דער רעוואָלוציע פון 1905 אַנטיילגענומען.
אין לאָנדאָן מיט אַ הונגעריקן בליק,
האָב איך געשפּרייזט פון בריק צו בריק.
אין „הייד פּאַרק" אונטער אַ בוים,
האָב איך דערקענט אַז ישו
איז מיין ליכטיקער טרוים . . .
אויפן עלנטן אין פרעמדן לאַנד,
דערבאַרעמט זיך ישו המשיחס שפּייזנדיקע האַנט . . .
און דאָ אין דער קאַנאַדישער שטאָט
רוט אויף מיר ישוס גרויס גנאָד.
דאָ־חי, פון די פעלדער באַרגיק, גרין
ער טראָגט צו די אָרעמע די בשורה
פון „דהי נאַזאַרין". וואָרים די רייכע
אין זייערע זינד וועלן שטאַרבן.
בלויז די יגיעי־כּפּים
וועלן אָרבן דאָס מלכות השמים.

דעם מיסיאָנער בראַנד, מיטן געלאַסענעם גאַנג,
וואָס רעדט יידיש מיט אַ ווייך פּוילישן קלאַנג,
מיט אים לוסטיקט זיך אין שפּאַס
די גאַנצע אָרעמע גאַס:

„איז טאַקע ישו דער זון פון גאָט
און די בשורה ברענגט מענטשנליבע
ווי אַ חייליק געבאָט?"

זיינע אויגן־גלעזער פאַרצויגן
מיט דינע גאָלדענע דראָטן,
מיניען זיך אין העלן שאָטן.
דער מיסיאָנער בראַנד
ליגט אַרויף אויף פרעגערס אַקסל אַ האַנט
און דערקלערט: קשה עורפניק האָרך און הער:
איטלעך אָרט
האָט גאָט באַשאַפן מיטן וואָרט.
נו, האָט דער רוח הקודש
געטאָן אַ זאָג: יונגפרוי,
מרים הייליקע, אַ קינד
פאַר מיר טראָג!
אַזוי ענטפערט ער אָפּ
און לאָזט זיך צום טאָל אַראָפּ.

די זון ברענט.
און צווישן ווענט, וואָס
קרישלען זיך און שיילן,
גייט ער צדקה טיילן.

היימישער, ליבער איז אים
אין די אָרעמע, יידישע שטיבער.

דאָ רעדט ער נישט פון דעם נאַזאַרין,
דאָ דערציילט ער נישט קיין נסים
פון פעלדער באַרגיק, גרין.

איצטער אָבער רעדט ער וועגן לייטערונג דורך פּיין,
און וועגן דעם האַר יעזוס, וואָס שטראַלט
אין גאָטס גין־גאָלדענעם שיין.

יאָסל קאָן זיך נישט באַשיידן דעם מיסיאָנער בראַנד,
וואָס פון זינט היטלער הערשט אין דייטשלאַנד,
האַלט ער אין איין ריידן:
אַז ער האָט אין זיך יידיש בלוט.
דעריבער אויך אויף זיין לייב האַגלט
היטלער מיט זיין אייזערנער רוט.
אין קאַנאַדע ער פאַרהיט זיין יידישע הויט,
אָבער וואָס זאָל ער טאָן מיט זיין שוועסטער אין לאָדזש,
וואָס האָט נישט אויף קיין ברויט, און איר מאַן

דער גערער חסיד ר׳ איצע, ווײל נישט נהנה־זײַן
פון זײַן עבודה־זרהדיקער שטיצע . . .
יאָסל קאָן זיך אים נישט באַשיידן,
נישט לויט זײַנע מעשים,
נישט לויט זײַן ריידן.
יאָסלען דאַכט זיך אויס,
אַז דאָס מיסיאָנערן־הויז,
האָט אין בראַנדן
דעם ייִדישן פּונק נישט פֿאַרדעקט.
אינדערשטיל ער ווײל מיט תּפֿילות און טרערן
אָפּוואַשן דעם שוואַרצן פֿלעק.
וואָרים מיט אַ וואַכן פֿיר,
יאָסל טוט אַ שפּאַר די קליאַמקע־טיר.
דאָס שטודיר־צימער איז פֿול
מיט בלאַסן שײַן פֿון פֿאַרנאַכטיקן שימער.
יאָסל זעט:
דער מיסיאָנער אין אַ ווינקל שטייט.
ער הערט זיפֿצנדיקע רייד,
דער מיסיאָנער אין אַ פֿאַרהויקערט געביין,
זאָגט תּהילים מיט אַ כליפּעדיק געוויין.
אויף יאָסלען, אַרומגענומען מיט שאָטן־שטריק
פֿינקלט דעם מיסיאָנערס דערשטוינטער בליק.

יאָסל טוט זיך פּלוצלים אַ דערמאָן,
אַז אין דערהיים, וואַרט די מומע
מיט איר געבראָטנס אין דער פֿייער־פּאָן.
ער פֿאַרלאָזט דעם קלויסטער־צאָם
און שפּאַנט מיטן ווינט, וואָס
ציט פֿון קאַלטן ים.

קאַרל מאַרקס בערגל

זונטיק. קלויסטער־שפּיץ
בליצט אין דער זון דער צעברענטער,
און אויף קאַרל מאַרקס בערגל זיצט די יוגנט,
און עס זינגט דער כאָר פֿון „קולטור־צענטער״.

אַ בערגל — שטיין און בוים.
און דער הימל — ווייסער שוים.

פאַרבענקט און שטום
ליגט דער עולם אַרום.

אויף דער לאַנקע גרין און געראָס
קוויקט מען זיך מיט א ווײַנטרויב,
מיט א פלאָס.
און די זון מיט אירע גילדערנע אויגן
שמייכלט פון בלויען הימל-גלאָז
צום עולם אויסגעצויגן אויפן פייכטן גראָז.

עס זינגט דער כאָר
פון פרייע, פרידלעכע יאָר.
און איבערן עולם, אַרום בערגל צעשפּרייט,
קייקלט די זון פון גרויס פרייד . . .

דער עולם קוועלט.
דער עולם רופט און פאַרלאַנגט:
בלומקע, זינג פון מאָרים ראָזענפעלד
דאָס האַרציקע געזאַנג!

עס רוישט די גרינע רו:
וואו איז בלומקע, וואו?

בלומקע צאַרט און קליין
שפּאַרט זיך צו צום מאָכיקן שטיין.

די זון גלימט.
בלומקע זינגט, פון „מיין רוע פּלאַץ", דאָס ליד.
בלומקע שימערט מיט די יונגע, שיינע ציין
און צעגייט זיך אין א מעלאָדיש געוויין:
„נישט זוך מיך דאָרט וואו מירטן גרינען,
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ.
וואו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ".
און דער כאָר קלאַנגיק און קלאָר
ציט נאָך דער מעלאָדיע, וואָס צאַפּלט
אויף דער גיטאַר, און שפּאַרט
פון ציטערדיקע סטרונעס דעם צער.

בלומקע מיט די ליפּן דין-געשניצט
קלינגט אויף איר סאָפּראַן.

און איר פארליבטער בליק בליצט
צו גרינוואלדן מיט וועמען
זי פירט א ראמאן.

ווערטער בענקען. ווערטער ברומען.
מאנומענטן שטארן און שטומען.
קופערנע פערד אויף שטיינערנע זיילן
פליען אין רויש פון ברענענדיקע פיילן.
שווערד און בויגן,
שטיין און שטאל,
מאנומענטן בלענדן
אין פעלדנטאל.
דער עולם קוקט צו די געווערן
און ווישט פון די אויגן
די אנגעקוואלענע טרערן.

דער זאמדן-וועג ווייס, ווי שניי,
שמעקט מיט זון און אויסגעטרוקנטן היי.

א פליג זשומעט.
דער עולם קלאפט.
און דאס הארץ
מיט ליכט און אומעט
איז אנגעזאפט . . .

בלומקע און דער כאר פארשטילן.
און דער עולם כאפט זיך אויף
פון אמפערדיקע קולות, וואס
בייזערן און ברילן.

לייבקע בארגבוים טענהט הויך:
אז ווערדליק, אלע ווויסנשאפטלעכע, מארקסיסטישע ביכער
איז היינט שוין קלאר און זיכער, אז גאט
איז דאס פארהאנג-רויך פון הערשער און הארן
דעם אומוויסנדיקן המון אפצונארן.
און א קינסטלער קעמפעריש און לינק,
קאן די אויגן פון פאלק נישט באשטראלן,
אויב ער טרינקט פון רעליגיע, פון אירע
מוטנע קוואלן . . .

אוי, גרינוואַלד, אייער פּענדזל
מאָלט אַ לבנה וואָס אומעטיקט אויפן אינדזל,
און קיינמאָל נישט די אָרעמע אין טאָל.

מיט פאַרבן פון גין-גאָלד
איר מאָלט דאָס „שטיללעבן",
נאָר שאָטנס שיכט נאָך שיכט
פאַרטונקלען און פאַרוועבן
דאָס העלע ליכט.

איך פאַרקויפט זיך פאַרן טאָלער.
וואָרים די בורזשואַזנע קריטיק
וואָס פאַרלייקנט און צעפּליקט
איטלעך פּראָלעטאַרישן מאָלער,
לויבט און הויבט אייער געמעל
מיט דער אַלט-היימישער בית-מדרש-שוועל,
וואו טיר און שויב
זיינען פאַרשמירט מיט
שימל און שטויב.

גרינוואַלדס אויגן ווערן גרין און קליין,
און ער זעצט מיט דער פויסט
אויפן מאַכיקן שטיין:
חבר באַרנבוים איר קרימט און פאַרדרייט
מיט גרינגע, פלינקע רייד.
אָבער די קונסט, וואָס איז ערלעך און עכט,
ווייסט נישט פון קיין „לינק" און „רעכט" . . .
און, יאָ, ווייסט, איך מאַך זיך נישט קיין גרויסן פּיזעם
פון מאַרקסן און פון דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם",
וואָרים, איטלעך איינער האָט זיך זיינע שטאַפּלען
און טרעפּן. פאַר מיר איז גוט און גענוג זיין „קאַפּיטאַל" —
און דאָס איבריקע, קאָן איך שעפּן פון יעדן קוואַל
וואָר, די קונסט ברעכט יעדן צאַם,
און היט דאָך פון דורות דעם שטאַם.
און מיר טראָגן חכמות פולע קאָרבן.
אַז יעדער מענטש איז נישט גיריק און פאַרדאָרבן.
און יאָ. — אַחרי ככלות הכל
קלוגער מענטש טו זיך אַ שאָקל!
און זייט אַ בריה און דערקלערט מיר
פון בריאת עולם די מיסטעריע!

ליבקע פּלאַצט אַרויס אין אַ געלעכטער:
אַזוי, זענט איר גרינוואַלד אויך
פון די נייע גאָטס-פּעכטער?
גרינוואַלדס אויגן גרין און קליין.
און ער זעצט מיטן פויסט
אויפן מאַכיקן שטיין:
חבר באָרנבוים, אָן באָרד, אָן פּאות
אָן אַ חסידישן כאַלאַט,
זענט איר דער ערגסטער פאַנאַטיקער,
דער פינצטערסטער דאָגמאַט!

דער עולם אויפן בערגל פאַרזאַמלט.
און גרינוואַלד שטייט און שטאַמלט.
דער עולם לאַכט, און אויפן בערגל
נידערט אַראָפּ דער שאָטנדיקער פאַרנאַכט.

פאַנטאַן-קוואַלן שיסן וואַסער-שטראַלן
צו די זילבערנע הויכן, וואָס בלויען
און בלענדן אין די טויאיקע רויכן.

דער עולם זינגט און לאַכט.
דאָס בערגל פאַרוועבט זיך
אין די ווייסע שאָטנס
פון דער אויסגעשטערנטער נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די יונגנט גייט

דאָס יונגע, האַרציקע געלעכטער
לויטער, ליב, ליכטיקט
אויף פייגעס ליפּ.

זי קושט יאָסלען אויפן שטערן.
און ער פילט די ווארעמע פייכטקייט
פון אירע פריידיקע טרערן.

געסלעך געדרייט און געקרומט,
מיט שטיבלעך גרוי און פאַרשטאַרט.

די יוגנט פון אָרעמען אָרום,
ציט און שפּאַרט פון אומעטום.

באַקאַנטע גריסן זיך און נויגן.
און גלעטן זיי מיט גוטע,
שמייכלענדיקע אויגן.
און די געסלעך גרוי און שמאָל
שטיקן זיך ביים טייכיקן טאָל.

יאָסל און פייגע שפּאַנען צווישן
אויפגעדעקטע, בלעכענע מיסט-קאַנען.
פאַרשוויצטע יונגען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל,
טשאַדען מיט גראָבע ציגאַרן און פילדערן
און פּאַדען אַרום די קאָרנער-טראָטוארן.
די יונגען שרייען און שפּייען
אויף די אָפּגעקרישלטע מויערן-ווענט,
און מיט פאַרשאַרצטע, פאַרשוויצטע הענט
זיי קלאַפּן-אָפּ די הייסע אַשן
אין אויסגעליידיקטע קאַ-קאַ-קאָלאַ-פלאַשן.

די ליאַרעמדיקע יונגען לויפן
און שפּילן. די ליאַרעמדיקע יונגען
ציילן און צילן גומענע רינגען,
וואָס קייקלען זיך און שפּרינגען.

ביימער וויגן זיך און וואַרפן
לאַנגע, שאַרפע שאָטנס
אויף מענער און פרויען,
וואָס ציען פאַרזיסטע קאַלטע וואַסערן
דורך דינע, געלע שטרויען.
אויף שטיגן, אויף שטאַפּלען
מענער און פרויען זיצן
די לייט פון „אָלרייט"
און פּלאַפּלען, אַז:
זענען, ווי אין שטעטל
די גבירים — גראָב און פאַרשייט.
„באָט" אויך דאָס היינטיקע גרינוואַרג
פון עבר-לים ווייסט נישט פון קיין צאַם:

רק זיי ליאַרמען, אַז אין די שאַפּן
טוט מען זייער בלוט פאַרצאַפּן.

זיי קאָנען „אַפּאָרדן"
צו פירן זיך ווי גאַנצע „לאָרדן".
„ביקאָוז", פריער, אָן דער יוניע
זענען זיי געווען שוואַכער פון אַ פליג,
און איצט פייערן זיי אין „פּרינץ אַרטור-האָל"
פון סטרייק דעם זיג.
אַדרבא, זעט נאָר דאָס לוסטיקע, גיכע געגיי!

„שור", די היינטיקע גרינע
טוט די פּיס גאָרנישט וויי!

מענער און פרויען ציען
די פּאַרזיסטע וואַסערן,
וואָס בלעזלען
דורך די דינע, געלע שטרויען.

די יוגנט הערט דאָס גערייד.
די יוגנט פרייט זיך און גייט.
די יוגנט לאַכט אויפן קול
און ציט צום „פּרינץ אַרטור-האָל",
וואָס גרויט אין פאַררויכערטן טאָל.

פייגע קושט מיט דער הייסער גלוסט
פון איר ליפּ און שעפּטשעט:
— טייערער, איך האָב דיך ליב . . .

עס פלאַטערט דאָס קאָלירטע
פעדערל אויף איר זומערדיקן הוט,
און אירע פריידיקע אויגן
ליכטיקן אויף אים פאַרליבט און גוט.

דער עולם ציט
מיט גיכע טריט.
עלעקטרישע פּאַסן
מיניען אין די גאַסן.
און די העלע נאַכט, פון פייערן צעפּליקט,
נידערט און ברענט אויף
דער העגנענדיקער בריק.

היימלעך

די מומע וואשט דאָס געשיר
און קרעכצט: ווייַ און ווינד איז מיר!
גרינגע הענער, פאַרוואָס רעדט איר נאָר
פון רעוואָלוציע און רויטע פענער?
און זאָגט, וואָס איז שוין ווידער
אַזאַ געברויז, אַזאַ געאייל?
פאַרוואָס זיצט איר נישט אין הויז כאָטש אַ ווייל?
אַזוי? איין קלייניקייט אַ רעדנער אַ פרעמדער!
איז זע נאָר דאָס גרויסע געקאָך,
אַזש די בעסטע, געפּרעסטע העמדער
אָנגעטאָן אינמיטן וואָך!

אַ קלייניקייט גאָר, ר׳ קלמן מרמר!
וואויל דעם טאַטן, וואויל!
אַ צדיק תמים מיט אַ הייליק מויל,
וואָס דרשנט פון אַ צעפּאַרענעם שטענדער,
און וואַרפט ווערטער, ווי גאָלדענע רענדער!
גלייכער שלאָפט דורך די נעכט, ווען
איטלעך אבר וויטיקט און ברעכט.
זע נאָר, זע, דאָס געלאָף און געפּאָר
צו הערן פון ניו־יאָרק עפּעס אַ שוואַרץ יאָר!

פייגע אָן אויסגעפּוצטע אין אַ נײַ קלייד
שווייגט און שמייכלט גוטמוטיק
פון דער מומעס מוסרדיקע רייד.
נאָר בעני קאָמעדיאַנט לצעוועט און לאַכט:
מומע, זייט צופרידן, וואָס מיר לויפן נישט צו קיין בעלער.
טוט בעסער אַכטונג,
עס זאָלן זיך פון אייער נאַסער האַנט
נישט אַרויסגליטשן די טעלער.

אין בענים אויגן לאַכן די אָנגעלאָפענע טרערן.
די מומע פירט די נאַסע האַנט אויף איר שמאָלן, ווייסן שטערן
און זאָגט: אוי בענעלע קאָמעדיאַנט!
אַ קלאָג צו קאַנאַדע, וואָס דו ביסט אויך שוין
אַ „סיטיזן״ אין היגן לאַנד!

בעני לאכט ליב און ליכטיק:
מומע, אין קאנאדע איז
אזא ווי איך אויך נייטיק און וויכטיק.

בעני מיט די אויגן לאכנדיק און קלאר,
ווינקט צו זיין ווייב ביים שפיגל־ליכט, וואס
קעמט און קארבט די רויט־גאלדענע האר,
און מיט א פארב, בלוטיק־רויט און געדיכט
זי שמירט דאס פרי־פארוויאנעטע געזיכט.
און שלמה גלאנצט זיינע שווארצע, שבתדיקע שיך,
און רעדט צו דער מומען אויפגעלייגט און גיך:
מומע עס איז יום־טוב און גאר!
אויך צו אונדזער יאסל
איז היינט דאס גרויסע געפאר.
יאסל איז אונדז שוין מערנישט קיין פרעמדער,
לכן — דעריבער, פוצן מיר זיך אוים אין די בעסטע, געפרעסטע שבתדיקע העמדער.
עס זיינען נישט מיד די גלידער.
ווייל יאסל גייט מיט אונדזערע צילן, און ער וועט
פארלייענען לידער, וואס רעדן צו אונדזערע געפילן.
דער מומעס אויגן ווערן שמייכלדיקער און העלער.
די הייסע וואסער־שטראמען זשומען, און שווענקען
די פעטע, פליישיקע טעלער.
די שטוב איז אנגעפילט מיט שטראלן־שטויב.
און אויף דער בליאסקעדיקער שויב
פייער־דראטן ציטערן און שלינגען
שטיקער פארנאכטיקן שאטן.
דער מומעס אויגן העל און היימלעך
שמייכלען צום דרויסן
מיט די דינע, שטראלנדיקע ביימלעך.
דאס הייסע וואסער זשומעט
און פארהיימישט דעם פארנאכטיקן אומעט.

אין די קליינע, דושנע צימערן,
די שויבן שימערן.
פארנאכטיקע שאטנס שפרינגען,
אין פייער פון די שטראלנרינגען.

די מומע פארעט זיך בא די שווערע, פליישיקע טעפ
און שמייכלט צו יאסלען און פייגען, וואס לויפן אויף די טרעפ.

יאָסל שרעקט זיך

די מענטשן פון מי,
אין רוישיקן גיין,
רעדן פון הי,
און פון דער אַלטער היים.

דער הימל שטערנט
אויף פענצטער־קראַמען.
דער הימל באַלויכט
די מענטשן־שטראָמען.

יאָסלען קלעקט נישט קיין מוט,
כאָטש איטלעך איינער
שמייכלט צו אים ליב און גוט.

ער שרעקט זיך
טאָמער לייענט ער צו גיך.
ער וויל טרעפן אין ציל
מיט לידער וואָס ריידן
צום צאַרטן געפיל.

ער טראַכט: אין אָט דעם מענטשנגעפילדער,
וועמען וועט אָנגיין דאָס רעגנגעוויין
פון זיינע אַסיענדיקע לידער?

וואָס טויג זיי דער טרויער
פון די רעגנטראָפּנס וואָס
רוישן אויפן שינדלענעם דאַך?

וואָס ווילן זיי האָבן
פון זיינע ווינטן, וואָס שאָבן
דאָס נאַסע זאַמד אויפן הארבסטיקן שליאַך?

יאָסלען קלעקט נישט קיין מוט,
כאָטש איטלעך איינער
שמייכלט צו אים ליב און גוט.

מיט רויש פון רייד
דער עולם גייט.

די הילצערנע שטיגן
וואַקלען זיך און וויגן.

און די בינע ברייט און הויך
איז פול מיט רייד און רויך.

אויף דער בינע

חבר גאָרמאַן שטעלט אים פֿאָר:
אַ נייער דיכטער וואָס
שרייבט לידער געפּילפּול און קלאָר.

זיינע לידער איידעלער בורשטין,
ער איז אַן אַרבעטער דיכטער וואָס
אַרבעט טאָקע בײַ דער מאַשין.

יאָסל שטייט און שטוינט:
פֿאַרוואָס האָט ער אים
פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישן דיכטער געקרוינט?

אין זאַל שטילט איטלעך אָרט,
איטלעך איינער קוקט אויפֿן דיכטער,
און וואַרט אויף זיין קעמפעריש וואָרט.

די ווערטער אויפֿן לאַנגן פּאַפּיר-בויגן,
שווינדלען פֿאַר זיינע צעשראָקענע אויגן.

מיט אַ שטיל, פֿרום געמיט,
לייענט ער שורות
פֿון אַ ליריש ליד:

„אין מיין גאָרטן פֿול מיט טוי,
רוט דער גרינער שאָטן
פֿון פֿרימאָרגנבלוי.

דער הימל ראָז.
טראָפּנס טריפֿן
פֿון שויבנגלאָז.

בעז-ביימלעך בלאָען,
שושקען זיך און בענטשן
די פרימאָרגנשעהן."

אין לויטערן ווײ
זיין וואָרט פרומט.
רײ נאָך רײ
שטוינט און שטומט.

ער שטייט צעקלעמט,
און קוקט פאַרשעמט.

ער ציט אַרוים אַ צווייט ליד
און וואָרט נאָך וואָרט
פלאַטערט און פליט:

צום דיכטער

„דיכטער פרעגסט שוין ווידער:
אין אַ וועלט פון פיבער
ווער דאַרף מיינע ציטערדיקע לידער?

ווייסט, טאָג-ליכט איז געוואָרן אַ מערדער,
וואָס גראָבט בלוטיקע גריבער.
דיכטער, זע דעם שווידער
און ווידער נידער
צום שאַפנדיקן פאָלק
אין די אָרעמע שטיבער.

דיכטער, זינגסט מיט די ביימער,
וואָס שויבערן אויף זומערדיקן וועג.
האָסט זיך פאַרגאַפט
אויף דער שטראַלן-זעג
וואָס שאַרפט אַריין
די גליענדיקע ציין
אין וואַלדיקן פעלדזנשטיין?

וויים, שטילקייט וועט די רו
פאַר דיר נישט שפינען.

מוזט אַליין דורך שטרייט און פּיין
אַ וועלט אין רו געפינען.

דאַרפסט אַצינדערט פאַנצערן
זיך אין אייזן.
זאָלסט קאָנען מיט די געוואַגטע,
רומפּולע קעמפער אין ליידנס-טאָל שפּרייזן.

און דיין טראָט זאָלסטו שמידן.
מוזסט מיט ברענענדיקן וואָרט
גרייכן די שוועל פון פרידן.

מוזסט מיט שטאַנגען-הענט
אויף אייגן, הוילן לייב
די מאָרד-שווערדן צעברעכן.
און דעם פרידן פלאַנצן
אויף צעוויטיקטע ערדן.
אין הייסן צאָרן, אין שטאָלצן מוט
האַמער אויס דיין וואָרט,
און שלאָג אַרויס פון מערדערס האַנט
די טויטנדיקע רוט.

דיכטער, זיי וואַך. אין פאַרוויגנדיקן וואַלד
פאַלט דער חלומדיקער פאַרנאַכט.
אין דער שעפּטשענדיקער שטיל,
אַקעגן שווימענדיקן הימל
נישט פאַרדרימל אויף פּליושענעם מאָך,
אויף ווייך-וואָרעמען שימל.
וואָרים — טאָג אין פאַרגאַנג, קאָן
דערוויל אויף פּלוין אויסגליען
אַ פייערדיקן שליאַך, און אָנצינדן
די גראָזבאַנק, דעם בוים,
די הוים און דעם דאַך.
און — שיצנדיק קלייד און אייגן
לעבעדיק לייב זאָל ברענען
אין שלאַנגען-מויל פון דער פלאַקערדיקער קייט,
וואָס שלינגט און שליידערט פייער און גרויל.

דיכטער, היינט זאָלסטו
דיין טראָט שמידן.

מוזסט מיט הייסן וואָרט
גרייכן די שוועל פון פרידן".

זיינע ווערטער זיכערער און פעסטער
קלינגען, און קלאָרן,
כאָטש א דזשעז־אָרקעסטער
טראַסקעט אויפן אויבערשטן גאָרן.

לאָמפנליכט בלענדט.
אין האָל הילכן
קלאַפנדיקע הענט.

קלמן מרמר — א ייד א תמים, קנאַכיק און קליין,
מיט א שמייכל שעמעוודיק און שיין,
שטייט אויף, און זאָגט אין א פריילעכן טאָן:
נאָך א טאַלענטפולער דיכטער, וואָס
וועט הייליק האַלטן די אַרבעטער־פאָן!

יאָ, חבר, שרייבן איר קענט,
שענקט־זשע דעם אַרבעטער אייער
גאַנצן טאַלענט.

איר זענט דער דיכטער פון מי, וואָס
האָט דערפילט פון קאַמף
דעם פריידיקן גלי.

פייגע דערלאַנגט אים א רויטע בלום.
קלמן מרמר שמייכלט שעמעוודיק און פרום.

ווידער שטילט דער פרינץ אַרטור האָל.
אין גרוים געפיל ציטערט א קול.
אויגן פייכטן.
באַשטערנטע שויבן לייכטן.

בלומקע מיט דער וויינענדיקער מעלאָדיע
דער פאַרפרעסטער, זינגט
מאָרים ווינטשעווסקיס „דריי שוועסטער".
און די ציטערדיקע סטרונעס פון פייגעס גיטאַר
גיסן טרערן פול מיט צער.

לאמפּגליכט בלענדט.
גערויש פון חילכיקע הענט.

אין זאַל שטייגט דאָס געפּילדער.
דער עולם זינגט אַרבעטער־לידער.

זיכערער, פעסטער,
מעלאָדיען קלינגען און קלאָרן,
כאַטש דער דזשאַז־אָרקעסטער
טראַסקעט אויפן אויבערשטן גאָרן.

שטערנליכט אויף דער שויב,
יאָסל פרייט זיך מיט מרמרס לויב.

רייד און רויך.
צלם ברענט
אויף באַרגיקער הויך.

אַ בריוו פון חבר רעדאַקטאָר

טייערער חבר יאָסל:

מיר הערן, אַז דו קאָנסט סטרייקן
און זינגען וועגן נאָדלען און שערן.
נו, פאַרבעטן מיר דיך אַ מיטאַרבעטער
אין אונזער אַרבעטער־צייטונג צו ווערן.

און אַזוי ווי מאַשין און רער
נייטיקט זיך אין דאַמף,
אַזוי דאַרפן מיר טאַלאַנטפולע שרייבער
אין אונדזער צייטונג, דעם „קאַמף".

שיק לידער, אַרטיקלען.
מיר שטעלן דיר נישט קיין תנאי. אַבי זיי
קעמפעריש, פריש, יונג
און פריידיק, ווי
דער צעבליטער חודש מאַי.

און וועגן האָנאָראַר?
דער אַרבעטער און פאָלקס-מענטש
איז אונדזער איינציקער אָנשפּאַר.
דער עיקר איז אָבער נישט
דאָס צאָלן, אָבי פון אַרבעטער-לעבן
זאָלסטו שרייבן און מאָלן.

נאָר אַזוי ווי דו דאַרפסט
אויף פּאַפּיר, טינט און פען,
לייג איך דאָ ביי אַ טשעקל
אויף דאָלערלעך צען.

נו, חברל,
נישטאָ וואָס צו קלערן,
ביסט איינער פון אונדז
ווייסט שוין דעם טעם
פון שאָפּ, פון נאָדלען און שערן.

קיין זאַך טוט דיר נישט באַנג,
וואָרים ווייסט שוין פון לאַנג,
אַז דו גייסט העלפן
דער מענטשהייט ווערן דערלייזט.

שטאָלץ און הויך האַלט דעם קאָפּ,
און פריי זיך וואָס ביסט
נישט ביי זיי, און וועסט נישט שעפּן
די יויך פון זייער פעטן טאָפּ.

עס דאַרף דיר גאָרנישט שטערן,
כאָטש ביסט נאָך טיילמאָל
וואַקלדיק און שוואַך.
אַן אַרבעטער-שרייבער וועסטו ווערן.
און געפינען אין קאַמף
דיין זיכערע שפּראַך.

כ׳האָב ליב צו אַרבעטן
צווישן אַן עולם,
אַן אויפריכטיקן און פּראָסטן,
נאָר איך מוז אין דער יוניאָן,
פאַרלאָזן דעם פּאָסטן,

וויל שוין עטלעכע וואָכן,
ווי אונזער חבר רעדאַקטאָר
פּייוול פראַנק איז מסוכן קראַנק.

דער פּיין איז אַ שאַרפער
פון נאָדל-שטאָך, דאָך
קאָן דאָס וואָרט נישט אַרויסשרייבן
דעם גרויסן בראָך.

יאָ, מיר מוזן באַלד, נאָך
די וואָך קריגן פאַר אים
אַ לופטיק, באַרגיק אָרט,
אין אַ סאָסנע-וואַלד מיט
הויכן גראָז און טרוקענעם מאָך.

וואָר, גרויס איז דער ווייטיק,
דאָס אַרויסגעבן די אַרבעטער-צייטונג,
איז יעדע וואָך וויכטיק און נייטיק.
הלוואי עס זאָל נישט זיין אויף לאַנג.
דערווייל זיין איך אויף דעם
חבר רעדאַקטאָרס באַנק.

דער שונא העצט.
און דו ווייסט, ווי טיף איך שעץ
די קעמפערישע האַנט
פון אַ שרייבער, וואָס שאַפט,
מיט דער קראַפט פון זיין טאַלאַנט.

דער שונא אין אייגענער שנאה
שטיקט זיך און ווארגט.
זיי שטאָלץ און שטאַרק, וויל
מעכטיקער און מוטיקער
ווערן אונזערע רייען.
לאָמיר זיך מיט אָט-די
גרויסע זיגן פרייען.

נו, יאָ, נאָענט דערקענט,
לאָמיר זיך חבריש
דריקן די הענט.
דיין י. גאָרמאַן.

דאָס ליד

יאָסל לייענט פאַר פייגען
חבר גאַרמאַנס ערשט געשריפּט,
און דאָס וואַרעמע וואָרט פון חברשאַפט
אין זיין האַרצן טריפט.

און דאָס דיכטעריש וואָרט וואָס גלויבט
טרוימט און דערהויבט.
די פרייד לויכט,
און טראָגט אים
צו דער בלויער הויך.

פייגע, פאַרליבט זאָגט:
דאָס טינטערל איז פול.
און גרייט איז
אין מיין צימערל די שטול.

פייגע פריידיק האַרציק
רעדט און זאָגט:
דעם טרויער פאַריאָג.
איך בין שטאָלץ, וואָס
פּאַפּיר און אַ פּען
וואַרטן שוין אויף דיר
אויף מיין טישל,
אויסגעהובליעוועט
פון פראָסטן האָלץ.

טייערער, אייל,
שרייבסט נישט צוליב
שפּיל און פאַרווייל.
פאַרן גערעכטן ציל
וועסטו קעמפן מיט
דיין אייגענעם, דיכטערישן סטיל.

דיין ליד פון האָפן וועט זיך רייפן,
און דער שטרייט וועט
דיינע סטראָפן שאַרפן און שלייפן.
שיק דיין ליד:
„הונגעריקע טריט".

עס איז איידל, עס איז עכט:
כאַטש דו גייסט אין געראַנגל
מיט חושכדיקע נעכט.

דיין ליד מעלאָדיש און ליריש,
שטרייט מיט די לייט וואָס
זיינען גראָב און גיריש.

וואָס נאָך?
אַזוי רעדן די זיבן טעג
פון אונדזער פאַרהאַרעוועטער וואָך,
אָרעמע שטיבער, עפּושדיקע שטאַלן.
און דו שעפּסט פון לויטערע קוואַלן.

פייגע פלאַטערט און פלאַמט:
ביסט שוין מערנישט אין זיך פאַרצאַמט!

פאַרליבט לויכט דער בליק.
יאָסל שיקט דאָס ליד:
„הונגעריקע טריט".

דער ענטפער

טייערער חבר י. גאַרמאַן: —
רירנדיק טיף
איז דיין חברישער בריוו.

דיין וואָרט פון צוטרוי,
טריפט ווי אַ טראָפּנטוי
אין העלן מאָרגנבלוי.

פריידן אין מיר פּליסן.
און איך לאָז דיר וויסן:
אַז אויפן נייעם וועג,
איך פיר אַליין
מיינע מאָרגנדיקע טעג.
און אַז מיין ליד איז גרייט
פאַר דיינע רופנדיקע רייד.

וואו דער שונא
מיט שנאה באַפאַלט.
זאָל חבר'שאַפט און גלויבן,
אונז אין קאַמף דערהויבן,
און זיין פון מוט און מעשים
דער קוואַל.

דער וועג פאַר מיר
פון לאַנג שוין קלאָר.
איך שיק דיר דאָ
אַן אַרטיקל און פון אַ ציקל —
לידער אַ פּאָר.

און יאָ, איך וויל זיין דער דיכטער
וואָס צינדט פון גלויבן די ליכטער.

און איך זאָל מיט דער מאַסע
ווערן באַהעפט דורך ליד,
וואָס טרעפט צום אַרבעטערס געמיט.

פאָדער אָן אויפהער.
און אַרטיקלען און לידער,
איך וועל שיקן אָפט און מער
פאַר מיינע אַרבעטער-ברידער
פון נאָדל און שער.
און הגם כ'ווייס נישט
צי מיינע רייד זיינען
אַזוי ווערט און וויכטיק,
נאָר אין מיר די פרייד
לויטערט און ליכטיקט.

נאָכאַמאָל,
פון דיין חברשאַפט
איך בין גערירט, וואָרים
צו גלויבן און לויטערקייט זי פירט.
און אויך פאַרן צוטרוי מיין
האַרציקן דאַנק. דערמאָן זיך
דעם בלישטשענדיקן טוי און אין
אונדזער לעצטן, זומערדיקן שמועס
אין פּאַרק, אויף דער שטיינערנער באַנק.

אויך איצטער הימל־הויך,
שטערנט דורכן טויאיקן רויך.

מירן גיין באַנאַנד.
דיין חבר יאָסל וואָס
דריקט דיין אויסגעשטרעקטע האַנט.

ר' הענעכס תפילה

זומערדיקער פרימאָרגן כאַפּט זיך אויף
פריידיק און פרי, און ווינטלט און דופּטיקט
מיט טוי און מיט בלי.

די גאַס בלויִלעכט און בלאַסט.
און אין שטיבל גילדערן זיך
די געליישטע אותיות
אויף די רוקנס פון ש"ס.

ר' הענעך זעט:
דער באַרג ליכטיקט אין שיין
פון ערשטן פייער־פּאַס,
און ער בענטשט די שלוה, וואָס
דרימלט אויף דער גאַס.

אין שטיבל אין אַ ווינקל ער שטייט,
און דורך די אויפגעבלאַסטע שויבן
צום הימל זיך הויבן זיינע בעטנדיקע רייד:
אָ, גאָט, שלאַבעריק און שווער
איז פון וואָגלער דער מידער שפּאַן.
אָ, גאָט, הויך, אין די הייכן,
זאָל די תפילה פון אָרעמאַן
צו דיר אַצינד גרייכן.

גאָט, אין באַגינען,
ווען די הימלען בלייכן,
דאָס גאָלד פון דער זון
איז דיין ליכטיקער צייכן.

וואָר, דײַנע חסדים זײַנען גרויס און פיל,
לאָז מיך פאַרשטײן פון יסורים דעם ציל.

און טאַטע האַרצעדיקער, אוי!
פאַרוואָס לאָזסטו לפני עיני כל עם וגוי
פאַרשווענכן דײַן הייליקן נאָמען אַזוי?

אוי, און אוי, פאַרוואָס האָסטו דײַן פּנים פאַרהוילן
פון די הייליקע קהילות אין פּוילן?
אוי, עס װײנט מײַן זעל,
ווען איך הער, אַז רוצחים
פאַרברענען דײַן לעצטע,
הייליקע, אידישע שוועל.

אוי, גאָט דערבאַרעמדיקער, ווילסט טאַקע דערנענטערן
פון משיחן די טריט?
איז פאַרוואָס־זשע פאַר אונדזערע לײַבער
הייצט זיך דער קאַלעך־אויוון און גליט?
יאָ, אָב הרחמן, אויב דו אַליין רעכנסט
שוין דעם קץ צו אַנטפּלעקן,
איז פאַרוואָס מוז היטלער, ימח שמו,
זײַן דער שלאָגנדיקער שטעקן?

און אוי און אוי,
אַחינו בני ישראל בגלות גרמניה ופּוילן,
שרויים בצער, איז האַרצעדיקער, טאַקע
נאָר דו אַליין אונדזער פאָטער —
פון אַלע וועלטן דער האַר,
צו זײ אַרויס פון גלות,
אין וועלכן זײ זײַנען אַצינדערט פאַרשפּאַרט.

„כי אָנו אין לנו על מי להשען
אלאָ על אָבינו שבשמים" —
האַרצעדיקער פאָטער, האַק אָפּ
היטלערס רוצחישע ידים.
און דעריבער, איך — דער מאַן
וועמען דו לײַטערסט אין פּײַן
בעט: אָב הרחמן, דו אַליין
פאַרן הויז פון ישראל
שטעל זיך אײַן!

און היות, גלוי וידוע לפניך,
אַז כ׳באַגער נישט קיין פאַרמעג,
איז גאָט, כ׳בעט, אַז דו מיט דיין גרויס גנאָד
זאָלסט בענטשן און לענגערן מיינע טעג
אויף דער היגער ערד, און פאַרמיידן זאָלסטו
הונגער, קרענק און שווערד.

און יאָ, אָן מלחמה, אָן פייער-האָגל
צעברעך פון פעלקער די יאָכן,
וואָרום פון פרעמד און וואָגל
איז איטלעך איינער צעוויטיקט
און צעבראָכן —

און שטעל מיך מער נישט אויס צו געשפעט.
וואָרום, איך באַגער נישט מער, ווי לחם לאכול
ובגד ללבוש — ברויט צו דער זעט,
אַ קלייד אויפן לייב, און דיין שטאַרקונג,
וואָס פאַרטרייבט די שרעק
פון וואַנדערער אויפן פרעמדן וועג.

אָ, רבון כל העולמים —
פון אַלע וועלטן דער האַר,
לויטער, לייטער מיין האַרץ,
איך זאָל שטענדיק פילן
פון אָרעמאַן דעם צער.

גאָט, די שטראַלן פון באַגינען
דיין לויטער ליכט איצט שפינען.

און גלוי וידוע לפניך,
אַז איך, ערד און שטויב,
זוך נישט קיין כבוד, קיין לויב,
און דאָס וואָס איך בעט,
אַז די טעג פון מיין אַלט-זיין, בענטש,
און איך זאָל זוכה-זיין צו זיין אָדם —
אין דיין געשטאַלט — אַ מענטש.

און פאָטער אין הימל,
לערן מיך טאָן רעכט.
און דערוויטער מיך

פון די וועגן —
אומוויירדיק און שלעכט.

וואָרום דערנידעריקט איז דער מענטש
אין זיין פּיין. קער נישט אָפּ
דיין געזיכט, און פאַלן זאָל אויף מיר
די שיין פון דיין לויטער ליכט.

און איך וויים, אַז דו אין דיין רחמים
ביסט גרוים, און דיר אַליין איז באַקאַנט:
פאַרוואָס איך בין פאַרטריבן פון דעם לאַנד
פון מיין געבורט, וואו עס חרובט אַצינד
מיין פאָטערס הויז.

וואָר, כ׳וויים, אַלץ איז פאַרהוילן.
דאָך — דאָס האַרץ פּייניקט זיך,
און איך פרעג: יאָ, ווען וועסטו שוין
ליכטיקער מאַכן דעם וועג?

וואָרום, וואָר, איך וויל פאַרשטיין:
פאַרוואָס וויאַנעט דער מענטש,
ווי אין האַרבסט דאָס גראָז?
און פאַרוואָס אַזוי? אָן זון, אָן טוי,
ביים ראַנד פון אַ שאָטנדיקער וואַנט
גייט טוילמאָל אויף אַ פלאַנץ
גרין און גאַנץ?

אָ, גאָט, אין פרימאָרגן,
ווען די הימלען בלייכן,
קער נישט אָפּ פון מיר דיין געזיכט,
און אַנטפּלעק זיך צו מיר
אין צייכן פון דיין געבענטשטן ליכט.

אָ, גאָט, ווי אין רעגנרויש די בלעטער,
לאָמיך הערן דיינע טרייסטנדיקע ווערטער.

אָ, טאַטע האַרציקער,
אין דער שטאָט פון שטאָל און שטיין,
פאַרשטויס מיך נישט און לאָז מיך נישט
אין פרעמדן-אַליין.

וואָרום שווער און שלאָבעריק
איז דער שפּאַן.
גאָט, הויך, אין די הייכן
זאָל די תפילה פון אָרעמאַן
אָצינד צו דיר גרייכן".

אין שטיבל גילדערן די שויבן.
ר' העניעך אין ווינקל שטייט,
און צום בלויען, אָפענעם הימל
הויבן זיך זיינע בעטנדיקע רייד.

אויף די דורכגעשטראַלטע ביימער־שפּיצן
זינגענדיקע פייגל זיצן.

עס דרימלט די גאַס.
עס גילדערן די געליישטע,
לעדערנע רוקנס פון ש"ס.

און דער טאָג דער נייער
איבערן באַרג פעלדזיק, הויך,
ליכטיקט אין פייער
פון טויאיקן רויך.

דער טאַטע שרייבט פון פוילן

די זון אין איר גאָלדענעם גאַנג
צערטלט און צייטיקט די קאָרנזאַנג.

אין יאָסלען די בענקשאַפטן גליען:
איבערצולאָזן שטאָט און שטיין.
און אויף קילע גראָזן אויסציען
דאָס מיד־געוואָרענע געביין.

אין פרימאָרגן, ווי גוט וואָלט געווען
צוגיין און זען: ווי דער קילער ווינט,
אין שטראָלנגאָלד קעמט
דאָס גרין פון גראָזנהעמד.

עס איז אָבער די וועלט
אין טרויער געפאַנגען,
כאָטש אין מאָרגנפעלד
זינגען פייגל זייערע
פריידיקע געזאַנגען.

יאָסל זעט: דייטשלאַנד פאַר היטלערן קניט.
און קיין אומה פאַרצאַמט נישט זיינע טריט.
עס פלאַקערט זיין מזבח.
און אַלע אומות שמעקן
פון קרבן־ייִד דעם ריח.

וואָרים דער טאַטע שרייבט:
זון מיינער, דעם טרויער פאַרטרייב.
עס איז נישט געווען סתם, דיין אַוועקוואַגלען אין עבר־לים.
מיט דער מאַמעס געוויין אַריינגעטרערט אין געלאַטעטן העמד,
מען גייט נישט גלאַט אַזוי אין דער פרעמד.

מיין זון, די פען קאָן נישט אַרויסשרייבן
די גאַנצע גרויל, וואָס עס טוט דאָ געשען בכל יום,
און ווי מלכות הרשעה פוילן רייסט דעם ביסן פון מויל.

יאָ מיין זון, אַ ייִד טאָר מערנישט זיין טרער פאַרהאַלטן.
זאָל דאָס יידישע געשריי די הימלען שפּאַלטן.
איך זע, ביזן פונדאַמענט וועלן
יידן דאָ ווערן פאַרלענדט.

וואָרים מיר יידן זיינען געפאַנגען.
מיר יידן זיינען דערשראָקן, פאַרשעמט.
מיר יידן זיינען פאַרקלעמט
אין די צוואַנגען פון רוצחישע הענט.

וואָר, גאָט מיט גרויס גנאָד
בויט ירושלים די הייליקע שטאָט.
פרומע יידן האָבן אמונה אַז:
„בצרתם לו צר" —
דער אויבערשטער פאַרטיליקט די רשעים,
וואָס שטייען־אויף אויף אונדז בכל דור ודור.

מיר יידן האָבן בטחון, מיר יידן גלויבן, אַז
ווי אַ בעטלער אין אַ צעריסן בגד,
שטויבט שוין ערגעץ דער גואל צדק.

נאָר אונדזער לעבן איז פאַרשידן.
גאָט צעשפּרייט אין נייע גלותן
זיינע צעשראָקענע יידן.
עס איז ווייזט אויס דעם אויבערשטנס רצון,
אַז איך מיט דער מאַמען זאָלן ניצול ווערן
פון שווערדן-מויל, און אויף דער עלטער
אָרעם און הויל, זאָל איך זיך ראַטעווען
פון פאַרלענד, און קומען צו דיר אין דער פרעמד.
עס הענגט איבער אונדז די שווערד פון שטאָל.
צי אונדז אַרויס פון טויטנטאָל!

יאָ, אויך בשורות טובות צו אונדזערע אויערן דערגייען:
אַז גאָר אינגיכן וועט מען זיך דאָרט אויף דיינע תנאים פרייען.
הלואַי זאָלן וואָר ווערן אַלע קלאַנגען.
געגנוג דיר שוין געוועזן פון טרויער געפאַנגען.
וואָרים וועדליג עס שרייבט מיר
אַחותי מרת אסתר בוים שתחיה,
איז דאָס מיידל אַ יפת-תואר.
דאַרפסטו דאָך אודאי און אודאי
צעברעכן די צוואַנגען פון טרויער.
עס איז פון גאָט באַשערט,
אַז זאָלסט דיין זיווג געפינען
אויף דער נייער פרעמדער ערד.

מיין זון, עס קילן שוין די טעג פון אָב.
אויף דער פאַשע אומעטיקן די ווייס-געפּלעקטע שאָף.
וואָס איז דאָס פאַר אַ צייכן?
אַז אינגיכן וועט אלול פאַרוואָלקענען
די בלויע הייכן.

עס קילן, עס קלענערן זיך די טעג.
די פויערים קומען מכל טוב
פונעם דאָרפישן וועג.
אָבער יידן וואָלטן אין די ווייטסטע פרעמדן אַוועקגעשוואומען,
אָבי נישט הערן פון די פויערים
דאָס שנאָהדיקע ברומען.

לעצטן שבת האָט מען געבענטשט ראש חודש.
זאָל דער אויבערשטער בענטשן און היטן ישראל
זיין עם־קודש.

ודע — און ווייס: „כי מ"ד היה הדבר".
איז כאָטש דער חושך איז גערדיכט,
וועלן מיר יידן אין נייעם גלות טראָגן
דאָס הייליקע ליכט פון אונדזער גרויסן עבר.

מיר יידן זיינען אַלע זרע אברהם —
די הייליקע קינדער פון אברהמס דיך.
השם הטוב ירחם און אונדז שיקן גיך
דעם גואל ומנחם. אָמן.

אָביך המצפה לראותך בקרוב
אברהם שו"ב.

יאָסל דערציילט זיין פיין

שאַרפע שטראַלן שטעכן
די דעכערדיקע בלעכן.
די מומע לייענט דעם טאַטנס בריוו.
און אַ טרויער שאַרף און טיף
פון אירע פאַרטרערטע אויגן טריפט.

די מומע מורמלט. די מומע בעט:
אַ גאָט, עס זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט.
אָ, גרויס איז דער גזר!
אָ גאָט זיי זיך מרחם, זיי זיך נוקם
פאַר דעם יידישן צער.

די מומע וויינט. די מומע בעט:
דער היטלער די יידן צעטרעט.
איז יאָסל, לויף צו וועמען מען דאַרף
און לאָמיר זיי ראַטעווען פון דער שווערדן־שאַרף.

פעדער זיך בעלות השחר,
רעדט מיט דיין מיסטער מערסאָן וואָס
איז אין „האָיאָס" אַ גאַנצער מאַכער.

וואָר, גאָט האָט דיך אַהערגעשיקט,
אַז זאָלסט ראַטעווען דיינע עלטערן
פון ווערן פון היטלערס
ווילדן חיל צעפליקט.
לויף. די וועלט שטייט נישט אויף פרעס און זויף.
צוליב מיין ברודער נעם איך זיך אונטער
צו זיין מיין גאַנץ לעבן אַ בעל-חוב.

יאָסל ווייזט מיסטער מערסאָנען דעם טאַטנס בריוו.
מיסטער מערסאָן וואָס ווישט דאָס פּנים
פון טרערן פאַרטריפט, דריקט יאָסלס האַנט
און זאָגט: — די יידן אין פּוילן שטייען
טאַקע אויפן סאַמע ראַנד . . .
דער היטלער איז ערגער פונעם כמעל *),

ער וועט חרוב מאַכן יעדע יידישע שוועל.
איצטער בין איך אַפילו אין מזומן געענגט.
אָבער אייערע עלטערן אַהער ברענגט.
זאָל אייער פאָטער שוין גרייטן דעם „פּאַס".
פּאַפּירן וועל איך העלפן קריגן דורכן היגן „האַיאַס".
שיפסקאַרטן? עס וועט זיין רעכט. מ'טאָר נישט וואַרטן
ביז איבער אייראָפּע וועלן זיך פאַרציען
פון גרוילן די נעכט.
איך וועל אייך אויסלייען געלט.
זאָל נאָך אַ ייד נצול ווערן
און אויפסניי דאָ אויפשטעלן זיין געצעלט.

יאָסל צעשראָקן, בלאַס
לויפט יעדן אָוונט אין „האַיאַס".
ער דערציילט פון טאַטנס בריוו.
ער וויל אַז זיינע עלטערן
זאָלן קומען מיט דער נאָענטסטער שיף.

ער בעט פּאַפּירן.
נאָר אין אָטאַווע זיינען
פאַרשלאָסן אַלע טירן.

*) ב. כמעלניצקי.

ער טענהט אין טרערן:
היטלער וועט זיי אַלעמען פאַרצערן.
אַ דערלויבעניש באַוויליקט,
איידער זיי ווערן דאָרט פאַרטיליקט.

נאָר דער דירעקטאָר, אַ הויכער, היימישער ייד
רעדט מיט אַ רואיק געמיט:
צו וואָס פאַרהוילן?
שווער היינט אַרויסצונעמען עמעצן פון פוילן.
זיינע פייכטע, מיטפילנדיקע אויגן
אומעטיקן אויף יאָסלען, וואָס
זיצט אַ דערשראָקענער, אין דרייען געבויגן.

דער דירעקטאָר טרייסלט דאָס גרויע אַש פון סיגאַר.
שטיל טוט דער סוד פון זיין מויל אַ שפּאַר:
דאָרט העלפט נישט קיין צד.
מען פּאָרט, ווען מע גיט דעם אָדון
אין יד . . .

דער דירעקטאָר ווייזט
אויף דער העלער גרויקייט פון זיינע האָר.
יאָסל שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז אים איז אַלצדינג
שוין פאַרשטענדלעך און קלאָר.

דער דירעקטאָר זאָגט מיט אַ רואיק געמיט:
זייט נאָר נישט קיין אומגעדולדיקער ייד,
איר זענט נישט איינער אויפן
דאָזיקן, בהלהדיקן יאַריד.
איר מעגט רואיק שלאָפן.
עס האַלט נאָך ווייט פון אַ מלחמה־בראַנד.
בפרט פאַר אייך איז גרייט און אָפן
מיסטער מערסאָנס שטיצנדיקע האַנט.
דעריבער, איידער דער סעינט לאָרענס וועט פאַרפרידן
וועט איר פאַר אייערע עלטערן קריגן שיפסקאַרטן און פּאַפּירן.

וואָס איז פון דעם אַלעם דער סוף:
צו יאָסלען קערט זיך קריק די רו פון שלאָף.
אין אָטאַווע דערבאַרעמט זיך אַ האַנט,
און דערלויבט טאַטע־מאַמע
אַריינצוקומען אין לאַנד.

און די מומע וואָס זעט גאָטס הילף אומעטום,
לויבט און פרומט:
אַ דאַנק דיר גאָט
פאַר דיין גרויס גנאָד.

יאָסל וויל אַרויספאָרן פון שטאָט

יאָסל טענהט צו פייגען:
מיינע עלטערן וועלן פון שטעטל זיך רירן,
ווען דער טייך וועט אָנהייבן פרירן.
פאַרוואָסזשע זאָלן מיר אין שטאָט זיצן,
און אומזיסט זיך פייניקן אין די היצן?
לאָמיר פאָרן, וואו קילע וואַסערן קלאָרן,
וואו הימלען בלויען איבער גאָלדענע שטרויען . . .

פייגע ענטפערט:
— מירן דערוויל אין פאַרק אָפּרוען אויף אַ באַנק,
ביז מען וועט וויסן וואָס צו טאָן
מיטן חבר־רעדאַקטאָר, וואָס איז מסוכן־קראַנק.
די דאָקטוירים רעקאָמענדירן
אין די „מאַונטענס" אים אַרויסצופירן.
חבר גאָרמאַן וועט אינגיכן שרייבן,
ווער עס זאָל מיטן קראַנקן בלייבן.

ביידע ווילן אין די „לאָרענשאַנס" פאָרן.
ביידע ווילן אין די בערג ברענגען
די פרייד פון פאַרליבטע יאָרן.
נאָר די ליבע ציטערדיק און צאַרט
צוימט זיך און וואַרט.
יונגע, גלוסטיקע יאָר
בענקען נאָך אַ הימל
בלוי און קלאָר.

באַשטימונג

נאָך וואָכן צוויי
קומט אַ בריוו
פול מיט וויי:

טייערע פייגע און יאָסל:—
כ׳באדויער, וואָס איך האָב אייך
אויפגעהאַלטן אַזוי לאַנג.
זייט אינפאָרמירט אונדזער חבר־רעדאַקטאָר
איז געפערלעך קראַנק.
ער דאַרף זיך היילן אין די לאָרענשאַן־בערגער,
אַ נישט וועט אים ווערן ערגער.
דער דאָקטאָר זאָגט — מען דאַרף זיין גרייט
אויף טרויער און אויף פרייד . . .
כאָטש קיין רעצעפּט שרייבט
פאַר דעם נישט די פען.
קאָנען נאָך גרויסע וואונדער געשען:
אַז די רו זאָל פאַר אים אָפּשפּאָרן
פיל געזונטע, קרעפטיקע יאָרן.
סיי ווי מיין צער איך קאָן נישט אויסדערציילן
כ׳וויים בלויז מיר מוזן טאָן אַלץ אים אויסצוהיילן.
איז זייט זשע אינפאָרמירט,
אַז עס ווערט רעקאָמענדירט:
אַז פּיער, וואָס איז אין די לאָרענשן געבאָרן,
זאָל גלייך אין די בערג אַרויספאָרן,
און געפינען אַ באַזונדערע קוואַרטיר
פאַר נאָך חברים פיר.
וואָרים איר ביידע, חוהלע און פּיער
ווען אויפן קראַנקען אַכטונג געבן,
און לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן קאָנען
ראַטעווען זיין יונג, חרוב לעבן.
איז מאַכט זיך גרייט!
טייער איז יעדער טאָג
וואָס פאַרגייט.
און דו, יאָסל, זאָרג זיך נישט פאַרן דזשאָב.
מיר נויטיקן זיך אין לערער, אין שרייבער —
אין אַ גאַנצן פּראָגרעסיוון קולטור־שטאַב.
מיר מוזן זיך באַמיען די יידישע אינטעליגענץ
אין אונדזערע רייען אַריינצוציען . . .

מיינע טייערע, איר וועט פון מיר אָפטער הערן.
לאָמיר האָפן, אַז אונדזער טייערער חבר
וועט גיך געזונט ווערן.
אייער י. גאָרמאַן.

טייטש־ווערטער

(איבערזעצונגען פון ענגלישע ווערטער, פראזן און זאצן)

א.

אפארדן — זיך פארגינען, זיך דערלויבן.
אויסטראיען — אויספרואוון.
אויסמארקן — אויסצייכענען.
אוילקלאד — סיראטע.
אפיסערס — באאמטע.
אלראיט — ארויפגעארבעט (נו, גוט).
אלדקאנטרישע — פון דער אלטער היים.
אינאף — גענוג.
ארדער — באשטעלונג (אויך באפעל).
אפפיקסן — גוטמאכן א זאך, פאררירכטן.
אווערטאים — ארבעטן איבער די רעגולערע שטונדן.

ב.

בארבער — ראזירער, פאריקמאכער, שערער.
בארגענס — מציאות.
בארגענט — דינגט זיך.
באיק — באיסיקל, וועלאסיפעד, רייטוועגעלע.
באל — באל.
באט — אבער, נאר.
באנדל — פעקל (פעקל ארבעט).
באי, באים — יינגל, יינגלעך.
בארדער — איינער אויף קעסט.
באס — בעל הבית, אייגנטימער פון א פאבריק.
ביזי — פארנומען — צייט פון א סך ארבעט.
ביקאוז — ווייל, דערפאר ווייל, ווארים.
ביפאר — פריער, פון פריער, איידער.
ביטן — אריבעריאגן.
בעג — בייטל, פאפירענער בייטל.
בעל — גלאק, גלעקל.
ברעיק — שאנס, געלעגנהייט.
ברעינס — שכל, פארשטאנד.
בעסט — דאס בעסטע.
ברום — בעזים.

ג.

גאם — צוקערקע צום קייען.
גאל — געוואונענער פונקט אין א ספארט־שפיל, טרעפט אין ציל.
גלייך, גלייכן — געפעלן.
גלעד — צופרידן.
געים — שפיל.
געפראיטע — געפרעגלטע.

ד.

דזשאנק — ברוכווארג.
דזשאב — ארבעט, פרנסה.
דאנעישאנס —ביישטייערונגען.
דאנעיטן — ביישטייערן.
דזשאדזש — ריכטער.
דזשיזוס קראיסט — יעזוס קריסטוס.
דעדי — טאטע, פאטער.
דעזאינער — צייכנער (איינער וואס טראכט צו נייע מאדעס).
דישעס — געפעס, געשיר.
דעליווערן — צושטעלן.
דרעס — קלייד.
דרעסער — שראנק אין וועלכן מען האלט קליידער.
דעיטס — באגעגענישן.
דזשואיש — יידיש.

ה.

האל — זאל.
האליפאקס — קאנאדער פארט־שטאט ביים אטלאנטיק.
האיק — שפאציר.

ו.

וואָקט — שפּאַנט, שפּאַצירט, גייט.
וואָדימאַלאָן (וואָטערמעלאָן) — ארבוז, קאַוואַנע.
וויקענדס — סוף־וואָכן.
וויל — צוואה.
וויים־טשערמאַן — וויצע־פּאָרזיצער.
וועסט — מערב.
וועסטמאָונט — רייכע געגנט אין מאָנטרעאַל.

ט.

טאָוואַרישטש — חבר.
טאַים — צייט.
טראָק — לאַסט־אויטאָמאָביל.
טאָמעיטאָ — פּאָמידאָרע.
טרעיד — פאך (אויך האנדל).
טשיקנס — הינער.
טשיקן־סטאָר — הינער־קראָם.
טשענס — שאַנס, געלעגנהייט.
טשערמאַן — פּאָרזיצער.
טראַיען — פּרובירן.
טראָבל — צרות, פּאַרדרוסן.
טים — ספּאָרט־קאָלעקטיוו.
טשעיר — שטול, בענקל.
טשאָק — קרייד.

י.

יוזן — נוצן, אויסנוצן.
יוראָפּשע — אייראָפּייאישע.

ל.

לאַיטס — ליכט (עלעקטרישע ליכט).
לאַין — סאָרט, מין (ליניע).
לאָט — שטיקל באָדן צום בויען.
לאָרד — האר, גאָט.
לאָיערישע — אדוואָקאַטישע.
לאָרענשאָנס — נאָמען פון בערג לעבן מאָנטרעאַל.
ליסן — הער, זיך צוהערן.
לעידי — מאַדאַם, געשעצטע פרוי.
לענדלאָרדס — הויז־אייגנטימער.
לעיזי — פויל.

מ.

מאַרק — צייכן.
מיסטער — הער.
מיסעס — מאַדאַם, פרוי.
מיאַמי ביטש — אָפּרו־פּלאַץ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.
מופן — זיך אריבערפירן.
מאָושן — פּאָרשלאַג (אויך באַוועגונג).
מאָונטענס — בערג.
מעמבערס — מיטגלידער.
מיסטעיק — א טעות.
מאָדל — מוסטער.
מאַרקעט — מאַרק.
מאַנופעקטשורערס — פּאַבריקאַנטן.

נ.

ניקל — א פינף־סענט שטיק.

ס.

ספּאַין — רוקן.
סאָנג — ליד.
סוויטהארט — געליבטע.
ספּעשל — ספּעציעל, באַזונדערס.
סטעיק — אַ שטיק פלייש צום בראָטן.
סאָשעליסט — סאָציאַליסט.
סטענד — שטעלכל.
סטאָפּ — שטיי, הער אויף.
סאַפּער — וועטשערע, אָוונט־ברויט.
סטאָר — קראָם.
סטאָרקיפּער — קרעמער.
סינק — וואַש־טאָפּ (באַסעין).
סלעק — צייט פון ווינציק אַרבעט.
סאָרי — באַנג, חרטה.
סעיפן — אָפּשפּאָרן.
סוט — קאָסטיום, אַנצוג.
סאָסייעטי — געזעלשאַפט, פּאַראיין.
סטריקטלי — שטרענג.
ספּוילן — קאַליע מאַכן.
סקווירט — יובקע (קליידל).
סטריט — גאַס.
סטאַרס — שטערן.
סימס — נעט.

סעט — קאָמפּלעקס.
סטעיבל — שטאַל.
סאַמפּל — מוסטער.
סטראַפּ — רימען.
ספּיטשעס — רעדעס.
ספּידן — זיך יאָגן.
סאַינס — שילדן.
סקעבס — סטרייק־ברעכער.
סלאָו — פּאַמעלעך, לאַנגזאַם.
ספּענדן — אויסגעבן, אויסברענגען.
סיטיזן — בירגער.
סיזן — סעזאָן, זמן.

ע.

עקספּענס — הוצאָה (אויף מיין עקספּענס — אויף מיין חשבון).
עמבראָידערי — אויסגענייִ, באַצירונג, באַפּוצונג.
עלעוועיטאָר — הויב־מאַשין.
ענגעידזשט — פאַרלאָבט.

פּ.

פּאַרטנער — שותּף.
פּעדלער — פּאַקנטרעגער.
פּלעים — פּלאַץ, אַרבעטס־אָרט.
פּענטס — אַ פּאָר הויזן.
פּאַקעט — קעשענע.
פּליז — ביטע; זייט אַזוי גוט.
פּאָבליק סקול — רעגירונגס עלעמענטאַר־שול.
פּעי — באַצאָלט, לוין, פאַרדינסט.
פּלענטי — גענוג, איבער גענוג.
פּעיפּער — פּאַפּיר, צייטונג.
פּלעינע — איינפאַכע.
פּלעדזשעס — נדרים.
פּיקטשעס — בילדער, פאָטאָגראַפיעס.
פּלאַם — פּלוים — גוטע זאַך.
פּיטש — אַ פּערשקע.
פּעיר — אַ באַר.
פּאַרטי — פאַרווייַלונג, וועטשערינקע (אויך פּאַרטיי).

פֿ.

פעדערעישאָן — פעדעראַציע — פאַראייניקונג פון קערפּערשאַפטן צו שטיצן נויטבאַדערפטיקע.

פאָרמאַן — אויפזעער אין פאַבריק, צעך־מייסטער.
פאַן — שפּאַס, חוזק, שפּאַסן.
פאַדהער — פאָטער — פאָטערל.
פלאָר — דיל (איר האָט נישט די פלאָר — איר האָט ניט דאָס וואָרט).
פעקטאָרי — פאַבריק.
פעסט — גיך.
פול — נאַר.
פאָרד — פאָרד־אויטאָמאָביל.
פלוירט — פלירט.
פלעט — וואוינונג ביי יענעם.

ק.

קעטשן — כאַפּן.
קאָרנפלעקס — טרוקענע קאַשע.
קיקער — שטענדיק אומצופרידענער.
קאַסטימער — קונה.
קאַטער־טיש — צושניידער־טיש.
קאַר — אויטאָמאָביל.
קעש — מזומן.
קריפּלס — קאַליקעס.
קעש־רעדזשיסטער — מאַשין־קאַסע וואָס רעגיסטרירט דעם איינקונפט.
קאָלעקשאָן — זאַמלונג (געלט־זאַמלונג).
קאָנסאָמשן — טובערקולאָז.
קוואָדהער — אַ פערטל־דאָלער, 25 סענט.
קלין — ריין.
קאַפּל — פּאָרל.
קאָרנער — ווינקל, עק־גאַס.
קאַרפּעטל — טעפּיכל.
קאָונטרי — אויסער שטאָט — אין דאָרף.
קוויטן — אויפגעבן, פאַרלאָזן אַ דזשאַב.
קאָמיס — קאָמוניסטלעך (באַליידיקונגס־אויסדרוק).
קאָורט — געריכט.
קערט — זאָרגט זיך, גיט אַכטונג.

ר.

רעיז — העכערונג.
ריפּעיר־שאַפּ — פאַבריק צו פאַרריכטן זאַכן.

רעקאָמענדם — רעקאָמענדירט.
רומם — צימערן.
רומקעלע — צימערל.
רענטן — דינגען.
רינג — רינגל (פינגערל).
ריזן — פאַרשטאַנד, שכל (אויך אורזאַך).

ש.

שאַבּרידוש — שטעטל לעבן מאָנטרעאַל.
שור — געווים, זיכער.
שוירט — העמד.
שאָו — פאָרשטעלונג, וויזן.
שעד — אַלקער.

איבערזעצונגען פון פראַזן און זאַצן

סטאַפּ פּושינג — הער אויף שטופּן.
ביזי קאָרנער — פּאַרנומענער עק־גאַס (געשעפט גאַס).
גאָד סעיוו דהי קינג — גאָט, באַשיץ דעם קעניג.
פּליז, שאָו מי יור הענדס — ביטע, ווייזט מיר אייערע הענט.
דאָנט וואָרי — זאָרג זיך נישט.
אין דהי מינטאַים — דערווייל.
דהעיר איז נאָו מאָר רום — נישטאָ מער קיין פּלאַץ.
סעינט קלאָוז — דער הייליקער קלאָוז (נאָמען פון הייליקן).
וואַטס דהי מעטהער? — וועגן וואָס האַנדלט זיך, אין וואָס גייט עס?
דאָנט יו לאַיק דהי סטאַיל אָוו מאַי לעטער? — געפעלט דיר נישט דער סטיל פון מיין בריוו?
יו מין — דו מיינסט.
אַי דאָנט קער — מיך אַרט נישט, עס גייט מיר נישט אָן.
הי איז רעד אָל אָווער היז סקין — ער איז רויט אויף זיין גאַנצער הויט(קערפּער).
ענד אַי העיט דהי גאָטס אָוו הים — און איך האַס אים דורך און דורך.
היברו סינגער — יידישער זינגער.
היברו טיטשערס — יידישע לערער.
דאָנט טאַטש דעם סטראַפּ — ריר נישט אָן דעם רימען.
יו נאָו וואַט אַי מין — דו ווייסט וואָס איך מיין.
דאָנט בי גרין — זיי נישט גרין (אַ גרינער).
ענד רימעמבער — און געדענק.
סאָ, רימעמבער — איז געדענק.
יו סי? — דו זעסט?
אַי העוו נאָו מאָר טאַים — איך האָב מער נישט קיין צייט.
טיטשינג־סקול — לערער־שול.
עי ריעל ספּאָרט — אַן עכטער ספּאָרט.
האָט דאָג — אָפּגעקאָכט וואורשטל.
וואַט עי האָריבל געים — ס'אַראַ שוידערלעכע שפּיל.
איט וואָז רילי ע שעים — ס'איז באמת געווען אַ שאַנדע.
עיבל מען — פייאיקער מענטש.
שי איז דזשאָסט אַ גרינער פלוירט — זי איז בלויז אַ גרינער פלירט.
באַי־פרענדס — בחורים־פריינט.
גוד־טאַימס — גוט פאַרברענגען.
דזשואיש אינטעלעקטשואַל — יידישער אינטעליגענט.
טוט בראָש — ציין בערשטל.
מאַי רול — מיין באַשטימונג (כלל).
סמאַרט פאָר מי — (צו) קלוג פאַר מיר.
סמאָוקט־מיט־סענדוויטש — גערויכערטע פלייש אינצווישן צוויי רייפטלעך ברויט.
עקספּיריענסד הענד — געניטע האַנט, דערפאַרענער אַרבעטער.
טו העל — צום טייוול.
דאָנט באַדער — טשעפּע נישט, לאָז צורו.
גאָו האָם — גיי אהיים.
יו נאָו — דו ווייסט.
פוירסט קלעס — ערשטע קלאַס, אויסגעצייכנט.

וועל, ווהאט דו אי סעל? — נו, וואס פארקויף איך?
נאו טאים — קיין צייט.
פראיד פאטעיטאס — געפרעגלטע קארטאפל.
סא, בי ע מען — איז זיי א מענטש.
סעינט לארענס — נאמען פון א טייך.
וואקט פעסטער, וואקט — שפאנט גיכער, שפאנט.
טו בעד — זייער שלעכט, א שאד.
ווערי סון — גאר אינגיכן.
סיטי האל — שטאט־ראט געביידע.
מעין טהינג — הויפט־זאך.
גרעפט ראיט און לעפט — כאבאר רעכטס און לינקס.
וועיט און סי — ווארט און זעט.
רעד סקוואד — רויטער אפטייל — פאליציי־אפטייל צו פארפאלגן ארבעטער.
קאלאניאל און קלארק — נעמען פון ארעמע גאסן אין מאנטרעאל.
גוד לאק — גוטער מזל, זייט באגליקט.
ספיד־אפ — יאגעניש ביי דער ארבעט.
וועידזש־קאט — לוין־שניט.
פעי־ענוועלאפ קאנווערטל מיט די שכירות.
נאו גוד — נישט גוט, עס טויג נישט.
וואן עקסטרא האוער ע דעי — איין עקסטרא שעה א טאג.
דאבל פעי — טאפלטע שכירות.
סטאפ טאקינג — הער אויף רעדן.

דאנט עקספעקט ביג פעי	דערווארט נישט קיין הויכע שכירות.
אי ניד טו פלאמבערס	איך דארף צוויי וואסער־רערן מייסטערס.
טרי קארפענטערס, דזשאסט פאר וואן דעי	דריי סטאליערס, בלויז אויף איין טאג.
דיר, דאנט בלאו דהי הארן לעטס געט לאסט אין דהי פילד אוו קארן	טייערע, בלאז נישט פון זיך לאמיר פארבלאנדזשען אינעם פעלד פון קארן
דיר, מאי לאוו איז טרו דאנט בי בלו	טייערע, מיין ליבע איז עכט זיי נישט טרויעריק
באט דאנט סענד עני מאר די גרינע טו מאי דאר	אבער שיק נישט מער די גרינע צו מיין טיר.
א דיר, אי מעט יו היער	א טייערע, כ'האב באגעגנט דיך דא
ענד לאיק אלוועים יור אים אר בלו ענד קליר א דיר, לאיף איז ראף ענד אין מאי הארט בוירנס דהי גאלדען פייער אוו לאוו	און ווי אלעמאל דיינע אויגן זיינען בלוי און קלאר א טייערע, דאס לעבן איז גרויזאם און אין מיין הארץ ברענט דאס גאלדענע פייער פון ליבע.

דהי נאַיט איז דרימי ענד בראַיט
סוויט איז דהי וואָירד אָוו יור טאָנג
לעטס סינג טוגעדהער אָוו לאָוו
דהי דרימי סאָנג
דיר, דאָנט יו פיר
ווען יור אַים אַר סאָ בלו ענד קליר

דיר, דאָנט יו פיר
אַי וויל נאָט ליוו יו עני מאָר
מאַי לאָוו וויל אָפּן טו יור האַרט

דהי גאָלדן דאָר
אָ דיר, קאָם טו מי
אָ דיר, קאָם אָווער
ענד פאָרעווער בי מאַי לאָווער

טומאָראָו איז א האָלידעי
גוד קריסטשענס קאָם טו
דהי טשוירטש ענד פּרעי

די נאַכט איז טרויעריק און העל
זיס איז דאָס וואָרט פון דיין צונג
לאָמיר זינגען צוזאַמען פון ליבע
דאָס טרויעריק ליד
טייערע, האָב קיין מורא
ווען דיינע אויגן זיינען אַזוי
בלוי און קלאָר
טייערע, האָב קיין מורא
כ׳וועל דיך נישט פאַרלאָזן מער
מיין ליבע וועט עפענען צו
דיין האַרץ
די גאָלדענע טיר.
אָ טייערע, קום צו מיר
אָ טייערע, קום אַריבער
און אויף שטענדיק זיי מיין
געליבטער.

מאָרגן איז אַ יום־טוב

גוטע קריסטן, קומט אין קירכע
און בעט צו גאָט.

אינהאלט:

1. וואָגל 5
2. אויפן שיף 7
3. אין פיבער 11
4. אין האפן 18
5. אויפן באַן 20
6. דער בריוו 23
7. פרימאָרגן 29
8. אין שטאָט 31
9. ארום טיש 35
10. דערמאָנט 41
11. אליין 43
12. וואָך (אינדערפרי) 45
13. וואָך (איינגעשטילט) 53
14. וואָך (אין מארק) 56
15. וואָך (אין עופות קראָם) 58
16. וואָך (אינדרויסן) 64
17. טעג פון פיין 66
18. נאַכט 70
19. גיטל און שלמה 80
20. שלמהס בריוו 86
21. פרייטיק צונאַכטס 91
22. דער שבתדיקער טיש 95
23. נאָכן עסן 99
24. א לערער אויף איין טאָג 108
25. אין קלאַס 110
26. דער וכוח 114
27. חוהלע 121
28. יאָסל באַקענט זיך מיט חוהלען 127
29. צו דער ארבעטער 130
30. אין פרוכט קראָם 134
31. יאָסל גייט פון דער ארבעט 136
32. א גוטער מענטש 139
33. מיסטער בלאָק 143
34. נויט 153
35. אין דאָרף 159
36. דעם טאַטנס בענקשאַפט 162
37. א קאָרנער סטאָר 165
38. מיסטער בלאָק הערט 168
39. יאָסל געזעגנט זיך מיט מיסטער בלאָק 170
40. די דרשה פון מיסיאָנער 172
41. שלמה געפינט פאַר יאָסלען א שאָפּ 173
42. א בריוו פון פעטער חיים 175
43. יאָסל ווערט אַן ארבעטער 177
44. יאָסל צוימט די מאַשין 182
45. באַקענט 188

46. נאָך דער ארבעט ____ 194
47. ביים „סטענד" ____ 195
48. מאַטקע סטראַשעט ____ 196
49. דער מידער מאַנטיק ____ 199
50. פייגע ____ 209
51. פייגע פּאַרטרויט אירע געפילן ____ 217
52. די שכנות באַרעדן די גרינע ____ 219
53. די גרינע ____ 221
54. קרובים קריגן זיך ____ 225
55. פאַר זיך אליין ____ 227
56. שבת צונאַכטס ____ 228
57. מאַטקעס ראָמאַנס ____ 232
58. יאָסל טראַכט וועגן פייגען ____ 240
59. שרעק ____ 243
60. דער שמועס מיט די זקנים ____ 246
61. אין שטיבל ____ 248
62. די טרערן ____ 252
63. אליין ____ 255
64. מלוה מלכה ____ 256
65. דער וכוח ____ 263
66. שלמה עצהט אים אין „קולטור צענטער" צו גיין ____ 265
67. שלמה רעדט וועגן פייגען ____ 266
68. אין דער אידישער ארבעטער שול ____ 267
69. דער ארבעטער אָרקעסטער ____ 269
70. דער רעפעראַט ____ 270
71. צעקריגט ____ 276
72. מאַטקע פרייט זיך ____ 285
73. ר' הענעך מוסרט יאָסלען ____ 287
74. גיטל טענהט ____ 288
75. עס פרילינגט שוין ווידער ____ 290
76. מיסטער בוקמאַן וויינט ____ 291
77. אַ שמועס מיט מיסטער מערסאָן ____ 300
78. אין פּועלי־ציון לאָקאַל ____ 308
79. וואָס פייגע רעדט וועגן יאָסלען ____ 317
80. בריוו ____ 319
81. נאָדל־שטאָך ____ 325
82. צו פייגען אין הויז ____ 332
83. אין הויז ____ 338
84. אין צימער ____ 342
85. יאָסל פּאַרטרויט זיך פאַר פייגען ____ 343
86. אויפן אינדזל (פרימאָרגן) ____ 354
אויפן אינדזל (פאַרנאַכט) ____ 365
87. מען רעדט פון אַ סטרייק ____ 367
88. די מומע וואָרנט פייגען ____ 376
89. אין דער יוניאָן ____ 380
90. דער שמועס אין אָפּיס ____ 385
91. בטחון ____ 392
92. סטרייק ____ 395

93. טעג אין יוניאָן האָל 399
94. סטרייקער 403
95. גענגסטערס 409
96. געשלעג 412
97. אין דער ליק 413
98. טויט־שרעק 416
99. אין קעלער 418
100. די מומע צאָרנט 421
101. די סטרייקער אין חסידים־שטיבל 423
102. לעקעך און בראָנפּן 428
103. דער מיסיאָנער בראנד 431
104. קארל מארקס בערגל 437
105. די יוגנט גייט 441
106. היימלעך 444
107. יאָסל שרעקט זיך 446
108. אויף דער בינע 447
109. א בריוו פונעם חבר רעדאקטאָר 451
110. דער ענטפער 455
111. ר׳ הענעכס תפילה 457
112. דער טאטע שרייבט פון פוילן 461
113. יאָסל דערציילט פון זיין פיין 464
114. יאָסל וויל ארויספאָרן פון שטאָט 467
115. באשטימונג 468